STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03807

SHOLEM-ALEYKHEM'S VERK

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום-עליכם'ס

אלע ווערק

איבערגעארבייט און רעכט אויסגעבעסערט און דאס ערשטע
מאל ארויסגעגעבען.

(מיט'ן בילד און ביאגראפיע פונ'ם מחבר).

דריטער באנד.

אויסגאבע פון שלום-עליכם'ס יובילאום-קאמיטעט.

ווארשא, תרס"ט.

דרוק פון נ. כמאראוואלסקי, ווארשא, גענשע 18.

אינהאלט

פונ'ם דריטען באנד

I. וועליג מעבאניק (א מעשה) 1—34

II. העכער און נידריגער (עטיוד אין צוויי טהייל) 35—56

III. בלומען (צעהן קליינע מעשה'לעך) 57—79

IV. קליינע מענשעלעך מיט קליינע השגות:

I. די שטאדט כתריליווקע. 83—88

II. איין אנגעלייגטער ברית. 89—97

III. נחת פון קינדער (מאנאלאג). 98—104

IV. א פערשטערטע התונה. 105—111

V. נישט פאר קיין יודען געדאכט. 112—116

VI. דרייפוס אין כתריליווקע. 117—124

VII. קיין עין הרע ניט (מאנאלאג). 125—129

VIII. איהם מעג מען מקנא זיין. 130—134

IX. צוויי שלח-מנות'ן. 135—149

X. נישטא קיין מתים. 150—154

XI. פארביינגט אהיים. 155—168

XII. ווען איך בין רוטשילד (מאנאלאג). 169—172

זעליג־מעכאניק.

(א מעשה).

I.

זעליג מעכאניק קלײבט זיך אין װעג אַרײן.

— זעלדע ברודער! אט הײנט פאהר איך אהן א שום תירוץ. גרײט מיר צו אלץ װאס מע בעדאַרף אין װעג אַרײן: איך פאהר קײן יעהופּעץ אויף א פּאר טאג. אבער גיך, זעלדע סערדצע, דער טאג שטעהט ניט און לײזער זעצט די נשמה, ער איז שוין פארטיג מיט אלע פארשװינדליך, נו זעלדע קרוין, ריהר זיך, ריהר זיך!

מיט אזא באפויל איז זעליג שנײדער אדער „זעליג מעכאניק" װי מע רופט איהם אין מאזעפּעװקע, אַרײנגעפאלען צו זיך אין שטוב אַרײן אײן מאל אין א װינטערטאג אין דערפרי געקומען פונ'ם מארק. לכתחלה האט זעלדע נישט פערשטאנען װאס דאס בעדײט: „נישט אנדערש, אז ער האט געחאפּט ערגעץ א לעק מיט חברה צעך" האט זי זיך געקלערט; זעליג איז אבער געװען ניכטער אויף אלע שכורים געזאגט געװארען.

— הערסט דו, זעלדע מײן ברודער, מיר האבען א גרויסען גאט, א לעבעדיגען גאט, אַדערבארמיגען גאט! ער האט זיך טאקי פארט ארום־געקוקט, אז ס'איז גאר קײן תכלית ניט כסדר זיך רעכענען מיט זײנע יודעלעך, האט ער זיך מישב געװען, װי זאגט ער, שלאגט אײך קאפּ אין קישען, איהר װילט נישט אויסגעריסען װערען דא, געהט אײך געזונדערהײד א הײם, צו דער אלטער מאמען, קײן ארץ־ישראל! נו, װער איז קלוג? האב איך דיר געזאגט, אז משיח מוז קומען? עס קאן גאר אנדערש ניט זײן!

בײ די װערטער איז זעלדע געװארען אפּהענטיג; זי האט זיך אי דערפרײדט אי דערשראקען: דערפרײדט האט זי זיך פון אזא גוטער בשורה, װאס אויף יודען איז געקומען א ישועה, און דערשראקען

הָאט זִי זִיךְ פַאר דֶעם וָוארְט „מָשִׁיחַ גֶעהט" וָועלְכְס זִי הָאט נִישְׁט אֵיין מָאל גֶעהֶערְט פוּן אִיהר מַאן. מָשִׁיחַ? מֵהֵיכָא תֵּיתֵי; ס'אִיז אַוַודַאי אַ יוֹשֶׁר; נוּר וָואס עֶפִּים דַוְקָא הַיינְט? עֶס אִיז בַּיי אִיהר אוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי מַעֲשֶׂה זֶעהר חַאפֶּעוְדִיג, „עֶפִּים צוּ פְּלוּצִים'דִיג דֶער עֵסֶק"! וָואס וֶועט זִי אַ שְׁטֵייגֶער טְהוּן אַ צִינְד מִיט דִי גֶענְז? גֶענוּמֶען אוּנ אַיינְגֶעקוֹיפְט אַ פוּלֶע שְׁטַייג, טָאמֶער וֵויסְט דוּ וָואס? אַ שֵׁיינֶע פַּרְנָסָה? וֶוען וֶועלֶען זֵיי זִיךְ אֵיינְגְהָאדֶעוֶועט, וֶוען וֶועט זִי זֵיי צוּרֶעכְטְמַאכֶען אוּנ וואו וֶועט זִי זִיךְ אַ הִינְטוּהן מִיט דִי אָבְּדִירֶקְעס*), מִיטְ'ן פֶּסַח'דִיגֶען שְׁמַאלְץ אוּנ מִיט דִי פֶעדֶערֶען?

— וָואס זְשֶׁע? הָאט זֶעלְדֶע אַ פְּרֶעג גֶעטְהוּן בַּיי זֶעלִיגֶען — עֶר אִיז שׁוֹין דָא, צִי עֶר גֵעהט עֶרְשְׁט אַרוּים?...

— וֶוער? דֶער אוּקַאז? שׁוֹין אוּטְוֶוערְדֶעוֶועט אוּנ ס'אִיז אַ סְבָרָא אַז מֶע מֶעג זִיךְ שׁוֹין פֶערְשְׁרַייבֶען אוֹיף יִשׁוּב אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל פָּאזַאקָאנוּ.

בַּיי זֶעלְדֶען אִיז אַרָאפּ אַ שְׁטֵיין פוּנ'ם הַארְצֶען אוּנ זִי הָאט שׁוֹין גָאר אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְפְרֶעגֶען, וָואס פַאר אַיין „אוּקַאז" אוּנ וָואס גֶעהר זִיךְ דָאס אָן מִיט אִיהר מַאן מֶעהר וִוי מִיט אַלֶעמֶען? זִי הָאט זִיךְ שׁוֹין פֶערְלָאזְט אוֹיף אִיהם, אַז מִסְתָּמָא אִיז דָאס אַ נֵייטִיגֶער עִנְיָן, אַזַא־נְ־עֵסֶק, וָואס גֶעהר זִיךְ אָן נִישְׁט מִיט אִיהר, אוּנ אִין „זַיינֶע" קָהָל'שֶׁע גֶעשֶׁעפְטֶען הָאט זִי זִיךְ תָּמִיד פַיינְט גֶעהַאט אַרַיינְצוּמִישֶׁען: „דָארְט, וואו עֶס שְׁמֶעקְט מִיט לָשׁוֹן צֶעךְ, בִּין אִיךְ אוּיס מְחוּתֶּנֶת'טֶע".

— וָואס זְשֶׁע, ס'אִיז טַאקִי קָאנִי רִיזְשׁוּם? הָאט זִיךְ זֶעלְדֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אַ פְּרֶעג צוּטְהוּן בַּיי זֶעלִיגֶען, — טָאמֶער קָאן דָאס הָאבֶּען צַייט בִּיז נָאךְ שַׁבָּת?

— וָואס עֶפִּים נָאךְ שַׁבָּת? פַאר וָואס נִיט הַיינְט?

— וָואס עֶפִּים הַיינְט? פַאר וָואס נִיט נָאךְ שַׁבָּת?...

זֶעלִיג הָאט צֶענוֹיפְגֶעלֵייגְט אַ הַאנְט, גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵעהן אִין מִיטֶען שְׁטוּב, שָׁאקְלֶענְדִיג מִיטְ'ן קָאפּ, וִוי אֵיינֶער רֶעדְט: „נֵעה טַעֲנָה זִיךְ אוּיס

---

*) אָפְּגֶעפְּלִיקְטֶע אוּיסְגֶעמַאכְטֶע גֶענְז.

מיט אַ יודינגע!..." זעלדע האָט דאָס פערשטאַנען און האָט זיך באַלד גענומען צוגרייטען זעליגען אין וועג אַריין „אַלץ וואָס מע בעדאַרף" און האָט נור אַ פרעג געטהון:

— אויף לאַנג פאָהרסט דו זעליג?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז אויף אַ פּאָר טאָג; וואָס האָב איך דאָרט צו טהון? נור פערשרייבען זיך, אַרויסנעמען אַ קוויטעל אויף ישוב ארץ ישראל און אַ מעשה מיט איין עק!

ווייטער האָט זי שוין מורא געהאַט זיך דערפרעגען: אַביסעל האָט זי זיך שוין פון איהם געגוג אָנגעהערט וועגען דעם דאָזיגען ענין, און אַ ביסעל האָט זי געשטעלט אויף איהם, און חאָטש זי האָט ביים מאַן אַ גוטע דאָלי און געהט אין ספּאָדיק, גאָר אין „אַזעלכע" זאַכען האָט „ער" די דעה; מסתמא אַז ער זאָגט, „ווייסט ער וואָס ער זאָגט" — אַזוי קלערט זיך זעלדע, וואָס האַלט זעליגען פאַר אַ קאָפּמענשען, און אַז עס קומט צו „אַזעלכע" ענינים האָט זי פאַר „איהם" דרך ארץ.

II.

ער רייבט זיך צווישען יונגע לייט און ווערד אַ „חובב־ציון".

נישט נור זעלדע, וואָס זי איז איהם אַ ווייב, אַלע בעלי מלאכות אין מאַזעפּעווקע האַלטען זעליגען פאַר אַ קאָפּמענשען, און צווישען זייניגע שם'ט ער פאַר אַ גרויסען ידען, פאַר אַ מענשען, וועלכער קוקט אַריין אַ היון אין די קליינע אותיות אַריין און האָט אַ ידיעה אויך אין וועלט־זאַכען; „צעך" גיט איהם אָפּ כבוד ווי ער פערדינט, האָבען איהם ליב; ער איז גבאי אין שניידערשען שולכען פון לאַנגע יאָהרען. הגם אַז מע וויל שמיסען צוריק, איז דאָס גבאות זיינס עפּים נישט אַזאַ גרויסע זאַך, וואָרום עס טרעפט זיך אָפּט מאָל, אַז זעליג חאָפּט מחילה פעטש, צומיינסטען שמחת תורה ביי די הקפות; נאָר אַ פּאַטש, זאָגט מען, פערהיילט זיך, און גבאי ראשון איז טאַקי פאָרט זעליג, און די עליות מיט די הקפות ליגען טאַקי פאָרט ביי איהם אין האַנד.

דעריבער איז שוין קיין חידוש ניט, וואס חברה „פועל צדק" קוקען אויף איהם מיט רעשפעקט און מע רופט איהם רב־זעליג. ביי זעליגען איז דאס א ודאי זעהר אנגעלייגט, למאי זאל מען זיך דא נארען, און פאר וואס דען ניט? דאס גרויס ראסקאש וואס מען קאן זיך דערלעבען פון שניידעריי אין מאזעפעווקע? צו דעם כבוד וואס א יוד און נאך א בעל מלאכה קאן זיך דערוואַרטען צווישען לייטען? חוץ לזה איז זעליג טאקי פשוט איין עהרליכער יוד, בטבע א גוטער מענש, א שטילער, נישט קיין עזות פנים. איך בין דען א געבארענער שניידער? (אזוי זאגט זעליג, א מאל אז עס מאכט זיך איהם זיין בקאמפאניע) איך האב נאר, דעם אמת זאגענדיג, בעדארפט זיין רב, איך ווייס עם פאזעמיוו, נאר וואס דען? מע זאל מיך געוועזן לערנען אויף רב; ווי זשע איז אבער דער דין, אז דעם טאטען האט מען געחאפט און אפגעגעבען „געוואַטשאט", און די מאמע איז פאר צרות געשטארבען, און מיך האט מען אוועקגעגעבען פאר א בעל מלאכה, און מיין בעל־הבית, א ליכטיגען גן עדן זאל ער האבען, איז געווען א שכור הגדול הגבור והנורא, און האט מיר געבראכען די ביינער, ווי איהר קאנט זיך מעל־דען! און פון דעסטוועגען פלעג איך מיך ארייננחאפען אלע פארנאכט אין קלייזעל און אפלערנען א פרק משניות, אדער הארכען איין עין־יעקב, וואס זשע דען? אזוי ווי היינטיגע שארלאטאנעס? אבי א העמד א ווייס, שמאלע הויזען און הויכען קארקעס איז ער שוין א מענש! פרעגט איהם, וואס טהוט ער שבת ביי טאג, אדער יום טוב? וואס איז דער חילוק פון אונז ביז אנדערע?... רעכט אזוי? הא?

צווישען מענשען איידעלע האלט זיך זעליג „פאליטיטישנע"; יודען לומדים זענען ביי איהם דאס חיות; ער האט ליעב אריינצוריקען אין אויהער בשעת יענע שפארען זיך איבער א שטיקעל מדרש, ארייננשטעקען א נאז צווישען נגידישע יונגע לייט, בשעת מע שמועסט מכח ניים, פאליטיקע, גאזעטען, גזירות אדער ישועות ונחמות אויף יודען, בכדי צו האבען נאכדעם וואס צו דערצעהלען ביי זיך אין שניידערשען שולכען, און הנם נישט אלסדינג איז פאר איהם פער־

שְׁטֶענְדִיק קְלָאהר, דָאךְ הָאט זִיךְ זֶעלִיג אִין דֶער לֶעצְטֶער צַייט אָנְ־
גֶעכַאפְּט צוּ בִּיסְלֶעךְ פוּן יֶעדֶער זַאךְ אוֹיפְּגֶעכַאפְּט, אַזוֹי אַז עֶר וֵוייסְט
מֶעהר פוּן אֵיין אַנְדֶערֶען דֶעם פְּשַׁט פוּן דִי וֶוערְטֶער: „עֶמִיגְרַאצְיֶע,
קָאלָאנִיֶעס, יֶעוְורֵייסְקִיי וָואפְּרָאס, אַמֶערִיקַא, פַּאלֶעסְטִינַא, יִשּׁוּב אֶרֶץ
יִשְׂרָאֵל” וּכְדוֹמֶה אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער, וָואס מֶע קָאן הַיינְט הֶערֶען אִין יֶעדֶער
יוּדִישֶׁער שְׁטוּב... פוּן דִי אַלֶע שְׁמוּעֶסְן זֶענֶען זֶעלִיגֶען אַרַיין טִיעף אִין
הַארְצֶען דִי מַעֲשִׂיוֹת, וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט דֶערְצֶעהלֶען וֶועגֶען דִי יוּדִישֶׁע
קָאלָאנִיֶעס אִין פַּאלֶעסְטִינַא. „דִי קָאלָאנִיסְטֶען — אַזוֹי הָאט עֶר גֶע־
הֶערְט דֶערְצֶעהלֶען — דָאס זֶענֶען יוּדֶען גֶעווֶעהנְלִיכֶע, פְּשׁוּטֶע יוּדֶען,
וָואס הָאבֶּען אֵייגֶענֶעם דָארְטֶען, אִין פַּאלֶעסְטִינַא; אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ
זַיין שְׁטִיקֶעל עֶרְד, וָואס עֶר אַלֵיין בֶּעאַרְבֵּייט עֶס מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע
הֶענְד, זַיין שְׁטִיבֶּעלֶע אַלֵיין אוֹיסְגֶעבּוֹיעֶט, לֶעבְּט זִיךְ וִוי אַ שְׂרָרָה,
אַקֶערְט, זֵייעֶט אוּן שְׁנַיידְט אוּן עֶסְט אַיין אֵייגֶען שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט,
בֶּעדַארְף נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ יֶענֶעם, יֶענֶער זָאל אִיהם קוּקֶען אִין דִי
צֵייהְן, צֶעהלֶען דֶעם בִּיסֶען, נִישְׁט צוּ פֶערְגִינֶען אִיהם מְשְׁטֵיינְסְגֶעזָאגְט...”
— אַיין אֵייגֶען שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט — אַי וִוי זִיס דָאס אִיז! אַזוֹי
זָאגְט גָאכְדֶעם זֶעלִיג בַּיי זִיךְ אִין שׁוּלְכֶען אוּן חֶבְרָה חַיָּיטִים בַּאלֶעקֶען
זִיךְ פַאר חַיּוֹת, צוּ דֶערְמָאהנֶען זִיךְ אוֹיף דֶעם שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט, וָואס
יֶענֶע עֶסֶען דָארְטֶען אַזוֹי גֶעשְׁמַאק אוּן צוּ זַאט, אוֹיף אַלֶע יוּדֶען
גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען!

„הַיינְט דָאס אַרוֹיסְפָאהרֶען פוּן דִי קָאלָאנִיסְטֶען — הֶערְט זֶעלִיג
וַוייטֶער דֶערְצֵעהלֶען — דָאס אַרוֹיסְפָאהרֶען זַייעֶרְס אִיז מְחַיֶּה נְפָשׁוֹת
אָנְצוּקוּקֶען: אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ זַיין וֶועגֶעלֶע מִיט זַיינֶע קֶעמְלֶען אוּן
מִיט זַיינֶע מוֹיל־אֵייזֶעלֶען, וָוארוּם קֵיין פֶערְד זֶעהט מֶען דָארְט נִיט” —
אַזוֹי גִיט שׁוֹין זֶעלִיג צוּ פַארְשְׁטֵעהן פוּן זִיךְ פַאר זַיינֶע לַייט אִין
שׁוּלְכֶען — „דָארְטֶען, פַארְשְׁטֵעהט אִיהר מִיךְ, פָאהְרְט מֶען אוֹיף קֶעמְלֶען,
דָאס הֵייסְט וֶוערְבְּלִיוּדֶען הוֹיכֶע מִיט צְוֵויי גְרוֹיסֶע הָארְבֶּעס אוֹיפְ׳ן
רוּקֶען, וֶוערְבְּלִיוּדֶען וָואס בֶּעדַארְפֶען עֶסֶען גָאר ווִינְצִיג, כִּמְעַט גָאר נִיט,
קוּמֶען אָפּ מִיט וַואסֶער אַלֵיין אוּן טְהוּן זֵיי פַאר צֶעהן רוּחוֹת...”

— בְּרָאשׁ וֵוייסְט עֶר דִיר אַלְסְדִינְג, אָט דֶער זֶעלִיג! אַזוֹי רֵעדֶען צְווִישֶׁען זִיךְ דִי שְׁנַיידֶערְס אִין שׁוּלְכֶען אוּנ לֵייגֶען צוּ אוֹיעֶר בְּשַׁעַת עֶר דֶערְצֵיעהלְט, קְרַאצֶען זִיךְ אִין קָאלְנֶער אוּנ קְלֶעהרֶען בְּשַׁעַת מַיְגְשֶׁה מְכַּח אַיין אֵייגֶען שְׁטִיקֶעל עֶרְד, אַ שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט אַ גֶעשְׁמַאקְס צוּ זַאט מִיט אַיין אֵייגֶען פֶערְד אוּנ וֶועגֶעלֶע פוּן אַ פָּאר קֶעמְלֶען אוּנ מוֹיל-אֵייזְלֶען...

— וואוּ אִיז דָאס אַלְץ, רֶב זֶעלִיג, אָט דָאס אַלְץ, וָואס אִיהר דֶערצֵיעהלְט אָט דָא אָ? פְּרֶעגֶען זִיךְ בַּיי אִיהם אָן זַיינֶע אָרֶעמֶע חֲבֵרִים דִי שְׁנַיידֶערְס, פִיהלֶענְדִיג, אַז סְ'אִיז וַוייט, שְׁטַארְק וַוייט פוּן דַאנֶען.

— דָארְטֶען, אִין פְּלִיסְטִינֶע — עֶנְטְפֶערְט עֶר זַיי.

— וַוייט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל? פְּרֶעגֶען זַיי אִיהם נָאךְ אַמָאל — וואוּ שְׁטֶעקְט דָאס?

— וַוייט, זֵעהר וַוייט! — עֶנְטְפֶערְט עֶר זַיי, אַלֵיין נִישְׁט צוּ וִויסֶען אַקוּרַאט, וואוּ דָאס שְׁטֶעקְט.

זֶעלִיג הָאט, דֶעם אֱמֶת זָאגֶענְדִיג, אַלֵיין רֶעכְט נִישְׁט פֶערְשְׁטַאנֶען, וָואס אִיז דֶער חִלּוּק צְווִישֶׁען „פַּאלֶעסְטִינַא" אוּנ צְווִישֶׁען „אֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל"; עֶר הָאט זִיךְ בַּיי זִיךְ אַלֵיין גֶעשְׁלָאגֶען מִיט דֶער דֵעָה, אֶפְשַׁר אִיז דָאס גָאר אֵיינְס? פְּרֶעגֶען בַּיי יֶענֶע יוּנְגֶעלַייט, וָואס לֵייעֶנֶען אִין דִי גַאזֶעטֶען, הָאט עֶר זִיךְ גֶעשֶׁעמְט; נָאר אַז עֶר אִיז גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען, אַז פַּאלֶעסְטִינַא מֵיינְט מֶען טַאקִי אֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל, וָואס אִיז אַמָאל גֶעוֶועןְ אוּנְזֶערְס אוּנ וָואס הַיינְט גֶעהֶער עֶס לְעֵת-עַתָּה צוּם טֶערְק, דָאס אֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל, וואוּ מִיר הָאבֶען אַמָאל גֶעהַאט אוּנְזֶער מְלוּכָה מִיט אוּנְזֶער בֵּית-הַמִּקְדָּשׁ, פוּן וֶועלְכֶען עֶס אִיז אוּנְז גֶעבְּלִיבֶּען לְזֵכֶר נוּר אַ וַואנְט אַיין אָבְּגֶעבְּרֶענְטֶע, וָואס שְׁטֵעהט שׁוֹין כִּמְעַט צְווֵיי טוֹיזֶענְד יָאהר, דָאס אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס וֶועט אוּנְז אַמָאל אוּמְגֶעקֶערְט וֶוערֶען מִיט רְוָחִים אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען — אָט דָאס, אַז זֶעלִיג אִיז גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען, הָאט אִיהם זֵעהר הֲנָאָה גֶעטְהוּן, אוּנ יֶענֶע יוּנְגֶע לַייט, חָאטְשׁ זַיי זֶענֶען עֶפִּיס נִיט אַזֶעלְכֶע פְרוּמֶע יוּדֶען,

הָאבֶּען שְׁטַארְק נוֹשֵׂא חֵן גֶעוֶוען בַּיי אִיהם אִין דִי אוֹיגֶען, אוּנ עֶר אִיז גְרֵייט גֶעוֶוען פוּן זַייעֶרְטְוֶועגֶען זִיךְ מַפְקִיר זַיין, טָאג וִוי נַאכְט שְׁטֵעהְן אוּנ הָארְכֶען, וָואס זַיי דֶערְצֵיהלֶען פוּן דִי גַאזֶעטֶען.

III.

זֶעלִיג טְרָאגְט דֶעם גֶעדַאנְק טִיעף אִין הַארְצֶען אוּנ קֵיינֶער וִויל אִיהם נִישְׁט פֶערְשְׁטֶעהְן.

יִתּוּר, שְׁטִיקְלֶעךְ אוּנ פִּיצְלֶעךְ, וָואס בְּלַייבְּט אוּנְטֶער דֶער שֶׁער, אִיז אַ שְׁנַיידֶערְשֶׁע זַאךְ. דָאס, וָואס זֶעלִיג הָאט גֶעוואוּסְט אִיבֶּער פַּאלֶעסְטִינַא, אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט מֶעהר וִוי אַ מִין יִתּוּר, צוּנוֹיפְגֶעחַאפְּטֶע, אוֹיפְגֶעלַאטֶעטֶע שְׁטִיקְלֶעךְ אוּנ פִּיצְלֶעךְ פוּן יֶענֶע מַעֲשִׂיּוֹת, וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהֶערְט דֶערְצֵיהלֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ. קֵיין פֶעסְטֶע זַאךְ אִין דִי הֶענְד הָאט זֶעלִיג נִישְׁט גֶעהַאט אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, וָוארוּם דִי יְדִיעוֹת, וָואס זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען פוּן דֶער וֶועלְט קֵיין מַאזֶעפֶּעוְוקֶע, זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי פֶערְדְרֵיהט אוּנ פֶערְפְּלָאנְטֶעט, אַז אֵיינְס הָאט אָפְּגֶעשְׁלָאגֶען דָאס אַנְדֶערֶע; אִיטְלִיכֶער אִיז גֶעקוּמֶען מִיט זַיינֶעם: דֶער הָאט דֶערְצֵעהלְט, אַז אִין אַלֶע לַייטִישֶׁע שְׁטֶעדְט הָאט מֶען גֶע־מַאכְט חֲבֵרוֹת פוּן „יִשּׁוּב אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל". דִי יִשּׁוּב אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵלִיקֶעס — אַזוֹי הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט הֶערֶען — טְהֵיילֶען גֶעלְד, פֶערְשְׁרַייבֶּען אַלֶעמֶען „אַהִין", וֶוער עֶס וִויל „אַרְבֵּייטֶען עֶרְד", אוּנ גֶעבֶּען אַרוֹיס אוֹיף הוֹצָאוֹת גְלַייךְ בִּיז׳ן אָרְט אַרַיין... אוּנ דֶער הָאט דֶערְצֵעהלְט, אַז נוּר בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת נֶעמְט מֶען צוּ וַוייטֶער קֵיינֶעם נִיט. דֶערְבַּיי אִיז אַרוֹיס אַ מַחְלוֹקֶת, פַאר וָואס עֶפִּיס נוּר בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת? אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל אִיז דָאךְ נִיט אַמֶערִיקַא; מֵילָא אַמֶערִיקַא אִיז פְרֶעמְדְס, אָבֶּער אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל אִיז דָאךְ אוּנְזֶערְס, הָאסְט דוּ גֶעהֶערְט אַבִּיסֶל?!...

סַאמֶע אִין דֶער צַייט הָאט דֶער גוּטֶער יָאהר אַ נֶעטֶער גֶעטְרָאגֶען דֶעם בַּארָאן הִירְשׁ מִיט זַיינֶע פוּנְפְצִיג מִי׳לְיָאן! ק׳אִיז בַּאשֶׁערְט גֶעוֶוען, אַז מַאזֶעפֶּעוְוקֶע זָאל הָאבֶּען יִסוּרִים, אוּנ צְוִוישֶׁען יוּדֶען זָאל אַרוֹיס־

שפּרינגען אַ נײַע מחלוקת. אין בית־המדרש האָבן זיך די דעות באַלד צעטײלט: דער האָט געהאַלטן פאַר היִע, און דער פאַר ארץ־ישׂראל; דער האָט געגעבן אַײן עצה מע זאָל מאַכן רעמעסלינע שקאָלעס און דער — תּלמוד תּורה׳ס, און אַנדערע האָבן געטענה׳ט: „גלאַט יחלוקו“, מע זאָל זיך מיט׳ן געלד צעטײלן, און בשעת מעשׂה האָט מען גאָר פאַרגעסן, אַז דער באַראָן אַלײן האָט אויך אַ שטיקל דעה. אַ גליק, וואָס די „מיליאָנען“ זענען געווען נאָר אויף די גאַזעטן: דער עולם האָט זיך אָנגעשריגן, אָנגעמאַרדעוועט און געבליבן צום נאַר...

דאָס איז געווען אין מאַזעפּעווקע. דערפאַר אָבער אין יעהופּעץ — אַזוי האָט זעליג געהערט זאָגן — איז שוין פאַראַן בײַ דער „חברה ישוב ארץ־ישׂראל“ מאה אלף; אַנדערע האָבן געזאָגט: ריש אלף! מע וואַרט נור אויף דער „אויטאָווערדעניע“; ווי באַלד די „אויטאָווערדעניע“ קומט, אַט אַזוי קויפן זײ ערד אין ארץ־ישׂראל און מע פאַרשרײַבט זיך אַהין...

— זעהסט דו שוין? אַזוי האָט אײן מאָל זעליג אַ זאָג געטהון צו זעלדען: אַט יעהופּעץ איז אַ שטאָדט! וואָס־זשע? אין מאַזעפּעווקע וועט עפּיס זײַן? אויך מיר אַײן אָרט! סדום, פאַרשׂרפה׳ט זאָל עס ווערן!

— דו דאַרפסט פערזאָרגען די גאַנצע וועלט! האָט איהם זעלדע דאַרויף געענטפערט.

— געה, ביזט אַ יודינע! בעטראַכט נור, זעלדע ברודער אַפּוראַט די זאַך אַרום און אַרום: אַײן אײגען שטיקל ערד, דאָרט, אין׳ם „באַטקאָוו־שטשינע“, דו האָסט אין דעם אַ פערשטאַנד? אַ גאָרטענדעל אַײן אײגענס, קרויט, קנאָבעל, אוגערקעס אײגענע, אַ פּײגענבוימעלע אַײן אײגענס, קעמלען און מויל־אײזלען — יודינע! זומער לעבן, בעלי־הבתּים געהן אַרום אין פעלד אַרײַן, זינגען ליעדער יודישע, טראָגען זאַנגען און פּירות צײַטיגע קײן ירושלים, נאָרעלע צום כּהן גדול זיך בענשען...

— יָא, אַלְץ רָעכְט — ענְטְפֶערְט אִיהם זֶעלְדֶע — לְמַאי־זְשֶׁע בֶּעדַארְפְסְט דוּ זִיךְ, מֶעהר זָארְגֶען פוּן דִי אַלֶע אִיבְּרִיגֶע שְׁנַיידֶערְם אִין שְׁטָאדְט?

לַאנְגֶע הָאר, קוּרְצֶער שֵׂכֶל... גֵעה רֵעד מִיט אַ יוּדִיגֶע!

דָאס אַנְדֶערֶע מָאל הָאט זֶעלִיג אַ זָאג גֶעטְהוּן צוּ זֶעלְדֶען, זִיצֶענְדִיג אִיבֶּער אַ שְׁטִיקֶעל אַרְבֵּייט.

— וֶוען אִיךְ זָאל זַיין אַצוּנְד בַּיי גֶעלְד, וָואלְט אִיךְ מִיךְ דוּרְכְ־גֶעפָאהרֶען אוֹיף אַ פָּאר טָאג קַיין יֶעהוּפֶּעץ.

— אָ! סְקָאצֶעל קוּמְט! דוּ וָואלְסְט זִיךְ נוּר גֶעפָאהרֶקֶעט אוּנ גֶעפָּאהרֶקֶעט! טָא הִין טָא הֶער; וָואס — וֵוייסְט מֶען נִיט!

— נַארֶעלֶע, דָאס גֵעהט אִין אַיין עִנְיָן פוּן...

— אִיךְ וֵוייס, אִיךְ וֵוייס; דַייגֶע זַאכֶען: מָשִׁיחַ! מֶע הָאט שׁוֹין אַיין מָאל גֶעהֶערְט; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ לָאךְ אִין קָאפּ פוּן דַיין מָשִׁיחַ'ן! מִמָה נַפְשָׁךְ: גֵעהט עֶר, לָאז עֶר שׁוֹין גֵעהן גִיכֶער אַבִּיסֶעל, אֶלָא נִיט, לָאז עֶר דִיר זִיצֶען דָארְטֶען!

— עַיי, זֶעלְדֶע, זֶעלְדֶע! מֶע שְׁמוּעֶסְט פוּן „יִשׁוּב אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל“ אוּנ דוּ הַאפְּסְט זִיךְ אָן אִין מָשִׁיחַ'ן! בִּיזְט טַאקִי אַ בְּהֵמָה, זֶעלְדֶע בְּ'לֶעבֶּען...

אוּנ זֶעלִיג הָאט אַ מַאךְ גֶעטְהוּן מִיט דֶער הַאנְד. עֶר הָאט גֶעזֶעהן, אַז ס'אִיז נִיטָא מִיט וֶועמֶען צוּ רֵעדֶען: קֵיינֶער, קֵיינֶער וִויל אִיהם נִישְׁט פֶערְשְׁטֵעהן, אֲפִילוּ דָאס אֵייגֶען וַוייבּ זַיינְס וִויל נִישְׁט וִויסֶען, וָואס אִיהם קְוֶועטְשְׁט. טִיעף אִין הַארְצֶען הָאט עֶר גֶעטְרָאגֶען בַּיי זִיךְ דֶעם הֵיילִיגֶען גֶעדַאנְק, זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ אַלֶע שְׁמוּעֶסֶען, אַלֶע זָאגֶעכְצֶען מִיט אַלֶע רֶעדֶענִישֶׁען, אוּנ אִיבֶּערְהוֹיפְּט צוּ יֶענֶע יוּנְגֶע לַייט, וָואס לֵייעֶנֶען אִין דִי גַאזֶעטֶען.

IV.

ער שלאגט זיך ארויף אויף א שטיקעל דרך און ווערד א בעל-בטחון.

און די דאזיגע יונגע לייט, וואס לייענען אין די גאזעטען, האבען זיך מיט זעליג דעם שניידער בעגאנגען עפּיס גישט אזוי לייטיש, גאר גישט אזוי ווי עס פּאסט פאר איידלע קינדער, „משכּילים". זעליגס אריינמישען זיך אין זייערע שמועסען האט אויסגעוויזען ביי זיי אין די אויגען משונה נאריש, טאקי גור צום לאכען, און מע האט געלאכט, זיך געהאלטען ביי די זייטען פאר געלעכטער: „אי, רב זעליג — האבען זיי צו איהם געזאגט, בשעת ער האט געפרעגט ביי זיי עפּיס גישט אזא גלייכע זאך — „אי, רב זעליג, לאזען שוין די שונאים אייערע רעדען פאר אייך; שווייגט שוין שווייגט, וועט איהר בעסער מאכען!..." די דאזיגע יונגע לייט, וואס שרייען און פילדערען: „דאס פאלק! דאס פאלק!", האבען א פּנים גאר פערגעסען, אז זעליג דער שניידער איז טאקי איינער פונ'ם פאלק, נאך וועלכען זיי לייגען אזוי איין די וועלט... זארגענדיג זיך אויף דעם „אומגליקליך פאלק ישראל" בעשרייבענדיג דאס דארטען אין די בלעטער מיט הויכע שענע מליצות, אליין אין זינען צו האבען דאס פאלק, האבען זיך די דאזיגע מאזעפּעווקער משכּילים געהאלטען פונ'ם פאלק פון דער־ווייטענס, געפּראוועט לצנות איבער דעם, און געלאכט...

דאס פאלק, אדער זעליג דער שניידער, פון זיין זייט, האט זיך געמאכט דערפון, אנגענומען פאר ליעב דאס לאכען, וואס יענע האבען געלאכט: ס'אדאנה, לאזען זיי לאכען, אבי מע טהוט פאר'ן פאלק, מע האט דאס אין זינען און מע זארגט זיך פאר זיין תּכלית; מע טהוט אינ'ם עסק, מע שלאפט גישט!...

אז מע שלאפט נישט און מע טהוט אינ'ם עסק — דאס האט זעליג ארויסגעזעהן בעשיינפערליך, ווערליג ער האט געהערט מע דערצעהלט פון די גאזעטען. מע האט דערצעהלט, אז נים נור אין די

גרויסע ערטער, ווי יעהופעץ, נאר אפילו אין אזעלכע שטעדטליך, ווי יאמפעלע, מאקארעווקע און סטרישט (מאהלט איך אזא העק ווי דאס וויסטע סטרישט!) זענען שוין אויך פאראן חברה'ס „ישוב ארץ־ישראל"; נאר איין זאך האט ער זיך נישט געקאנט דערפרעגען: צי קאנען זיך פרעטדע אויך פערשרייבען אויף „ישוב ארץ־ישראל", צי ניין? און ווען יא, וואלט ער זיך באלד פערשריבען מיט זיין גאנץ הויזגעזונד, מיט זיינע צוויי ארעמע ברידער און מיט אלע זיינע שוועסטער און מיט נאך א סך געמיינע שניידערשע געזינדלעך, מיט וועלכע ער האט שוין געפרוווט א רעד טהון און עס ווייזט אויס, אז ס'וועט געהן א גאנג, אבי מע זאל זיי נור פערשרייבען אהין און ארויס־געבען אויף הוצאות „ביז'ן ארט אריין"... זעליג האט זיך געקליגט עטליכע מאל אויסטאפען ביי יענע יונגע לייט, ווי אזוי מע מאכט דאס אפ; ער האט הינטערווייליגס אריינגעווארפען א ווארט, כלומר'שט כמסיח לפי תמו, גלאט אזוי זיך:

— הע... עס קומט צו רייד... איך מיין עס אקעגען דעם, וואס איהר זאגט: „ישוב ארץ ישראל"... מע האט ארויסגעלאזט א קלאנג אין צעך... קיין ארבייט מאכט זיך עפים נישט... ארעם געביך... ברענגט מען ביי מיר הייסט דאס: ר' זעליג! וואו? ווען און ווי אזוי? זיי ווילען זיך, הייסט דאס, שוין פערשרייבען אויף „ישוב ארץ־ישראל"... איך ווייס צי ס'האט עפים א ממש, צי א נעכטיגער טאג?...

און זעליגס אויגען קוקען זיך איין אין יענע יונגע לייט; ער וויל איבערלייענען אויף זייערע פנים'ער דאס, וואס איהם קוועטשט: ער לאזט ניט דורך קיין מינע זייערע, דאס הארץ צאפעלט איהם, ער ווארט עפים הארכען פון זיי א גיטס, און זיי קומען איהם אפ מיט שהי־פהי:

— די גאזעטען — אזוי זאגען זיי צו איהם — די גאזעטען שרייבען נאך נישט לעת עתה וועגען דעם גאר־נישט־ניט; מע ווארט אויף דער „אוטווערדעניע"; לאז פריהער אנקומען די „אוטווערדעניע" וועט מען שוין מהסתם נאכדעם וויסען וואס צו טהון.

זֶעלִיגֶען הָאט גֶעקְוָאסְט גֶענוּג שְׁפִיכַת דָמִים בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיפְגֶעשְׁלָאגֶען אוֹיף אַ שְׁטִיקֶעל דֶרֶךְ צוּ פֶערְשְׁטֵעהְן דֶעם פְּשַׁט פוּן דֶער „אוֹטְוָועֶרְדֶענִיֶע“, אוּנ אַז עֶר הָאט דָאס רֶעכְט פֶערְשְׁטַאנֶען הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרוֹיסְצוּקוּקֶען אוֹיף אִיהר, וְוִי מֶע קוּקְט אַרוֹיס אוֹיף מָשִׁיחַ'ן. „גָאט זָאל הֶעלְפֶען דִי „אוֹטְוֶוערְדֶענִיֶע“ זָאל אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם — אַזוֹי הָאט זֶעלִיג גֶעזָאגְט בַּיי זִיךְ אִין שְׁנַיידֶערְשֶׁען שׁוּלְכֶען צְוִוישֶׁען אַ רֶעדֶעל מֶענְשֶׁען — דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין רֶעכְט; מֶע דַארְף הָאבֶּען בִּטָחוֹן, בְּרוּדֶער, בִּטָחוֹן בֶּעדַארְף מֶען הָאבֶּען!..“ אוּנ צֶעךְ הָאט גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף זֶעלִיג'ס רֵייד: „אַז זֶעלִיג מֶעכַאנִיק זָאגְט, וַוייסְט עֶר מְהַסְתָּם וָואס עֶר זָאגְט; אַזוֹי הָאבֶּען זֵיי בַּיי זִיךְ אָבְּגֶעפַּסְקֶ'עט אוּנ הָאבֶּען גֶעהַאט בִּטָחוֹן גְלַייךְ מִיט זֶעלִיגֶען דֶעם מֶעכַאנִיק, אַז עֶס וֶועט קוּמֶען דִי רֶעכְטֶע צַייט, „אוּנ גָאט וֶועט זִיךְ דֶערְבַּארֶעמֶען אוֹיף זַיינֶע אָרֶעמֶע יוּדֶעלֶעךְ, וָוארוּם ס'אִיז שׁוֹין צַייט, אוֹי שׁוֹין לַאנְג צַייט עֶפִּיס אַ יְשׁוּעָה אוֹיף יוּדֶען!..“ אוּנ וְוִי דִי אָרֶעמֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ אַז עֶס טְרֶעפְט אַיין אוּמְגְלִיק, שְׁפַארֶען זִיךְ צֶענוֹיף אֵיינֶם נֶעבֶּען אַנְדֶערֶען מִיט אוֹיסְגֶעצוֹיגֶענֶע הֶעלְזֶער, אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט דֶעם קָאפּ אֵיינֶם אוֹיף דָאס אַנְדֶערֶע, צוּ זוּכֶען אַ הִילְף פוּן זִיךְ אַלֵיין, אַזוֹי הָאבֶּען אָרֶעמֶע יוּדְלֶעךְ, דֶערְשְׁלָאגֶענֶע, אָהְן פַּרְנָסָה, גֶעבִּיךְ זִיךְ צֶענוֹיפְקְלוֹיבֶּען אַלֶע פַארְנַאכְט אִין שׁוּלְכֶען, אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט מוֹיל אוּנ אוֹיהרֶען צוּ הָארְכֶען דִי שֵׁינֶע מַעֲשִׂיוֹת, וָואס מֶע דֶערְצֵעהלְט זִיךְ אָן פוּן יוּדֶען, יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת חָאטְשׁ פוּן דֶערְוַוייטֶען...

V.

עֶס אִיז אִיהם קָשֶׁה פִיעל זַאכֶען אוּנ זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען פֶערְטְרָאגֶען אִיהם וַוייט אַהִין.

אֵיין זַאךְ הָאט זֶעלִיג מֶעכַאנִיק נִישְׁט גֶעקָאנְט פֶערְשְׁטֵעהְן בְּאֵין אוֹפֶן אוּנ עֶס הָאט אִיהם נִישְׁט גֶעלָאזְט לֶעבֶּען: „וְוִי קוּמְט דָאס, וָואס דִי נְגִידִים שְׁוַוייגֶען נָאךְ?“ עֶס דָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעוִויזֶען פָּאזֶעטִיוו, אַז וֶוען לְמָשָׁל אַזַא גְבִיר וְוִי ר׳ מִיכֶל־מֶלֶךְ־מִיכָאֵלִיס מִיט מָאטִיל מוֹיזֶה־

מאיר׳ס מיט נאך עטליכע אזעלכע זאלען נור וועלען, וואלטען זיי דאך געקאנט אבקויפען גאנץ ארץ־ישראל מיט׳ן טערק און מיט אלע מיט אנאנדער... זעליג האט זיך בכיון צוגעהערט עטליכע מאל, פון וואס רעדען זיי, די נגידים, אז זיי קומען זיך צונויף אין בית המדרש אריין? ער האט געהערט אז זיי רעדען פון לאקיש, בוידעס, פון יעהופעץ, פון בויבעריק און פונ׳ם נעכטיגען טאג, נאר וועגען „ישוב ארץ־ישראל" ניט א לעק אפילו! און אז די יונגע לייט מאכען אמאל מיט זיי א שמועס וועגען דעם, הערען זיי זיך צו מיט א האלבען אויער, בלינצלען מיט די אויגען, גלעטען זיך די בערד און שאקלען צו מיט׳ן קאפ, נישט צו ענטפערען קיין ווארט, גלייך ווי נישט מיט זיי געהער זיך דאס אן... יודען דערשלאגענע, געמיינע לייט, יודען אויסגעדארטע, קראנקע, הונגעריגע טוידטע פנימ׳ער — אט ווער עס הערט זיך צו צו אזעלכע מעשיות; יודען געפאלענע, פערוואגעלטע, מיט קליינע קינדער בעזעצטע, אומגליקליכע נפשות פערוויינטע נשמות — אט ווער עס קלייבען זיך רעדליכערווייז און מע שמועסט וועגען דעם, ווען וועט שוין קומען די רעכטע צייט, ווען גאט וועט זיך דערבארעמען אויף זיינע ארעמע יודעלעך... „וואס זאל דאס הייסען, וואס זיי שווייגען?" אזוי האט זיך זעליג אלין געחידושט אויף די מאזעפעווקער נגידים. למשל, ווען ער, זעליג מעכאניק זאל האבען א צוטרית צו ר׳ מיכל־מלך־מיכאל׳ס, וואלט ער געוויס געמאכט מיט איהם וועגען דעם א דייד א ברייטליכען; ער וואלט דאס איהם „צעקייעט און אריינגעלייגט אין מויל אריין". און שמייסענדיג צוריק, וואס פאר א ווערטה קאן האבען ביי אזא גביר, ווי ר׳ מיכל־מלך־מיכאל׳ס, ארויסגעבען א האלב פערמעגען, אויסלייגען אויפ׳ן טיש אחת ואחת און זאגען: „ברידער־ליך, ע! תמות נפשי עם פלשתים — איך וויל אויך האבען עולם הבא, א שטודל אין גן־עדן!..."

— ווען איך, למשל, זאל זיין אין ר׳ מיכל־מלך־מיכאל׳ס מעמד — אזוי פלעג זיך זעליג ניט איין מאל קלערען, זיצענדיג איבער דער ארבייט שטארק פערטיעפט אין מחשבות׳ן — אוי ווען איך האב די מאה

אֶלֶף, וָואלְט אִיךְ שׁוֹין דַוְקָא יָא גֶעווָאוּסְט, וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ טְהוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט. רֵאשִׁית חָכְמָה...

— טְהוּ זִיךְ נָאר אַ רֶעכְטֶען טַאפּ, זֶעלִיג, טָאטֶער גֶעפִינְט זִיךְ נָאךְ בַּיי דִיר אַ פָּאר גְרָאשֶׁען; מֶע בֶּעדַארְף דוּרְכְהֵייצֶען דֶעם אוֹיבֶען, אִיז נִיטָא מִיט וָואס.

אַזוֹי קוּמְט אָן פְּלוּצִים זֶעלְדֶע זַיין וַוייבּ אוּן שְׁלָאגְט אִיהם אִיבֶּער כַאטֶע דִי בֶּעסְטֶע גֶעדַאנְקֶען.

— אַי, זֶעלְדֶע בְּרוּדֶער! דוּ קוּמְסְט תָּמִיד מִיט דַיינֶעם! וִוידֶער דֶער גְרָאשֶׁען אוּן אָבֶּער דֶער גְרָאשֶׁען; אַיין עֵסֶק — דֶער גְרָאשֶׁען!

— אָט הָאסְט דוּ דִיר דִי אַנְדֶערֶע טֶעג יוֹם־טוֹב טָאטֶער אִיז קַארְג! אַ טֶעפִּיל קַארְטָאפְלִים אוֹיף וֶועטְשֶׁערֶע מוּז מֶען צוּשְׁטֶעלֶעי צִי גֵיין? מִיט וָואס זָאל אִיךְ דִיר זֵיי קָאכֶען, מִיט שֵׁמוֹת?

— דִי קִישְׁקֶע, זֶעלְדֶע, הָאסְט אִין זִינְן רַק דִי קִישְׁקֶע! ווִילְסְט פֶערְזָארְגֶען דִי וָוערֶעם דָארְטֶען אִיבֶּער הוּנְדֶערְט צְוַאנְצִיג יָאהר...

— אַ? דוּ הֵייבְּסְט שׁוֹין אָן דַיינֶע זַאכֶען: אָדֶער דִי וָוערֶעם, אָדֶער מָשִׁיחַ?...

— זָאג חָאטְשׁ „לְהַבְדִיל", דוּ בְּהֵמָה! עֶנְטְפֶערְט אִיהר זֶעלִיג מִיט פֶערְדְרָאס; זֶעלְדֶע טְרִיט אָפּ אוּן עֶר פֶערְטִיעפְט זִיךְ וִוידֶער אִין זַיינֶע בֶּעסְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּן בּוֹיעט פְּלַאנֶען אַלֶערְלֵיי, וִוי אַזוֹי עֶר וָואלְט זִיךְ נוֹהֵג גֶעוֶועזֶען מִיט דִי מֵאָה אֶלֶף, וָואס פַאר אַ הַנָאָה עֶס וָואלְטֶען גֶעהַאט פוּן אִיהם אִי גָאט אִי לַייט... „נָאר מִסְתָּמָא אִיז דָאךְ אָנְגֶעצֵייכֶענְט גֶעוָוארֶען פוּן אוֹיבֶּען, אַז דִי מֵאָה אֶלֶף בֶּעדַארְפֶען זַיין בַּיי ר' מִיכֶל־מֶלֶךְ־מִיכָאֵל'ס אוּן עֶר, זֶעלִיג מֶעכַאנִיק, בֶּעדַארְף זַיין אַ שְׁנַיידֶער, אוֹיסְגֵעהְן מִיט וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, גָאט זָאל נִישְׁט שְׁטְרָאפֶען פַאר דִי רֵייד, פוּן הוּנְגֶער אוּן פוּן קֶעלְט; אַ יוּד אָבֶּער בֶּעדַארְף אַלְסְדִינְג אָנְנֶעמֶען פַאר לִיעבּ, מַחֲמַת דָאס אִיז דָאךְ נִישְׁט מֶעהר וִוי אַ פְּרוּב; דָאס פְּרוּבְט אוּנְז גָאט, צִי מִיר קָאנֶען בַּיישְׁטֵיעהן דִי צָרוֹת צִי נֵיין; אוּן דֶערְפַאר בֶּעדַארְף מֶען הָאפֶען אוֹיף בֶּעסֶערְס, אַז דָארְט, אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם בַּיי זִיךְ אִין דֶער הֵיים, „וֶועלֶען זִיךְ שׁוֹין יוּדֶען אָנְטְהוּן וואהלְטָאג וִויפִיעל

זייער הארץ געליסט..." און אויף זעליג'ס אויסגעטריקענט פארמעט-פנים קאטשעט זיך א טרעהר; די טרעהר קאטשעט זיך און פאלט אראפ אויף דעם אויסגעבויגענעם מיטעלסטען פינגער; דער פינגער שטעקט די נאדעל אריין און ארויס; זעליג שאקעלט זיך איבער דער ארבייט זינגט א נגון אין נאז אריין און די מחשבות פערטראגען איהם ווייט, אהין, אהין...

VI.

זעליג מעבאניק פאהרט מיט די מאזעפעווקער נגידים אין איין בויד און נארט זיך אפ אינ'ם רעכענונג.

פאהרען אין איין בויד מיט די מאזעפעווקער גבירים איז געווען ביי זעליג'ן נישט פון די קליינע זאכען. ביי לייזער'ן אין בויד, האט ער זיך געקלעהרט, איז ממילא נישטא וואס צו טהון, צייט איז דא גענוג: אנדערהאלבען מעת לעת פאהרעכטס, מיט קיין געשעפטען איז מען נישט פערנומען, דער קאפ איז פריי, ווי וועט מען נישט רעדען וועגען "איצטיגע יודישע צרות" און ארויפקומען אויף דעמעניגען פון "ישוב-ארץ-ישראל"? ובפרט נאך אצינד, אז ס'איז שוין דא די "אוטאווערדעניע"... זעליג'ן איז אויסגעקומען צו זיצען טאקע אויף דער קעלני, נאר מיט'ן פנים צו דער בויד, אקעגען ר' מיכל-מלך-מיכאל'ס! אין בויד זענען אפילו געזעסען נאך לייטישע פארשוינען, נגידים, נאר אקעגען אזא גביר ווי ר' מיכל-מלך-מיכאל'ס האבען זיי אויסגעוויזען, א שטייגער ווי עס זאלען ברענען קליינע חלב'נע צעפליך אקעגען א גרויסער זיבענערינגער מנורה; עפים זענען זיי אלע געווען פאר איהם בטל, הפקר, גלייך ווי גארניט; איטליכער האט זיך אפגעריקט צו מאכען איין ארט פון זיינעטוועגען, פונ'ם גביר'ס וועגען, עס זאל איהם זיין גראם צו זיצען, און געקוקט איהם אין מויל אריין, צו טרעפען וואס ער מיינט און וואס ער וויל. מעהר פון אלעמען האט איהם נאכגעגעבען מאטיל-משה-מאירס, א יונגער מאי פיין עושר; אויף איטליכס ווארט, וואס ר' מיכל-מלך-מיכאל'ס

הָאט אַרױסְגֶעלָאזְט פוּנ'ם מױל, דָאט עֶר אִיהם אוּנְטֶערְגֶעחַאפְּט מִיט דִי וָוערְטֶער: „אוֹי, טַאטְקִי אֶמֶת, לָאם אִיךְ אַזױ זַיין גֶעזוּנְד!...“

דָער שְׁמוּעָס, וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען צְוִוישֶׁען דִי בּוֹיד-פַּארְשׁוֹינֶען, אִיז גֶעוֶוען פַאר אוּנְזֶער זָעלִיגְ'ן וִוילְד פְּרֶעמְד; דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁמוּעָס פוּן וַוייץ אוּנ פוּן קָארְן. פוּן וַואלְד אוּנ פוּן מִיהלֶען, פוּן צוּ-קֶער אוּנ פוּן סְפִּירְט, קוֹרְס, גְרַאדֶען, קְלֶעפֶּקֶע — „וַויים אִיךְ? עֶפִּים טֶערְקִישׁ!...“ הַיינְט גְלַאט אַזױ מַעֲשִׂיוֹת. נֶעבְּטִיגֶער טָאג. אױפְ'ן הִימֶעל יָרִיד; אוּנ אִיטְלִיכְם מָאל, וָואס ר' מִיכֶל-מֶלֶךְ-מִיכָאֵל'ס הָאט גֶעזָאגְט עֶפִּים אַ לַאכֶענְדִיגְס, הָאבֶּען אַלֶע זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי זֵיי לַאכֶען, אוּנ מָאטִיל-משֶׁה-מֵאִיר'ס — יֶענֶער אִיז שִׁיעוּר נִישְׁט צֶעשְׁפָּאלְטֶען גֶעוָוארֶען פַאר גֶעלֶעכְטֶער: „חַא-חַא, אוֹי, טַאטְקִי אֶמֶת, לָאם אִיךְ אַזױ זַיין גֶעזוּנְד, חַא-חַא!“ — „דִי נְגִידִים — אַזױ הָאט זִיךְ גֶעטְרַאכְט בַּיי זִיךְ אִין הַארְצֶען זָעלִיג — דִי נְגִידִים, וָואס פֶעהלְט זֵיי? זֵיי מָאגֶען טַאטְקִי לַאכֶען; וַואס אִיז מֶען, פֶּעדְצֶען טְרָאגְט מֶען פִּיקְסֶענֶע מִיט גוּטֶע בָּאבְּרָאוֶוע קֶעלְנֶער, וִוידֶער אִין דֶער הֵיים אִיז מִסְתָּמָא אױךְ דָא אַלְסְדִינְג: מֶעהל אִין דֶער סְפִּיזְשַׁארְנִי אוּנ הָאלְץ אִין קַאמֶער, הַיינְט וָואס, אִיךְ בֶּעט אַייךְ? אַז יִשׁוּב-אֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל? בַּיי אַ קְלָאהרֶען מֹחַ אִיז דָאס דַאכְט זִיךְ וִוי גֶע-וואוּנְשֶׁען? נִישְׁט אַזױ וִוי נַאשׁ בְּרַאט...“

בַּיי דִי גֶעדַאנְקֶען דֶערְמָאנְט זִיךְ זָעלִיג, אַז עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶע-לָאזְט זָעלְדֶען אָהְן אַ קָאפִּיקֶע גֶעלְד; עֶר הָאט גֶעהַאט אַ דְרַייעֶרִיל, הָאט עֶר דָאס פֶערְפִיהרְט מִיט זִיךְ, אוּנ עֶס גֵעהט צוּ דָאנֶערְשְׁטָאג אוּנ מֶע דַארְף אױף שַׁבָּת, אוּנ אִין קְלֵייטֶעל אִיז מֶען שׁוֹין אַזױ אױךְ שׁוּלְדִיג גֶענוּג, אוּנ קֵיין שְׁטְרוֹי אִיז נִיטָא, אוּנ דִי פְּרֶעסְט וִוילֶען נִישְׁט בְּרֶעכֶען, חָאטְשׁ סְ'אִיז שׁוֹין לַאנְג צַייט — רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר! אוּנ פוּן אֲדָר בִּיז נִיסָן אִיז עֶפִּים אױךְ נִישְׁט וַוייט: „שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, וָואס מַאכְט דֶער פֶּע-טֶער פֶּסַח? מַצוֹת—טֶע-טֶע-טֶע! אַ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה!...“

זָעלִיג וֶוערְט וָואס וַוייטֶער אַלְץ מֶעהר מָרָה-שְׁחוֹרָה'דִיג אוּנ אױךְ אִין דְרוֹיסֶען רִיקְט זִיךְ אָן אַ פִינְסְטֶערְנִישׁ. דִי זוּן זֶעצְט זִיךְ צְוִוישֶׁען צֶערִיסֶענֶע שְׁמִיקֶער חְמַארֶע, וָואס זֶעהֶען אוֹיס וִוי שְׁמַאטֶעס קוֹיטִינֶע,

אויף דעם קאלטען גרויסען הימעל, און דער ווינד פייפט זעליג'ן אין די אויערען אריין, פערגנב'ט זיך אונטער'ן קאלנער, זעליג ראנגעלט זיך מיט איהם, שטעלט אויף דעם קאלנער פון דער וואטאווער קאפאטע און רייבט זיך די אויערען מיט ביידע הענט — און יענע דארטען אין בויד לאכען זיך פון די באבראווע קעלנער ארויס.

— צייט מנחה דאווענען, רופט זיך אן ר' מיכל-מלך-מיכאלי'ס און ציהט אוים א לאנגען געניץ.

— אוי, טאקי אמת, ווי איהר זעהט מיך לעבען! ענטפערט מאטיל-משה-מאיר'ס אויך מיט א געניץ, און דער עולם הייבט אן צו דאווענען מנחה, שטילערהייד צוברומקען אין נאז אריין. אויך זעליג נעמט זיך דאווענען מנחה געשמאק, שאקעלט זיך זיצענדיג און דער-ווארעמט זיך אביסיל די ביינער, זאגט די שמונה עשרה, צוגעמאכט די אויגען, מיט כוונה, ווי זיין שטייגער איז תמיד, ווייל ער פערשטעהט דאס פירוש המלות און פיהלט א טעם אין די ווערטער: „ולירושלים עירך ברחמים תשוב — טאקי ברחמים תשוב, ליבער גאט, און טאקי וואס גיכער, אוי רבונו של עולם, הארצדיגער פאטער!...“

די שטיקער חמארעם צעשפרייטען זיך איבער'ן גאנצען הימעל-דעק, עס הייבט אן ווי אונטערצושיטען, פארראשען פון אויבען א שנייעלע און עס ווערט ווארעמער אין דרויסען: „אפגעלאזט דער פראסט!“ רופט זיך אן צו זעליג'ן לייזער בעל-עגלה גלייך ווי ער וואלט געטראפען, אז ביי יענעם בעדארף דאס זיין שטארק אנגעלייגט. זעליג מאכט זיך אבער ניט דערפון: ער הערט ווי די נגידים אין בויד שמועסען דארטען מכח היינטיגע שווערע ביטערע יאהרען, יודישע צרות, מכח דעם יודישען דלות. „אט — קלערט זיך זעליג — א יודישע נשמה טאר מען ניט שאצען“ — און ער קוקט ארויס דא עפים צו הארכען; געוויס וועט ר' מיכל-מלך-מיכאלי'ס זיך אויפכאפען ווי איין אפגעבריהטער: „סטיימיש, וואס שווייגט מען! פאר וואס הייבט מען שוין ניט אן צו טהון עפים? אין וואס איז דא די מניעה? אין געלד? געלד איז דא גענוג, הלואי וואלטען זיך נאר געפינען אזוי

פיעל בעלנים צו פאהרען אהין!..." אזוי האט זיך געטראכט זעליג. אונ האט אבער געהאט א מיאוס'ן טעות: ר' מיכל-מלך-מיכאלי'ס האט אפילו אין אנהייב שטארק געזיפצט אונ געקרעכצט אויף צרות ישראל, נאכדעם האט ער א מאך געטהון צו די בויד-פארשויגען:

— אונ איך זאג אייך, הערט איהר, אז די בעסטע עצה איז א קערבעל; הא, ווי זאגסט דו, מאטיל?

— אוי, טאקי אמת. לאם איך אזוי לעבען! ענטפערט איהם מאטיל-משה-מאיר'ס.

— מיט א קערבעל — זאגט ווידער ר' מיכל-מלך-מיכאלי'ס — מיט א קערבעל מאכט מען אלסדינג! וואס, מאטיל?

— אוי, טאקי אמת, לאם איך אזוי זיין געזונד!

אונ נאך דעם שמועס געהט ווידער אוועק אין בויד א סדרה פון ווייץ אונ קארן, פון וואלד אונ מיהלען, פון צוקער אונ פון ספירט, קורס, גראדען, קלעפקע אונ גלאט אזוי מעשיות, געכטיגער טאג, אויפ'ן הימעל א יריד...

VII.

ער זעהט פערשידענע מאדנע חלומ'ת אונ קומט צו פאהרען בשלום אויפ'ן ארט.

דאס טרייסלען פונ'ם וואגען איבער דער געפרוירענער ערד, דאס קלינגען פון די גלעקליך אונ טאקי דער שמועס פון די בויד-פארשוינדלעך האבען פערוויגט זעליגען, אנגעווארפען אויף איהם א דרימעל, אונ שאקלענדיג זיך הין אונ הער אויף דער קעלנע האט זיך איהם אלץ געפלאנטעט „ישוב ארץ-ישראל", ווייגערטנער, אייל-בירטען, מילגראמען אונ פייגען פרישע; יודען לייטישע, מיט שיינע בערד אונ מיט אטלעסענע קאפאטעס פאהרען רייטענדיג אויף קעמלען אונ מויל־אייזלען; בחורים מיט לייבסערדאקעס אונ בתולות פיין גע-קליידט „נאך דעם לעצטען זשורנאל" טאנצען א שער אונ ר' מיכל-מלך-מיכאלי'ס, מאטעל-משה-מאיר'ס מיט די אלע איבעריגע נגידים

שְׁטֶעהְעֶן פוּן וַוייטֶענְס אוּנ זֶענֶען מְקַנֵא... דִי פָּנִימֶ׳ער זֵייעֶרֶע זֶענֶען גֶעל וִוי וַואקְס, אוֹיסְגֶעדִיוֶועֶרְט, דִי מַלְבּוּשִׁים צֶערִיסֶען, צֶעשְׁפִּיצֶעלְט, דִי שְׁטִיוֶועל אוֹיסְגֶעדְרֵעהט — אַ גָאנְץ רַחְמָנוּת צוּ קוּקֶען! זֶעלִיגֶען טְהוּט וֵועה דָאס הַארְץ, עֶס גְלִיסְט זִיךְ אִיהם צוּ גֵעהן נָאהִינְט, זָאגֶען צוּ דִי אָרֶעמֶע נְגִידִים נֶעבִּיךְ אַ גוּט וָוארְט, — פִּיהלְט עֶר פְּלוּצִים וִוי אַ קְלַאפּ אִין קָאפּ אַרַיין; עֶר חַאפְּט זִיךְ אוֹיף אוּנ בֶּענֶעגֶענְט זִיךְ מִיט לֵייזֶערְס קַאצֶענֶע אוֹיגֶען.

— וָואס אִיז? פְרֶעגְט אִיהם לֵייזֶער – סְ׳ווִילְט זִיךְ דְרִימְלֶען?

וְוִיָאאָא...

זֶעלִיג רִיקְט אָן דָאס הִיטֶעל שְׁטַארְקֶער אַבִּיסֶעל; עֶר רַאנְגֶעלְט זִיךְ מִיט׳ן שְׁלָאף אוּנ קוּקְט זִיךְ אַיין אִין דֶער פִינְסְטֶערְנִיש; עֶר דְרִיי־מֶעלְט אַיין אוּנ זֶעהט אַ נַייעֶם חָלוֹם: אַ גְוַואלְדָאוֶונֶע מַחֲנֶה פוּן מֶענְשֶׁען, וִוי הֵיישֶׁערִיקֶען, עֶס פֶערְשְׁטֶעלְט אַזְש דִי לִיכְטִיגֶע שַׁיין. דָאס טְהוּן לוֹיפֶען יוּדֶען, אוּנ הִינְטֶען נָאךְ דִי יוּדֶען — פְּרִיצִים אַ גוּזְמָא. פַאר גְרוֹיס אִימְפֶּעט צֶעלָאזְט זֶעלִיג דִי פָאלֶעס אוּנ לוֹיפְט אוֹיךְ אִין קָאהָל, נִישְׁט צוּ פְרֶעגֶען וָואהִין: אַלֶע לוֹיפֶען, לוֹיפְט עֶר אוֹיךְ... צְוִוישֶׁען דִי לוֹיפֶערְס זֶעהט עֶר פִיל בֶּעקַאנְטֶע שְׁנַיידֶער מִיט שֶׁער־אוּנ־אַייזֶען, מִיט וַוייבּ־אוּנ־קִינְדֶער, מִיט דִי קִישֶׁעלֶעךְ אוּנ מִיט אַלֶע בֶּעבֶּעכִים. עֶר קוּקְט זִיךְ אַיין; עֶר וָואלְט אַ בֵּעלְן גֶעוֶוען זֶעהֶען, צִי ר׳ מִיכֶל־מֶלֶךְ־מִיכָאֵלִים לוֹיפְט דָא אוֹיךְ אִין קָאהָן צִי נַיין? עֶר דְרֵעהט דֶעם קָאפּ אוֹיף אַלֶע זַייטֶען אוּנ פִיהלְט ווִידֶער אַ שַׁארְפֶען זֶעץ אִין קָאפּ אַרַיין.

— עֶ, ר׳ זֶעלִיג! טְהוּט זִיךְ זַייט מוֹחֵל אַ רִיק, אִיהר ווִילְט מִיר לֶעבֶּערֶען דֶעם שַׁארְבֶּען מִיט אַייעֶר שֶׁאקְלֶען זִיךְ.

אַזוֹי זָאגְט צוּ אִיהם לֵייזֶער אוּנ גִיט אִיהם אַיין עֵצָה, אַז אוֹיבּ עֶר ווִיל אִיבֶּערְבְּרֶעכֶען דֶעם שְׁלָאף אִיז דָאס בֶּעסְטֶע אַרָאפְּקְרִיכֶען פוּנ׳ם וָואגֶען אוּנ אוּנְטֶערְגֵעהן אַבִּיסֶעל צוּ פִיס: „זַייט־זְשֶׁע מוֹחֵל, ר׳ זֶעלִיג, סְ׳אִיז מְמִילָא בַּארְג אַרוֹיף״. אוּנ לֵייזֶער בַּעַל־הָעֲגָלָה מִיט זֶעלִיג מֶעבַּאנִיק גֵעהֶען נָאכ׳ן וָואגֶען פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען. דִי פֶערְדְלִיךְ שְׁטַיי־

סען מיט די ווײדלען, שאקלען מיט די קעפּ, סאפּען, שלעפּענדיג דעם וואגען בארג אַרויף און פון דער בויד הערט זיך אַ חראפּען מיט אַ פּײפען פון עטליכע נעזער מיט אַמאל.

— אָ? — רופט זיך אָן לײזער צו זעליגען — מײנע פאר־שװינדלעך, קיין עין־הרע, שלאפען אין בויד ווי אויף אײן איבערבעט; די נגידים, זיי מעגען זיך פערגינען, — וויא, מײנע אדלערס! הערט איהר ר׳ זעליג, וואס איך וועל אײך זאגען? ס׳איז דאך נאריש; איך בין שוין בעל־עגלה העכער דרײסיג יאהר: וואס דרײסיג? כמעט פערציג יאהר! און בין שוין אויסגעפאהרען אַ שטיקעל וועלט, ווי זאגט ער אין דער לײנג און אין דער ברײט, און האב שוין געהאט אַלערלײ צײטען, אי נא קאניע, אי פּאד קאנעם, שוין קינדער חתונה געמאכט ברוך השם, שוין זײ געברענט געװארען אויך טאמער װילט איהר. פערד פון דער שטאל האט מען מיר עטליכע מאל אַרויסגע־פיהרט, נו און פונ׳ם פאגראם ניט היינט געדאכט װײסט איהר דאך ווי איך בין אַרויס, זאג איך אײך, הערט איהר, פון מײן בעל־עגלה׳שער פּראקטיק, אַז די הויזען זאל מען פערזעצען און אַ נגיד זאל מען זײן!...

מיט אַ רעש און מיט אַ געפּילדער איז לײזערס בויד אַרײנ־געפאהרען אויפ׳ן אַנדערען טאג קײן יעהופּעץ, שוין שפּעט נאך האלבען טאג; די פארשװינדלעך זענען זיך צעקראכען אײנציגװײז, דער אהער דער אהין, נאר אײן זעליג מעזאניק איז איבערגעבליבען אין בויד, ניטשט צו װיסען װאו ער זאל זיך אָפּשטעלען. ניטשט נאר בײ לײזערען אין די אויגען, עס איז בײ איהם זעלבסט אויסגעקומען פּריקרע, וואס ער האט ניטשט געקאנט אָנרופען דאס ארט, וואהין ער איז געקומען.

— פּארט וואס איז געװען אײער קומען אהער? האט איהם לײזער אַ פרעג געטהון; — מסתמא מכח פּרנסה?

— מכח פּרנסה... האט איהם זעליג געענטפערט, אַבי גע־ענטפערט.

— היינט וואס שעמט איהר זיך דא? נישקשה, פרנסה איז א יודישע זאך; פעררינגען איז נישט קיין חרפה, א חרפה איז גנב'ענען
דערמיט האט זיך זייער שמועס אויסגעלאזט. זעליג האט אויף דער בעל־עגלה'שער סטאנציע ארויסגענומען פונ'ם טלית־ותפילין־זאק דאס ברייטעל מיט א צווי ציבעלקעס, אנגעביסען און האט זיך אוועק געלאזט איבער דער שטאדט זוכען די „חברה ישוב ארץ־ישראל"...

VIII.

מיט גרויס מיה און מיט פיעל טרעפעיישען דערלאנגט ער זיך צו דער „חברה ישוב ארץ ישראל".

„ווען איך זאל זיין א מענש מיט א פען" — אזוי האט זעליג נאכדעם דערצעהלט — וואלט איך געקאנט מאכען א גאנץ בעשריי־בונג פון דעם, וואס איך בין אויסגעשטאנען אין יאַהופע ביז איך האב זיך דערפרעגט צו דער דארטיגער „חברה ישוב ארץ־ישראל"... מענשען פון דער גאס האבען איהם אנגעקוקט מיט משוגה'ווילדע אויגען; מע האט איהם לכתחלה נישט פערשטאנען, וואס ער וויל. דאס לויפען פון די יעהופעצער יודען האט איהם אויסגעוויזען משוגה ווילד, טאקי נאר משוגע; די מאזעפעווקער יודען זענען, מאהלט אייך, אויך גענוג פארטאראמט, טאג ווי נאכט נאר געלאפען, ווי די פערסמטע מייז, זוכען א קערבעל; נאר אזוי פערטראגען ווי די יעהופעצער יודען זענען, אזעלכם האט נאך זעליג קיין מאל נים געזעהן. פיעל מענשען האבען אויף זיינע רייד נישט געענטפערט קיין ווארט, זיך אויסגעדרעהט און אוועק ווייטער; אנדערע האבען זיך אפגעשטעלט, אויסגעהערט זיין בקשה, געקנייטשט מיט די פלייצעס, ווי איינער רעדט: „פרעג מיך עפים גרינגערס..." א פאר מענשען האט ער געפרווט א פרעגע טהון „וואו איז ערגעץ די היגע שול?.." יענע האבען איהם געענטפערט: „הי איז ניטא קיין שול". „סטייטש, ווי געשיקט זיך עס? — האט זעליג געפרעגט א ווידעראנאנד — ווי איז שייך, קיין עין הרע אזא שטאדט מיט מענשען זאל נים האבען קיין

שׁוּל ?״ יֶענֶע הָאבֶּען אִיהם אָבֶּער דֶערוֹיף נָאר גֶעטֶענְטְפֶערְט מִיט אַ
שְׁמֵייכֶעל : „נוּ, בְּלַייבְּט אַ־קֻשְׁיָה !״ ווי אֵיינֶער רֶעדְט : „גֵעה לָאז מִיךְ !..״
זֶעלִיג הָאט אַרוֹיסְגֶעזֶעהן, אַז מִיט גוּטֶען וֶועט עֶר דָא גָאר נִישְׁט מַאכֶען,
הָאט עֶר זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען אוּנ הָאט אָנְגֶעהַאפְּט אַ יוּדֶען פַאר דֶער
פָּאלֶע : „זַייט זְשֶׁע מוֹחֵל, פֶּעטֶער, זָאגְט מִיר נָאר, אִיךְ בֶּעט אַייךְ,
ווּאוּ אִיז דָא עֶרְגֶעץ בַּיי אַייךְ דִי הִיגֶע חֶבְרָה „יִשׁוּב אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל ?״
יֶענֶער יוּד הָאט לְכַתְּחִלָּה נִישְׁט פֶערְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר פְרֶעגְט אִיהם,
אִיז עֶר גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵעהן דִי קָאפּ פֶערְרִיכֶען אַרוֹיף, זִיךְ קְרַאצֶענְדִיג
אוּנְטֶער דֶער בָּארְד : „הַא ? וָואס ? חֶבְרָה אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל ? אֶפְשַׁר מֵיינְט
אִיהר דִי דָאזִיגֶע, וָואס בַּיי זֵיי אִיז אֶט דִי מַגִּידִים ? טְשְׁלֶענֶעם מֵיינְט
אִיהר ? וַוייסֶען וַויים אִיךְ, אַז סְ׳אִיז דָא טְשְׁלֶענֶעם, נָאר אִיךְ קָאן אַייךְ
נִישְׁט זָאגֶען אַקוּרַאט, ווּאוּ זֵיי זִיצֶען, וָואס דַארְפְט אִיהר דֶען ? וֶוער
זֶענְט אִיהר ?..״ זֶעלִיג אִיז אֲפִילוּ פַארְטִיג גֶעוֶוען אַרַיינְצוּלָאזֶען זִיךְ מִיט
דֶעם יוּדֶען אִין אַ בְּרֵייטֶען שְׁמוּעֶס, נָאר דֶער יוּד אִיז פְּלוּצִים גֶעוָוא־
רֶען אִיבֶּערְגֶעאַנְדֶערְשְׁט אוּנ הָאט אַ זָאג גֶעטְהוּן אוֹיף גִיךְ : „יְהוּדִי
בְּלָא ! טְרָאגְט זִיךְ אָפּ, אָן גֵעהט אַ גָארָאדָאוָואי, מֶע טָאר נִישְׁט שְׁטֵעהן
קַיין רֶעדְלִיךְ אוֹיף דֶער גַאס...״ — אוּנ אִיז פֶערְשְׁוִוינְדֶען גֶעוָוארֶען.

— מְשׁוּגָעִים, רֵיינֶע מְשׁוּגָעִים ! צְוַויי מֶענְשֶׁען הֵייסֶען בַּיי זֵיי
„רֶעדְלִיךְ״ ; קַיין שׁוּל אִיז נִיטָא ; אוֹיף דֶער גַאס טָאר מֶען בַּיי זֵיי נִיט
רֵעדֶען ; סְ׳אִיז דִיר נָאר אַיין אַקְבִּיֶע מִיט דֶער שְׁטָאדְט ! אַזוֹי הָאט זִיךְ
זֶעלִיג גֶעקְלֶערְט אוּנ אִיז זִיךְ נָאךְ גֶענוּג אָנְגֶעגַאנְגֶען אִיבֶּער דִי
יֶעהוּפֶּעצֶער שְׁטֵיינֶער, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְפְרֶעגְט צוּ אֵיינֶעם פוּן דִי
„טְשְׁלֶענֶעם״. דֶער דָאזִיגֶער „טְשְׁלֶען״ הָאט אִיהם אָבֶּער אָפְּגֶעשִׁיקְט
צוּם אַנְדֶערֶען „טְשְׁלֶען״, דֶער אַנְדֶערֶער „טְשְׁלֶען״ צוּם דְרִיטֶען „טְשְׁלֶען״
אוּנ אַזוֹי וַוייטֶער אוּנ וַוייטֶער ; דֶער אִיז גֶעוֶוען פֶערְנוּמֶען, דֶער הָאט
גֶעהַאלְטֶען סַאמֶע אִין מִיטֶען עֶסֶען אוּנ דֶעם הָאט עֶר נִישְׁט גֶעטְרָא־
פֶען אִין דֶער הֵיים, אוֹיסְגֶעשְׁטַאנֶען דֶערְבַּיי פִיעל צָרוֹת, יְסוּרִים אוּנ
טְרֶעפֶּענִישֶׁען אַלֶערְלֵיי. צוּ אֵיינֶעם פוּן דִי „טְשְׁלֶענֶעם״ הָאט זֶעלִיג
בֶּעדַארְפְט אַרַיינְקוּמֶען פּוּנְקְט אִין אַזַא צַייט, בְּשַׁעַת יֶענֶער הָאט נָאר

וואס בעקומען מיט אמאל עטליכע זעהר מיאוסע ידיעות פון זיינע געשעפטען: אז וואלד ליגט אין דער ערד, דער וועג איז שלעכט, קיין חובות צאהלט מען ניט, דאס ווייב ליגט אין קינדבעט, די קינדער מאזלען און אליין איז ער אויך ניט מיט אלעמען, ניט אזוי גרינג איז זעליגען אנגעקומען ביז מע האט איהם צוגעלאזט; ער האט פריהער געמוזט אויסשטעהן א שטיקעל סכסוך מיט יענעם, וואס שטעהט ביי דער טיר. יענער האט זיך צו איהם געטשעפעט, ער זאל איהם נאר זאגען, וואס ער בעדארף; זעליג האט זיך איינגעשפארט איין מאל פאר אלע מאל: „ער בעדארף זעהר א נייטיגע זאך; א סימן, ווען ער זאל ניט בעדארפען גאר ניט, וואלט ער דאך ניט געקומען..."

— דאס זענט איהר אפשר פונ'ם וואלד? ווארט זשע אויס א ווייל'ע, אט געה איך דאלאזשען דעם הער. אזוי האט דער משרת געזאגט און איז געגאנגען דאלאזשען דעם הער. „וואסערע משונה'ע מענשען די היגע יודען זענען! האט זיך זעליג געקלעהרט — זיי זענען זיך נוהג ווי להבדיל ביי אונז די פריצים, גאר היינט געהט זיי אפ..."

— געהט, דער הער רופט אייך, גאר טהוט אויס זייט מוחל דאס היטעל — האט דער משרת געזאגט און האט איהם אריינגע־פיהרט אין א גרויסען שיינעם חדר אריין, וואו „דער הער" איז געזעסען האלבליגענדיג אין א פאטעל, דעם קאפ פערבונדען מיט א האנטוך. דעם פנים זיינעם האט זעליג ניט געקאנט זעהען אקוראט, ווייל ס'איז שוין געווען פינסטערליך. ווי באלד זעליג האט נאר ארויפ־געטריטען אויף דער שוועל און האט א הוסט געטהון, געבען צו וויסען, אז ער איז דא, האט זיך „דער הער" אויפגעכאפט פונ'ם פאטעל און איז אנגעפאלען אויף איהם מיט א שרעקליכען כעס, זאל גאט שומר ומציל זיין:

— א? איהר פאהרט שוין אויך ארום? עס זיצט זיך אייך ניט אויף קיין ארט? ווארום וואס ארט דאס אייך, אז עס קאסט מיך בלוט אלע מינוט, אלע רגע? איהר זאלט אבער ווערען ניצמען אויפ'ן קאפ, מע זאל האטש קאנען אויף הוצאות ארויסשלעפען פונ'ם

ווינטער! ווער? וואס? ווייטען גערט עס אן? מיר ווערד אקארשט דער קאפ צעשפרינגען אויף שטיקלעך און זיי פארען זיך ארום טאג ווי נאכט מיט גלאטע לינג און לעבער! וואס איז דאס פארעכטס פרעג איך אייך? וואס שווייגט איהר?

זעליג האט נישט פערשטאנען, פון וואנען נעמט זיך דער כעס; ער האט זיך געפרואוט עפיס אפענטפערען, א מורקע געטהון אין נאז אריין; יענער אבער האט נישט געוואלט הערען קיין שום תירוצים און האט זיך צעשריגען נאך העכער:

— וואס וועט איהר מיר דערצעהלען מעשיות? איך וויים פריהער, וואס איהר וועט מיר ענטפערען: געלד! שוין געהערט טויזענד מאל דעם תירוץ! איהר ווייסט נאר געלד און גענוג! איהר האט זיך אלע אנגערעדט, אלע אין איין קול: געלד, געלד און געלד! ביז וואנען איז אבער דער שיעור געלד? איך פרעג אייך, ביז וואנען איז דער שיעור? א סך האט איהר מיר שוין איינגעבראכט היינטיגען ווינטער? איהר שווייגט? א חרפה א בושה אייך אין אייער ווייטען האלז אריין! נו רעדט, לאם איך שוין הערען! נו זאגט שוין געלד, געלד!

— זייט זשע מוחל, אז איך וויים גאר ניט וואס איהר שרייט אויף מיר! — האט איהם זעליג געענטפערט — איהר שרייט, לאזט מיך אויך אויסרעדען א ווארט! ראשית בין איך נישט געקומען נאך קיין געלד, לאזט מיך צורוה, איך האב עס אפילו נישט אין זינען אין דער לינקער פיאטע; והשנית...

— וואס זשע דען זענט איהר געקומען? מיך אנקוקען מהסתם? זיך בענשען מיט מיר?

— לאזט זשע זיך דינען! ווען נישט די „אוטווערדעניע" וואלט איך אפילו נישט אנגעהויבען צו קומען; נאר אז די „אוטווערדעניע" איז שוין יא ארוים. האב איך מיך מישב געווען.. א פוהר גערט, לייזער א בעקאנטער בעל־עגלה, און פינף גילדען איז קיין געלד ניט. און ביי אונז טומעלט מען דאך פארט עפים מכח דער היגער „חברה

ישוב ארץ-ישראל", האב איך גענומען און ביז זיך דורכגעפאהרען אויף א טאג — וואס זשע קומט מיר דערפאר? קעפען?

דערהערט פון זעליגען אזעלכע דבורים, איז יענער צוגעגאנגען צו איהם גאנץ נאהענט, זיך שטארק איינגעקוקט איהם אין פנים אריין אונ א פרעג געטהון:

— זענט איהר הייסט דאס ניט פון מיין וואלד? ניעשט אלטער רופט מען אייך?

— חס ושלום! וואס איז אייך עפיס געפעלען „אלטער"? זעליג רופט מען מיך, אונ אליין בין איך א מאזעפעווקער, דאס הייסט פון מאזעפעווקע בין איך אט דאס געקומען צו פאהרען אהער צו דער היגער „חברה ישוב ארץ-ישראל" זיך פערשרייבען אהין, איך מיט נאך עטליכע געזינדלעך, אויך בעלי-מלאכות.

— קוים דערמאנט! וואס זשע האט איהר געשוויגען ביז אהער?

— וואס האב איך געהאט צו שרייען? איך זעה איהר שרייט, טראכט איך מיר: שרייט אייך געזונדערהייט, איהר וועט דאך אייביג ניט שרייען אונ אמאל פארט אויסשרייען זיך, וועל איך מיר נאכדעם רעדען מיין זאך. על כל פנים, וואס האב איך אייך געוואלט בעטען, מיין ליבער האר, כפי מיר זענען עטליכע געזינדלעך בעלי-מלאכות, וואס האבען חשק צו פאהרען קיין פאלעסטינא, האבען מיר ברעה מיט אונזער בקשה זיך ווענדען צו אייך, איהר זאלט זיין אזוי גוט אונז פערשרייבען אהין אויף ארבייטען ערד...

„דער הער" האט שוין אבער מעהר ניעשט געהערט זעליגען: ער האט א קלינג געטהון צום משרת אונ געמאכט איהם א וויסטען א פינסטערען סוף, אויסגעלאזט צו איהם זיין גאנץ ביטער הארץ, אונ זעליגען האט ער אפגעשיקט צום גבאי פון דער חברה, אנגערופען איהם דעם נאמען אונ בעוויזען. וואו ער זיצט: „אהינצי געהט. ער גיט זיך אפ מיט „די" זאכען, ער איז דער „רעכטער גבאי", געהט אייך געזונדערהייד, איך בין קראנק, גלויבט מיר, איך בין טוידט קראנק!"

עֶרְשְׁט אוֹיף דֶער נַאכְט, אַזוֹי אַרוּם נָאךְ מַעֲרִיב, הָאט זִיךְ זֶעלִיג סוֹף כָּל סוֹף דוּרְכְגֶעשְׁלָאגֶען דוּרךְ טִיר אוּנ דוּרךְ טוֹיֶער צוּם „רֶעכְטֶען גַבַּאי" פוּן דֶער „חֶבְרָה יִשׁוּב אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל" אוּנ הָאט זִיךְ אַרֵיינְגֶעחַאפְּט צוּ אִיהם אִין קַאבִּינֶעט אַרֵיין, וִוי אַ מֶענְשׁ, וָואס הָאט „גֶעמַאכְט" דִי גְרֶענִיץ...

IX.

זֶעלִיג פֶּערְפִיהְרְט מִיט דֶעם „רֶעכְטֶען גַבַּאי" אַ גַאנְץ בְּרֵייטֶען שְׁמוּעֶס.

בַּיי זֶעלִיגֶען אִין דִי אוֹיגֶען הָאט דֶער גַבַּאי אוֹיסְגֶעזֶעהֶען גָאר נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט זִיךְ פְרִיהֶער פָארְגֶעשְׁטֶעלְט: אַ יוּד אַ גִלוּחַ נָאךְ גָאר אַ יוּנְגֶער מַאן, עֶפִּיס אִיז אוֹיף זַיין פָּנִים נִיט גֶעוֶוען קֵיין שׁוּם סִימָן אוּנ קֵיין זֵכֶר פוּן גַבָּאוּת. „אַ שֵׁיינֶער גַבַּאי פוּן יִשׁוּב אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל!" הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרַאכְט, אוּנ גֶעזָאגְט צוּ אִיהם:

— אַט דָאס זֶענְט אִיהר דֶער רֶעכְטֶער גַבַּאי פוּן דֶער הִיגֶער חֶבְרָה „יִשׁוּב אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל?" אִיךְ בִּין אַ מַאזֶעפֶּעווְקֶער אַלֵיין; אִיךְ קוּם אָן פוּן דֶער הֵיים אַצִינְד; בַּיי אוּנְז אִין מַאזֶעפֶּעווְקֶע הֵייסְט דָאס, רֶעדְט מֶען שְׁטַארְק פוּן דֶער הִיגֶער „חֶבְרָה"; מֶע זָאגְט, אַז דָא פֶּערְשְׁרַייבְּט מֶען זִיךְ אוּנ דָא טַאקִי גִיט מֶען אַרוֹיס קְוִויטְלֶעךְ אוֹיף יִשׁוּב אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל; בִּין אִיךְ אַט דָאס גֶעקוּמֶען צוּ אַייךְ זִיךְ פֶּערְשְׁרַייבֶּען מִיט מַיין הוֹיזְגֶעזוּנְד אוּנ מִיט נָאךְ עֶטְלִיכֶע גֶעזִינְדְלֶעךְ אוֹיךְ בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת...

— הֶערְט נָאר אוֹיס, ר' יוּד! — הָאט זִיךְ צוּ אִיהם דֶער גַבַּאי גֶעוֶוענְדְט בֶּעטְרַאכְט אִיהם פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס, — זָאגְט נָאר וִוי אַזוֹי רוּפְט מֶען אַייךְ אַ קָארְשְׁט? זֶעצְט זִיךְ צוּ, זִיצְט!

— מִיךְ וִוי אַזוֹי רוּפְט מֶען?

— יָא, אַייךְ, אַייךְ.

— מִיךְ רוּפְט מֶען זֶעלִיג דֶער מֶעכַאנִיק; דָאס הֵייסְט, הֵייסֶען הֵייס אִיךְ זֶעלִיג אוּנ מַיין מְלָאכָה אִיז שְׁנַיידֶערַיי, זְשֶׁענְסְקִי שְׁנַיידֶערַיי; בַּיי אוּנְז, אִין מַאזֶעפֶּעווְקֶע הֵייסְט דָאס, אִיז דָא גֶענוּג שְׁנַיידֶערְס, אָהן עַיִן הָרָע, נָאךְ אֶפְשַׁר אִיבֶּער גֶענוּג; הַלְוַאי וָואלְט זַיין אַזוֹי פִיעל גֶענֵיי

ווי אַרבּייטער, מחמת די פּרנסה, פערשטעהט איהר, איז היינט זעהר געשלאָגען; יודען געהען אַרום היינט אָהן אַ שום טהועכטס, פאַלען מיט'ן פּנים צו דער ערד; מע עסט אויף פון זיך די הויט, און אַז מע דערזעהט יענער האָט אַ שטיקעל ברויט, איז וואָס זאָלט איהר דאָ קלערען?..

— נײן גישט אַקעגען דעם האָב איך אייך געפרעגט, ווי מע רופט אייך; איך האָב אייך נאָר געוואָלט זאָגען, מיין ליבער ר' זעליג אַז גישט איהר זענט דער ערשטער וואָס קומט אַהער צופאָהרען פערשרייבען זיך אויף „ישוב ארץ־ישראל‟; אַזעלכע ארץ־ישראל יודען האָבען מיר דאָ פון די קליינע שטעדטליך צעהן, צוואַנציג אַ טאָג; אמת, די צייט איז זעהר ביטער, יודען זענען זעהר אָרעם געביך, וואַרפט מען זיך אויף אַלע זייטען מע מיינט טאָמער... טאָמער...

— מע זאָגט דאָך אָבער פאָרט אַז די היגע חברה...

— טהיילט געלד? איין אויסגעטראַכטע מעשה! אונזער חברה האָט נאָך גישט קיין געלד לעת עתה אויף צו טהיילען, און אַז ס'זאָל שוין יאָ זיין געלד, איז דאָ גענוג היימישע אָרעמע לייט.

זעליג האָט זיך אָנגענומען ביים בעררדיל און האָט אַ מאַך געטהון צום גבאי בזה הלשון:

— האָט מיר קיין פאַראיבעל ניט וואָס איך וועל אייך פרעגען: וואָס זשע דען האָט אייער חברה, אַז ניט קיין געלד?

— טשלענעס! האָט איהם דער גבאי געענטפערט — דערווייל קלויבען מיר טשלענעס, מיר מאַכען אסיפות, מע קלויבט זיך צונויף, מע שמועסט, מע קלערט, מע... מע... מע... און מיט דער צייט וועט זיין ביי אונז געלד אויך; אַז מיר וועלען צונויפקלויבען אַ היבשע סומע, נדבות הייסט דאָס, וואָס איטליכער וועט זיך פערשרייבען וועלען מיר שוין דערמאָלט וויסען וואָס צו טהון; דערויף איז פאַראַן אַ קאָמיטעט...

זעליג איז פון דעם דאָזיגען ענטפער געוועזען אַ ביסעל מבולבל; ער האָט גישט געקאָנט פערשטעהן דעם פשט וואָס מען קלויבט טשלענעס; צו וואָס בעדאַרף מען טשלענעס?

— זאָגט זשע מיר איך בעט אייך, איך האָב אייך שוין מאַקי

בֶּעוואָלט פְרֶעגֶען: וָואס פאר אַ שֵׂכֶל לְמָשָׁל שְׁטֶעקְט אִין דִי מְשָׁלֶע־גֶעם? דָאס זֶענֶען אַ פָּנִים אֶט דִי, וָואס ווילֶען פָּאהרֶען אַהִין?

בַּיי דִי וֶוערְטֶער הָאט זֶעלִיג אָנְגֶעווִיזֶען מִיט דֶער הַאנְד אַהִין, אוּנ דֶער נַבַּאי הָאט אִיהם דֶערוֹיף גֶעעֶנְטְפֶערְט:

— נֵיין, ר׳ זֶעלִיג, אִיהר הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפֶען; מְשָׁלֶענֶעם פוּן דֶער חֶבְרָה — דָאס זֶענֶען דִי, וָואס זֶענֶען זִיךְ עוֹסֵק אִינְ׳ם עִנְיָן פוּן יִשׁוּב אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, דָא, אוֹיפְ׳ן אָרְט; אִיטְלִיכֶער, וָואס וויל מִיט עֶפֶּעס מִיטְהֶעלְפֶען, סַאי מִיט אֵייגֶענֶער טִרְחָה, סַאי מִיט אַיין עֵצָה אַרֶעכְטֶע, הֵייסְט עֶר אַ מְשָׁלֶען פוּן דֶער חֶבְרָה; אַז מֶע רוּפְט אִיהם אוֹיף אַיין אֲסִיפָה מוּז עֶר קוּמֶען; אַז מֶע שִׁיקְט אִיהם מַאכֶען גֶעלְד, מוּז עֶר גֵעהְן; הַכְּלָל עֶר אִיז זִיךְ עוֹסֵק אִינְ׳ם עִנְיָן ווִי גֶעווֶעהְנְלִיךְ בַּיי אַ מִצְוָה זַאךְ.

מֶע קָאן נִישְׁט זָאגֶען, אַז זֶעלִיג הָאט זִיךְ בֶּעגְנֶעגֶענְט מִיט דֶעם עֶנְטְפֶער; עֶר הָאט נָאךְ גֶעהַאט דֶערוֹיף צוּ פְרֶעגֶען אוּנ צוּ פְרֶעגֶען; נָאר עֶס אִיז אִיהם גֶעוֶוען אִיבֶּער דֶער טֶבַע מַטְרִיחַ צוּ זַיין אַ ווילְד פְרֶעמְדֶען מֶענְשֶׁען דֶעם עֶרְשְׁטֶען מָאל; וֶועדְלִיג דִי מַאזֶעפֶּעווְקֶער מַשְׂכִּילִים בֶּעגֵעהֶען זִיךְ מִיט אִיהם, הָאט זִיךְ דֶער דָאזִיגֶער נַבַּאי אַזוֹי אוֹיךְ לַייטִישׁ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַקֶעגֶען אִיהם, בֶּעדַארְף מֶען פֶערְשְׁטֵעהְן אַיין עֵסֶק אוּנ לֵייגֶען כָּבוֹד אוֹיף יֶענֶעם אוֹיךְ; פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט עֶר זִיךְ אַיינְגֶע־שְׁטֶעלְט אַ פְרֶעג צוּ טְהוּן בַּיי אִיהם נָאךְ אַ קְלֵיינִיגְקֵייט.

— הָאט מִיר קֵיין פַארְאִיבֶּעל נִיט, וָואס אִיךְ דִיל אַייךְ אַ סְפָא־דֶעק; בַּיי אוּנְז פֶערְשְׁטֵעהְט אִיהר מִיךְ, אִין מַאזֶעפֶּעווְקֶע הֵייסְט דָאס, ווֵייסְט קֵיינֶער נִישְׁט; אִיךְ רֶעבֶען, אַז אִיהר בֶּעדַארְפְט דָאס וִויסֶען אַקוּ־רַאט: וויפִיעל אַ שְׁטֵייגֶער בֶּעדַארְף מֶען צוּנוֹיפְנֶעמֶען גֶעלְד אַרוּם־אוּנ־אַרוּם אַז מֶע זָאל קָאנֶען אַוֶועק קוֹיפֶען גַאנְץ אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל? וויפִיעל קָאן זִיךְ אָנְנֶעמֶען אִיטְלִיכֶער אוֹיף אַ חֵלֶק אוּנ וויפִיעל בֶּעדַארְף מֶען, לְמָשָׁל...?

— מֶע בֶּעדַארְף — הָאט אִיהם דֶער נַבַּאי אִיבֶּערְגֶעהַאקְט אִין מִיטֶען — מֶע בֶּעדַארְף קוֹדֶם כֹּל, אַז יוֹדֶען זָאלֶען נִישְׁט פְרֶעגֶען אַ זָעלְכֶע שְׁאֵלוֹת אוּנ נִישְׁט פֶערְנֶעמֶען זִיךְ מִיט אַ זֶעלְכֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת, ווִי־

פִיער מֶע בֶּעדַארְף אוּנ וִויפִּיעל עֶס קָאן זִיךְ אָנְנֶעמֶען אִיטְלִיכֶען אוֹיף אַ חֵלֶק? אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַייךְ גֶעזָאגְט, אַז מֶע טְהֵיילְט נִישְׁט קֵיין גֶעלְד, מֶע קְלוֹיבְּט גֶעלְד; לָאמִיר פְרִיהֶער בֶּעוָוארֶענֶען דִי דָאזִיגֶע קָאלָאנְיֶעס, וָואס זֶענֶען שׁוֹין דָא אוּנ וָואס קוּקֶען אַרוֹיס אוֹיף אוּנְזֶער הִילְף; אָט דָאס אִיז דֶערְוַוייל אוּנְזֶער חוֹב, אוּנ אַז מִיר וֶועלֶען שׁוֹין זַיין פַארְטִיג מִיט דֶעם אִין גַאנְצֶען, וֶועלֶען מִיר זִיךְ נָאכְדֶעם נֶעמֶען רֶעכֶענֶען חֶשְׁבּוֹנוֹת, וָואס מִיר הָאבֶּען צוּ טְהוּן. דֶערְוַוייל בֶּעדַארְפֶען מִיר גֶעלְד, אוּנ אִיטְלִי־כֶער יוּד בֶּעדַארְף גֶעבֶּען, וִויפִּיעל עֶר קָאן, אִיטְלִיכֶער נָאךְ זַיין פֶערְמֶעגֶען, בִּכְדֵי אַלֶע זָאלֶען הָאבֶּען אַ חֵלֶק אִין דִי קָאלָאנְיֶעס, יֶעדֶער זָאל זַיין אַ שׁוּתָּף אִינְ'ם הֵיילִיגֶען רַעְיוֹן פוּן יִשּׁוּב אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, וָואס קָאן אוֹיסְגֶעפִיהְרְט וֶוערֶען נִישְׁט אִין אֵיין יָאהר אוּנ נִישְׁט אִין קֵיין צֶעהְן יָאהרֶען... אַז אַ יוּד גִיט אַ קֶערְבֶּעל אוֹיף יִשּׁוּב אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל זָאל עֶר נִישְׁט מֵיינֶען, אַז עֶר מַאכְט דֶערְמִיט אַ גֶעשֶׁעפְט אוֹיף צוּ פֶערְדִינֶען; עֶר גִיט דָאס נִישְׁט מֶעהר וִוי אַ נְדָבָה, נָאר נִישְׁט קֵיין נְדָבָה פַאר אַ פְּרָט, דָאס לֵייגְט עֶר אַרַיין אִינְ'ם כְּלָל, פַאר זִיךְ, פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אוּנ קִינְדְס קִינְדֶער... פֶערְשְׁטֵעהְט אִיהר שׁוֹין, מַיין לִיבֶּער יוּד

X.

עֶר נֶעמְט אַרוֹיס אַ דְרַייעֶרִיל בְּשִׂמְחָה רַבָּה, גֶעזֶעגֶענְט זִיךְ אָפּ אוּנ פָאהְרְט אַהֵיים לוּסְטִיג פְרֵיילִיךְ.

זֶעלִיג הָאט אַרוֹיסְבֶּעוִויזֶען מִיט זַיין שְׁוַוייגֶען, אַז קֵיין פִינְגֶער אִין מוֹיל בֶּעדַארְף מֶען אִיהם נִיט אַרַיינְלֵייגֶען — עֶר פֶערְשְׁטֵעהְט אַיין עֵסֶק; עֶר הָאט גֶעוָואלְט עֶפִּיס זָאגֶען, נָאר עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקָאנְט אָנְמִידֶען; אִיהם הָאט גֶעמוּטְשֶׁעט נָאךְ אֵיין זַאךְ, וָואס עֶר הָאט נִישְׁט רֶעכְט פֶערְשְׁטַאנֶען: „עֶ, וָואס סְ'וֶועט זַיין וֶועט זַיין, מֶע בֶּעדַארְף אַ פְרֶעג טְהוּן!" אוּנ עֶר הָאט אַ פְרֶעג גֶעטְהוּן:

— נָאךְ צְווֵיי וֶוערְטֶער אוּנ אַיין עֶק! אִיהר זָאגְט אַלֶע יוּדֶען זָאלֶען זִיךְ צוּנוֹיפְלֵייגֶען, אַלֶע זָאלֶען גֶעבֶּען, אוּנ מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן, אַז עֶס דַארְף גֶעדוֹיעֶרֶען אַזוֹי לַאנְג? גֶעוַואלְד גֶעשְׁרִיגֶען — אַלֶע יוּדֶען!

עֶפּיס אַ װָערְטֶעלֶע, אָהן עַין הָרָע אַלֶע יוּדֶען זָאלֶען װָעלֶען, איך װייס? אימִלִיכֶער זָאל אַרױסְנֶעמֶען אַ דְרַייעֶרִיל, װָאס זָאג איך? אַ קֶערְבֶּעל, איין אֵיינְצִיג קֶערְבֶּעל!..

— עֶ, רֶב זֶעלִיג! הָאט זיך דֶער גַבַּאי אָנְגֶערוּפֶען שׁוֹין מִיט פֶּערְדְרָאס זיך אױפְגֶעהַאפְּט פוּנ׳ם אָרְט: דָאס איז דָאך אַ מַעֲשֶׂה אָהן איין עֶק! איהר װָעט טַעֲנ׳ען, איך װָעל טַעֲנ׳ען, יֶענֶער װָעט טַעֲנ׳ען, מִיר װָעלֶען אַלֶע הָאבֶּען טַעֲנוֹת, אָנְװייזֶען אֵיינֶער אױפְ׳ן אַנְדֶערְ[illegible]: דֶערְבַּיי װָעלֶען מִיר בְּלַייבֶּען! אַ גוּטֶע נַאכְט, פָּארְט גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, גְרִיסְט דָארְטֶען...

— חַס וְשָׁלוֹם, איך מַיין נִיט קיין פּוּסְטֶע טַעֲנוֹת! הָאט זֶעלִיג גֶעעֶנְטְפֶערְט, זיך אױפְגֶעהַאפְּט פוּנ׳ם בֶּענְקֶעל גֶעשְׁװִינְד, צֶעשְׁפִּילִיט דִי קַאפָּאטֶע, גֶעקְרַאצְט זיך מִיט דֶער הַאנְט בַּיי זיך אין קַאמְזויל־קֶעשֶׁענִי און אַרױסְגֶעקְרַאצְט פוּן דָארְטֶען איין אױסְגֶעגְלֶעט אָפְּגֶערִיבֶּען דְרַייעֶרִיל, דָאס אֵיינְצִיגֶע דְרַייעֶרִיל, און צוּגֶעטְרָאגֶען דָאס מִיט בֵּיידֶע הֶענְד צוּם גַבַּאי, הָאט ער צוּ איהם אַזוֹי גֶעזָאגְט:

— איך בִּין נִישְׁט גֶעקוּמֶען, חָלִילָה גְלַאט אַזוֹי פְּלוידֶערֶען; איך מֵיין דָאס עֶרְנְסְט, בְּנֶאֱמָנוּת, מִיט׳ן גַאנְצֶען הַארְצֶען; אױף אַזַא מִצְוָה בִּין איך אױך אַ בַּעֲלָן; אין אַזַא הֵיילִיגֶער זַאך װִיל איך אױך הָאבֶּען אַ חֵלֶק, נִישְׁט קיין סַך: קיין סַך קָאן איך נִישְׁט, איך בִּין נִישְׁט קיין גְבִיר, װִי זָאגְט ער, נָאר װֶעדְלִיג אױף אַ דְרַייעֶרִיל, גֶענוּג פוּן מַייגֶעטְװָועגֶען, כְּ׳לֶעבֶּען...

דֶער גַבַּאי פוּן דֶער יֶעהוּפֶּעצֶער „חֶבְרָה" איז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵעהְן אין מִיטֶען שְׁטוּב מִיט׳ן דְרַייעֶרִיל אין דִי הֶענְט: דֶער מַאזֶעפֶּעװְקֶער שְׁנַיידֶער מִיט זַיינֶע לֶעצְטֶע װֶערְטֶער הָאט איהם גָאר גֶעפְּלֶעװוּט; ער הָאט דֶערזֶעהֶען פַאר זיך איין אֱמֶת׳ן יוּדֶען, זֶעלִיג איז גֶעוֶוען פַאר איהם אַ בֶּעװייז, אַז אַ מַאזֶעפֶּעװְקֶער אָרֶעמַאן קָאן זיך גִיכֶער אָנְרוּפֶען װִי אַ יֶעהוּפֶּעצֶער נָגִיד—איז ער פַאר איהם אַרָאפְּגֶעפַאלֶען בָּטֵל גֶעװָארֶען.

— הֶערְט זְשֶׁע אוֹיס, רֶב זֶעלִיג, דָאס דְרַייעֶרִיל נֶעם איך בַּיי אַייך, און איך גֶעבּ אַייך אַרױס אַ קְװִיטֶעל, נָאר איך מוּז אַייך זָאגֶען

נאך אמאל איהר זאלט ניט מיינען, אז מע וועט דא טהיילען פאר דעם דאזיגען געלד ערד אין ארץ־ישראל, ווי מע מיינט דארטען ביי איך, אין מאזעפעווקע.

— חס ושלום! געערדט איז געערדט! ענטפערט איהם זעליג.

— איהר זאלט נישט מיינען, ר' זעליג, אז אזוי גיך טהוט זיך עס, ווי עס רעדט זיך...

— אז מע שמועסט געערדט איז געערדט! ענטפערט איהם ווידער זעליג, מע זיצט נישט אונטער א רעגען.

— פערשטעהט איהר מיך, ר' זעליג, איך וויל טאקי איהר זאלט זאגען דארטען אלעמען, איהר זאלט זיי קלאהר מאכען, מחמת מיר האבען גענומען אויף זיך א גוטען פאדריאד...

— סא יוד איהר זענט! וואס עפים אליין פערשטעהען מיר שוין גאר ניט? — זאגט צו איהם זעליג גאנץ אויפגעלייגט — מיר זענען אויך נישט פון די גאר גרויסע נאראנים, וואס צעהן א גראשען!

— מיט א שיינענדיג פנים נעמט ער צו דאס קוויטעל, בעהאלט דאס טיעף אין דער קאמזויל־קעשעני אריין; ער געזעגענט זיך אפ גאנץ פריינדליך מיט'ן גבאי און געהט אוועק לעבעדיג פרייליך צוריק אויף דער בעל העגלה'שער אכסניה אויף נאכטלעגער.

* * *

— ווערליג איך זעה ארוים נאך אייער פנים ר' זעליג, האט איהר דא געמוזט חאפען א פערדינסטעל אין יעהופעץ, און א גראבס! יעהופעץ איז איין ערטעל וואו מע קאן פערדינען א קערבעל. א שטיקעל חסרון נאר, וואס מע לאזט נישט אריין אהינצו קיין נאשבראט, און אז עס קומט די נאכט, לאזט מען דארטען אונזערע יודעליך אוי־אוי־אוי ווי די שלייען... וויא, פגירות, איינגעזונקען זאלט איהר ווערען!

אזוי האט זיך אויסגעשמועסט לייזער בעל העגלה מיט זעליג'ען, אויף דעם אנדערען טאג, פאהרענדיג שוין צוריקוועגס און בעטראכט זעליג'ס פרייליך פנים, וואס האט איהם געלויכטען און געשיינט, גלייך

וִוי עֶר וָואלְט בֶּאֱמֶת גֶעהַאפְּט ״אַ גְרָאבְּס...״ זֶעלִיג אִיז גֶעזֶעסֶען שׁוֹין גִים אוֹיף דֶער קֶעלְנִי, נָאר אִין בּוֹיד, צֶעלֵייגְט וִוי אַ שְׂרָרָה מַחֲמַת אוֹיף צוּרִיקְקוּוֶעגְם הָאט לֵייזֶער נִישְׁט גֶעקָאנְט קְרִיגֶען קֵיין פַארְשׁוִינְדְלֶעךְ; דֶערְפַאר אִיז עֶר טַאקִי גֶעוֶוען אַזוֹי בֵּייז, אוּנ אוֹיסְגֶעלָאזְט זַיין גַאנְץ בִּיטֶער הַארְץ צוּ דִי אוּמְשׁוּלְדִיגֶע פֶערְדְלֶעךְ גֶעבַאךְ. זֶעלִיג אָבֶּער הָאט זִיךְ גֶעפִיהלְט אַזוֹי גוּט, וִוי נָאךְ קֵיין מָאל נִיט; זִיצֶענְדִיג אָנְגֶעשְׁפַּארְט בַּיי לֵייזֶערֶען אִינְוֵוייגִיג אִין בּוֹיד, הָאט זִיךְ אִיהם גֶעדַאכְט, אַז עֶר אִיז דַייבֶּער פוּן ר׳ מִיכַל-מֶלֶךְ-מִיכָאֵלִ׳ס אֲפִילוּ, אוּנ אַ טַאפּ גֶעטְהוּן זִיךְ אַלֶע מָאל בַּיי דֶער קַאמְזוֹיל-קֶעשֶׁענִי בַּיים קְוִויטֶעל, הָאט עֶר גֶעפִיהלְט, וִוי עֶס קוּמְט אִיהם צוּ אַ שְׁטִיק גֶעזוּנְד; סְטַייטְשׁ: עֶר הָאט אַ חֵלֶק אִין אַזַא זַאךְ! זַיין דְרַייעֶרִיל אִיז דָאס עֶרְשְׁטֶע דְרַייעֶרִיל, וָואס וֶועט אָנְקוּמֶען ״אַהִין״, אִין דִי יוּדִישֶׁע קָאלָאנִיעֶס אַרַיין, דָארְט, אִין אֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל... עֶס גְלֶעט אִיהם אוּנ וַוארֶעמְט אִיהם אַלֶע אֵבָרִים, אוּנ פִיהלְט זִיךְ וִוי אַ מֶענְשׁ, וָואס הָאט אָפְּגֶעטְהוּן אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, זֶעהר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ. דָאס טְרֵייסְלֶען זִיךְ אִין דֶער בּוֹיד אוּנ דָאס פִילָאזָאפִישׁ אוֹיסְשְׁמוּעסֶען זִיךְ פוּן לֵייזֶער בַּעַל הָעֲגָלָה אִיבֶּער דֶער שְׁטָאדְט יְעהוּפֶּעץ מִיט זֵייעֶרֶע מְנַהֲגִים דָארְטֶען, וַוארְפֶען אָן אוֹיף זֶעלִיגֶען אַ דְרִימֶעל אוּנ עֶס חָלוּמְט זִיךְ אִיהם ״אֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל״, אוּנ עֶס פְּלָאנְטֶען זִיךְ אִיהם קָאלָאנִיעֶס, קָאלָאנִיסְטֶען, וַויינְגֶערְטְנֶער, קֶעמְלֶען אוּנ מוֹילְאֵייזְלֶען, פַייגֶען אוּנ אֵיילְבִּירְטֶען, אוּנ עֶר זֶעהט פַאר זִיךְ הֶעט וַוייט וַוייט, דָארְט עֶרְגִיץ, אוֹיף ״יֶענֶער זַייט יַרְדֵן״, אַ נַייעֶ וֶועלְט, אַ וֶועלְט פוּן יוּדִישֶׁע פְּרִיצִים, פָּאמֶעשְׁטְשִׁיקֶעס, מַאגְנַאטֶען, אוּנ עֶר, זֶעלִיג, אִיז אֵיינֶער פוּן זֵיי אוּנ עֶר הֶערְט עֶפִּיס אַ קֶענְטְלִיכֶע שְׁטִימֶע פְרֶעגְט (עֶר וָואלְט גֶעמֶעגְט שְׁוֶוערֶען אַז דָאס רֶעדְט רֶב מִיכַל מֶלֶךְ מִיכָאֵלִ׳ס):

— וֶוער אִיז עֶר אֶט דֶער נַייעֶר פָּאמֶעשְׁטְשִׁיק וָואס זִיצְט אַזוֹי צֶעלֵייגְט אִין בּוֹיד?

— דָאס אִיז דָאךְ זֶעלִיג!

— וָואסֶער זֶעלִיג?

— זֶעלִיג מֶעבַּאנִיק פוּן מַאזֶעפֶּעוְוקֶע!...

הֶעכֶער אוּן נִידֶערִיגֶער.

(עֶטְיוּד אִין צְווַיי טְהֵייל).

ערשטער טהייל.

אין דער הויף.

א.

ביי גבריאל ראזענפעלד אין הויז איז דען 30 מאי ...18 יאהר געוועזען א גרויסער רעש מיט א געריעדעריי. גבריאל סאמאילאוויטש איז דעם דאזיגען טאג ניט ארויסגעטרעטען פון שטוב אונ האט אויך ביי זיך קיינעם ניט צוגענומען; א פאק מיט בריף פון דער פאסט איז געלעגען אויפ'ן טיש ניט אויפגעעפענטע; גבריאל סאמאילאוויטש איז געגאנגען פון איין פענסטער צום אנדערן אונ האט ארויסגעקוקט מיט גרויס אונגעדולד אויף דער גאס; אויפ'ן טיש ליגט איין אפענע טעלעגראמע, ער געהט צו אלע רגע אונ לייענט מיט גרויס פארגניגען:

„Петербургъ, 28 Мая 7 часовъ утра. Сегодня курьерскимъ выѣзжаю. Саша."

שוין פון 2 טאג איז א ליארעם ביי ראזענפעלד'ן אין הויף: מע באקט, מע קאכט מע פוצט, מע ריינגט, מע וואשט מע בערשטעלט— סאשא פאהרט! דער קוטשער האט געהאפט א מיאום'ן פסק פון ראזענפעלד'ן—סאשא פאהרט! די דיענסטען אין קיך שלאפען שוין ניט פון צוויי נעכט—סאשא פאהרט! 2 ארימע קרובים, וואס פלעגען אפט פאהרען צום רייכען קרוב זענען הייגט ארויס פון דעם הויף מיט בזיונות אהן א נדבה—סאשא פאהרט! דער סטאראזש פון הויף איז געקומען צו גבריאל סאמאילאוויטש'ן מיט א בקשה, ער זאל איהם מוסיף זיין אויף די שכירות האטש נאך צוויי רובל א חודש, אונ האט מקבל געוועזען א הויכען „דורררראק!" אז עס איז איהם פינסטער געווארען אין די אויגען—סאשא פאהרט! דער רב פונ'ם שטעדטעל מיט א גבאי זענען געקומען צום גביר „מכח דער מקוה", האט מען זיי געהייסען „קומען מארגען"—סאשא פאהרט! אונ אין שטעדטעל אליין איז אויך געוועזען א טארעראם

— דֶער זוּהן דַארְף קוּמֶען... דֶער סְטוּדֶענְט... דֶער גְבִיר אִיז פַארְנוּמֶען... אִין „הוֹיף״ טְהוּט זִיךְ עֶס!... מֶע זָאגְט, אַז עֶר אִיז טַאקֶע אַ ווִילְדֶער קֶענֶער... עֶר אִיז שׁוֹין אַ דָאקְטָאר... אַ פְּרָאפֶעסָאר!... דֶער גְבִיר וֶועט מִסְתָּמָא מַאכֶען אַ סְעוּדָה... מֶע וֶועט טֵיילֶען גֶעלְד... אַךְ עֶר זָאל שׁוֹין קוּמֶען! מֶע דַארְף אִיהם אָנְקוּקֶען!...

סַאשַׁא פָאהְרְט! פִיער גְרוֹיֶע בְּרֶענֶענְדִיגֶע פֶערְד זֶענֶען וִוי אַ בְּלִיץ דוּרְכְגֶעפְלוֹיגֶען דוּרְךְ דֶעם שְׁטֶעדְטֶעל אוּנ אִין צְוֵויי מִינוּט אַרוּם הָאט שׁוֹין דָאס גַאנְצֶע שְׁטֶעדְטֶעל גֶעוואוּסְט אַז „עֶר אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען״. אֵיינֶער הָאט נָאר גֶעזֶעהֶן דֶעם עֶקִיפַּאזְשׁ; דֶער צְווֵייטֶער הָאט גֶעזֶעהֶן „אִיהם״ אַלֵיין; דֶער דְרִיטֶער הָאט דֶערְצֵיעהְלְט, אַז „עֶר״ גֶעהט פּוּנְקְט וִוי אַיין אָפִיצִיעֶר מִיט גִילְדֶענֶע קְנֶעפּ; דֶער פֶערְטֶער שְׁוֶוערְט אַז עֶר הָאט אַלֵיין גֶעזֶעהֶען אוֹיף „אִיהם״ גְרוֹיסֶע עֶפָּאלֶעטֶען וִוי בַּיי אַ גֶענֶערַאל.

סַאשַׁא אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען! מִיט טְרֶערֶען אִין דִי אוֹיגֶען הָאט חַנָּה־טוֹיבֶע דִי קֶעכִין דֶערְצֵיעהְלְט „וִוי עֶר״ אִיז אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן דֶער קַארֶעטֶע, וִוי דִי שְׁפָּארֶען הָאבֶּען גֶעקְלוּנְגֶען אוֹיף „זַיינֶע״ שְׁטִיוֶועל, וִוי דֶער בַּעַל־הַבַּיִת הָאט זִיךְ צֶעקִישְׁט מִיט „אִיהם״ אוּנ הָאט גֶעווִישְׁט דִי אוֹיגֶען, וִוי דִי בַּעַל־הַבַּיִתְטֶע הָאט גֶעוֵויינְט אוֹיף אַ קוֹל, וִוי „עֶר״ הָאט אַרוּמְגֶענוּמֶען דִי מוּטֶער, וִוי „עֶר״ הָאט גֶערֶעדְט.

סַאשַׁא אִיז שׁוֹין דָא! אוֹיף דֶעם צְווֵייטֶען טָאג אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעפָאהְרֶען רַייטֶענְדִיג אוֹיף אַ פֶערְד אוּנ אִיז דוּרְכְגֶעלָאפֶען דָאס שְׁטֶעדְטֶעל אִין דֶער לֶענְג; יוּדֶעלֶעךְ הָאבֶּען זִיךְ גֶעבֵייגְט צוּ אִיהם, אוּנ אֵיינִיגֶע הָאבֶּען אַרָאבְּגֶענוּמֶען דָאס הִיטֶעל פַאר „אִיהם״; סַאשַׁא הָאט עֶטְלִיכֶע פוּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיטְ׳ן קָאפּ אוּנ זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועזֶען גְלִיקְלִיךְ, אוֹיף דֶעם דְרִיטֶען אוּנ פֶערְטֶען טָאג הָאבֶּען „אִיהם״ שׁוֹין אַלֶע יוּנְגְלֶעךְ גֶעזֶעהֶען.

דָאס שְׁטֶעדְטֶעל אִיז פוּל גֶעוֶועזֶען מִיט דֶעם גְבִיר׳ס זוּהן! אִין יֶעדֶער ווִינְקֶעלֶע הָאט מֶען גֶערֶעדְט פוּן „אִיהם״, פוּן זַיין שֵׁיינְקַייט, פוּן זַיין קֶענֶען, פוּן זַיין רַייכְקַייט, פוּן זַיין גְרוֹיסְקַייט! אוֹיף יֶעדֶער גַאס, וואוּ סַאשַׁא הָאט זִיךְ נָאר בַּאווִיזֶען, אִיז מֶען אַרוֹיס, וִוי דִי טַארַאקַאנֶעס,

פון די שטיבלעך, פון די קליטלעך, פון די קלויזען און יעדער האט געוויזען מיט די פינגער: „אט פאהרט ער!" „אט געהט ער!"...

ב.

מיט 25 יאהר פריהער איז אין דעם שטעדטעל נ..., וואו עס קומט פאר די סצענע, וואס איז אויבען באשריעבען, געוועזען ביי גבריאל ראזענפעלד'ן א ברית, אויף וועלכען עס איז געוועזען מעהר פון 300 מענשען און רפאל דער שדכן האט אויסגעטרונקען איין עמער וויין און—איז געשטארבען. אלטע יודען געדענקען נאך דעם ברית און דערצעהלען עד היום די חידושים פון רפאל'ן עליו השלום, ווי דער בראנפען האט זיך אין איהם אנגעצונדען און ווי דאס פנים איז איהם געווארען שווארץ ווי א האלעוועשקע.

אט דאס איז געבארען געווארען אויף דער וועלט אונזער גליקליכער סאשא (אלכסנדר). גבריאל איז שוין דעמאלט געוועזען רייך, און אז זיין פרוי רעבעקא איז אין עטליכע חדשים ארום געזונד געווארען האט ער געמאכט א סעודה פאר ארעמע לייט און האט איינגעלעגט אין באנק אויף סאשעס נאמען הונדערט טויזענד רובעל אויף א לאנגען זמן. רעבעקא, וואס האט ביז אהער געליעבט נאר גבריאל'ן, איז מיט דעם גאנצען לעבען איבערגעגעבען געווארען דעם נייגעבארענעם סאשעקען, וואס איז געוואקסען און האט געבליהט ווי א שענע בלום אין חדש מאי געווארמט פון דער זון און באנעצט מיט'ן רעגען; ביי ראזענפעלדען אין הויז איז צוליעב סאשעקען צוגעקומען נאך מענשען: אמען, ניאנקים, באנעס, לאקאיען, קוטשערעס, פראטשקעס וועשינס. און דער הויף איז געווארען פול מיט דעם נאמען „סאשא!"

איבער אזא „קליין מענשעלע" — אזא „גרויס" געפילדער?!...

דעם טאג וואס מע האט סאשעקען אנטוועהנט, האט ראזענפעלד געמאכט א סעודה פאר ארעמע לייט, דעם טאג וואס סאשעקע האט אנגעהויבען געהען אליין — ווייטער א סעודה; סאשעקע זאגט שוין „פאפא" — „מאמא" — ווייטער א סעודה; און ווער שטויסט

אז סאשענקע האט שוין איבערגעפּאקט, איבערגעמאזעלט האבען ארעמע לייט געגעסען א גוטען אנבייסען. וואס איז דאס פאר א חידוש, וואס אלע האבען גערעדט. געקלערט מעהר פון דעם גביר'ס קינד ווי פון זייערע אייגענע קינדער? וואס איז דאס פאר א חידוש, אז דער ארע־מאן, וואס יעדער נייגעבארען קינד איז ביי איהם נאר א באזונדערער עסער אויף זיין קאפּ, פלעגט מעהר איבערטראכטען, אז סאשענקע איז קראנק געוועזען, מעהר ווי איבער זיין אייגען קינד? אז עס קאן געמאלט זיין, אז אויף דער וועלט געפינען זיך איבעריגע מענשען מיט איבעריגע עסערס, פאר וואס זשע זאל זיך ניט געפונען אזא פאטער אדער א מוטער, וואס זאל בעטען גאט אויפ'ן גביר'ס קינד בשעת זייער אייגען קינד ליגט אין בעט קראנק?...

די גרעסטע סעודה פון אלע איז ביי ראזענפעלדען געוועזען, ווען סאשא איז אלט געווארען צוועלף יאהר און האט באדארפט פאהרען קיי'ן ק. אין דער גימנאזיע. דעמאלט האט ראזענפעלד געמאכט א באל פאר פריצים אויך און פון סאשען האבען גערעדט ניט נאר יודען אליין. די לעהרער, וואס האבען איהם ערצויגען, האבען געזאגט ראזענ־פעלד'ן אז זיין זון האט זעלטענע פעהיגקייטען און עס וועט זיין פון איהם א לייט. אויף ווי פיעל דאס איז איין אמת, קענען מיר דאך ניט וויסען: ווער קען אונז ערב זיין, אז דער לעהרער האט דאס נאר ראזענפעלד'ן אזוי געזאגט, בכדי ער זאל זיך אונטער הנפענען? ווער ווייסט, וואס ראזענפעלד האט דארט גערעדט מיט דעם דירעקטאר פון דער גימנאזיע און מיט די לעהרערס? ווער ווייסט, צו סאשא וואלט געקריגען אלע יאהר א „נאגראדע", ווען זיין פאטער זאל ניט זיין ראזענפעלד און זאל ניט האבען קיין סך געלד? ווער ווייסט צי...? מיט איינעם ווארט — סאשא האט די גימנאזיע געענדיגט, איז אריין אין דער אוניווערזיטעט, געענדיגט די אוניווערזיטעט אויך און איז געווארען א פאלקאוואי דאקטאר אין א „גוטער" שעה...

ג.

עס איז דא מענשען אויף דער וועלט, וואס האבען ליעב אב־

לויבען דעם אנדערען, אויפהויבען ביז דעם הימעל גאר אהן א שום טעם.

צווישען אונזערע „חסידים“ איז דא אזעלכע מענשען, וואס גלויבען ניט אן דעם רבין, וואס דארפען זיין כאטשקע ניט האבען, וואס ער געהער זיך מיט זיי אן ווי דעם געכטיגען טאג — אונ פון דעסט־וועגען קענען זיי אויך א מאל דערצעהלען א פזמון, וואס ניט געשטוי־גען, ניט געפלויגען אונ ווייסען אליין גאנץ גוט, אז זיי זאגען, מחילה, א ליגען, אונ דער צווייטער, וואס הערט זיי אויס, שאקעלט צו מיט'ן קאפ אונ האט ניט קיין מוט צו ענטפערען: „עס איז א ליגען“!...

— וואס זשע איז דאס?

דאס איז — „הצלחה“.

כמעט אין יעדער שטאדט איז דא „גרויסע“ אונ „קליינע“ דאק־טוירים. מע זאל אנחאפען א יודען פון דער גאס אונ א פרעג טהון: פאר וואס האלט מען דעם פאר א „גרויסען“ דאקטאר, אונ דעם פאר א „קליינעם“ דאקטאר? — וועט ער אייך ענטפערען: „א? דער איז א „געריהמטער“ דאקטאר אונ דער איז עפעס וויים איך וואס“... אז ער וועט צולעגען: אז דער „גרויסער“ דאקטאר האט געהאלפען דעם אונ דעם חולה, וועט ער אייך דערצעהלען די מעשה אונ וועט נאך מוסיף זיין פון זיך אליין, אז דער חולה איז טאקע געוועזען א „מסוכנער חולה!“... איהר וועט דאס איבערגעבען דעם דריטען, אונ דער דריטער וועט דערצעהלען דעם פערטען, אז דער חולה איז געוועזען א מינוט צום טוידט, אונ דער פערטער וועט דערצעהלען דעם פינפטען אז דער חולה איז שוין אויסגעגאנגען, האט איהם דער דאקטאר פון טוידט לעבעדיג געמאכט — אונ אזוי ווערט ער א „גרויסער“ דאקטאר... נאר דערצו מוז ער אבער ארויספאהרען מיט שיק! זיצען ווי א מאנארך, לאזען זיך לאנג בעטען, ווי עס איז שוין א סך לעזער בעקאנט...

דער דאקטאר אלכסנדר ראזענפעלד איז אוודאי געוועזען א „גרוי־סער“, ווייל קיינער האט קיין זכיה ניט געהאט מיט איהם צו רעדען, אונ רופען איהם צו זיך האט ניט יעדער איינגעשטעלט. אין פאלק

זֶענֶען אויף אִיהם גֶעוואַכְּסֶען טְשִׁינִים און אִין בַּאנְק — גֶעלְד. נִיט נָאר בַּיי יוּדֶען אִיז עֶר גֶעוֶוען „גְרוֹיס"; עֶר הָאט אויך בַּיי קְרִיסְטֶען גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶעם נָאמֶען. נָאר בַּיי דִי גְרוֹיסֶע אַרִיסְטָאקְרַאטֶען אִיז אַיינְגֶעפִּיהְרְט צוּ קוּרִירֶען זִיךְ צוּ לִיעבּ דֶער מָאדֶע, פּוּנְקְט וִוי קְלֵיידֶען זִיךְ נָאךְ דֶער מָאדֶע. גְלַייךְ וִוי עֶס אִיז דָא אַ מָאדְנֶער שְׁנַיי־דֶער, שׁוּסְטֶער, קְרֶעמֶער, אַזוֹי אִיז דָא אַ מָאדְנֶער דָאקְטָאר אויךְ, וָואס אִיז מֵייסְטֶענְטְהֵיילְס שְׁטַארְק בְּכָבוֹד בַּיי דִי גְרוֹיסְוֶועלְטִיגֶע פְרוֹיעֶן; אֲפִילוּ רְפוּאוֹת אִיז שׁוֹין אויךְ דָא „מָאדְנֶע" און „נִיט קֵיין מָאדְנֶע"; דָאס וֵוייסְט יֶעדֶער פְּרָאוִויזָאר און יֶעדֶער אַפְּטֵייקֶער גַאנְץ גוּט...

רָאזֶענְפֶּעלְד אִיז גֶעוֶוען אַ „גְרוֹיסֶער" און אויךְ אַ „מָאדְנֶער" דָאקְטָאר!

צוּ דְרַייסִיג יָאהר אִיז רָאזֶענְפֶּעלְד אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּאלְק מִיט עֶטְלִיכֶע אָרְדֶענְס אוֹיפְ'ן הַארְצֶען און הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ בַּאנְקִיעְרְס אַ טָאכְטֶער, און הָאט גֶענוּמֶען גֶּרְן.

צוּ פִיעֶרְצִיג יָאהר אִיז גַבְרִיאֵל סַאמָאִילָאוִויטְשׁ גֶעשְׁטָארְבֶּען און הָאט אִיהם גֶעלָאזְט אַ הִיבְּשֶׁע יְרוּשָׁה. וָואס מֶעהר גֶעלְד עֶר הָאט בֶּעקוּמֶען, הָאט עֶר אַלְץ מֶעהר פְּרַאקְטִיקֶע גֶעהַאט און זַיין נָאמֶען הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט הֶערֶען אויף דֶער וֶועלְט, בִּיז מֶע הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען פָּאהְרֶען צוּ אִיהם פוּן דֶער וֶועלְט, צוּם מֵיינְסְטֶען קְרַאנְקֶע יוּדֶעלֶעךְ מִיט גֶעזוּנְטֶע קֶערְבְּלֶעךְ, און דָא הָאט מֶען עֶרְשְׁט אָנְגֶעהוֹיבֶּען דֶערְצֶעהלֶען פוּן אִיהם נִיסִים וְנִפְלָאוֹת מִיט „מוֹפְתִים" פּוּנְקְט וִוי פוּן אַ „גוּטֶען־יוּדֶען" אִין דִי אַלְטֶע יָאהְרֶען..

רָאזֶענְפֶּעלְד אִיז גֶעוֶוען אַ „גְרוֹיסֶער", „מָאדְנֶער" „רַייכֶער" און אויךְ אַ „גֶערִיהְמְטֶער" דָאקְטָאר!

אויף דֶער טְהִיר הָאט עֶר צוּגֶעשְׁלָאגֶען אַ בְּלֶעטֶעל: „אָרִימֶע נֶעם אִיךְ צוּ אָהְן גֶעצָאהלְט פוּן זִיעבֶּען בִּיז אַכְט" אַזוֹי אַז אַלֶע פְרִיהמָארְגֶען הָאט מֶען גֶעקָאנְט זֶעהְן בַּיי אִיהם אִין הוֹיף אַ מַאסֶע אָרֶעמֶע לַייט; זֵיי פְּלֶעגֶען נִיט אֵיין מָארְגֶען קוּמֶען צוּם „גוּטֶען" „בַּארֶעמְהֶערְצִיגֶען" דָאקְטָאר און אַוֶועקְגֶעהְן צוּרִיק „בִּיז אַנְדֶערֶען מָארְגֶען".

ראזענפעלד איז געווען א „גרויסער", „מאדנער", „רייכער" „גע־דיהכטער" אונ אויך דער „גוטער" דאקטאר!

ד.

אין א סך יאהרען ארום...

א גרויסער ליכטיגער זאל פול מיט געסט: יודען, קריסטען, דאמען, קאוואליערען; מע טאנצט, מע עסט, מע טרינקט. — ביי א גרויסען ראיאל (פיאנא) זיצט א יונג פריילין אונ שפיעלט, נעבען איהר זיצט א שענער יונגער מאן אונ אקאמפאנירט איהר אויפ'ן קול. — אין דעם צווייטען צימער זיצען ביי די „גרינע" טישלעך מענער אונ שפיעלען אין „קליין ש"ס" (קארטען); צווישען זיי איז דא אויך אפיצירען; איינער פון די מענער, זעהר א דיקער, א שענער אונ פרעה־ליכער מאנספערזאן מיט א „סטאניסלאוו־לענטע" אין פראק, האלט אויף די פיס ביי זיך צוויי קינדער אייניקלעך — זיי גלעטען איהם די בארד פון ביידע זייטען; פון דער זאל הערט זיך א געלעכטער — מע לעבט!...

דאס איז דער דאקטאר אלעקסאנדער גבריאלאוויטש ראזענפעלד.

וואס איז ביי איהם היינט פאר א יו"ט?

ביי דער קלענערער טאכטער „מאריע" איז היינט „אימענינעס"...

ענדע פון דעם ערשטען טהייל.

צווייטער טהייל.

אין דער נידעריג.

א.

אין דעם זעלבען דרייסיגסטען מאי ...אכצענטען יאהר, אין וועלכען גבריאל סאמאילאוויטש האט אזוי ארויסגעקוקט אויף זיין זוהן אלעקסאנדער, איז אין דעם אייגענעם שטעדטעל .N וואו עס קומט פאר אונזער געשיכטע, שפעטלעך אויף דער נאכט געגאנגען א פיס געהער

מיט א פעקעל אויף די פלייצעס און האט זיך נאכגעפרעגט: „וואו זיצט דא ערגעץ פייגע די אלמנה", „פייגע די סארוועריקע"? און קיינער האט אבער ניט געוואוסט וואו זי זיצט; האטש „פייגע די סארוועריקע" האט געקאנט אפילו א מינדסט קינד. „מיר דאכט אז ניט ווייט פון דעם „היילינגען ארט"... האט איהם א יודינע געזאגט. דער פוס־געהער איז געגאנגען צום „היילינגען ארט", ווייט ווייט אונטער דער שטאדט. דא האט ער שוין קיין מענשען ניט באגעגנט; נאר הינד האבען איהם בעגלייט פון איין הויף צום אנדערען — ביז ער האט דערזעהן דאס „היילינגע ארט" מיט א צוויי, דריי זעמליאנקעס אין וועלכע עס האט זיך נאך געלייכט. דער פוס־געהער איז צוגעגאנגען צו איינעם פון די שטיבלעך און האט א קלאפ געגעבען אין א פענס־טער; אויף דער טהיר האט זיך באוויזען א יונג ווייבעל און האט איהם געפרעגט: „וואס דארפט איהר?"

— דא זיצט פייגע די סארוועריקע? האט זי דער פוס־געהער געפרעגט.

— ניין — האט איהם דאס ווייבעל געענטפערט — אין דער דריטער שטוב פון יענער זייט... אוי! א מכה איז מיר! א דוגער האט מיך דערשלאגען! איך וועל דאס נאר ניט אויסהאלטען! אפשר זענט איהר דאס פייגע'ס זוהן?...

— יא, איהר האט געטראפען.

— א שלאק האט מיך געטראפען! א קלאג צו מיר! וואס־זשע שטעה איך? איך וועל לויפען אנזאגען אייער מוטער די בשורה — איך לויף!..

אין א שעה ארום איז פייגע געזעסען מיט איהר איינציגען זוהן יצחק, און האט געקוקט אויף איהם ווי ער טרינקט טהעע, און אין איהרע אויגען זענען געשטאנען צוויי טרעהרען: זי האט בעטראכט זיין געל, אויסגעטריקענט געזיכט, זיינע איינגעצויגענע באקען, זיין איינגעבויגען געשטאלט און די צוויי ברענענדיגע שווארצע אויגען.

אויפ'ן קאפ ביי איהם האט זי דערזעהן עטליכע גרויע האר און זעהר פיעל קנייטשען אויפ'ן שטערן...

— וועה איז מיר, ווינד איז מיר! — האט פייגע געטראכט — א קינד פון זעכס און צוואנציג יאהר און איז שוין אזוי אלט...

ב.

פייגע איז יונג געבליבען איין אלמנה — צו דרייסיג יאהר. איהר מאן — חיים בעקערמאן — איז געוועזען איין איינבינדער, ער האט תמיד געהארעוועט ווי איין אקס און קיין מאל ניט געהאט זיין בעדערפעניש און געלעבט אין גרויס דחקות; א שטיקעל גליק וואס זיי האבען קיין סך קינדער ניט געהאט. יצחק איז געוועזען א בן־יחיד. יצחק איז ניט געוועזען קיין שען קינד, נאר אויגען האט ער געהאט זעלטענע און האט ליעב געהאט תמיד זיצען פארטראכט. אין אנהויב האט יצחק בעוויזען זעלטענע פעהיגקייטען, נאר אז ער איז אלט געווארען צעהן יאהר האט ער פלוצלים אנגעוואורען אין גאנצען דעם חשק צום לערנען; חיים האט איהם אבגענומען פון דעם חדר, חאטש פייגע האט דאס זעהר ניט געוואלט ליידען, און האט איהם גענומען צו דער ארבייט, צו וועלכער יצחק איז זעהר פויל געוועזען און פלעגט דערפאר לייזען פון דעם פאטער גאנץ אפטע קלעפ — נאר עס האט ניט געהאלפען, און חיים האט שוין געפועל'ט אז זיין זוהן וועט זיין א „לאידאשטשע", א לא יצלח לשום מלאכה... חיים פלעגט איינבינדען צום מיינסטען רוסישע ביכער און האט געקאנט אביסעלע רוסיש לייענען; ער האט אויסגעלערנט יצחק'ן אויך רוסיש לייענען און האט איהם אוועקגעגעבען אין דער „נאראדנע שקאלע"; יצחק האט דאס ערשטע יאהר ניט אנגעהויבען צו וועלען עפיס וויסען; נאר אויף דעם אנדערען יאהר האט ער עפיס יא אויסגעיעט און אויף דעם דריטען יאהר איז ער אריבער אין דער צווייטע קלאס מיט א נאגראדע און אין דריטען קלאס איז ער שוין געווען „דער ערשטער שילער".

ג.

חַיִים אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען — אוּנ פֵייגֶע אִיז אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּען מִיט יִצְחָק'ן ווִי אוֹיפְ'ן וַואסֶער. וָואס הָאט גֶעקָאנְט דִי אָרֶעמֶע פֵייגֶע אוּנְטֶערְנֶעמֶען פַאר אַ גֶעשֶׁעפְט אָהְן אַ גְרָאשֶׁען גֶעלְד? אַ יוּד אַ מַאנְסְפֶּערְזָאן אַז עֶר בְּלַייבְּט אָהְן פַּרְנָסָה, עֶפֶענֶען זִיךְ פַאר אִיהם אַלֶע טוֹיעֶרֶען: קֶען עֶר הַאנְדְלֶען — וֶוערְד עֶר אַ מֶעקְלֶער; קֶען עֶר עֶפִּיס לֶערְנֶען—וֶוערְד עֶר אַ מְלַמֵד; הָאט עֶר קֶענְטְשַׁאפְט מִיט דֶער וֶועלְט— וֶוערְד עֶר אַ שַׁדְכָן. אָבֶּער אַ פְּרוֹיֶענְצִימֶער? מֶעקְלֶערֶענְס אִיז גֶענוּג צְוַויי, דְרַיי אִין אַ שְׁטָאדְט; סֶעדֶעכֶעס אִיז דָא אַ סַךְ אוּנ מֶע מוּז דֶערְצוּ אוֹיךְ הָאבֶּען גֶעלְד; עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ צְוַויי דְרַיי פַּרְנָסוֹת, וִויסְטֶע פַּרְנָסוֹת פַאר דִי אָרֶעמֶע וַוייבֶּער: פְלִיקֶען פֶעדֶערֶען, אַרְבֵּייטֶען זָאקֶען, זַיין אַ טוּקֶערֶען אִין בָּאד — נָאר דֶערְפוּן אִיז שְׁוֶוער צוּ לֶעבֶּען; דָאס בֶּעסְטֶע אִיז „אַ סַארְוֶוערְקֶע"! אַז אַ נָגִיד מַאכְט חֲתוּנָה אַ קִינְד — נֶעמְט מֶען דִי „סַארְוֶוערְקֶע" אוּנ זִי הָארֶעוֶועט מַאקִי אָב עֶטְלִיכֶע טֶעג ווִי אַיין אַרֶעסְטַאנְט אוֹיף דֶער קַאטָארְגֶע — זִי בֶּעקוּמְט אָבֶּער דֶערְפַאר מִיט אַמָאל עֶטְלִיכֶע רוּבֶּל מִיט אַ מַתָּנָה פוּן דֶער כַּלָה, אַ חוּץ וָואס זִי בְּרֶענְגְט אַהֵיים אַ פוּלֶען פַארְטוּךְ מִיט לֶעקָאךְ אוּנ מִיט דִי אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּענֶע שְׁטִיקְלֶעךְ בְּרוֹיט פוּן דֶער חֲתוּנָה אָדֶער פוּן דֶעם בְּרִית.— יוּדִישֶׁע פַּרְנָסוֹת!...

פֵייגֶע'ס פִישׁ־קָאכֶען הָאט גֶעהַאט אַ שֵׁם אִין שְׁטֶעדְטֶעל אוּנ צוּם גְבִיר רָאזֶענְפֶעלְד פְלֶעגְט זִי מוּזֶען אַלֶע פְרַייטָאג קוּמֶען אָבְּקָאכֶען דִי פִישׁ אוּנ דֶערְפַאר הָאט זִי גֶעהַאט 4 רוּבֶּעל אַ חוֹדֶשׁ.

פַאר 4 רוּבֶּל אַ חוֹדֶשׁ הָאט שׁוֹין פֵייגֶע אַ דִירָה; הַיינְט וואוּ אִיז גִיט גֶעוֶועזֶען קַיין צֶעהְן חֲתוּנוֹת, זִיעבֶּען בְּרִית'ן, פִיערְצֶעהְן בַּר־מִצְוָה'ס, זֶעכְּס סְעוּדוֹת מִיט אַיין פִּדְיוֹן־הַבֵּן אִין יָאהר? רֶעכֶענְט אוֹיס, וֶועט אִיהר זֶעהֶען אַז פֵייגֶע הָאט שׁוֹין גֶעקָאנְט הָאבֶּען אוֹיף צוּ לֶעבֶּען מִיט אִיהר יִצְחָק'ן אוּנ אַמָאל נָאךְ גֶעבֶּען אַ נְדָבָה אוֹיךְ.

אוּנ יִצְחָק? וָואס וֶועט זַיין פוּן אִיהם דֶער תַּכְלִית? עֶר גֵיעהְט אַרוּם פּוּסְטֶעפַּאס אוּנ וַואכְּסְט אִין דֶער וֶועלְט אַרַיין!

אז סאשא איז אריין אין זיעבעטען קלאס גימנאזיע האט ראזענפעלד געמאכט א גרויסע סעודה פאר ארעמע לייט, פייגע'ן איז געווען די ערשטע סארוועקע. יצחק האט שוין לאנג געוואלט זעהען דעם גביר'ס זוהן דעם גימנאזיסט. פייגע האט איהם מיטגענומען. ביי דעם טיש זענען שוין לאנג געזעסען מעהר פון צוויי הונדערט ארעמע לייט און האבען געגעסען „פייגעס פיש“, נאר איין בחור פון א יאהר זיעבצעהן איז געשטאנען ביי דער טהיר און האט זיך ניט געוואלט זעצען צום טיש. די גאנצע צייט האט ער קיין אויג ניט אראבגעלאזט פון סאשא'ן, און אז רעבעקא ראזענפעלד איז צוגעגאנגען צו איהם און האט איהם געפרעגט פאר וואס ער זעצט זיך ניט צום טיש עסען, האט ער זיך אויסגעדרעהט, האט א קלאפ געטהון מיט דער טהיר און איז אנטלאפען.

דער בחור איז געווען — יצחק פייגע'ס.

אז פייגע איז געקומען פון דער סעודה אהיים האט זי געטראפען יצחק'ן אין טרעהרען; דאס הארץ האט איהר געקלעמט אויף איהר איינציגען זוהן, נאר גיך האט זי איהר מוטערגעפיהל פארלאשען און האט איהם גענומען שעלטען, וואס ער האט איהר פארשווארצט דאס פנים פאר דער גביר'טע, זי קאן שוין היינט מעהר קיין איינגאנג ניט האבען און דערפאר וועט מוזען געבראכען ווערען איהר פרנסה. איהר צעטעל האט זי געשלאסען מיט די דאזיגע ווערטער: „איך בין דיר שוין מוחל די 4 קערבליך וואס איך האב אנגעווארען; חאפט דיך דער רוח מיט זיי אינאיינעם! אבער וואס האסט דו געהאט מבייש צו שטעלען די גביר'טע און אריינברענגען אין כעס דעם גביר'ס זוהן — די כפרה זאלסט דו זיין פאר „זיין“ מינדסטען נאגעל! וואס ביזט דו, וואס איז „ער“? דו ביזט א ווערגעלעס (הערקולעס) א פוסטעפאסניק, איין אנ'עטער שלעפער, און פון „איהם“ לעבט א שטאדט מיט ארימע לייט! דו ביזט א ליידיגגעהער און „ער“ וועט באלד ווערען א דאקטאר, אדער אפשר א גובערנאטאר!...“

ווי אזוי איז געווען ביי יצחק'ן אויפ'ן הארצען, און וואס האט ער געטראכט ?...

אויף מארגען איז ארויס א קלאנג אין שטעדטעל, אז פייגע דער סארוועקערס בן־יחיד איז אנטלאפען—מע ווייסט ניט וואו אהין!

ד.

פון יענער צייט זענען איבערגעגאנגען פינף יאהר.

ווער האט אין זינען געהאט פייגע די סארוועקע מיט איהר זוהן?

נאר איין ר' פייבוש דער שרייבער האט געוואוסט, אז יצחק פייגע'ס איז אין ק. אין דער גימנאזיע און וויל אויסשטודירען אויף דאקטאר. ר' פייבוש פלעגט איהם אבענטפערען אז פייגע איז ב"ה בהו"ש און זי בעט דעם וואס לעבט אייביג, דעם דיין אלמנות, אז ער זאל ניט צונעמען זיין גענאד פון דער פארלאזטער אלמנה און פארשפרייטען זיינע פליגעל אויף דעם קאפ פון איהר איינציגען זוהן אין די ווייטע לענדער און זי זאל זיך זעהען מיט איהם בעשיינפערליך אין גיכע צייטען — אמן סלה! און פון זיך פלעגט איהם ר' פייבוש צושרייבען א „שטיקעל מליצה" מיט גאנצע פסוקים פון תנ"ך און איהם דערמאנען, אז ער קומט ארויס פון אברהם יצחק ויעקב און פון א פאלק וואס האט תרי"ג מצות מיט א תורה און מיט נביאים און אזוי ווייטער, און צום סוף פלעגט ער איהם בעטען ער זאל זיין אזוי גוט און שרייבען איהם עפיס נייעס פון דער גרויסער שטאדט און פון דער מלחמה מיט דעם טערק. יצחק האט איהם צוליעב געטהון און ר' פייבוש האט געהאט וואס צו דערצעהלען אין קלויז בין מנחה למעריב. איין מאל האט פייגע געקריגען א בריעף פון יצחק'ן, אז ער וועט קומען צו איהר „צו גאסט" אויף דריי חדשים. פייגע האט גענוג ארויסגעקוקט און ר' פייבוש דער שרייבער פלעגט קומען אלע טאג צו פייגע'ן „אבגעבען שלום עליכם" איהר זוהן; עס איז אזוי אוועקגעגאנגען דריי חדשים און יצחק איז ניט געקומען און האט אפילו קיין בריעף ניט געשריבען. עס האט זיך עפיס געטראפען מיט איהם?—

גאר ניט! יצחק האט געהאט א קאנדיציע דעם זומער וואס ער האט בעדארפט אבגעבען דעם ענגליכען עקזאמען און אריינטרעטען אין דער אוניווערזיטעט, האט ער זיך געוואלט דורכפאהרען אהיים צו דער מוטער און האט איהר מודיע געווען מיט א בריעף, אז ער וועט זיין. יצחק האט די קאנדיציע געהאט, נאר קיין געלד האט ער ניט אב־גענומען און דערפאר האט ער ניט געקאנט פאהרען. ער האט איבער־געגעבען א גרוס צו דער מוטער מיט סאשא ראזענפעלד, ער האט מיט איהם צוזאמען געלערענט אלם חבר; סאשא האט פריהער פאר־געסען וועגען דעם גרוס, נאכדעם האט ער זיך דערמאנט און האט דערצעהלט זיין מוטער אז ער האט א גרוס איבערצוגעבען פייגע דער סארוועקע; רעבעקא האט געזאגט, אז זי וועט שיקען רופען צו זיך פייגע'ן, נאר נאכדעם האט זי זיך בעטראכט, אז עס פאסט עפים ניט, אז איהר סאשענקע זאל האבען צו טהון מיט דער סארוועקע — און דערווייל האט פייגע ניט געוואוסט וואס איבערצוטראכטען, און ר' פייבוש האט גערעכענט פאר קלאר אז מסתמא האט זיך איהם אין וועג עפים געטראפען: א קשיא היינטיגע צייטען?...

עס איז איבערגעלאפען נאך פיער יאהר — פיער שווערע, ביטערע יאהר פאר דער ארעמער מוטער, וואס האט איהר איינציגען טרייסט ניט געזעהן שוין באלד ניין יאהר און פיער שווערע, ביטערע יאהר פאר דעם ארעמען עלענדען סטודענט, וואס האט זיך ניין יאהר כסדר געבארעט מיט דעם הונגער און מיט דער קעלט — און ענדליך האט ער זיי בייגעקומען, און אט איז ער געקומען א היים מיט א דיפלאם אויף דאקטאר.

מיר האבען איהם שוין געזעהען ביי פייגע דער סארוועקע אין שטיבעלע דען דרייסיגסטען מאי אכצעהן יאהר.

גליקליכע מוטער, גליקליכער זוהן! אומגליקליכע מוטער, אומ־גליקגליכער זוהן!...

מע מוז זעהען, וואס ווייטער שטעהט! —

ה.

דער שאטען פון דעם גרויסען בוים מיט זיינע געדיכטע צווייגען האט אין גאנצען פארשטעלט דאס קליינע בוימעלע. איבער דעם טראסק פון דעם „גרויסען" דאקטאר ראזענפעלד האט מען ניט געקאנט הערען פון דעם „קליינעם" דאקטאר בעקערמאן.

אויך מיר א דאקטאר! ער געהט גאר צו פוס... ער פארשרייבט ניט קיין לאנגע און קיין טהייערע רעצעפטען... ער היילט מיט באבסקע רפואות... ער נעמט גאר א גילדען... ארימע לייט אומזיסט... און אמאל גיט ער צושטייער פון זיין קעשעניע אויף א רעצעפט... ער זיצט אמאל אב א גאנצע שעה ביי דעם חולה צוקאפענס... ער איז אזוי צוגעלאזט... ער האט אפילו זעהר א ווייך הארץ און איז א זעלטענער מענש — ער איז אבער פארט א „קליינער" דאקטאר!... ובפרט מיר קענען זיך איהם טאקע פון דעם שורש! זיין טאטע איז געוועזען איין איינבינדער און א קבצן אין ניין פאלעס!... און זיין מוטער — איז פייגע די סארוועריקע!... און ער אליין איז טאקי אויך א היבשער קבצן, לא עליכם!... און א קוק טהון אויף איהם איז עפים אויך ניט אזא טארעראם — גאר ניט — „א דאקטאריל" — א „קליין דאקטעריל"!...

וואס קאן מען טהון? צו זיין „גרויס" מוז מען זיך ארויפדראפען אויף הויכע שטעקענס; אבער ניט יעדער קאן זאך דראפען אויף זיי...

דער דאקטאר בעקערמאן האט זיך געדונגען אביסל א גרעסערע דירה און איז זיך געזעסען מיט דער מוטער צוזאמען. פייגע האט דאס „סארוועריי" אוועקגעווארפען און איז געגאנגען ארום איהר זוהן, ער איז ניט אין גאנצען געוועזען קיין געזונטער. די מלחמה מיט דער קעלט און מיט דעם הונגער האט ביי איהם אבגענומען א סך געזונד! דער דאקטאר האט אליין בעדארפט א דאקטאר!...

פינף גליקליכע יאהר זענען דורכגעגאנגען ביי דעם דאקטאר בעקערמאן מיט דער מוטער, האטש שולדיג איז ער תמיד געוועזען אז די האר זענען ניט געוועזען זיינע, און אפט מאל איז ניט געוועזען מיט וואס אין מארק ארויסצוגעהן, נאר דאס זענען אלץ אזעלכע צרות,

וואס מע לעבט זיי איבער און מע פארגעסט אן זיי, ובפרט אז עס האט זיך זיי פארגעשטעלט א גליק. וואס איז געווען דאס גליק? — א שידוך!

ר' נפתלי דער שדכן האט ניט געקאנט סובל זיין, וואס דער דאקטאר בעקערמאן זיצט ביז דרייסיג יאהר „א בחור"! ער פלעגט אפט זיין ביי פייגע'ן און לאנג אבּרעדען מיט איהר וועגען „יענעם" ענין, און האט איהר געהייסען אז זי זאל ארבייטען פון איין זייט און ער וועט שוין טהון פון דער אנדערער זייט. אזוי איז אוועקגעגאנגען נאך צוויי יאהר און ר' נפתלי איז אריינגעפאלען צו פייגע'ן מלא שמחה: ער האט א שידוך, א גליקליכען שידוך! א יונגע גרושה פון דריי און צוואנציג יאהר מיט פיערציג טויזענד רובעל נדן. פייגע האט איהם געענטווערט אז זי האט שוין געפועלט ביי יצחק'ן אז ער זאל חתונה האבען, און היינט וועט זי איהם איבערגעבען ר' נפתלי'ס ווערטער. אז יצחק איז געקומען אויף דער נאכט אהיים, איז ער געווען עפּעס אזוי פרעהליך און די אויגען האבען ביי איהם אזוי געגלאנצט, אז פייגע האט איהם ניט געקענט ניט פרעגען:

— וואס איז מיט דיר, יצחק? דו האסט זיך אוודאי געזעהען מיט ר' נפתלי דעם שדכן?

— ניין, מאמע.

— וואס־זשע ביסט דו אזוי פרעהליך, יצחק?

— איך וועל דיר דערצעהלען עפּעס א נייעס, מאמע!

— א נייעס? איך וועל דיר דערצעהלען א נייעס, יצחק!

— נא, דערצעהל מאמע.

— ניין; דערצעהל דו פריהער.

— ניין, מאמע; דערצעהל דו פריהער, נאכדעם וועל איך דיר דערצעהלען מיינס.

— רעכט! ר' נפתלי איז היינט געוועזן ביי מיר און האט דיר פארגעלעגט א גליקליכען שידוך...

— א גליקליכען שידוך?

— יָא, אַ יוּנְגֶע גְרוּשָׁה פוּן דְרַיי אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר מִיט פֶערְצִיג טוֹיזֶענְד רוּבְּל נְדַן!!!

יִצְחָק הָאט זִיךְ צוּלַאכְט אוּנ פַארְהוּסְט פַאר גֶעלֶעכְטֶער. עֶר הָאט אִיהר דֶערְצֶעהלְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַ חָתָן אוּנ נֶעמְט אַפִּילוּ אַ סַךְ וֶוינְצִיגֶער פוּן פִיעֶרְצִיג טוֹיזֶענְד רוּבֶּעל נְדַן, נָאר עֶר שֶׁעצְט זִיךְ גְלִיקְלִיךְ; אוּנ דֶערְפַאר אִיז עֶר. הַיינְט אַזוֹי פְרֵעהלִיךְ, וַוייל עֶרְשְׁט הַיינְט אִיז עֶר גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען פוּן זַיין גְלִיק...

ו.

דָאס מֵיידִיל, וָואס דֶער דָאקְטָאר בֶּעקֶערְמַאן הָאט הַיינְט גֶע־לִיעבְּט, אִיז פְרִיהֶער גֶעוֶועזֶען זַיין פַּאצִיעֶנְטֶקע; זִי אִיז גֶעוֶועזֶען גֶעפֶעהְרלִיךְ קְרַאנְק אוּנ עֶר הָאט זִי כִּמְעַט פוּן דֶעם טוֹיד אַרוֹיסְגֶערִיסֶען. שָׂרָה אִיז גֶעוֶועזֶען ר׳ פַּייבוּשׁ דֶעם שְׁרַייבֶּערְס אַ טָאכְטֶער. ר׳ פַּייבוּשׁ אִיז גֶעוֶועזֶען אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, הָאט אוֹיף אִיהם גָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוּנ הָאט אִיהם גֶע־שֶׁענְקְט שֶׁענֶע טֶעכְטֶער. מֶע פְלֶעגְט אִיהם צוּצָאהלֶען. דִי שֶׁענְסְטֶע פוּן אַלֶע טֶעכְטֶער אִיז גֶעוֶועזֶען שָׂרָה. אוֹיף אִיהר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועזֶען אַ סַךְ בַּעֲלָנִים אוּנ ר׳ פַּייבוּשׁ הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶענֶעהט אַ בַּייטֶעלֶע. פְּלוּצְלִים אִיז שָׂרָה פַארְשְׁלַאפְט גֶעוָוארֶען אוּנ דִי שִׁידוּכִים הָאבֶּען זִיךְ אַנִידֶערְ־גֶעשְׁטֶעלְט. כָּל־זְמַן ר׳ פַּייבוּשׁ הָאט נָאךְ גֶעהַאט מִיט וָואס צוּ צָאהלֶען, הָאט עֶר גֶערוּפֶען דֶעם „גְרוֹיסֶען" דָאקְטָאר רָאזֶענְפֶעלְד; נָאר אַז דִי קֶערְבְּלֶעךְ הָאבֶּען זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט, הָאט עֶר אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען צוּם „קְלֵיינֶעם" דָאקְטָאר בֶּעקֶערְמַאן אַ „מְלִיצָה"־בְּרִיוֶועל מִיט דִי דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער, וָואס מִיר זֶעצֶען אִיבֶּער פוּן הֶעבְּרֶעאִישׁ אוֹיף זַשַׁארְגָאן:

„וָואס אִיז דֶען דֶער מֶענְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט — אַז נִיט קֵיין וָוארֶעם וָואס קְרִיכְט אַרוּם אוֹיף דֶער עֶרְד? דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט אַלֶע זִיבֶּען הִימְלֶען, מִיט אַלֶע יַמִים אוּנ מִיט זֵייעֶרֶע אָבְּגְרוּנְטֶען זֶענֶען אִין דִי הֶענְד פוּן דֶעם שֶׁעפֶּער, פּוּנְקְט וִוי אַ שַׁארְבֶּען בַּיים טֶעפֶּער אוּנ וִוי אַ שְׁטִיקֶעל גְלָאז בַּיים גְלֶעזֶער, אוּנ מִיר מֶענְשֶׁען פְלֵיישׁ אוּנ בְּלוּט שְׁווִימֶען וִוי אַ דַאמְפְּשִׁיף אִין דֶעם בְּרֵייטֶען יַם אוּנ דִי חֲוָואלִים טְרָאגֶע

אונז אין זייערע פליגלען ווי איין אדלער אונטערען הימעל אונ מיר זענען געגליכען צו פארוויאלעט גראז, צו א שאטען וואס געהט איבער אונז, צו א חלום וואס פליהט אוועק! דרום בעט איך דיך, טהייערער פריינד מיינער, דאקטאר ר' יצחק בעקערמאן, וואס דיין נאמען איז בעקאנט אין אלע עקען פון דער וועלט מיט די ווייטע אינזלען — אין מזרח זייט אונ אין מערב זייט, אין דרום זייט אונ אין צפון זייט. וואס אלע דאקטוירים פון דער גאנצער וועלט קריכען ניט צו דיינע קניען אונ דיין קליין פינגעריל איז גרעבער פון זייערע לענדען, וואס דו טהוסט גרויסע וואונדערליכע זאכען, זאלסט דו זיך מטריח זיין קומען באזוכען מיין קלענסטע טאכטער שרה שתחי': וואס גאט'ס צארן האט זיך אויף איהר אויסגעגאסען אונ זי איז געפאלען צו בעט אונ שוין פון אכצען טאג איז קיין עסענווארג ניט געקומען אין איהר מויל אונ זי ליגט אין א העליש פייער אונ קאן שוין ניט דערקענען קיין געשטאלט פון דעם מענשענס פנים אונ איך האב מורא אז דאס וועט קומען איהר עק, חלילה! איל דיך אונ קום! אונ ברענג איהר א רפואה אין דיינע פליגעל אונ לאז די גאנצע וועלט וויסען אז עס איז ניטא צו דיר קיין גלייכען אונ עס וועט ניט זיין ביז אונזער אויס־לייזער וועט קומען, אונ אלע פעלקער וועלען זיך בענטשען אין דיין נאמען אונ דו וועסט ווערען „א בענטשונג" אונ דערפאר וועט גאט אבטהון פון דיר אונ פון אלע דיינע ליעבע יעדע קרענק, יעדע מכה אונ יעדע ווייטהיג אויף אייביג אונ אייביג — אמן סלה! פון מיר דייז ליעבהאבער וואס בוקט זיך צו דיר פון ווייטענס אונ שלאגט זיך אין דעם שטויב פון דיינע פיס אונ איז פארטיג צו דיענען דיר מיט'ן גאנצען הארצען —

פייבוש ב"ר גדליה קופערוואסער".

דער דאקטאר בעקערמאן, אז ער האט ערהאלטען דעם בריעף, איז ער געקומען צו ר' פייבוש'ן אונ האט געטראפען זיין טאכטער שרה אין א שרעקליכער לאגע. ער האט זי גענומען קורירען מיט אלע מיטלען אונ איז כמעט שוין פון דארט ניט ארויסגעגאנגען, ביז שרה איז צו

זיך גֶעקוּמֶען אוּנ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען גֶעזוּנְד וֶוערֶען. אִין צְוֵויי חֳדָשִׁים אַרוּם אִיז שׁוֹין שָׂרָה גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי פִּיס. אִין דְרַיי חֳדָשִׁים אַרוּם אִיז זִי שׁוֹין אַלֵיין אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען. וִוי אַזוֹי ר׳ פַּייבוּשׁ אִיז אִיהם גֶעוֶוען דַאנְקְבַּאר, קָאן מֶען פֶערְשְׁטֶעהֶן פוּן דֶעם גְרוֹיסֶען „מְלִיצָה-בְּרִיעף״, וָואס עֶר הָאט אִיהם אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף זֶעקְס בּוֹיגֶען פַּאפִּיעֶר פוּן אַלֶע זַייטֶען, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעגָאסֶען אִין גַאנְצֶען זַיין „מְלִיצָה״! אִין דֶעם בְּרִיעף זֶענֶען גֶעוֶוען מִזְמוֹרִים פוּן תְּהִלִּים גַאנְצֶע קַאפִּיטְלֶעך פוּן מִשְׁלֵי מִיט קֹהֶלֶת, שְׁטִיקֶער פִּיוּט מִיט מַחֲזוֹר אוּנ צוּם סוֹף הָאט עֶר אוֹיסְגֶעלָאזְט מִיט דִי דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער:

דוּ בִּיזְט אוּנְזֶער גָארְטֶען — אוּנ מִיר זֶענֶען דַיינֶע הִיטֶער·
דוּ בִּיזְט אוּנְזֶער הַארְץ — אוּנ מִיר זֶענֶען דַיינֶע פִּיס;
דוּ בִּיזְט בַּיי אוּנְז אַלְץ — אוּנ מִיר זֶענֶען... גָאר נִיט!

ז.

שָׂרָה אִיז גֶעזוּנְד גֶעוָוארֶען אוּנ יִצְחָק אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארֶען!...

עֶר הָאט לִיעבּ גֶעקְרִיגֶען שָׂרָה׳ן מִיט דֶער עֶרְשְׁטֶער, פַייעֶרְדִיגֶער לִיעבֶּע!

יִצְחָק הָאט זִיךְ לַאנְג גֶעבָּארֶעט; עֶר הָאט גֶעוואוּסְט, אַז פַאר אִיהם אִיז קֵיין תַּכְלִית נִיט חֲתוּנָה צוּ הָאבֶּען: עֶר הָאט זִיךְ קוּים אַלֵיין דוּרְכְגֶעשְׁלָאגֶען, הַיינְט פוּן וַואנֶען וֶועט עֶר לֶעבֶּען מִיט אַ וַוייבּ אוּנ דֶערְנָאךְ מִיט קִינְדֶער? דָאס הַארְץ מִיט דֶעם קָאפּ, דִי גֶעפִיהלֶען מִיט דֶעם שֵׂכֶל הָאבֶּען גֶעפִיהרְט אַ מִלְחָמָה צְווִישֶׁען זִיךְ עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים בִּיז דָאס הַארְץ הָאט גוֹבֵר גֶעוֶוען... דָאס הַארְץ אִיז דָאךְ שְׁטַארְקֶער!...

אַז יִצְחָק הָאט אוֹיפְגֶעדֶעקְט דֶער פְרֵיילֵיין שָׂרָה זַיינֶע גֶעפִיהלֶען מִיט זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען, אִיז זִי אִיהם גֶעפַאלֶען אוֹיפְ׳ן הַארְץ מִיט גֶעוֵויין: שָׂרָה הָאט אִיהם שׁוֹין לַאנְג לִיעבּ גֶעהַאט, נָאר זִי הָאט נָאר מוֹרָא גֶעהַאט צוּ קְלֶערֶען וֶועגֶען דֶעם; זִי הָאט נִיט פֶערְגֶעסֶען, אַז זִי אִיז אָרִים, נִיט גֶעבִּילְדֶעט אוּנ נָאר שֵׁיין. אִיז דֶען גֶענוּג שֵׁיינְקַייט אַלֵיין, אָהן בִּילְדוּנְג אוּנ אָהן גֶעלְד?...

יִצְחָק הָאט אִיהר פָארְגֶעשְׁטֶעלְט דִי פִינְסְטֶערֶע צַייט פוּן זַיין לֶעבֶּען: אַז עֶר אִיז אָרִים; אַז עֶר הָאט זֶעהר וִוינְצִיג פְּרַאקְטִיקֶע, אַז עֶר אִיז גָאר וִוינְצִיג אָנְגֶענוּמֶען אִין שְׁטֶעדְטִיל. שָׂרָה הָאט אִיהם גֶעעֶנְטְפֶערְט: „יִצְחָק! אִיךְ וִויל „דִיךְ" — אוּנ מֶעהר וִויל אִיךְ גָאר נִיט וִויסֶען!"...

* * *

אַיין אָרִים שְׁטִיבֶעל; אִין שְׁטִיבֶּעל עֶטְלִיכֶע בֶּעטְלֶעךְ, אַ טִישֶׁעל מִיט עֶטְלִיכֶע בֶּענְקְלֶעךְ. בַּיי דֶעם טִישׁ זִיצְט אַ גְרַייז-גְרוֹיֶער מַאן אִין דְרַייעֶן אַיינְגֶעבּוֹיגֶען, נָאר זַיין גֶעזִיכְט וַוייזְט אוֹיס, אַז עֶר אִיז מֶעהר נִיט אַלְט וִוי אַ יָאהר פִיעֶרְצִיג. אַקֶעגֶען אִיהם זִיצְט אַ יֶענֶע פְרוֹי מִיט אַ בְּלַאס גֶעזִיכְט; אוֹיף דִי הֶענְד צְווַיי קְלֵיינֶע קִינְדֶער; אָן דֶער זַייט זִיצְט זֶעהר אַיין אַלְטֶע פְרוֹי מִיט דוּנְקֶעלֶע אוֹיגֶען אוּנ בַּיי אִיהר אוֹיף דִי קְנִיע זִיצְט זֶעהר אַ שֵׁעֶן יוּנְגֶעלֶע פוּן אַ יָאהר אַכְט מִיט אַ בִּיכֶעל אִין דִי הֶענְד.

דָאס אִיז דֶער דָאקְטָאר בֶּעקֶערְמַאן.

— אַלֵיין קָאן מֶען אוֹיסְקוּמֶען מִיט גָאר נִיט — הָאט זִיךְ שָׂרָה אָנְגֶערוּפֶען; — שְׁלֶעכְט אִיז נָאר דָאס, וָואס אָט דִי דָאזִיגֶע...

— עֶרְגֶער פוּן אַלֶעס אִיז אָט דָאס אָ — הָאט יִצְחָק גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּנ הָאט אָנְגֶעוִויזֶען מִיט דֶעם פִינְגֶער אוֹיף דֶעם יוּנְגֶעלֶע וָואס אִיז גֶעזֶעסֶען מִיט אַ בִּיכֶעל אִין דִי הֶענְד. — מֶע דַארְף אִיהם גֶעבֶּען לֶערְנֶען אוּנ עֶס אִיז נִיטָא פַאר וָואס!...

— לָאז עֶר טְהוּן דָאס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטְהוּן! — הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען דִי אַלְטֶע פֵייגֶע.

— נֵיין, מַאמֶע! בֶּעסֶער לָאז עֶר וַואכְסֶען אַזוֹי, וִוע עֶר יִט וִויסֶען פוּן קֵיין גוּטֶס, אוּנ וֶועט שׁוֹין מִמֵילָא קֵיין שְׁלֶעכְטֶס אוֹיךְ נִיט וִויסֶען...

ח.

אִין אַ סַךְ יָאהרֶען אַרוּם...

יִצְחָק לִיגְט צוּ בֶּעט. דִי מִלְחָמָה מִיטְ'ן לֶעבֶּען הָאט אִיהם בַּייגֶע־

קוּמֶען... שָׂרָה וויינְט נִיט, נָאר אִיהר פָּנִים אִיז עֶרְגֶער ווִי בַּיי אַ טוֹיטֶען. אִין דֶעם צְווייטֶען חֶדֶר לִיגְט פֵּייגֶע אוּנ רַייסְט פוּן זִיךְ דִי גְרוֹיעֶ הָאר; פוּן אִיהרֶע בְּלִינְדֶע אוֹיגֶען גַעהֶען שׁוֹין נִיט קֵיין טְרֶעהרֶען... אוֹיפְ'ן בֶּעט בַּיי יִצְחָקְ'ן זִיצְט זַיין זוּהן חַיִים! עֶר אִיז שׁוֹין אַלְט אַכְטְצֶעהן יָאהר אוּנ אִיז שֵׁיין ווִי דִי וֶועלְט אוּנ גֶעזוּנְד ווִי אַ מוֹיעֶר. יִצְחָק גְלֶעט אִיהם זַיינֶע לַאנְגֶע שְׁוַוארְצֶע הָאר. חַיִים הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דָאס גִימְנַאזְיוּם אוּנ אִיז אַרַיין אִין דֶער אוּנִיוֶוערְזִיטֶעט. עֶר שְׁטוּדִירְט שׁוֹין נִיט אוֹיף דָאקְטָאר; עֶר ווִיל זַיין אַ יוּרִיסְט, אוּנ מֶע זָאגְט, אַז עֶר וֶועט זַיין אַ גֶערִיהמְטֶער אַדְוָואקַאט. עֶס קָאן זַיין! — ווִיפִיעל וַואסֶער וֶועט אָבֶּער אִיבֶּערְלוֹיפֶען בִּיז יֶענֶער צַייט?...

יִצְחָק בֶּעקֶערְמַאן אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען. עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַיין שָׂרָה'ן אַ גְרוֹיסֶע „יְרוּשָׁה".

דִי „יְרוּשָׁה" אִיז גֶעוֶוען — חַיִים...

צִי חַיִים וֶועט זַיין גְלִיקְלִיכֶער פוּן יִצְחָקְ'ן? דָאס קָאנֶען מִיר נִיט ווִיסֶען.

דָאס וָואס אִיז גֶעוֶוען — הָאבֶּען מִיר גֶעזֶעהֶען, דָאס וָואס עֶס „ווֶעט" זַיין — „וֶועלֶען" מִיר זֶעהֶען...

בלומען

(צעהן קליינע מעשה׳לעך).

אינהאלט:

א) פונ׳ם בארג סיני.

ב) כותל מערבי.

ג) אברהמ׳על.

ד) דער אוצר.

ה) איין עוות!

ו) איינגעטהיילט זיך.

ז) צוויי נשמה׳לעך.

ח) איך שעם זיך.

ט) עק וועלט.

י) מלאך המות.

א.

פוּנ׳ם באַרג־סיני

בּײַ אוּנז אִין מאַזעפּעווקע, פוּן יענער זײַט בּית־מדרש, שטעהט אַ בּאַרג, אַ הויכער בּאַרג, הויך בּיז דער חמאַרע, בּיז׳ן הימעל.

אַזוֹי האָט ער מיר אויסגעוויזען אִין יענער צײַט, ווען מיר האָבּען געלערענט אין חדר, און גערופען האָבּען מיר איהם „באַרג־סיני".

אין אַ שיינעם זומערטאָג, גאַנץ פריה, זענען מיר, חבֿרה, צעהען חדר־יונגלעך, נאָך יונגע קינדער, געגאַנגען, מיט די הייליגע ספרים הינטער די אָרעמס און מיט די אָנבּייסענס אין די הענד, אין חדר אַרײַן.

די זון האָט נאָר וואָס אָנגעהויבּען אַרויסצוגעהן „פון איהר פוטערפאַס" און האָט צעגאָסען איהרע מילדע גילדענע שטראַהלען אויף דעם שפּיץ באַרג.

און דער בּאַרג איז געווען בּעדעקט מיט טוי, מיט ראָסע, און די ראָסע האָט געבּלישטשעט, ווי דימאַנטען; ווי פּערעל זענען גע־האַנגען די טראָפּען. ריין, מחיה ריין, איז געוועזען די לופט, אַזוֹי ריין ווי איהר קאָנט זיך נאָר פאַרשטעלען.

איבּערראַשט, פאַרכּשופ׳ט זענען מיר געווען מיט׳ן דאָזיגען געטליכען אויסזיכט פוּנ׳ם דאָזיגען געטליכען פריהמאָרגען.

— ווייסט איהר וואָס, חבֿרה? האָט זיך איינער פון אונז אָנ־גערופען — ווייסט איהר וואָס, חבֿרה? לאָמיר נאָר אַרויפגעהן אויפ׳ן באַרג־סיני!

— ווייסט איהר גאָר וואָס, קינדער? — האָט זיך אָנגערופען נאָך איינער — לאָמיר מאַקי אַרויפקריכען אויפ׳ן באַרג־סיני. מיר זענען אויף איהם נאָך קיין מאָל ניט געוועזען!

און מִיר הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע גֶענוּמֶען דְרַאפֶּען אַרוֹיף אוֹיפְ'ן בַּארְג־סִינַי. אוֹיף אַלֶע פִיעֶר, אוֹיף דִי הֶענְד מִיט דִי פִּיס, זֶענֶען מִיר אַלֶע מִיט חֵשֶק גֶעקְרָאכֶען אוֹיפְ'ן בַּארְג־סִינַי.

און אַז מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ־בַּארְג און הָאבֶּען אַ קוּק גֶעטְהוּן אַרָאפּ, אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד, זֶענֶען מִיר פַארְצִיטֶערְט גֶעוָוארֶען.

אַזוֹי הוֹיךְ זֶענֶען מִיר גֶעוֶועזֶען פוּן דֶער עֶרְד, אַזוֹי קְלֵיין הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעוִויזֶען דִי עֶרְד.

— וואו זֶענֶען מִיר, קִינְדֶער, וואו זֶענֶען מִיר?

— וואו זֶענֶען מִיר זָאגְסְט דוּ? אִינְטֶער דֶער חֲמָארֶע.

— אִינְטֶער דֶער חֲמָארֶע זָאגְסְט דוּ? הֶעכֶער פוּן דֶער חֲמָארֶע!

— הֶעכֶער, הֶעכֶער; — אִינְטֶערֶען הִימֶעל!

— אִיהר זֶעהט דֶעם בֵּית־מֶדְרָש, קִינְדֶער? דֶעם בֵּית־מֶדְרָש זֶעהט אִיהר?

— יָא, קוּם־קוּים, וִוי אַ קְלֵיין שְׁטִיבֶּעלֶע דִי גְרוֹיס.

— וִוי אַ שְׁטִיבֶּעלֶע, זָאגְסְט דוּ? וִוי אַ טִישֶׁעל דִי גְרוֹיס, וִוי אַ בֵּיינְקֶעלֶע.

— וִוי אַ בֵּיינְקֶעלֶע, זָאגְסְט דוּ? וִוי דִי גְמָרָא דִי גְרוֹיס, וִוי מַיין סִידוּר.

— וִוי דַיין סִידוּר'ל, זָאגְסְט דוּ? וִוי אַיין אֵיי, וִוי אַ וֶועלְשֶׁער נִיסֶעל.

— וִוי אַ נִיסֶעל, זָאגְסְט דוּ? וִוי אַ פַּאסָאלִי, וִוי אַיין אַרְבֶּעסִיל.

— וִוי אַיין אַרְבֶּעסִיל? וִוי אַ מָאהְנְדִיל, וִוי אַ מִילְב, וִוי אַ... אַ... אַ...

און ס'אִיז בַּיי אוּנְז אַלֶע גֶעבְּלִיבֶּען דֶער הֶסְכֵּם מִיר זָאלֶען זִיךְ אוֹיסְצִיהֶען אוֹיבֶּען אוֹיפְ'ן בַּארְג מִיט דִי פֶּנִימֶ'ער אַרוֹיף.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטַארְק אַיינְגֶעקוּקְט אִין בְּלָאהֶע הִימֶעל און מַיינֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען דֶעם הִימֶעל צוּ זִיךְ צוּגֶעצוֹיגֶען, אַלְץ נֶעהֶנְטֶער

און נעהינטער, אַזוי לאַנג בּיז איך האָב איהם צו זיך צוגעצויגע־ נאָהינט, גאַנץ נאָהינט.

אַזוי נאָהינט, אַז איך האָב די האַנד אויסגעצויגען און האָב מיט מיינע פינגער זיך צוגעריהרט צום הימעל, צום קאַלטען הימעל, זיך צוגעריהרט, אָנגענומען, אָנגעטאַפּט, געהאַלטען, געהאַלטען, געהאַלטען...

ניט נאָר די אויגען אַליין זענען געווען אין הימעל; מיין נשמה, מיין האַרץ, מיין גוף, מיין גאַנצער „איך" — איך בּין אינגאַנצען, איינ־ גאַנצען געווען דאָרט אויבען אין הימעל.

איך בּין געווען אין הימעל און האָב געזעהען מלאָכים. מיט די ווייסע בּרייטע פליגלען זענען די מלאָכים געשווימען אינטער'ן בּריי־ טען בּלאָהען הימעל; זיי האָבען זיך געוויגט און געוויגט, געשוועבּט און געשוועבּט—און געשטאַנען אויף איין אָרט. פון זייער וויגען זיך און פון זייער שוועבּען זענען געגאַנגען זיסע זעלטענע קולות; סע האָט זיך געזונגען און געזונגען, אַזוי שטיל געזונגען, אַזוי שען גע־ זינגען, אַזוי זיס געזונגען, ווי די כּהנים מיט די לוים, ווי דער „אָרגעל" אין בּית המקדש, בּיי יודען פאַרצייטענס, ווי סע שטעהט בּיי אונז אין הייליגע ספרים געשריבּען.

און אַ גרינג, קיהל ווינטעלע איז פערבּיי מיר דורכגעלאָפען, און האָט מיך עטוואס, קוים־קוים אָנגעריהרט אין שטערען. און אַ טהייערער ריח, אַ ריח פון'ם גן־עדן איז פערבּיי מיר דורכגעגאַנגען און מיינע אויגען האָבּען זיך צוגעמאַכט, צוגעמאַכט...

— אין חדר אַריין! שקצים, עכבּרושים, הולטאַיעס! אין חדר אַריין, ימח־שמו'ניקעס! האַרט, שיבּעניקעס, איה וועל אייך שוין צו־ שטעלען, ליידאַקעס, אַ בּיינקעלע צום רבּין! אין חדר אַריין פוסטע־ פאַסניקעס, כּל־בּו'ניקעס, אין חדר אַריין!

דאָס איז געוועזען דער שמש פון בּית המדרש, ר' יקותיאל

דער שמש, א בעזער ייד מיט א צופלעצטער נאז און מיט א שטענ־
דיגען לולקע־ציבוק אין די ציהן.

און מיר זענען מיט אמאל אראפגעפאלען פונ'ם הימעל אויף
דער ערד.

ב.

כותל מערבי

די איבערגעבליבענע וואנט פונ'ם בית־המקדש

— דערצעהלט זשע מיר, איך בעט אייך, אקוראט. האט איהר היימט דאס, אליין געזעהען מיט אייערע אייגענע אויגען די „כותל מערבי״? אזוי הייסט דאס? האט איהר זי גוט געזעהען? דערצעהלט זשע מיר, ווי אזוי, און וואס, און ווען?...

אזוי האט מיין רבי זיך אנגערופען צו א יודען, וואס איז גאר וואס געקומען צוריק פון ארץ־ישראל, פון ירושלים.

— זאגט זשע מיר, איך בעט אייך, מאהלט מיר אויס אקוראט, ווי אזוי, און וואו, און וואס, און ווען?

דער ירושלים־יוד האט איהם אויסגעמאהלט אקוראט, ווי אזוי און וואו און וואס און ווען, און מיין רבי האט געשלונגען די ווערטער, אנגעקוועלט, געווארען בּרייטער ווי לענגער, ווי א מענש, וואס געמט אפּ א גרים פון א נאהענטען מענשען אין א ווייטער מדינה.

דער רבי האט זיך אזוי שטארק איינגעקוקט אינ'ם ירושלים־יוד, אז ער האט גאר ניט בעמערקט, ווי מיר, חברה, האבען זיך איינ־ציגווייז ארויסגערוקט פונ'ם טיש, און האבען זיך ארויסגעגנב'עט אין דרויסען ארוים, און האבען געכאפּט א גליטש אויפ'ן אייז.

אז מיר זענען געקומען צוריק אין חדר אריין, האבען מיר נאך געטראפען זיי זיצען.

— כותל מערבי! — האט דער רבי געזאגט צום ירושלים־יוד— כותל מערבי! אט דאס איז אונז פארבליבען פון אונזער גאנצען בית־המקדש, פון אונזער גאנצער מלוכה! כותל מערבי! כותל מערבי!...

און דער רבי האט זיך צעוויינט.

אַבְרָהמ'על.

אַיך האָב זיך מיט זיי באַגעגענט, זענען זיי ביידע צוזאַמע־אַלט געוועזן כמעט צוויי הונדערט יאהר.

— אַבְרָהמ'על! מיר האָבען אַ גאַסט.

— װער איז?

אונ דאָס פּאָרפאָלק פון צוויי הונדערט יאהר האָבען מיך אויפגענומען מיט פרייד, מיט פערגניגען.

אונ איך האָב ביים פּאָרפאָלק פון צוויי הונדערט יאהר פאַרבראַכט די צייט מיט פרייד מיט פערגניגען.

ביידע נידעריגע, ווייסע ווי געפאַלענער שניי אָהן צייהן, איינגעבויגענע, נאָר פרעהליכע, ציכטיגע, לעדיגע, ווייזען אויס ווי ברודער אונ שוועסטער, ניט ווי מאַן אונ ווייב.

— איך געדענק נאָך אַייער זיידען, אייער עלטער זיידען; געוועזן אַ וואוילער יוד, נאָר אַ וואוילער, אָבער טאַקי יאָר אַ וואוילער, ניט אַזוי ווי היינטיגע יודען, ניין, אָבער טאַקי גאָר ניין! מיר האָבען זיך בעקענט מיט איהם, אַ פּנים וואו האָבען מיר זיך בעקענט מיט אייער עלטער זיידען?...

ער שאַמקעט מיט די ליפּען אונ דערציילט מיר אַלטע מעשיות פון אַמאָליגע יאהרען, אונ דערמאָהנט ער זיך אָן יענע יאָהרען, ווערט ער ווי מונטערער, פרישער, יונגער.

— הער נאָר, סערדצע! זאָגט ער צו דער אַלטיטשקער, געדענקסט ניט, נשמה מיינע, ווי אַזוי האָט געהייסען דער פריץ, וואָס זיין עלטער־עלטער־זיידע האָט פון איהם געהאַלטען די אַרענדע דאָ, סערדצע?

— פאן פרזשעשרזשאנסקי, זאגט זי, אברהמ'על. פאן פרזשעשרזשאנסקי האט ער געהייסען.

— יא, ביסט געדעכט, סערדצע, ביסט גערעכט; פאן פרזשעשרזשאנסקי האט ער געהייסען.

און זיי פייפען אוים מאדנע דעם דאזיגען נאמען מיט'ן צונג.

— דאס האט בעדארפט זיין, סערדצע, ניט זעהר לאנג; א יא? ווי מיינסט דו, סערדצע?

— נישט לאנג. אברהמ'עלע, נישט לאנג; א יאהר... א יאהר זעכציג אדער זיבעציג, נישט מעהר, נישט מעהר ווי א יאהר זיבעציג, ענטפערט איהם די אלטיטשקע.

און דער אלטער יונגערמאנטשיק דערצעהלט מיר אלערליי מעשיות, אנגעקדאטען, ביז שפעט-שפעט אין דער נאכט אריי.

— קום שוין, אברהמ'ניו, קים שוין שלאפען!

און די אלטיטשקע נעמט דעם אלטען און פיהרט איהם אב פאר א האנד שלאפען. ווי מע פיהרט אב א קליין קינד, און אין עטליכע מינוט ארום קומט זי אריין צו מיר שוין אליין, אביסעל אויסגעטהון, מיט א ווייסען אנגעקראכמעלטען שלייער אויפ'ן קאפ און מיט עטליכע שפילקעס אין מויל. זי זעצט זיך צו צו מיר אביסעל שמועסען, און מיר שמועסען ווידער א היבשע ווייליע און מיר קענען זיך גאר זאט ניט אנרעדען; דאס הייסט, ניט איך רעד: זי רעדט, די אלטיטשקע רעד, און איך הער זי אוים.

— איהר קאנט זיך גאר ניט פארשטעלען — זאגט זי צו מיר, אנגעשפארט אויף די אויסגעטרוקענטע עלענבויגענס — איהר קאנט זיך גאר ניט פארשטעלען, ווי שוואך מיין אברהמ'על הויבט אן צו ווערען די לעצטע צייט. איין איבריגע האלבע שעה לאז ער זיצען ביי דער נאכט, ווערט ער מיד און מוז געהן שלאפען; גאר למאי זאל איך זינדיגען? א דאנק גאט דערפאר. קיין סך אברהמ'לעך, ווי מיין אברהמ'על, איז ניט דא. איך האב נאך פון איהם קיין איינציג מאהל חלילה, קיין אומכבוד נישט געהאט, קיין קרום ווארט ניט געהארכט,

פון דער ערשטער שעה נאך דער חופה ביז היינטיגען טאג צו הונדערט און צוואנציג יאהר. למאי זאל איך זאגען? איך האב צו איהם גאר ניט, איך האב צו איהם גאר ניט, און מיר לעבען זיך, ברוך השם צו פריעדען, ווי גאט האט געבאטען, און צום אויבערשטען קיין טענות האבען מיר אויך ניט. ער פיהרט אונז אוים פון כמה יאהרען, און מיר דארפען, חלילה, צו לייטען ניט אנקומען, און קיין פרעמדס האבען מיר נאך קיין מאל ניט פארנומען, געלויבט איז גאט ב"ה...

— נו, און אייערע קינדער?

— מיינע קינדער?... עך־עך־עך! גאט ב"ה האט מיך גע־שטראפט, אויסגעשטארבען אלע קינדער... איינקלעך האבען מיר געלויבט דער אויבערשטען, אור־איינקלעך און אור־אור־איינקלעך קיין עין הרע ניט... נאר קיין קינדער נישטא; אלע אויסגעשטארבען.

די אלטיטשקע האט זיך פארטראכט.

אין א מינוט ארום רופט זי זיך אן צו מיר:

— וואס זאגט איהר עפים אויף איהם?

— אויף וועמען?

— אויף מיין אברהמ'לען.

איך האב נישט געקאנט פארשטעהן, וואס זי מיינט דערמיט, האב איך נאר א שמייכעל געטהון און האב איבערגעטראגען אונזער שמועס אויף איין אנדער ענין.

מיר האבען נאך לאנג — לאנג פארבראכט; מיר האבען גע־רעדט וועגען אלערליי זאכען און וועגען פארשידענע לייט; נאר מעהר און אפטער פון אלע האט זיך געדרעהט ביי איהר אויפ'ן צונג אברהמ'על, איהר אברהמ'על.

אברהמ'על איז געווען א ביישפיעל אויף יעדען אופן, א פאר־גלייכען צו יעדען מענשען. אברהמ'על! אברהמ'על! אברהמ'על!

עס האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז סע זיצט אקעגען מיר א

ווײבּעל, אַ יונג װײבּעל, ניט קײן אַלטע ייִדינע פֿון קרוב צו הונדערט יאָהר.

איך װאָלט אַ בּעל'ן זײן װיסען, װאו איז אַצונד דאָס דאָזיגע פּאַריל ?...

ד.

דֶער אוֹצָר.

אוֹיף יֶענֶער זַייט בַּארג, אוּנְטֶערְן אַלְטֶען בֵּית־הַמִדְרָשׁ, גֶעפִֿינְט זִיךְ אַיין אוֹצָר.

אַזוֹי הָאט מֶען גֶעשְׁמוּעֶסְט בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְדְטִיל.

נָאר קוּמֶען צוּם אוֹצָר אִיז נִיט אַזוֹי גְרִינְג; אַז אַלֶע יוּדֶען אִין שְׁטֶעטְדְטִיל וֶועלֶען לֶעבֶּען בְּשָׁלוֹם, אוּנ וֶועלֶען זִיךְ נֶעמֶען אַלֶע אִיהם זוּכֶען דֶעמָאלְט וֶועט מֶען אִיהם גֶעפִֿינֶען.

אַזוֹי הָאט מֶען גֶעשְׁמוּעֶסְט בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְדְטִיל.

אוּנ אַז אַלֶע יוּדֶען וֶועלֶען לֶעבֶּען צוּפְֿרִידֶען, עֶס וֶועט נִיט זַיין קֵיין קִנְאָה בַּיי יוּדֶען, קֵיין שִׂנְאָה, קֵיין קְרִיעג, קֵיין לָשׁוֹן הָרָע, קֵיין רְכִילוּת אוּנ מֶע וֶועט זִיךְ נֶעמֶען אַלֶע, וֶועט מֶען אָבְזוּכֶען דֶעם אוֹצָר, אוּנ אַז נִיט וֶועט עֶר אַרַיין טִיעף — טִיעף אִין דֶער עֶרְד אַרַיין...

אַזוֹי הָאט מֶען גֶעשְׁמוּעֶסְט בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְדְטִיל אוּנ מֶע הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען זוּכֶען דֶעם אוֹצָר, דֶער דָא אוּנ דֶער דָארְטֶען, אוּנ מֶע הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען זִיךְ צוּ שְׁפַּארֶען אוּנ אִיבֶּערְשְׁפַּארֶען, צוּ אַמְפֶּערֶען זִיךְ אוּנ צוּ וֶוערְטֶלֶען זִיךְ, צוּ זִידְלֶען אוּנ צוּ קְרִיעגֶען זִיךְ, וָואס וַוייטֶער אַלְץ מֶעהְרֶער, אַלְץ שְׁטַארְקֶער אוּנ אַלְץ אִיבֶּערְ'ן אוֹצָר; דֶער הָאט גֶעזָאגְט: עֶר דַארְף זַיין דָא, דֶער הָאט גֶעזָאגְט: דָארְטֶען, אוּנ מֶע הָאט נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט זִיךְ צוּ שְׁפַּארֶען אוּנ אִיבֶּערְשְׁפַּארֶען, צוּ אַמְפֶּערֶען זִיךְ אוּנ צוּ וֶוערְטֶלֶען זִיךְ, צוּ זִידְלֶען אוּנ צוּ קְרִיעגֶען זִיךְ, וָואס וַוייטֶער אַלְץ מֶעהְרֶער, אַלְץ שְׁטַארְקֶער אוּנ אַלְץ אִיבֶּערְ'ן אוֹצָר — אוּנ דֶער אוֹצָר... הָאט גֶעזוּנְקֶען אַלְץ טִיעפֶֿער אוּנ טִיעפֶֿער אִין דֶער עֶרְד אַרַיין.

ה.

אַײן עַזות!

אויף דֶער עֶרְד איז עֶר גֶעזֶעסֶען, אויף דֶער עֶרְד, בַּײ דֶער טִיר פון דֶער שול. עֶר איז גֶעזֶעסֶען און הָאט גֶערֶעכֶענְט דִי גְרָאשֶׁענְס גֶעצֵעהלְט דִי פְּרוטות, וָואס עֶר הָאט דורְכְ'ן טָאג גֶעמַאכְט צוּנוֹיפְגֶעקְלִיבֶּען.

צְוֵוײ מָאל אִין וָואךְ, מָאנְטָאג און דָאנֶערְשְׁטָאג, גֵעהט עֶר אִיבֶּער דִי הַײזֶער! פְּרוטות גֶעמְט דֶער אָרֶעמֶער אָרֶעמַאן בַּײ דִי רַײכֶע אָרֶעמֶע לַײט, דִי צְוֵוײ טֶעג זֶענֶען רַײכֶע.

ווִי לִיכְטִיג שַׁײנְט דִי זון, ווִי וַוארֶעם זֶענֶען אִיהרֶע שְׁטְרַאהלֶען! אֵײן הַאנְט הַאלְט עֶר אִין בוזֶעם, און אִין דֶער אַנְדֶערֶע — הַאלְט עֶר דִי גְרָאשֶׁענְס, דִי פְּרוטות. עֶר וַוארְפְט זֵײ און קְלִינְגְט מִיט זֵײ: עֶר צֵעהלְט זֵײ און רֶעכֶענְט זֵײ. פְּלִיצְלוּם...

וֶוער פָאהרְט דָאס אִין דֶער דָאזִיגֶער קַארֶעטֶע זֶעקְס פֶּערְד גֶעשְׁפַּאנְט? אַ! דָאס איז דֶער גְרַאף פוּנְ'ם שְׁטֶעדְטִיל.

דִי פֶערְד טְרָאגֶען דִי קַארֶעטֶע, און דֶער שְׁטוֹיבּ גֵעהט נָאךְ ווִי צְוֵוײ וָואלְקֶענְס, בַּײ דִי זַײטֶען.

דֶער שְׁטוֹיבּ הָאט אִיהם אַבִּיסֶעל פַארְשָׁאטֶען דִי אוֹיגֶען מִיטְ'ן מוֹיל און הָאט אִיהם נָאוֹיף צְוֵוײ מִינוּט פַארְשְׁטֶעלְט דִי שַׁײן פון דֶער לִיכְטִיגֶער זון.

— אַבִּיסֶעל אֵײן הָעָזָה! אַײן עַזות פון אַ גְרַאף! — הָאט עֶר אַ מוּרְקֶע גֶעטְהוּן זִיךְ אִין בָּארְד אַרַײן — און הָאט זִיךְ ווִידֶער גֶענוּמֶען צוּ דֶער אַרְבַּײט, רֶעכֶענֶען דִי גְרָאשֶׁענְס, צֵעהלֶען דִי פְּרוטות...

ו.

אײַנגעטײלט זיך.

הײַנט איז געװאָרען אַ מאָדע: „חֶבְרות", „חֲדָרִים", „שקאָלעס", סאַנאַטאָריע. אַמאָל האָבען מיר דערפון גאָר נישט אָנגעהויבען צו װיסען.

געשטאָרבען אײן אָרעמאַן און איבערגעלאָזט אַ טוץ קינדער־יְתוֹמִים — חאָטש נעם װאַרף זײ אַרײַן אין װאַסער אַרײַן! מאַלט אײַך, עס רעדט זיך נאָר אַזוי; עס האָט זיך נאָך נישט געמאַכט מע זאָל נעמען לעבעדיגע נפָשות און װאַרפען זײ אין טײַך אַרײַן; עס רעדט זיך נאָר אַזוי...

אַזוי װי הײַנט געדענק איך. כּתריאל דער װאַסערפיהרער איז געשטאָרבען און באַלד נאָך איהם איז געשטאָרבען זײַן װײַב כּתריליכע און ס'איז געבליבען פון זײ אַ היבּש ביסעל קינדער, אָהן אַ טאַטען, אָהן אַ מאַמען, אָהן אַ װינקעל, אָהן אַ שטיקעל ברויט — אַ גְװאַלד, אַ גְװאַלד, חושך איז געװאָרען אין שטאָדט, חושך צװישען די אָרעמע לײַט. — רוֹצחים! גַזלָנים! קוילערס! װאָס שװײַגט מען? װי לאָזט מען דאָס אַזוי פיעל נפָשות אויסגעהן פון הונגער? פאַר װאָס טהוט מען עפּיס נִיט? װאו זענען די נגידים אונזערע? די גבירים?

די נגידים, די גבירים זענען געװעזען פאַרנומען מיט זײערע געשעפטען און די אָרעמע לײַט האָבען נִיט אויפגעהערט צו פּילדערען און צו ליאַרמען, אַזוי לאַנג ביז ס'איז געקומען אויף דער נאַכט, האָט מען געמאַכט בײַם רב אײן אסיפה און ס'איז געבליבען מען זאָל זיך מיט די קינדער אײַנטײלען.

אָט דאָ איז ערשט געװאָרען דער רעכטער געפּילדער: בעלנים אויף אַזא גרויסער מִצוה זענען געװעזען אַ סך און קינדער סך־הכּל זיבּען.

ז.

צְוֵויי נְשָׁמָה'לֶעךְ.

— שוין פַּארְטִיג בַּיי דִיר דָארְט אַלְסְדִינְג? נֶעם אָפּ דִי צְוֵויי אוּנְטָערגְזִיי אַרָאפּ אַהִין, אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּנ קוּם בַּאלְד צוּרִיק.

אַזוֹי הָאט גָאט בָּרוּךְ הוּא גֶעזָאגְט צוּם מַלְאָךְ, אָנְוַוייזֶענְדִיג אִיהם אוֹיף צְוֵויי זִינְדִיגֶע נְשָׁמָה'לֶעךְ.

אוּנ דֶער מַלְאָךְ הָאט גֶענוּמֶען דִי צְוֵויי זִינְדִיגֶע נְשָׁמָה'לֶעךְ אוּנְטֶער דִי פְּלִיגֶעל אוּנ הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט מִיט זֵיי אוֹיף דֶער עֶרְד.

אוּנ דִי נַאכְט הָאט פַאַרְשְׁפְּרֵייט אִיהרֶע שְׁוַוארְצֶע פְּלִיגֶעל אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּנ ס'אִיז גֶעוֶועזֶען פִינְסְטֶער.

אוּנ אַ קַאלְטֶער ווִינְט אַ שְׁטַארְקֶער ווִינְט הָאט גֶעדְרֵעהט אוּנ גֶעבְּלָאזֶען דוּרְךְ דִי פֶּענְסְטֶער, דוּרְךְ דֶער טִיר, דוּרְךְ דִי וֶוענְט פוּן אַ קְלֵיין־אַיינְגֶעהוֹיקֶערְט שְׁטִיבֶּעל; אִינ'ם קְלֵיין־אַיינְגֶעהוֹיקֶערְט שְׁטִיבֶּעל, אוֹיף שְׁטְרוֹי גֶעבֶּעט, לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אַיין אוֹיסְגֶעטְרוּקֶענְט ווַייבֶּעל; דָאס ווַייבֶּעל לִיגְט אוּנ קַאטְשֶׁעט זִיךְ; זִי קַאטְשֶׁעט זִיךְ — זִי גֵעהט צוּ קִינְד.

אוּנ אַ קַאלְטֶער ווִינְט, אַ שְׁטַארְקֶער ווִינְט הָאט גֶעדְרֵעהט אוּנ גֶעבְּלָאזֶען אוּנ הָאט נִיט גֶעקָאנְט דוּרְךְ בְּלָאזֶען דִי גֶעמוֹיעֶרְטֶע וֶוענְט מִיט דִי הוֹיכֶע טִירֶען אוּנ פֶּענְסְטֶער פוּן אַ שֵׁיין־רֵייךְ הוֹיז. אִינ'ם שֵׁיינֶעם רֵייכֶען הוֹיז, ווֵייךְ גֶעבֶּעט, גוּט גֶעבֶּעט, מִיט אַטְלֶעס אוּנ מִיט זֵייד, לִיגְט אַ גֶעזוּנְטֶע אַ שֵׁיינֶע פְרוֹי; דִי גֶעזוּנְטֶע שֵׁיינֶע פְרוֹי לִיגְט אוּנ קַאטְשֶׁעט זִיךְ; זִי קַאטְשֶׁעט זִיךְ — זִי גֵעהט צוּ קִינְד.

אוּנ דֶער מַלְאָךְ הָאט אִין דֶער גִיךְ אַהֶער אַרַיין גֶעלָאזְט דִי צְוֵויי נְשָׁמָה'לֶעךְ.

— גֵעהט, קִינְדֶערְלֶעךְ — הָאט עֶר צוּ זֵיי גֶעזָאגְט — גֵעהט בְּרִידֶערְלֶעךְ, קוּמְט אָפּ אַבִּיסֶעל אוֹיף דֶער וֶועלְט!

און ס'איז אין דער דאזיגער נאכט געבאָרען צוויי יינגעלעך איינס אויף דער ערד, אויף שטרוי, — אויף הונגער, אויף דחקות אויף צרות — אַ פּיקערעל, אַיין עסערעל, אַיין איבעריג'ס אויף דער וועלט; און דאָס אַנדערע — אויף אַטלעס און אויף זייד, אויף פרייד, אויף גוטס, אויף גליק, אויף לאַקעטקעס, אויף זאַבאַווקעס, צו געניסען פון דער וועלט.

— היתּכן? האָט דער מלאך געפרעגט ביים רבונו של עולם, איז טאַקי רעכט אַזוי? דעם גאָר און דעם גאָר ניט? דעם שטרוי און דעם אַטלעס? דעם לאַקעטקעס און דעם דחקות?

— קוק אַראָפּ און שווייג! האָט איהם געענטפערט דער האַר פון דער גאַנצער וועלט.

עס איז איבערגעלאָפען צוואַנציג יאָהר.

און די נאַכט האָט פאַרשפּרייט איהרע שוואַרצע פליגעל אויף דער ערד און ס'איז געוועזען פינסטער.

און אַ שטאַרקער ווינט, אַ קאַלטער ווינט האָט געדרעהט און געבלאָזען דורך די פענסטער, דורך דער טיר, דורך די ווענט פון אַ קליין איינגעהויקערט שטיבעל; פונ'ם קליין אַיינגעהויקערט שטיבעל הערט זיך אַ קול, אַ וויינענדיג קול:

— רבש"ע! ליבער גאָטט! נעם אָן מיין געבעט, הער צו מיין געוויין; שיק מיר דעם טוידט, נעם מיך צו פון דער וועלט — איך קאָן זיך שוין מעהר דאָ ניט מוטשען! —

— ניין, לעב נאָך, לעב נאָך, מוטשע זיך, — לעב לאַנג, לעב לאַנג, מיין קינד!...

און אַ שטאַרקער ווינט, אַ קאַלטער ווינט האָט געדרעהט און געבלאָזען און האָט ניט געקאָנט דורך — בלאָזען די געמויערטע ווענט מיט די הויכע טירען און פענסטער פון אַ שיין רייך הויז; פונ'ם שיין נעם רייכען הויז הערט זיך אַ קול, אַ וויינענדיג קול:

— רבש"ע! ליבער גאָטט! נעם אָן מיין געבעט, הער צו מיין

געוויין; נעם צו דעם מלאך המות פון מיר; איך וויל לעבען; איין עבירה אזא גוטס; איך וויל פון דער וועלט אזוי יונג נישט געהן!

— ניין שטארב, ניין שטארב, געזעגען זיך; — געניג שוין גער־דולעט, מיין קינד!...

און א שטארקער ווינט, א קאלטער ווינט האט געדרעהט און געבלאזען די נאכט, און די זינדיגע נשמה פונ'ם גליקליכען הויז פון דעם גביר דעם געזונדען איז ניט ווילענדיג צוריק אויפ'ן הימעל ארויף.

און א שטארקער ווינט,! א קאלטער ווינט האט נאך לאנג דא געבלאזען און געדרעהט, און די זינדיגע נשמה אינ'ם געפאלענעם שטיבעלע האט זיך ניט ווילענדיג ביים קבצן ביים קראנקען געהאלטען נאך לאנג, נאך לאנג געהאלטען!

ח.

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ חָבֵר, מִיר הָאבֶּען גֶעלֶערֶענְט אִין אֵיין חֶדֶר אִינְאֵיינֶעם גֶעלֶעבְּט, אִינְאֵיינֶעם גֶעטְהוּן נַארִישְׁקֵייטֶען, אִינְאֵיינֶעם גֶע־טֵיילְט פְרֵיידֶען אוּנ לֵיידֶען...

דִי בְּלִינְדֶע, וָואס מֶע רוּפְט זִי פָארְטוּנֶע, דִי הַצְלָחָה הָאט זִיךְ צוּגֶעשְׁמֵייכֶעלְט צוּ מֵיין חָבֵר, אוּנ סֶע הָאט אִיהם בֶּעגְלִיקְט, אוּנ סְ'אִיז אִיהם אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען בֶּעסֶער אוּנ בֶּעסֶער, אוּנ עֶר אִיז גֶעווַאקְסֶען הֶע־כֶער אוּנ הֶעכֶער.

אוּנ אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבֶּען פוּן אוּנְטֶען...

לַאנְג, גַאנְץ לַאנְג הָאבֶּען מִיר זִיךְ נִיט גֶעזֶעהֶען, נִיט בֶּעגֶעגֶענְט מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיף פֶערְשִׁידֶענֶע וֶועגֶען, מִיר הָאבֶּען גֶעווֹאהְנְט אִין פֶערְשִׁידֶענֶע שְׁטֶעדְט.

אֵיין מָאל בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען אִין דֶער שְׁטָאדְט וואוּ מֵיין חָבֵר הָאט גֶעווֹאהְנְט אוּנ בִּין גֶעגַאנְגֶען פַארְבֵּיי מֵיין חָבֵר'ס אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְט הוֹיז אוּנ הָאבּ זִיךְ אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט:

„יָא אַרֵיינְגֵעהְן, צִי נִיט אַרֵיינְגֵעהְן?“

אוּנ אִיךְ בִּין אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען.

שְׁטֶעלְט אַיךְ פָאר — עֶר הָאט מִיךְ דֶערְקֶענְט!...

— וָואס'זְשֶׁע מַאכְסְט דוּ, בְּרוּדֶער? וִוי גֵעהְט עֶס?

אַ הִיבְּשֶׁע ווַיילֶע זֶענֶען מִיר גֶעשְׁטַאנֶעי פוּן פָארִינְט; אִינְוֶוייניג צוּ זִיךְ הָאט עֶר מִיךְ נִיט אַרֵיינְגֶערוּפֶען.

עֶר הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען, אַז סֶע וואוּנְדֶערְט מִיךְ, הָאט עֶר צוּ מִיר גֶעזָאגְט, בֶּעטְרַאכְט מֵיין הַלְבָּשָׁה:

— זַיי מִיר מוֹחֵל, גוּטֶער בְּרוּדֶער, הָאבּ קֵיין פַארְאִיבֶּעל, אִיךְ בֶּעט דִיךְ, זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ קָאן נִיט אִיךְ שֶׁעם זִיךְ!...

— דו שֶׁעמְסְט זִיךְ? דו שֶׁעמְסְט זִיךְ מִיט מִיר?

— אַךְ, נֵיין, חָלִילָה, נִיט דָאס מֵיין אִיךְ, נִיט דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט! אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט... מִיט מַיין גְרוֹיס־אַרְטִיג הויז... פַאר דִיר, פַאר אַיין אַלְטֶען חָבֵר, פַאר... פַאר... זָאג מִיר, וואו וואהנְסְט דו? וואו שְׁטֵעהסְט דו? אִיךְ וֶועל קוּמֶען, אִיךְ וֶועל זַיין בַּיי דִיר, אִיךְ וֶועל זַיין בַּיי דִיר!

עֶר הָאט גֶעוָוארְפֶען אַיין אוֹיג אוֹיף מַיינֶע אוֹיסְגֶעדְרֶעהמֶע צוּ־רִיסֶענֶע שְׁטִיוֶועל אוּנ אִיז גֶעוָוארֶען רוֹיט פַאר בּוּשָׁה...

אִיךְ הָאבּ אִיהם פֶערְשְׁטַאנֶען אוּנ הָאבּ אִיהם מוֹחֵל גֶעוֶוען מִיט'ן גַאנְצֶען הַארְצֶען, מִיט'ן גַאנְצֶען הַארְצֶען!

ט.

עק־וועלט.

דארט, אויף יענער זייט בית עולם, אינטער דער שטאדט, גיהט זיך צונויף דער הימעל מיט דער ערד.

דארט, אויף יענער זייט בית עולם, אינטער דער שטאדט, איז עק־וועלט.

אזוי האבען מיר אלע אין חדר אפגעפסק'ט און האבען אפ־געהערט צווישען זיך, צונויפזאמלען זיך שבת ביי טאג, ווען דער עולם, ווען אלע יודען, ווען די גאנצע שטאדט שלאפען מיט'ן זיסען שבת'דיגען שלאף, און זיך לאזען גיהן און גיהן ביז'ן עק־וועלט.

שבת ביי טאג, ווען דער עולם, ווען אלע יודען, ווען די גאנצע שטאדט זענען געשלאפען מיט'ן זיסען שבת'דיגען שלאף, האבען מיר זיך צונויפגעזאמעלט און האבען זיך געלאזט גיהן און גיהן ביז'ן ע־וועלט.

און מיר זענען געגאנגען — צי א שעה, צי צוויי, צי דריי — ווייס איך ניט; נאר מיר זענען ב"ה, מיט גאט'ס הילף, געקומען בשלום ביז דער מיהל, ביז דער ווינט־מיהל.

דא, ביי דער ווינט־מיהל האבען מיר זיך געזעצט רוהען; זיך צוגעזעצט, צוגעלייגט; צוגעלייגט זיך, אויסגעצויגען זיך אויפ'ן גרי־נעם גראז, אויפ'ן שמעקענדיגען גראז און געחאפט א דרימעל.

יעדער פון אונז איז פארנומען מיט זיין זאך, מיט זיינע גע־דאנקען, מיט זיין פערגניגען. ס'איז שטיל. קיינער זאגט ניט קיין ווארט; קיינער וויל מע זאל איהם איבערשלאגען, קיינער וויל יענעם איבערשלאגען.

— וואו זשע איז עק־וועלט? האט זיך אנגערופען איינער פון אונז.

— אָט דאָס איז דאָך עק־וועלט, נאַרעלע! האָט איהם דער אַנדערער געענטפערט.

און ס'איז בּיי אונז אַלע געבּליבּען דער הסכּם, אַז דאָ, אינטער דער ווינט־מיהל, איז עק־וועלט; אַז ווייטער פון דער מיהל איז שוין די הרי־חושך, די פינסטערע בּערג, וואָס זענען בּעדעקט מיט אַ שוואַרץ גראָז, און דאָרט, אויף די בּערג געפינען זיך נאָך עד היום קליינע יודעלעך מיט לאַנגע בּערד בּיז די שפּיץ־פינגער פון די פיס, די קליינע יודעלעך, וואָס נאָט האָט זיי אַהער פאַרטריבּען פאַר זייערע זינד, פאַר זייערע לאַנגע צינגער, דערפאַר, וואָס זיי האָבּען גע־הרג'עט איינער דעם אַנדערען מיט די צינגער; און אויף יענער זייט בּערג איז שוין דער פאַרגליווערטער ים, וואָס דער שטורעמווינט פאַר־טרייבּט אַהין אַלע אָקרענטען מיט אַלע שיפען און וואָס קיינער קומט שוין פון דאָרט ניט צוריק...

— אין בּית־מדרש אַריין! ווייסע חברה'ניקעס! אין בּית־מדרש אַריין! לייטעשע בּחורימ'לעך! דאַרפט זיך שענער צו זיצען אין בּית־מדרש שבּת בּיי טאָג און לערנען „פּרק", איידער וואַלגערען זיך גלייך מיט אַלע שקצימ'לעך, אינטער דער מיהל. אין בּית־מדרש אַריין, גוים, עם־הארצים, אין בּית־מדרש אַריין!

דאָס איז געווען „מאָטי רויטעבּאַק", אַ שיינער יוד, אַ יודע ספר, אַ בּעל־הבּית מיט איין איינענער שטוב און מיט „אַ שטאָדט" אין מזרח־וואַנט, די דריטע שטאָדט פונ'ם ארון־קודש...

9.

מלאך-המות.

איך האב געהערט אין חדר, מיין רבי האט מיר דערצעהלט מיין רבי ר׳ מאיר זכרונו לברכה...

שרעקליכע מעשיות האט ער זיך אנדערצעהלט פונ׳ם מענשענס סוף, פונ׳ם מלאך-המות מיט די טויזענדער אויגען פון קאפ ביז פוס, פונ׳ם מלאך-דומה מיט די אייזערנע ריטער, וואס קומט אין קבר אריין מיט א דאפראס:

— רשע! מה שמך? רשע! ווי אזוי רופט מען דיך? עסקת בתורה? וואס האסט דו געלערנט?

און נאך פיעל שרעקליכע, באמת מורא׳דיגע מעשיות און עס איז איבערגעגאנגען א פראסט איבער׳ן לייב און די האר האבען זיך געשטעלט קאפויר.

נאר שרעקליכער פון אלעס איז ביי מיר געווען דער מלאך-המות, דער מלאך-המות מיט די טויזענדער אויגען פון קאפ ביז פוס און איך בין זיכער, אז ווען איך וואלט דעמאלט זיך באגעגענט מיט׳ן דאזיגען פארשוין, וואלט איך געוויס געשטארבען פאר פחד אליין.

אך, ווי עס בייטען זיך די צייטען!

אצונד, ווען איך זעה זיך מיט „איהם" כמעט יעדען טאג ווער איך גאר ניט נתפעל.

איך פיעל „איהם" נעבען זיך; איך הער „זיין" אטהמען אט דא נעבען זיך; איך ווייס, איך הער, אז „ער" געהט מיר נאך פון הינטען פוס — טריט — און גאר ניט!

— נו, גִיכֶער, גִיכֶער! — זָאגְט „עֶר“ מִיר — מַאךְ אַ צַוָאָה און קום...

— מָארְגֶען, אִם־יִרְצֶה־הַשֵּׁם, מָארְגֶען! — עֶנְטְפֶער אִיךְ „אִיהם“ און לֵייג דָאס אָב פון טָאג אויף טָאג.

און אַזוֹי ווִי אִיהר זֶעהט, נַארֶען מִיר אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען

עֶר זָאגְט מִיר: „צַוָאָה“! אִיךְ אִיהם: מָארְגֶען... מָארְגֶען... מָארְגֶען...

קלײנע מענשעלע:

מיט קלײנע השגות.

אינהאלט:

I די שטאדט כתריליווקע.

II איין אנגעלייגטער ברית.

III נחת פון קינדער (מאנאלאג).

IV א פערשטערטע חתונה.

V נישט פאר קיין יודען געדאכט.

VI דרייפוס אין כתריליווקע.

VII קיין עין הרע ניט (מאנאלאג).

VIII איהם מעג מען מקנא זיין.

IX צוויי שלח־מנות'ן.

X נישטא קיין מתים.

XI פארבייגט אהיים.

XII ווען איך בין רויטשילד (מאנאלאג).

I.

די שטאָדט כתריליווקע.

פאַראַן אַלערליי שטעדט אויף דער וועלט. פאַראַן אויך אַזאַ שטאָדט וואָס מע רופט זי „כתריליווקע.“

עס געפעלט אייך ניט דער נאָמען? מיט וואָס איז כתריליווקע ערגער ווי מאַזעפּעווקע, זלאַדייעווקע, הוליאַפּאָלי, מאַלאָפּערשטשעטשעני, וועסעליוקוט, פּעטשיחוואָסט, קאָזאָדאָיעווקע?

איטליכער נאָמען האָט זיך זיין שורש; איטליכע שטאָדט האָט זיך איהר היסטאָריע.

איהר ווילט וויסען די היסטאָריע פון כתריליווקע? זי איז לעת־עתה נאָך נישט אָפּגעדרוקט געוואָרען אין ערגיץ, און אָפּזוכען זי אויפ׳ן „לאַנדקאַרט“ איז אויך נישט אַזוי גרינג.

זעהט איהר, דעם נאָמען כתריליווקע אויב איהר ווילט וויסען פון וואַנען ער שטאַמט — דאָס קאָן איך אייך דווקא יאָ זאָגען.

ביי אונז איין אָרעמאַן, דאָס ווייסט יעדערער, האָט יתרו׳ס נעמען: פאַראַן אַ געמיינער מאַן, און איין אָרעמאַן, און נעביך איין אָרעמאַן, און אַ גרויסער אָרעמאַן, און אַ געפאַלענער, אַ מקבל, אַ קבצן, אַ דרות, אַ דלפן, איין עני, און איין עני ואביון. איטליכער פון די דאָזיגע אויסגערעכענטע נעמען ווערד אַרויסגערעדט מיט איין אַנדער מין נגון... און פאַראַן נאָך אַ נאָמען: אַ כ ת ר י א ל, אָדער אַ כ ת ר י ל י ק. דער דאָזיגער נאָמען ווערד אַרויסגערעדט שוין גאָר מיט איין אַנדער מין נגון, למשל: „אוי בין איך קיין עין־הרע אַ כתריאליק“!...

כתריאליק — דאָס איז שוין נישט גלאַט אַזוי אַ קבצן, אַ שלים־מזל: דאָס איז שוין פאַרשטעהט איהר מיך אַזאַ מין אָרעמאַן וואָס פאַלט

נישט חס ושלום אַראָפּ בײַ זיך מיט זײַן אָרעמקייט; אַדרבה, ס'איז גאָר אַ גדלות! אויף אונזער לשון הייסט עס „אײַן אָרעמס און אַ פריילעכס".

אַלע כּתריליװקער יודען זענען לא־עליכם גרויסע אביונים טאַקי, נאָר אַט אַזעלכע אָרעמע לײַט, דאָס הייסט פריילעכע קבצנים. זיי האָבען ניש, מעגט איהר מיר גלויבען, ממש מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען; נאָר פון דעסטװעגען איז מען פריילעך!

טאָמער ווייסט איהר וואָס איז מיט זיי די גדולה? גאָר נישט, הולי קבצן!...

וואו געפינט זיך כּתריליװקע ווילט איהר וויסען?

ווייט. ערגיץ אין אַ זײַט, פערשטעקט אין אַ ווינקעל, ווייט פון אַ באַהן, ווייט פון אַ ים — און מע האָט דערפון קאַרג וואָס יסורים: ווינציגער טאַרעראַם.

אַ צײַט האָט כּתריליװקע גאָר נישט געוואָלט גלויבען אַז ס'איז ערגיץ פאַראַהאַן אַ באַהן אויף דער וועלט. „ווייס איך — האָבען זיי געזאָגט — דאָס האָבען פוסטע מענשען אויסגעטראַכט..."

ביז ס'איז געקומען איינער אַ כּתריליװקער און האָט דערציילט, אַז ער איז אַליין געפאָהרען מיט'ן באַהן, און געשוואָהרען זיך ער זאָל אַזוי האָבען אַלדעס גוטס! חברה האָבען איהם אויסגעהערט, אויסגעהערט, געזאָגט אַז זיי גלויבען איהם, עס קאָן זעהר זײַן, פאַר וואָס ניט? זיי ווייסען אַז ער וועט פונים קאָפּ נישט אויסטראַכטען אַזאַ זאַך וואָס ניט געשטויגען ניט געפלויגען, נאָר וואָס דען? עס וועט ניט אויסגעהאַלטען ווערען!... און בשעת מעשה האָט מען עפּיס געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע און געשמייכעלט...

וואָס האָט בעדײַט דאָס דאָזיגע שמייכלען איז שווער צו טרעפען, ווען איך בין מיניסטער וואָלט איך די לצים אויף צוזעצעניש צוגעפיהרט אַ באַהן גלײַך קיין כּתריליװקע — און לאָזען זיי וויסען!

וואָס איז זייער טהועכטס, זייער פּרנסה, און פון וואַנען לעבען די דאָרטיגע לײַט?

ערשטענס לעבן זיי ניט. און צווייטנס ווי אַזוי לעבן בײַ אונדז אַלע יידן אין די קלײנע שטעטלעך? אַ ביסל אײנס פֿונעם אַנדערן און אַ ביסל שטאַרבט מען פֿון הונגער — מע שלאָגט זיך דורך מיט צרות.

מע קאָן זאָגן אַז די גאַנצע שטאָדט שלאָגט זיך קאַם אָן װאָכט אַ גאַנצע װאָך נאָר צוליב דעם אײנציקן טאָג שבת — און קומט שבת איז אַ כּפּרה יעהופּעץ, אַ כּפּרה אַדעס, אַ כּפּרה אַפֿילו פּאַריז — ס'איז פֿײַן און שײן און שטיל און רויִק, ס'איז גוט און אײן עס!

מע זאָגט, אַז זינט כּתריליעװקע איז אַ שטאָדט האָט זיך נאָך ניט געטראָפֿן, אַז אַ ייִד זאָל דאַרפֿן חלילה נישט האָבן אויף שבת: האָט ער נישט קײן פֿיש, האָט ער חלה; האָט ער נישט קײן חלה, האָט ער ברויט; האָט ער נישט קײן ברויט, לײַט ער בײַ יענעם, שפּעטער װעט דערפֿאַר יענער לײַען בײַ אים — ס'איז נישט מער װי אַ גמילות־חסד: הײַנט איך בײַ דיר, מאָרגן דו בײַ מיר, צום סוף יאָר װעלן מיר זיך אויסגלײַכן אַלע...

אַזוי זאָגן די כּתריליעװקער לײַט, װאָס צו די צרות זענען זײ נאָך װערטל־זאָגערס, גרויסע בעלי־המצאות. פֿאַר אַ גלײַכװערטל װעלן זײ אײַך אַװעקגעבן, װי מע זאָגט, דעם טאַטן מיט דער מאַמע.

מע דערצײלט אַ המצאה פֿון אַ כּתריליעװקער װאָס האָט זיך אַװעקגעלאָזט אויף דער װעלט און האָט זיך פֿאַרשלעפּט צו ראָטשילדן קײן פּאַריז. האָט מען דאָך אים מסתּמא נישט צוגעלאָזט, װי דער שטײגער איז פֿון די גרויסע נגידים: „דאַמאַ ניעט" — ניטאָ מיך אין דערהײם — און גײ הײסט עס לאָז מיך!... אַ כּתריליעװקער אָבער שרעקט זיך ניט איבער פֿאַר אַזעלכע זאַכן, איז ער זיך מיישב און מאַכט צום שומר, װאָס בײַ דער טיר:

— װאָס טויג מיר אײַער דאַמאַ ניעט? איר גײט זאָגט ראָטשילדן אַז איך האָב אים געבראַכט צופֿירן דאָס „אײביקע לעבן".

דערהערט אַזאַ מעשׂה הייסט דאָך כּבֿיכול רויטשילד בּע זאָל איהם אַריינפיהרען דאָס יודיל.

— שלום עליכם.

— עליכם שלום.

— פון וואַנען איז אַ יוד?

— וואָס הייסט פון וואַנען? פון כּתריליווקע.

— וואָס וועט איהר עפּיס זאָגען גוטס?

— וואָס זאָל איך זאָגען? — מאַכט דאָס יודיל — די מעשׂה דערפון איז אַזוי: געלד האָט איהר דאָך שוין אַ חוץ אייער שאָדען איך מיר געזאָגט געוואָרען האָטש האַלב, און כּבוד זענט איהר ברוך השם אויך ניט זשעדנע. וואָס זשע געהט אייך אָפּ אַ שטיינער? דאָס „אייביגע לעבען". האָב איך אייך מיט גאָטס הילף געבראַכט צופיהרען. איז אויב איהר ווילט, לייגט זייט מוחל אַנידער דריי הונ־דערטער, נאָר במזומנים, ווי זאָגט ער, קלאָפּ און צעהל!

— אפשר אַביסעל וועלוועלער?

— ניין, פּאַני רויטשילד, ס'וועט נישט געהן! איך האָב אייך אַזוי אויך געגעוג אַראָפּגעלאָזט...

הקיצור דערהערט אַזעלכע דיבורים, מאַכט רויטשילד נישט קיין כּך שיהות און צעהלט איהם אָפּ דריי הונדערטער אחת ואחת.

דער כּתריליווקער האָט קודם־כּל אַריינגעלייגט די עטליכע געלדבלעך טיף אין קעשענע אַריין און נאָכדעם רופט ער זיך אָן צו רויטשילד'ען בזה הלשון:

— אויב איהר ווילט, פּאַני, לעבען אייביג, וואַרפט אַוועק דאָס פּאַריזש און קלויבט זיך איבער צו אונז קיין כּתריליווקע. וועט איהר קיין מאָל ניט שטאַרבען, וואָרום זינט כּתריליווקע איז אַ שטאָדט, הערט איהר, איז נאָך דאָרט ביז אַהער קיין גביר ניט געשטאָרבען...

ווי אַזוי זעהט אויס די שטאָדט כּתריליווקע?

זי זעהט אויס ווי אַ... ווי אַ וואָס זאָל איך אייך זאָגען אַ שטיי־

גער? ווי אַ סאַנישניק וואָס איז אָנגעזעצט מיט סעמיטשקעס, אָדער ווי אַ לאָקשענבּרעט מיט פאַרפעל אַ סך.

די לאָקשענבּרעט דאָס איז די שטאָט, די פאַרפעל דאָס זענען די שטיבלעך וואָס זענען אָנגעזעצט איינס אויף דאָס אַנדערע.

אַ טאָמער איז דער משל ניט אַזוי גלייך, וועט איהר מיך רופען קנאַקניסעל; איך בּין דען מחויב צו געפינען אַ פערגלייך? איך בּעדאַרף אייך נאָר אָפּמאָלען די זאַך, מאָל איך אייך: כּתריליווקע שטעהט אויף אַ בּאַרג, דאָס הייסט אויף כּתריליווקע שטעהט אַ בּאַרג, און אויפ'ן בּאַרג און אונטערן בּאַרג שטעהען הייזלעך אַ סך איינס אויף דאָס אַנדערע, ווי קברים אויף איין אַלטען בּית־עלמין, אַלטע, שוואַרצע, איינגעבויגענע, האַלב איינגעפאַלענע מצבות.

קיין גאַסען איז ניט שייך צו זאָגען, מחמת די הייזער געהען ניט געבויעט אויסגערעכענט און אויסגעמאָסטען נאָכ'ן צירקול, און קיין סך פּלאַץ צווישען די הייזער איז אויך נישטאָ; למאי זאָל שטעהן אומזיסט אומנישט אַ ליידיג פּלאַץ אַז מע קאָן דערויף אַנידערשטעלען אַ שטוב? סע שטעהט אין פּסוק: „לשבת יצרה“ — איז דער פּשט: די וועלט איז בּעשאַפען געוואָרען אויף ישוב, אויף צו זיצען, נישט אויף צו קוקען...

פון דעסטוועגען האָט קיין יסורים ניט, פאַרהאַן גאַסען אויך, גרויסע גאַסען און קליינע געסלעך, און שמאָלע געסלעך, און אונמערגעסלעך. אַ וואָס ס'איז נישט עפּיס אַזוי גלייך, אַבּיסעל געדרעהט בּאַרג אַראָב בּאַרג אַרויף, און פּלוצים נאָט אייך אַ שטוב, אָדער אַ קעלער, אָדער גלאַט אַ גרוב? וועט איהר אַ בּריה האָבּען נישט געהן אַליין בּיינאַכט אָהן אַ לאַנטערנע; פאַר די כּתריליווקער זאָלט איהר זיך ניט זאָרגען, אַ כּתריליווקער אין כּתריליווקע צווישען כּתריליווקער וועט ניט פערבּלאָנזשעט ווערען קיין מאָל: איטליכער טרעפט צו זיך אַהיים, ווי אַ פייגעלע צו זיך אין נעסט אַריין...

און ווייטער איז פאַרהאַן אין מיטען שטאָדט אַ בּרייטער האַלבּ קיילעכיגער, און אפשר אַ דריי עקעכיגער פּלאַץ, וואָס דאָרטען זענען

דִי גֶעוָועלְבֶּען מִיט דִי יַאטְקֶעס מִיט דִי שְׁטֶעלֶעכְלֶעךְ, אוּנ דָארְטֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיס דֶער מַארְק אַלֶע פְרִיהמָארְגֶען, וואו עֶס פָּאהֶרֶען זִיךְ צֶענוֹיף אַ סַךְ גוֹיִם מִיט אַ סַךְ גוֹיעֶס מִיט אַלֶערְלֵיי מִינִים סְחוֹרוֹת אוּנ עֶסֶענְוַואַרְג, פוּן פִישׁ בִּיז צִיבֶּעלֶעס מִיט חְרֵיין מִיט פֶּעטְרֶעשְׁקֶע אוּנ מִיט שְׁאָר יְרָקוֹת, אוּנ דָארְטֶען לִיגֶען אוֹיסְגֶעצוֹיגֶען בַּייטָאג אַלֶע צִיגֶען פוּן שְׁטָאדְט אוּנ וַוארֶעמֶען זִיךְ קֶעגֶען דֶער זוּן, אוּנ דָארְטֶען טַאקִי זֶעגֶען לְהַבְדִיל דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים מִיט דִי שׁוּלֶען מִיט דִי קְלַייזְלֶעךְ פוּן שְׁטָאדְט, אוּנ דָארְטֶען אִיז דָאס אָרְט, וָואס אַלֶע אִיךְ בֶּעט אֵייעֶר אֵייעֶר כָּבוֹד...

אִיךְ הָאבּ מִיךְ דֶערְמָאנְט אָן אַייעֶרֶע גְרוֹיסֶע שְׁטֶעדְט, עֶס זָאל אַייךְ צוּ קֵיין חֶרְפָּה 'נִיט זַיין, סְ'אִיז בַּיי אַייךְ גִישְׁט בֶּעסֶער וִוי אִין כַּתְרִילִיוְוקֶע. דֶער חִלוּק אִיז נָאר וָואס בַּיי אַייךְ הָאט מֶען אוֹיסְגֶעקְלֶעהְרְט אַ מִין „קַאנַאלִיזַאצִיֶע", בִּכְדֵי דִי וָואס גֶעבֶּען זִיךְ דֶערְמִיט אָבּ זָאלֶען קָאנֶען נַנְבֶּהְ'נֶען אוֹיף וָואס דִי וֶועלְט שְׁטֶעהְט.

כַּתְרִילִיוְוקֶע וַוייסְט נִיט פוּן קֵיין „קַאנַאלִיזַאצִיֶע", פוּן קֵיין „עֶלֶעקְטְרִיעֶ", פוּן קֵיין „גִידְרָאפַּאטִיֶע", פוּן קֵיין גֶערְוֶועֶן, פוּן קֵיין פְּרָאפֶּעסָארֶען, אוּנ זֵיי לֶעבֶּען זִיךְ אָבּ פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען זֵייעֶר וֶועלְטִיל — אַפִילוּ נִישְׁט אַזוֹי פוֹיגֶעלְדִיג — נָאר גְלוֹיבְּט מִיר מֶע שְׁטַארְבְּט אוֹמֶעדוּם מִיט אַלֶץ אֵיין טוֹידְט, אוּנ מֶע לֵייגְט אַרַיין אוּמֶעדוּם אִין אַלֶע אֵיין עֶרְד אַרַיין, אוּנ מֶע קְלָאפְּט צוּ אוּמֶעדוּם אַלֶץ מִיט דֶער אֵייגֶענֶער לָאפֶּעטֶע — סְ'אִיז, הֶערְט אִיהר, הַכֹּל הֶבֶל גָאלֶע נַארִישְׁקֵייטֶען, וִוי מַיין רֶבִּי רֶבּ זָרָחִ'ל פְּלֶעגְט זָאגֶען בְּשַׁעַת עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַבִּיסֶעל בְּרָאנְפֶען אוּנ פֶּערְבִּיסֶען מִיט אַיין אֵייעֶרְקִיכֶעל אוּנ דִי בֶּעקְלֶעךְ בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה פְלֶעגֶען אִיהם אָנְהוֹיבֶּען שְׁפִּילֶען בְּלִיהֶען וִוי דִי רוֹיזֶען.

II.

אַיין אָנגעצליינטער ברית.

— שלים־מזל! ווען רופט איהר אויס געהן צו קינד? ערב יום־טוב!

— קוים דערלעבט א נחת!

— אז מיר וועלען ווערט זיין ביי גאט, וועט נאך זיין א יונגע אויך. אט וועט איהר זעהען!

— זי מוז געבאהרען משיח'ן, ניט אנדערש!

אזעלכע וכדומה אזעלכע ווערטליך זענען געפלויגען דעם גאנצען טאג ביי העניך דעם סטאליר אין שטוב, און רייזיל האט זיך געקנייטשט, געיאקעט, זיך קיין ארט נישט געקאנט געפינען.

עס זענען געווען מינוטען אזעלכע, וואס זי האט זיך בע־האלטען אין א ווינקעלי, זיך געקנייפט דאס פנים, געריסען פון זיך שטיקער פלייש און געבעטען אויף זיך דעם טויט.

— רבונו של עולם! זיסער פאטער הארציגער געטרייהער! העלף מיר שטארבען!...

רייזיל איז געגאנגען צו קינד נאך פון גאנץ פריה אן, נאר זי האט זיך בעהאלטען קיינער זאל ניט וויסען. ערשט ארום פארנאכט, אז עס האבען זי א חאפ געטהון די רעכטע „וועהען", איז זי ארייג־געפאלען אין בעט אריין, אנגעהויבען ברעכען די הענט, צונויפגע־קרעמפיוועט די ציינער, געווארען ברוין און בלוי און האט אויסגעשריגען נישט מיט איהר קול:

— מאמעניו! געב מיר כח איך זאל קאנען שטארבען!!

שרה רחל די באבע, וואס איז געשטאנען איבער איהר בעט,

דאַט שוין, נישקשה, געוועהען אַזעלכע זאַכען. זי האַט זיך אָנגע־בויגען צו איהר מיט פערקאַטשעטע אַרבעל ביז די שפּיצעלע שוואַרצע עלענבויגענס, אונ האַט זי געטרייסט:

— שריי, שריי מיין קינד! אַ געוויינערין בעדאַרף שרייען. נאָך איין געשריי וועסט דו אם ירצה השם איבערקומען געזונדערהייט. די מאַמע דיינע פון יענער וועלט טהוט זיך פאַר דיר איצטערט מיהען. דער טאַטע דיינער שטעהט אַצינדערט פאַרן בית דין של מעלה אונ טהוט טהון בעטען פאַר דיר. דו וועסט אם ירצה השם איבערקומע געזונדערהייט אונ וועסט האָבען אַ זוהן, אַ טרייסט צו דיינע צרות...

די „וועהען" געהען איבער אונ ריייזיל בלייבט ליגען ווי אַ פריטשמעליטע, אַ פאַרשכורטע אונ עס קלינגט איהר אין די אויהרען. אונ זי שלאָפט ניט נאָר זי איז פאַרטומעלט. זי ווייסט ניט וואו זי איז אין דער וועלט. עפּיס טהוט זיך מיט איהר. עפּיס וועט מיט איהר זיין. אפשר איז דאָס איין עק צו איהרע צרות? אפשר שטאַרבט זי? ריייזיל וויל ניט שטאַרבען. ניין! זי האַט נאָך אַ האָפנונג אויף דעם וואָס לעבט אייביג, אַז איהר זעטיל וועט קומען, קומען צו פאָהרען פונ'ם ווייטען אַמעריקא אונ זי וועט נאָך וויסען פון אַ לעבען מיט איהר ליעבען טהייערען זעטלין.

וואו איז זעטיל?

זעטיל דער שניידער האָט זיך עטליכע חדשים נאָך דער חתונה אַוועקגעלאָזט זוכען פּרנסה. קיין אַמעריקא איז ער אַוועקגע־פאָהרען. אַלע פאָהרען איצט קיין אַמעריקא. אַוועקגעפאָהרען זעטיל אונ ניטאָ ווי אין וואַסער אַריין.

„געוויס איז ער דאָרט אַ חתן געוואָרען, געקומען פריש גדל, אויסקרענקען זאָל ער דאָס דאָרטען רבונו של עולם".

אַזוי האָט מען געשמועסט וועגען איהם אין בתריליוקע, ביי העניך דעם סטאָליר אין שטוב, אַלע אַ חוזק רייזלין.

ריייזיל האָט אַנדערש געקלערט וועגען איהר זעטלין. זי האָט

אִיהם גֶעקֶענְט בֶּעסֶער פוּן אַלֶעמֶען, הָאטְשׁ זִי אִיז גֶעוֶוען מִיט אִיהם אִינְאֵיינֶעם נִישְׁט מֶעהר וִוי פִיעֶר חֳדָשִׁים.

רֵייזִיל הָאט אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אוֹיף אִיהם אַלֶע מִינוּט. אַלֶע רֶגַע; אוֹיב עֶר לֶעבְּט נָאר אוּנ אִיז גֶעזוּנְד, וֶועט עֶר גֶעוִויס קוּמֶען, אָדֶער הָאטְשׁ שְׁרַייבֶּען אַ בְּרִיוִויל, שְׁרַייבֶּען אַ בְּרִיוִויל אוּנ צוּשִׁיקֶען אִיהר זַייז „פָּאטְרֶעט“. אוֹי וֶוען גָאט הֶעלְפְט אִיהר עֶס קוּמְט אִיהר אָן דָאס גוּטֶע בְּרִיוֶועל מִיטְ'ן „פָּאטְרֶעט“, וֶוער אִיז צוּ אִיהר דֶעמָאלְט גְלַייךְ?

אַ סַךְ טֶעג הָאט רֵייזִיל אָט אַזוֹי אַרוֹיסְגֶעקוּקְט. אַ סַךְ נֶעכְט אִיז זִי נִיט גֶעשְׁלָאפֶען. אַ סַךְ טְרֶעהרֶען הָאט זִי אוֹיסְגֶעגָאסֶען שְׁטִילֶערְהֵייט, בֶּעגְרָאבֶּען דֶעם קָאפּ אִין קִישֶׁען, לַייטֶען זָאלֶען נִיט זֶעהֶען, גוּטֶע פְרַיינְד זָאלֶען נִיט הָאבֶּען קֵיין יִסוּרִים, שׂוֹנְאִים זָאלֶען זִיךְ נִיט פְרֵייהֶען אוֹיף אִיהרֶע צָרוֹת.

אוּנ אִיהרֶע צָרוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען גֶענוּג גְרוֹיס, וָוארוּם זִי הָאט דֶערְפִיהלְט, אַז זִי בֶּעדַארְף וֶוערֶען אַ מוּטֶער... וֵועה אוּנ וִוינְד, וָואס וֶועט זִי טְהוּן? וואוּהִין וֶועט זִי זִיךְ קֶעהרֶען אוּנ וֶוענְדֶען? זִי זָאל נִיט מוֹרָא הָאבֶּען פַאר גָאט אוּנ פַאר'ן גֵיהִנָם, וָואלְט זִי זִיךְ נוּר אַ מַעֲשֶׂה אָנְגֶעטְהוּן!

ס'אִיז אַ סְבָרָה, אַז אֵיין מָאל אִיז זִי גֶעוֶוען בַּיים טַייךְ, גֶע־זוָאשֶׁען גְרֶעט, הָאט זִי זִיךְ גֶעוָואלְט אַרַיינְוַוארְפֶען אִין וַואסֶער אַרַיין, הָאט זִי זִיךְ דֶערְמָאהנְט אָן יֶענֶער וֶועלְט, הָאט זִי גֶעחַאפְּט דָאס פֶּעקִיל גְרֶעט אוּנ הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט, נִיט טוֹידְט נִיט לֶעבֶּעדִיג, לוֹיפֶען אַהֵיים. אַזוֹי וִוי זִי לוֹיפְט, בֶּעגֶעגֶענְט זִי זִיךְ מִיט שָׂרָה־רָחֶל'עֶן דִי בָּאבֶּע.

— וָואס לוֹיפְסְט דוּ אַזוֹי, טָאכְטֶע' מַיינֶע? — פְרֶעגְט זִי שָׂרָה רָחֶל.

הָאט זִיךְ רֵייזִיל צֶעוֵויינְט וִוי אַ קְלֵיין קִינְד, אוּנ שָׂרָה־רָחֶל וָואס הָאט גֶעהַאט אַ „גֶענִיט אוֹיג“, הָאט בַּאלְד פֶערְשְׁטַאנֶען וָואס דָא אִיז. אוּנ זִי הָאט אִיהר גֶענוּמֶען אוֹיסְרֶעדֶען דָאס הַארְץ וִוי וַוייט זִי הָאט גֶעקָאנְט.

— ס'אִיז אַ גָאטֶס־זַאךְ — דָאט אִיהר שָׂרָה־רָחֶל גֶעזָאגְט — ס'אִיז פוּן גָאט. אַ קַשְׁיָא, אֶפְשַׁר אִין דֶעם זְכוּת וֶועט קוּמֶען זֶעטִיל?

דערהערט דעם נאָמען זעטיל האָט זי דערפיהלט אַז דאָס גאַנצע בלוט איז איהר צוגעטרעטען צום פּנים — און ביידע ווייבער האָבען זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פרעמדע פריזבע, זיך געשושקעט־געשושקעט. געדעכענט אויף די פינגער און צעגאַנגען זיך.

וויפיעל רייזיל האָט געקאַנט האָט זי דעם סוד געהאַלטען מיעף ביי זיך פערבאָרגען, ביז עס איז אין איין מאָל אין אַ שיינעם פריהמאָרגען אַרויסגעשפּרונגען און ס'איז געוואָרען אוים סוד, און פון דעמאָלט אָן איז העניך דעם סטאָליר'ס שטוב געוואָרען פאַר איהר אַ גיהנם. עס האָט זיך איהר אויסגעדאַכט, אַז אַלע קוקען אויף איהר, אַלע רעדען פון איהר. און מעהר פון אַלץ האָט זי נישט געקאַנט איבערטראָגען דאָס, וואָס מע שעלט איהר זעטלין. ווער עס האָט נאָר אין האַרצען באַדט זיך אין זיין בלוט.

מעהר פון אַלעמען איז איהר דערגאַנגען די יאָהרען לאה די בעקערין. לאה די בעקערין האָט אויף איהר שטאַרק רחמנות געהאַט, פלעגט זי איהר אונטערטראָגען אָפט מאָל אַ פרישׁ שטיקעל בולקע, אַ ברייטיל אַ „ווישקראַבעק" און זאָגען בשעת מעשה:

— נאַ, רייזיל, פערזוך דאָס געבעקס, וואַרגען זאָל ער זיך דאָרטען אין אַמעריקאַ, דער שאַרלאַטאַן דיינער, מיט'ן ערשטען ביסען, זיסער גאָט!

— ער זאָל האָטש וויסען דאָרטען, אַז אָט אָט ווערד ער אַ טאַטע, דער רוח זאָל איהם נעמען! — העלפט איהר אונטער פרומע די מלמד'קע.

— און אַז ער וועט וויסען וועט ער זיך צעקראַצען דאָרטען דער שניידערוק, פאַרחאַפּט זאָל ער ווערען! — לייגט צו אַ קנייטיל אסנה די קורעלאַפניטשקע.

די דאָזיגע ווייבער דאָס זענען אַלץ שכנות, וואָס זיצען מיט רייזלען ביי העניך דעם סטאָלער אין שטוב. איטליכע פון זיי האָט זיך איהר אַלקירילן, איהר בעל־הבתישקייט, איהר בעט געוואַנט, איהר מאַן און איהרע קינדערלעך, און קינדערלעך זענען דווקא ביי זיי ברוך

הַשֵּׁם גֶענוּג. סְ'אִיז דָארְטֶען שְׁטֶענְדִיג אַ הוּ — הַא, אַ גֶעשְׁרֵיי, אַ גֶער־פִּילְדֶער: דִי קִינְדֶער צְווִישֶׁען זִיךְ רַייסֶען זִיךְ; דִי בַּעַל־הַבָּיִת'טֶעס קָאכֶען אוּן בַּאקֶען אַלֶע בַּיי אֵיין אוֹיבֶען, פִיהְרֶען צְווִישֶׁען זִיךְ רְכִילוֹת, רֶעדֶע־אֵיינֶע אוֹיף דֶער אַנְדֶערֶער לָשׁוֹן־הָרָע, קְרִיגֶען זִיךְ אוּן בֶּעטֶען זִיךְ אִיבֶּער, לַייהֶען אוּן פֶּערְלַייהֶען אֵיינֶע דֶער אַנְדֶערֶער אַבִּי סְ'אִיז נָאר פַארְהַאן וָואס, פְרֵייעֶן זִיךְ אַלֶע אִינְאֵיינֶעם אוֹיף אֵיין שִׂמְחָה אוּן לֶעבֶּען כִּמְעַט וִוי אֵיין מִשְׁפָּחָה.

רֵייזִיל הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעחַאפְּט וִוי פוּנ'ם שְׁלָאף מִיט אַ נַייֶעם מִין גֶעשְׁרֵיי:

— גָאט! גָאט! גָאט!...

— אָט אַזוֹי, אָט אַזוֹי, טָאכְטֶער, הָאט זִי שָׂרָה־רָחֵל גֶעטְרֵייסְט, אַ צִינְדֶערְט גֵעהֶען עֶרְשְׁט דִי רֶעכְטֶע "וֵועהֶען". נָאךְ אֵיינֶע צְווֵיי דְרֵיי גוּטֶע גֶעשְׁרֵייעֶן, וֶועסְט דוּ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אִיבֶּערְקוּמֶען גֶעזוּנְטֶערְהֵייט... אָט אַזוֹי, אָט אַזוֹי... מַזָּל טוֹב דִיר, טָאכְטֶער, הָאסְט גֶעהַאט אַ יוּנְגֶעל!.

. . . .

אַז סְ'אִיז גֶעבּאהְרֶען גֶעוָוארֶען בַּיי רֵייזְלֶען דָאס יוּנְגֶעל, אִיז דָאס עֶרְשְׁטֶע גֶעוֶוען אוֹיסְבָּאדֶען דָאס קִינְד, אִיבֶּערְוִויקְלֶען אוּן בֶּעטְרַאכְטֶען אִין וֶועמֶען אִיז דָאס גֶערָאטֶען — אוּן אַלֶע דְרַיי וַוייבֶּער הָאבֶּען אוֹיס־גֶעשְׁרִיגֶען אִין אֵיין קוֹל:

— אַ וֵועהְטִיג אִיהם אִין פָּנִים! אִין גַאנְצֶען "עֶר" מִיט דִי בֵּיינֶער!

נָאכְדֶעם הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁמוּעֶסֶען מִכֹּחַ אַ יַיבִיל פַאר דֶער קִימְפֶּעטוּרֶען הָאט אֵיינֶע אוֹיסְגֶעוָוארְפֶען דֶער אַנְדֶערֶע, פַאר וָואס מֶע הָאט נִישְׁט פֶערְזָארְגְט דִי קִימְפֶּעטוּרֶען חָאטְשׁ מִיט אַיין עוֹף. דִי גַאנְצֶע בָּאד הָאט מֶען אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט גֶעוֵוינְטְלִיךְ אוֹיף אַסְנָה דִי קוּרֶע־לַאפְּנִיטְשְׁקֶע.

— אִיהר זֶענְט אַ יוּדִינֶע וָואס קַאטָארִי אִיהר הַאנְדֶעלְט מִיט עוֹפוֹת זֶענְט אִיהר נִיט קְלַיין גֶעוֶועןְ פְרִיהֶער מִיט צְווֵיי וָואכֶען אַוֶועקְ־זֶעצֶען אַיין עוֹף פוּן רֵייזִילְס וֶועגֶען!? פְּרָאסֶע וָואלְטֶען מִיר שׁוֹין אַלַיי גֶעקוֹיפְט אוּן שְׁחִיטָה גֶעלְד וָואלְטֶען מִיר גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ.

לֵאָה דִי בֶּעקֶערִין הָאט פֶּערְקַאטְשֶׁעט דִי אַרְבֶּעל אוּנ הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט מַאכֶען פוּטֶערְגֶעבֶּעקְס פַאר דֶער קִימְפֶּעטוֹרִין, אוּנ פְרוּמֶע דִי רֶבִּיצִין אִיז אַוֶועקְגֶעלָאפֶען צוּ אִיהר מַאן רֶב חַיִים חָנָה דֶער מְלַמֵד אוּנ הָאט בַּיי אִיהם גֶעפוֹעֶלְט עֶר זָאל בַּאלְד אָנְשְׁרַייבֶען שִׁיר הַמַעֲלוֹתְ'ן פַאר דֶער גֶעוִוינֶערִין.

הָאט חַיִים חָנָה דֶער מְלַמֵד פֶּערְקַאטְשֶׁעט דִי אַרְבֶּעל אוּנ הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶען שִׁיר הַמַעֲלוֹתְ'ן, וָואס בַּיי דֶער רַייכְסְטֶער גֶעוִוינֶערִין הָאט מֶען אַזֶעלְכֶע נִישְׁט גֶעזֶעהן. אִין מִיטֶען אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיסְגֶעמָאלְט אַ גֶעצַאצְקֶעטֶע פִּירַאמִידֶע:

אדם	וחוה
אברהם	ושרה
יצחק	ורבקה
יעקב	ולאה

בַּיי דִי זַייטֶען אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דֶער גֶעוִויסֶער פָּסוּק·

מְכַשֵׁפָה לֹא תְחַיֶה
לֹא מְכַשֵׁפָה תְחַיֶה
תְחַיֶה מְכַשֵׁפָה לֹא

אוּנ אִינְטֶען מִיט גַאנְץ גְרוֹיסֶע אוֹתִיוֹת:

סִינֵי וְסַנְסִינֵי וְסַמַנְגְלֹף

דִי גֶעוִויסֶע פֶּערְבָּארְגֶענֶע וֶוערְטֶער, וָואס זֶענֶען אַ סְגוּלָה צוּ אַ „גוּט-אוֹיג" אוּנ צוּ אַלֶע צָרוֹת. הַכְּלַל עֶס אִיז בֶּעשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען אַלְסְדִינג וָואס מֶע בֶּעדַארְף.

דִי קִימְפֶּעטוֹרִין אִיז גֶעלִיגֶען אוּנ הָאט נָאר בֶּעטְרַאכְט דִי דָאזִי־גֶע וַוייבֶּער:

— גָאט זָאל זֵיי צָאהלֶען! פַאר וָואס קוּמְט דָאס מִיר? פַאר וֶועלְכֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים?...

אז די מאנסבילען האבען זיך א ביסעל אפגעפארטיגט מיט אלע ארבייט, האבען זיי געמאכט א שמועס מכח פראוען א ברית.

העניך דער סטאליר, האטש ער איז א יוד ניט קיין גביר און קיין יונגעליך איז ער ניט זשעדנע ביי זיך, פון דעסטוועגען האט ער געזאגט, אז ווי באלד די שמחה איז ביי איהם אין שטוב, וויל ער די מצוה און נעמט דעם ברית אויף זיך, האט זיך דער איבעריגער עולם געפונען ווי בעליידיגט:

— פאר וואס קומט איהם איינעם אליין אזא מצוה? ער האט זעהר שען געדרשעט? דער ברית איז אלעמענס ברית!

אז ס'איז געקומען צו די כבודים אויסטהיילען איז געווארען א שמיקעל סכסוך.

העניך דער סטאליר האט גערעכענט, אזוי ווי ער איז בעל-הבית וועט מען איהם מסתמא געוויס אפגעבען סנדק, האט ער אבער גע־האט א מיאוס'ען טעות. סנדקא האבען אלע געזאגט קומט רב חיים חנה דעם מלמד, מחמת רב חיים חנה דער מלמד איז א יוד וואס קאן פארשטעהט איהר מיך לערנען; האט שוין העניך דער סטאליר געמוזט נאכשטופען די קארעטע און זאגען, אז ער האט אליין אויך גאר אנ־דערש ניט גערעכענט... דערפאר האט מען איהם מכבד געווען מיט כסא של אליהו, און מציצה האט מען געמוזט אוועקגעבען אסנה דער קורעלאפניטשקעס מאן, מחמת אסנה דער קורעלאפניטשקעס מאן איז א בייזער יוד. ער קאן מאכען א סקאנדאל!

הקיצור מע האט זיך מיט די כבודים ווי עס איז איינגעטיילט.

איז געבליבען נאך איין זאך, סאמע דאס בעסטע: וואו וועט מען נעמען משקה?

— משקה? — רופט זיך אן שרה-רחל די באבע — איהר זאלט זיין אזא דאגה האבען מיט אלדעם גוטס, ווי איהר האט א דאגה מיט משקה!

און שרה-רחל האט געחאפט אויף זיך דעם קעצענעם בורנוס און איז אוועק צו איהר איידעם יודיל דעם ווייגער, וואס מאכט די

זיסע בראנפענס, און האט איהם געבראכט צופיהרען אויפ'ן ברית מיט צוויי פלעשליך רויטען בראנפען, וואס מע רופט דאס „קראמבאמבולי", און אז דער עולם האט נאך די פיש גענומען צו גלעזליך „קראמבאמ־בולי", איז מען באלד געווארען לעבעדיג, פריילעך און עס האבען אנגעהויבען פליהען לחיים'ס.

— לחיים! — האט געזאגט דער „סנדקא" רב חיים־חנה דער מלמד, א יוד מיט איין אויסגעפליקטער בארד פון איין זייט און מיט א שווארצע גלאנצענדיגע פעטשיילע אויפ'ן האלז — לחיים! לאז גאט העלפען, מיר זאלען דערלעבען טרינקען אויף זיין בר־מצוה.

— לחיים! — האט געזאגט „כסא של אליהו", העניך דער סטאליר — לחיים! לאז גאט געבען מיר זאלען דערלעבען טרינקען אויף זיין חתונה!

און דער „בעל־מציצה", אסנה דער קורעלאפניטשקעס מאן, איין אויסגעדינטער ניקאלאיעווסקי סאלדאט מיט גראבע שווארצע ליפען, האט אריינגעהאקט דריי כוסות מיט אמאל און איז אוועק מיט זיין ווינשעוואניע נאך ווייטער:

— לחיים! לאז גאט געבען מיר זאלען דערלעבען טררררונקען אויף ברית'ן, אויף בר־מצוה'ס און אויף חתונות ביי איהם און ביי זיינע קינדער און ביי זיינע אייניקליך און ביי זיינע אור־אור־אייניקליך.

און די ווייבער האבען אויך גענומען צו האפעטשקעליך, און זענען געווארען רויטפארביג און שטארק בעריידעוודיג און האבען גערעדט אלע אינאיינעם, ווי די גענז.

נאכדעם האבען די מאנסבילען ארויסגעטראגען די טישען מיט די ביינקליך, אראפגעווארפען מחילה די קאפאטעס און האבען גע־האפט א טענציל, מחילה אין די תחתונים, ווי להבדיל שמחת תורה.

און אויפ'ן בעטיל, פערהאנגען מיט איין אלטען צעריסענעם לייליך ארומגעשטעקט פון אויבען ביז אראפ מיט שיר המעלות'ן, איז געזעסען ריזיל די קימפעטירין מיט א ברעקעלי קינד אויף די הענט, געוויקעלט אין שמאטעס, צוגעטוליעט צו דער ברוסט. זי האט געקוקט

אויף דִי דָאזִיגֶע גוּטֶע מֶענְשֶׁען, וָואס הָאבֶּען גֶעווינְשֶׁען אִיהר אַזוֹי פִיעל גוּטְס, זִי ווַייסְט נִיט פַאר וָואס אוּנ פַאר וֶוען, אוּנ הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף אִיהר קִינְד, אִיהר טְרֵייסְט:

— אִין גַאנְצֶען עֶר! עֶר מִיט דִי בֵּיינֶער!

אוּנ צְווֵיי טְרֶערֶען הָאבֶּען אַרָאפְּגֶעקַאפֶּעט פוּן אִיהרֶע שֵׁיינֶע בְּלוֹיֶע טִיפֶע אוֹיגֶען, גֶעקוֹיקֶעלְט זִיךְ אִיבֶּער אִיהר בְּלַאס אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט פָּנִים אוּנ אַרָאפְּגֶעפַאלֶען אוֹיף דֶער ווַייסֶער יוּנְגֶער בְּרוּסט

III.

נחת פון קינדער

(מאנאלאג).

— קיין נגיד הערט איהר, בין איך ניט, נאר נחת פון קינדער האב איך ברוך-השם מעהר פונ'ם גרעסטען גביר אין כתריליווקע! ביי מיר, הערט איהר, אז עס קומט א יום-טוב און עס קומען זיך צונויף אלע קינדער קיין עין-הרע, זוהן און טעכטער, שנור און איידעמ'ס מיט אלע אייניקליך — ווער איז צו מיר גלייך?

למשל געמט פורים צו דער סעודה.

וואס פאר א טעם, פרעג איך אייך, האט א סעודה, אז מע זעצט זיך צום טיש אייגער אליין מיט'ן ווייב און מע עסט?

נו, שטעלט אייך פאר, אז איך האב שוין אפגעגעסען די פיש מיט דער יוך, לאקשען, צימעס, דאס, יענץ — נו וואס? בלאטע שבבלאטע! א פערד להבדיל עסט אויך. א מענש איז דאך אבער נישט קיין פערד. ובפרט א יוד. ובפרט יום-טוב. ובפרט אזא יום-טוב ווי פורים צו דער סעודה!

קודם-כל די קינדער קיין עין-הרע.

אכט האב איך זאלען געזונד זיין, אלע אויסגעגעבענע. (געוועזען צוועלף, פיער זענען, די צו לייכטערע יאהר, אוועקגעגאנגען). האלב זעהן זוהן, האלב זענען טעכטער; פיער איידעמ'ס און פיער שנור. האט איהר שוין קיין עין-הרע א קימא-לן פון זעכצעהן.

היינט אייניקליך, לעבען זאלען זיי! נישט צו פערזינדיגען, ווארום אלע טעכטער און אלע שנור קינדלען ברוך-השם אלע יאהר; ביי וועמען ס'איז פארהאן עלף, ביי

וועמען — נײן, בײ וועמען — זיבען; קײן עקרות, אַזעלכע הײסט דאָס וואָס זאָלען חלילה נישט האָבען גאָר נישט, איז בײ מיר נישט פאַרהאַן.

גאָר מיט אײן זוהן, מיט׳ן מיטעלסטען, האָב איך געהאַט אַביסעל צו טהון: מײן שנור האָט אַ צײט קײן קינדער נישט געהאַט. נישטאָ און נישטאָ און געווג!

האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה: דאָקטוירים, דער רבי, להבדיל דער טאַטער — עס העלפט נישט.

קצור־הדבר ס׳איז געבליבען גט׳ען זיך.

מילא גט׳ען זיך — גט׳ען זיך. ס׳איז געקומען צום גט׳ן זיך — ווער? וואָס? זי וויל נישט!

וואָס הײסט זי וויל נישט? זי האָט איהם, זאָגט זי, ליעב. טפּש אײנער! וואָס הערסט דו זי, זאָג איך, וואָס זי האָט דיך ליעב? זאָגט ער: איך האָב זי אויך ליעב. וואָס זאָגט איהר אויף דעם חכם? איך זאָג איהם „קינדער"! זאָגט ער „ליעב"!... וואָס זאָגט איהר אויף אַזאַ לעקיש?

קצור הדבר זײ האָבען זיך נישט געגט, און גאָט האָט געהאָלפען שוין אַ יאָהר זעכס אַז זי האָט אָנגעהויבען צו קינדלען, קינדעלט זי וואָס אַ יאָהר, וואָס אַ יאָהר; שיט מיך אָפּ מיט אײניקליך.

איהר זאָלט זעהען בײ מיר אײניקליך — אַלע געראָטענע, אײנס שענער פון אַנדערען, איז זײערע פּנים׳ער נישט אַרײנצוקוקען! איך זאָג אײך אַנטיקליך!

הײנט ווי אַזוי לערנען זײ! טאַטער ווילט איהר אַ בלאַט גמרא — איז אַ בלאַט גמרא אויסווײניג. פון חומש מיט רש״י, מיט תנ״ך, מיט דקדוק, מיט די אַלע איבעריגע הײנטיגע שאַלעמויזען שמועסט מען נישט. זײער לײענען און זײער שרײבען יודיש און רוסיש און דײטש און פראַנצויזיש, און און און...

אַז איך בעדאַרף אַמאָל אַ בריוויל איבערלײענען, אײן אַדרעס אָנשרײבען צי וואָס, ווערט אַ מלחמה: „זײדעניו, אַט וועל איך! זײדעניו, אַט וועל איך"!

אַי וואָס? איהר וועט פרעגען „פּרנסה"? עט! פאַרהאַן אַ גרויסער גאָט! ער פיהרט אויס. אַמאָל אַזוי, אַמאָל אַזוי. אַמאָל בעסער, אַמאָל ערגער — מע מוטשעט זיך און מע קומט דורך מיט'ן יאָהר, אַבי געזונד, ווי זאָגט איהר, קיין צרות איז מען ניט זשעדנע.

מיין עלטערען זוהן איז געגאַנגען ניט שלעכט. ער איז געזעסען אין אַ דאָרף, אין זלאַדיעווקי איז ער געזעסען און געהאַט גאַנץ פיין פּרנסה; נאָר אַז ס'איז אַרויס דער אוקאַז פון'ם 3 מאַי דאָט מען איהם געבעטען מחילה, האָט ער דאָך מסתּמא געבריהט זיך, געוואָלט אויסווייזען, אַז ער איז ניט קיין „פּאָסעליוושייסיאַ", געבראַכט פּאַפּירען אַז ער זיצט דאָרטען נאָך פון ששת ימי בראשית, דערלאַנגט אין סענאַט. בקיצור ס'האָט ניט געהאָלפען קיין שמע ישׂראל, מע האָט איהם אַרויסגעטריבען און ער קאָן נאָך עד היום צו זיך ניט קומען...

און דעם אַנדערען זוהן מיינעם געהט געביך גלאַט נישט. וואָס ער זאָל ניט טהון איז שלים־שלים־מזל, ווי זאָגט איהר „מיט דער פוטער אַראָפּ". קויפט ער תבואה ווערט אַ זול, האַנדעלט ער אין אָקסען, פגר'ען זיי. ריהרט ער זיך צו צו וואַלד, איז אַ וואַריגער ווינטער. — אַ בר־מזל! „טאַטער, זאָג איך וואָלסט דו האַנדלען מיט תכריכים, וואָלט מען אויפגעהערט שטאַרבען?"

דעם דריטען זוהן מיינעם איז יאָ געווען ניי„קשה„ איז ער אין דער גרויסער שׂרפה ניט היינט געבראַכט, אָבגעבערענט געוואָרען, אַרויס ווי די מאַמע האָט איהם געהאַט און האָט נאָך געהאַט אויף זיך אַ גוט פּעקיל מיט אַ מסירה'לי, מיט אַ סלעדאָוואַטעל, מיט צרות פרעגט ניט — ס'איז גוט!...

נאָר איין קלענערען זוהן מיינעם איז קיין עין הרע גאַנץ נישט־קשה'דיג; שייך זאָגען נישקשה'דיג? קיין געלד האָט ער ניט; נאָר ער האָט אַ רייכען שווער, דאָס הייסט ער איז ניט אַזוי רייך ווי אַ בעל־פּרנסה, האָט געשעפטען אַסך, אַ גרויסער דרעהער, אַ „קרוטין" זאָל דער אויבערשטער שומר ומציל זיין! ער דרעהט אַזוי לאַנג ביז

עֶר פַארְדְרֶעהט אִי זִיךְ אִי יֶענֶעם. נָאר וָואס דֶען ? עֶר דְרֶעהט זִיךְ אַלֶע מָאל אוּים. עֶר הָאט שׁוֹין נִיט אֵיין מָאל גֶעשְׁפֶּעטְ'ט אִי זַיין גֶעלְד אִי דִי קִינְדֶערְס גֶעלְד. זָאג אִיךְ צוּ אִיהם „וָואס הָאט אִיהר גֶעהַאט צוּ מַיין זוּהנְ'ס גֶעלְד ?" זָאגְט עֶר: „אִיהר הָאט עֶפֶּעס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ סַךְ פּוּטֶער ?"..

זָאג אִיךְ: „מַיין זוּהן אִיז מִיר דֶערְוַוייל אַ קִינְד". זָאגְט עֶר: „אוּנ מַיין טָאכְטֶער אִיז בַּיי מִיר נִיט קֵיין קִינְד ?" זָאג אִיךְ: „עֶט !" זָאגְט עֶר: „בֶּע !" זָאג אִיךְ: „מֵילָא". זָאגְט עֶר: „בְּקִצוּר". אַ וָוארְט פַאר אַ וָוארְט — וָואס זָאלְט אִיהר דָא קְלֶערֶען ? שְׁטַארְק פְּרִיַאטְנֶע אִיז דָאס נִיט !...

זֶעהט אִיהר, צוּ אֵיידֶעמ'ס הָאבּ אִיךְ גָאר קֵיין גְלִיק נִישְׁט. אָבֶּער טַאקִי לַחֲלוּטִין נִיט ! דָאס הֵייסְט אִיךְ הָאבּ צוּ זֵיי קֵיין טַעֲנוֹת נִיט אוּנ שֶׁעם זִיךְ חָלִילָה נִישְׁט מִיט זֵיי, וָוארוּם אִיךְ הָאבּ, מֶעגְט אִיהר מִיר גְלוֹיבֶּען, אַזֶעלְכֶע אֵיידֶעמ'ס וָואס דֶער גְרֶעסְטֶער גְבִיר פֶערְמָאגְט זֵיי נִיט. פַיינֶע קִינְדֶער, מְיוּחָסִים, פַּארְשׁוֹינֶען, קֶעמְפֶּעטֶענְשֶׁען !

אֵיינֶעם הָאבּ אִיךְ אַיין אֵיידֶעם פוּן גָאר אַ גְרוֹיסֶען יִחוּס, אַ צַאצְקֶעלִי, אַ זַיידֶען קִינְד, אַ גֶערָאטֶענֶער מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת אוּנ אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, זִיצְט אוּנ לֶערֶענְט, אִיךְ הַאלְט אִיהם בַּיי זִיךְ אוֹיף קֶעסְט פוּן נָאךְ דֶער חֲתוּנָה אָן, וָוארוּם וֶוען אִיהר זָאלְט אִיהם קֶענֶען וָואלְט אִיהר אַלֵיין גֶעזָאגְט אַז ס'אִיז גָאר אַיין עֲבֵירָה אַרוֹיסְצוּלָאזֶען אַזֶעלְכֶס אוֹיף דֶער וֶועלְט — וָואס וֶועט פוּן אִיהם וֶוערֶען ?

דֶעם אַנְדֶערֶען אֵיידֶעם הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אַזַא יִחוּס, נָאר דָאס קָען אִיז אָבֶּער אַיין אַנְטִיק, דְהַיְינוּ: וָואס וִוילְט אִיהר ? שְׁרַייבֶּען אוּנ לֵייעֶנֶען אוּנ חֶשְׁבּוֹנֶען אוּנ זִינְגֶען אוּנ טַאנְצֶען אוּנ וָואס נִיט ? הַיינְט שְׁפִּיעלְט עֶר אִין שָׁאךְ — אַז מֶע שְׁמוּסְט עֶר יָכוֹלְט ! פוּן דֶעגְסְט-וֶועגֶען, הֶערְט אִיהר, אַז ס'אִיז נִיט בַּאשֶׁערְט; וִוי זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ: לֹא לַחֲכָמִים לֶחֶם — אַלֶע קֶענֶערְס גֵעהֶען אָהן שְׁטִיוֶועל. אִיךְ הָאבּ אִיהם שׁוֹין גֶעפְּרוּבְּט אוֹיף אַלֶע זַייטֶען; עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶועןן אַ פָּאסֶיצְסֶער אוּנ אַ קְרֶעמֶער, אוּנ אַ מוֹכֵר תְּבוּאָה'נִיק אוּנ אַ מֶעקְלֶער אוּנ אַ מְשׁוּלָח, אוּנ אַ קַאסִיר, אוּנ אַ מְלַמֵד, אוּנ אַ שַׁדְכָן — עֶס גֵעהט נִישְׁט הָאטְשׁ צֶערַייס זִיךְ !

— נאָך איין איידעם האָב איך, שוין נישט אַזאַ גרויסער קענער, נאָר אויך נישט קיין אַבי-װער. די גוטע קאָפּ מיט דער שיינער האַנט, מיט דער בלאַט גמרא, מיטן שיינעם פּיסק — אַז ער רעדט, שיטען זיך פּערל, א חיות צו הערען.

איין חסרון נאָר וואָס ער איז צו איין איידעלער, כמעט אַ רוחניות, דאָס הייסט ער איז נישט איבעריג געזונד. דאָס הייסט אפילו אַז איהר וועט אַ קוק טהון אויף איהם אַזוי, איז ער דאַכט זיך — גאָר נישט... נאָר וואָס דען? דאָס וואָס ער שוויצט. עס גיסט פון איהם דער שווייס. און דערצו נאָך דער הוסט! פון אַ צייט אַז ער האָט בעקומען אַ פּאַסקודנע הוסט מיט אַ מין קוויטש און ס'איז איהם שווער צו האַפּען דעם אָטעם. דאָקטוירים הייסען איהם טרינקען מילך און פּאָהרען קיין בויבעריק אויף אַ דאַטשע. אַהין פּאָהרען, זאָגט מען, אַלע קראַנקע דאַרטען, זאָגט מען, איז פאַרהאַן אַ וואַלד אַזעלכער, וואָס איז אַ רפואה צום הוסט. רעכען איך אם ירצה־השם איבער אַ יאָהר זומער, אַז גאָט וועט שיינקען דאָס לעבען, זיך דורכפּאָהרען מיט איהם קיין בויבעריק. דערוויייל ביז ער וועט אַ מאָל ווערען געזונד ליגט ער מיטן ווייב און קינדער געוויינטליך אויף מיינע פּלייצים.

היינט האָב איך נאָך איין איידעם, שוין גאָר אַ פּראָסטען, נאָר אַ האָרעפּאַשנעם יונג, דאָס הייסט חלילה נישט קיין בעל-מלאכה, נישט קיין שניידער, נישט קיין שוסטער, נאָר קיין חדר יונגיל אויך ניט.

ער איז אַ „פּיליער" איז ער; ער האַנדעלט מיט פיש האַנדעלט ער. זיין טאַטע האַנדעלט מיט פיש, זיין זיידע האָט געהאַנדעלט מיט פיש, די גאַנצע משפּחה זייערע ווייסען — נור פיש און נור פיש און נור פיש!

דאָס הייסט זיי זענען אפילו גאַנץ ערהליכע יודען, אָרענטליכע, נאָר פּראָסטע מענשליך.

וועט איהר דאָך פרעגען, ווי קומט צו מיר אַזאַ איידעם? מסתמא איז דריגען פאַרהאַן אַ מעשה, ווי זאָגט מען: אין אַ טייך וואַרפען זיך

דורך אלערליי העכט. מסתמא איז מיין טאכטערס גליק אזוי, אז זי בעדארף האבען אזא מאן.

דאס הייסט. האבען האב איך צו איהם גאר ניט, מיין טאכטער לעבט פאר איהם דוקא גליקליך, ווארום בטבע איז ער דוקא א גוט מענשיל, א דימענט, צוגעלאזט, הערט איהר, צו אונז אלעמען ביז גאר, וויפיעל ער פערדיענט ניט ער אפ איהר, און העלפט אויס יענע איידעמ׳ס מיינע און די זוהן ווי ווייט מעגליך, וואס איז שייך זאגען? ער הארעוועט כמעט איינגאנצען אויף אונז, און האט פאר אונז אלעמען דרך־ארץ, ווארום ער ווייסט גאנץ גוט, ער פיהלט, פארשטעהט איהר מיך, ווער ער איז און ווער מיר זענען; ער איז ער און מיר זענען פארט מיר! מיט דער האנד, הערט איהר, קאן מען דאס ניט אוועקמאכען.

ווארום אז עס מאכט זיך אמאל, מע קומט זיך צענויף צווישען מענשען און מיינע קינדער מאכען א שמועס מכח די קליינע אותיות, עפיס א דין אין שלחן־ערוך, צי א שארף שטיקעל גמרא, צי גלאט א פסוק, מוז ער געבאך זיצען און שטומען, ווארום ס׳איז פאר איהם ניט דא געדאכט א סוד!

אודאי מעג ער זיך איבערנעמען וואס ער האט אזוינע שוואגערס און מעג הארעוועט פון זייערט וועגען! ווי זאגט איהר? ניט אזוי? הא?

אצינד אז איהר זענט שוין אביסעל בעקאנט מיט מיין געזינדעל, פערשטעהט איהר שוין וואס פאר א שמחה ביי מיר איז און וואס פאר א נחת איך האב, אז עס קומט א יום־טוב, למשל פורים צו דער סעודה, און אלע קינדער מיט אלע איינִיקליך קיין־עין־הרע זעצען זיך אויס ארום טיש און מע מאכט המוציא איבער דעם שיינעם גרויסען קלוגען פורים־קוילעטש וואס מיט זאפראן און מיט ראזינקעס ארומגעשטעקט, מיט די גוטע געפעפערטע און געציקערטע פיש מיט חריין, מיט די גוטע געלע לאנגע לאקשען מיט יוך, און מע נעמט צו־קאפליך משקה, אז גאט העלפט א פלעשיל וויזאראזיג אין אמת׳ער א „קאוועשאנער”, אדער א גלעזיל גוטען ווישניק, אבי ס׳איז נאר דא.

און פאר נויט איז אַ פּראָסט ביסעל יי״ש אויך אַ סחורה, און מע טהוט אַ זינג, איך דעם שושנת יעקב! און נאך אַ מאל שושנת יעקב! און ווידער אַמאל שושנת יעקב! טהוען אַ האפּ אינטער די קינדער:

צהלה ושמחה!

און די קליינע שקצים די אייניקליך אויפ׳ן דינעם קולכיל:

אור ליהודים! אור ליהודים! און מע נעהט נאך אַ טענציל אויך. — דעמאלט ווער איז צו מיר גליך? וואס מיר בראצקי? ווער מיר רויטשילד? אַ קיסר, ווי איהר זעהט מיך אַ יודען, אַ קיסר!

קיין נגיד, הערט איהר, בין איך ניט, נאר נחת פון קינדער האב איך ברוך־השם מעהר פון׳ם גרעסטען גביר אין כתריליווקע

IV.

אַ פֶערשְׁטֶערְטֶע חֲתוּנָה.

ווי אַזוֹי זָאל זִיךְ נחַ צֶעלְנִיקֶער נִישְׁט פְרֵייהֶען, אַז גָאט הָאט אִיהם גֶעהָאלְפֶען, עֶר גִיט אוֹיס דָאס לֶעצְטֶע קִינְד, עֶר מַאכְט חֲתוּנָה דִי יוּנְגְסְטֶע טָאכְטֶער?

פַאר וֶועמֶען?

לְמַאי נַפְקָא־מִינָה צִי פַאר בָּרוּךְ'ן צִי פַאר זֶרַח'ן, צִי פַאר פַייטְלֶען צִי פַאר טְרֵייטְלֶען? — אוֹיסְגֶעגֶעבֶּען, חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אוּנ אַיין עֶק!

מֵיינְט אִיהר דָאךְ אַז נחַ צֶעלְנִיקֶער אִיז אַזַא פָאטֶער, וָואס פַּטֶר'ט אָרָאבּ אַ טָאכְטֶער, אַ הָארְבּ פוּן דִי פְּלֵייצֶעס, גְלַאט אַזוֹי, אַבִּי פָּטוּר גֶעוָוארֶען? הָאט אִיהר אַ טָעוּת?

אַזַא פָאטֶער ווי נחַ הָאט אִיהר נִיט דֶעם צְווֵייטֶען אִין דֶער וֶועלְט. פוּן אַ קִינְד'ס וֶועגֶען וֶועט עֶר זִיךְ אַייךְ מַפְקִיר זַיין,

דָאס גַאנְצֶע לֶעבֶּען זַיינְס הָאט עֶר מַקְרִיב גֶעוֶועזֶען פוּן דִי קִינְדֶערְס וֶועגֶען: גֶעהָארֶעוֶועט אוֹיסְגֶעריסֶען גֶעוָוארֶען, גַאנְצֶע טֶעג אוֹיף דֶער הִיטְץ, גַאנְצֶע נֶעכְט אוֹיפ'ן פְרָאסְט, זִיךְ גֶעשְׁלֶעפְּט אִין רֶעגֶענְס אוּנ אִין בְּלָאטֶעס, שׁוֹין גֶעלִיגֶען וויפִיעל טָאל אוּנְטֶער'ן וָואגֶען אוֹיף אַ פָּאר מָאל ווינְטֶער אִין אַ פָאלָאנְקֶע, זִיךְ צוּ גֶעקִיהלְט דִי לוּנְג, בֶּעקוּמֶען אַ מָאדְנֶע הוּסְט — אִיהר פְרֶעגְט ווי אַזוֹי מֶע וֶוערְט פֶערְשְׁוַוארְצְט? אַ נוּ פְּרוּבְט אוֹיסְהַאלְטֶען אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער פוּן אַ צֶעלְנִיק־קְרָאם, אַ „גַאלַאנְטֶערֵיי־גֶעשֶׁעפְט“, אִין כַּתְרִילִיוְוקֶע!

אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶועזֶען קְלֵיינִינְקֶע פְלֶעגְט זִיךְ נחַ אַלֵיין שְׁלָאגֶען מִיט זֵיי קָאפּ אָן וַואנְד: ווִיקְלֶען, הָאדֶעוֶוען, צְוָואגֶען אַלְסְדִינְג.

וֶועט אִיהר דָאךְ פְרֶעגֶען: וואו אִיז גֶעוֶועזֶען דִי מַאמֶע זַייעֶרֶע?

דִי מַאמֶע זַייעֶרֶע, זֶעלְדֶע אִיז גֶעוֶוען פֶּערְגוּמֶען אִין גֶעשֶׁעפְט, מֶעהר צְווִישֶׁען פְּרִיצִים; עֶר — אִין שְׁטָאדְט, זִי — אִין דֶער סְבִיבָה.

פַאר וָואס עֶפִּים זִי נִיט עֶר? זִי פֶערְשְׁטֵעהט דִי שְׁפְּרַאךְ, קָאן רֵעדֶען מִיט אַ פָּרִיץ, אֵיין בְּרְיָה אוֹיף אָבְזֶעצֶען אַ שְׁטִיקֶעל סְחוֹרָה אִין דֶער פְרֶעמְד.

מִיט דֶער שְׁטָאדְט קָאן זֶעלְדֶע נִישְׁט הַאנְדְלֶען, אָנְקוּקֶען קָאן זִי נִיט דִי כַּתְרִילִיוְוקֶער קוֹנִים — זֵיי זֶענֶען צוּ קְלוּג! פְּרִיצִים — דִי זֶענֶען גָאר אַנְדֶערֶע מֶענְשֶׁען. אַ פָּרִיץ אַז מֶע זָאגְט אִיהם „יַאק בָּאנַא קָאחַאם“ — גְלוֹיבְּט עֶר, אוּנ אַ כַּתְרִילִיוְוקֶער יוּד, אִיהר זָאלְט פַאר אִיהם, שׁוֹנְאֵי־צִיוֹן חַאפֶּען דִי עֶרְד, וֶועט עֶר אַייךְ עֶנְטְפֶערֶען מִיט אַ שְׁמֵייכֶעלֶע:

— לְמַאי זָאלְט אִיהר זִיךְ שְׁוֶועהרֶען? אִיהר זֶענְט בַּיי מִיר בֶּעגְלוֹיבְּט אָהן אַ שְׁבוּעָה!...

גְדַן גִיט נַחַ צֶעלְנִיקֶער דֶער יוּנְגְסְטֶער טָאכְטֶער זַיינֶער פִינְף אוּנ זִיבֶּעצִיג; דָאס הֵייסְט צוּזָאגֶען הָאט עֶר צוּגֶעזָאגְט ק״ן, פִינְף אוּנ זִיבֶּעצִיג בְּשַׁעַת תְּנָאִים אוּנ זִיבֶּעצִיג שְׁפֶּעטֶער „לִכְשֶׁיַרְחִיב“...

אִיז אָבֶּער דֶער „לִכְשֶׁיַרְחִיב“ נָאךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען.

אוֹיף דֶעם „לִכְשֶׁיַרְחִיב“ קוּקְט אַרוּם גַאנְץ כַּתְרִילִיוְוקֶע שׁוֹיי אַ שָׁאק מִיט יָאהרֶען, אוּנ נִישְׁטָא אִיהם.

עֶר וֶועט אַמָאל קוּמֶען צִי נַיין? עֶס קָאן זַיין! מִיט וָואס אִיז עֶר עֶרְגֶער פוּן מָשִׁיחַ׳ן?..

קִצּוּר־הַדָּבָר, זַייט זִיכֶער, דֶער שִׁדּוּךְ וֶועט זִיךְ אִיבֶּער גַדַן נִישְׁט צֶעגֵעהן. וָוארוּם סְ׳אִיז אַ הֵיימִישֶׁע זַאךְ: דִי מְחוּתָּנִים קֶענֶען זִיךְ אוּנ הָאבֶּען זִיךְ לִיעבּ; דִי מְחוּתֶּנֶתְ׳טֶעם קֶענֶען זִיךְ אוּנ הָאבֶּען זִיךְ לִיעבּ; חָתָן כַּלָּה קֶענֶען זִיךְ אוּנ הָאבֶּען זִיךְ לִי...

אִיךְ הָאבּ מִיךְ שִׁיעֶר נִיט אַרוּיסְגֶעהַאפְּט מִיט אַ וָוארְט! אַז אִיהר וָועט מִיר צוּזָאגֶען אַז עֶס וֶועט זַיין בְּסוֹד, וֶועל אִיךְ אַייךְ עֶפִּים דֶערְצֵעהלֶען.

נָאךְ אֵיידֶער סְ׳אִיז אַיינְגֶעפַאלֶען רֶב שָׁלוֹם־שַׁכְנָא׳ס דֶעם שַׁדְכָן, עֶר זָאל רֶעדֶען דֶעם דָאזִיגֶען שִׁדּוּךְ, הָאבֶּען זִיךְ חָתָן כַּלָּה שׁוֹין לַאנְג

געקענט און געשריבן בריוולעך, וואס זיי אליין טאקי האבן זיך איינס דאס אנדערע איבערגעגעבן.

ער האט געלערנט אין חדר און זי איז געשטאנען אין קלייט.

איין מאל געהט ער פארביי מיט׳ן תפילין־זעקיל אין בית־מדרש אריין, ראש־חודש איז דאס געווען, דערזעהט ער זי שטעהן ביי דער טיר אין א רויט סיצען קליידיל, וואס זי אליין טאקי האט דאס אויפגענייט, מיט א ווייס געשטיקט שאלעכיל אויפ׳ן קאפ, אויך איהר אייגענע ארבייט, און איהרע שיינע שווארצע גרויסע אויגען קוקען גלייך אויף איהם און שמייכלען.

האט זיך איהם אויסגעדאכט, אז דאס קוקט זי אויף איהם. די זון האט געסמאלעט און א ווארעם ווינטיל האט זיך פערגנב׳ט, א גלעט געטהון די פאה און ער האט א מורקע געטהון: „פריידיל — א היבשע נקבה!"...

האט ער נאכדעם גיכט געקאנט דאווענען — זי איז איהם געשטאנען פאר די אויגען.

סאמע צו הלל, צו „מן־המצר" דערמאנט ער זיך אן דעם צעלניקערס טאכטער און אן איהרע שיינע שווארצע גרויסע אויגען, צעשאקעלט ער זיך און שרייט דעם „מן־המצר" אויף א קול, טאמער וועט ער פערגעסען.

ער געהט פון בית־המדרש אהיים און קוקט אהין, טאמער וועט ער דערזעהען פריידלין.

ער קומט אין חדר אריין, נעמט זיך צו דער גמרא, קוקט אריין אין תוספות — דערזעהט ער פריידלין.

ביי נאכט אין חלום זעהט ער פריידלין — אומעטום פריידיל!

אז רב שלום־שכנא׳ס דער שדכן מיט׳ן לאנגען סטאן און מיט דער רויטער פעטשיילע איז געקומען צו נח צעלניקער אין קלייט אריין איהם פארלייגען דעם שדוך פאר זיין יונגסטער טאכטער מיט ברוך בן־ציון׳ס יונגיל דוד, און האט ארויסגענומען דאס פישקעלי טאבעקע און אנגעהויבען אויסרעכענען, וואס פאר איין אנטיק ער

הָאט אִיהם גֶעבְּרַאכְט צוּ טְרָאגֶען פַאר זַיין טָאכְטֶער, הָאט זִיךְ פְּרֵיידִיל גֶעמוּזְט אָבְּקֶעהרֶען אָן אַ זַייט מֶע זָאל נִיט זֶעהֶען וִוי זִי אִיז רוֹיט גֶעוָוארֶען.

בַּיי אִיהר אוֹיפְ'ן ווַייסֶען הַאלְז, פֶערְשְׁטֵעהט אִיהר מִיךְ, אִיז גֶעהַאנְגֶען אַ בֶּענְדִיל, אוּנ אוֹיפְ'ן בֶּענְדִיל אִיז גֶעהַאנְגֶען אַ קְנִיפִּיל, אוּנ אִין דֶעם קְנִיפִּיל הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אַ בְּרִיוִויל, אוּנ אִין בְּרִיוִויל אִיז גֶעשְׁטַאנֶען גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף יוּדִישׁ מִיט זֶעהר אַ שֵׁיינֶע הַאנְדְשְׁרִיפְט, מִיט צִיקְלִיךְ אוּנ מִיט קְוֶועטְשְׁלִיךְ אוּנ מִיט דְרֵיידְלִיךְ, דִי דָאזִיגֶע וָוערְטֶער:

טְהַייעֶרְסְטֶע אוּנ לִיעבְּסְטֶע נְשָׁמָה! מַיין פְרֵייד אוּנ מַיין„
קְרוֹין, מַיין חַיוּת אוּנ מַיין לֶעבֶּען! פְּרֵיידִיל, גֶעזוּנְד„
זָאלְסְט דוּ זַיין, וֶוען אִיךְ זָאל לְמָשָׁל הָאבֶּען צֶעהֶען„
טוֹיזֶענְד הֶענְד, אוּנ אוּנְזֶער טַייךְ שְׁטוּגְקִיילָא זָאל זַיין„
פוּן גָאלֶע טִינְט, אוּנ דֶער וַואלְד זָאל זַיין גָאלֶע פֶּענֶעס,„
אוּנ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל זַיין פַּאפִּיר, אוּנ אִיךְ זָאל„
שְׁרַייבֶּען צוּ דִיר גַאנְצֶע טֶעג מִיט גַאנְצֶע נֶעכְט, וָואלְט„
אִיךְ דִיר נִישְׁט גֶעקָאנְט אַרוֹיסְשְׁרַייבֶּען קֵיין צֶעהְנְטוֹיזֶענְד„
חֵלֶק אֲפִילוּ פוּן דֶעם וָואס מַיין הַארְץ טְהוּט פִיהלֶען צוּ„
דִיר פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער מִינוּט אָן וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְ-„
זֶעהֶען דַיין לִיכְטִיג פָּנִים, וָואס אִיז שֶׁענֶער פוּן דֶער זוּן,„
אוּנ דֶערְהֶערְט דַיין זִיס קוֹל, וָואס אִיז זִיסֶער פוּנְ'ם„
זִיסְטֶען וַויין"...״

אוּנ אַזוֹי וַוייטֶער.

דָאס פֶּארִיל הָאט לַאנְג לַאנְג אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אוֹיף רֶבּ שָׁלוֹם שַׁכְנָאִים דֶעם שַׁדְכָן, עֶר זָאל פַאלֶען אוֹיפְ'ן שִׁדוּךְ, אוּנ אַז דֶער שִׁדוּךְ אִיז גֶעוָוארֶען אַ שִׁדוּךְ, הָאט דֶער חָתָן גֶעשִׁיקְט דֶער כַּלָה אַ פָּאר גִילְ-דֶענֶע אַהְרִינְגְלֶעךְ פַאר פִּיפְּצֶעהן קַארְבָּען, אוּנ דִי כַּלָה הָאט אוֹיסְגֶע-נֵייט דֶעם חָתָן מִיט זִילְבֶּער אוֹיף סַאמֶעט אַ נַיי תְּפִילִין-זֶעקִיל, אַ מֶגֵן-

דוד מיט צוויי לייבען און מיט א קרוין פון אויבען, וואס מע האט דאס בעדארפט אנקוקען אויף חדושים!

קיין גלייכען איז נישט געווען צו דעם פאריל אויף דער וועלט. שטיל, אהן ווערטער, האבען זיי געצעהלט די וואכען, די טעג, די שעות, די מינוטען צו דער חופה — אויף שבת־נחמו איז אבגעשטעלט געווארען די חתונה — און די גליקליכע צייט איז געקומען, אין א גוטער שעה, א מזל׳דיגער שעה.

ווער עס האט ניט געזעהען זעלדע די צעלניקערין אינ׳ם טאג פון איהר פריידיל׳ס חופה ארומלויפען מיט׳ן זיידענעם טיכעל פערבונ־דען פון יענער זייט האלז מיט צוויי שפיצען און שרייען מיט א היי־זעריג קול: „וואו איז ערגיץ נח, וויסט איז מיר?״... דער האט קיין שענם ניט געזעהען און דער פערשטעהט ניט, וואס הייסט „פערטאראראמט!״

— חתן־כלה פאסטען — האט זי געשריגען מיט א קוויטש — און איהם האט דער גוטער יאהר! נח, וואו ביזט דו ערגיץ? גוואלד, איך וועל דאס ניט אויסהאלטען!

— וואו איז דער מחותן? — האבען איהר געהאלפען שרייען החתנ׳ם צד — שוין צייט בעזעצען די כלה! וואו איז דער מחותן?

און דער „מחותן״ איז געזעסען אין א ווינקעלע; ער האט זיך פערקלויבען אהין מיט א גוטען ברודער רב משה יוסי דעם רב׳ם איי־דעם, און דערצעהלט איהם אוים זיין ביטער הארץ, וואס פאר א פערשטערטע חתונה ער האט.

אלע טעכטער קיין עין־הרע חתונה געמאכט ווי עס געהער צו זיין; אלע מאל אראבגעבראכט די סמילער כלי־זמר; געקומען צו דער מיזינקע — ניטא קיין כלי־זמר!

משה יוסי דעם רב׳ם איידעם גלעט זיך דאס בערדיל, קוקט מיט שמייכעלדיגע אויגעלעך אויף דעם נארישען מחותן און זאגט צו איהם:

— אט האט איהר דאך כלי־זמר. די היגע כלי־זמר זענען דען קיין כלי־זמר ניט?

אויך מיר כְּלֵי־זֶמֶר! — מאכט צו איהם נחַ — אַ חֲתוּנָה אָח סמילער כְּלֵי־זֶמֶר!

דאס ווייסט איהר דאך מסתמא, מיר האבען שוין וועגען דעם אַמאל געשמועסט, אונ קיינער וועט זיך ניט איינשטעלען אָבלייקענען, אַז יודען אויף דער גאנצער וועלט זענען מבינים אויף נגינה אונ האָבען ליעב כְּלֵי־זֶמֶר.

כתריליווקער יודען — די זענען גאר די כפרה! לאז קומען קיין כתריליווקע אַ חזן אַ רעכטער, דאוונען אַ שבת מברכים, וועט מען פער־זעצען אַ משכון אונ מע וועט געהן האָרכען דעם חזן.

נחַ צעלניקער איז געווען, קאן מען זאגען, צווישען כתריליווקער אַ כתריליווקער. ווען נחַ ווייסט דאס פריהער, אַז די סמילער כְּלֵי־זֶמֶר וועלען ניט קאנען זיין, לייגט ער אָב די חֲתוּנָה אויף חצי אֱלוּל.

שפעטער, נאך דער חוּפָּה, האט ער ווידער ניט געסטייעט.

— וואו איז נחַ? — שרייט כַּלָּה׳ס צַד.

— וואו איז דער מְחוּתָּן? שרייט חָתָנ׳ס צַד.

— דער מְחוּתָּן? דער מְחוּתָּן?

זעלדע געפינט איהם אונ גיט איהם אַ רעכטען פסק, טהוט אַ כּלעהק בשעת מעשה מיט די הענט:

— שען מאכסט דו חֲתוּנָה די מיזינקע, וועה איז מיר!

— אהן די סמילער כְּלֵי־זֶמֶר מאכט נחַ — איז דאס ביי מיר אַ לְוָיָה, נישט קיין חֲתוּנָה, אַ פערשטערטע חֲתוּנָה!

— גאט איז מיט דיר, נחַ, וואס רעדסט דו? ווינד איז מיר! — זאגט צו איהם זעלדע מיט פייער — כתריליווקער כְּלֵי־זֶמֶר זענען קיין יודען ניט? כתריליווקער כְּלֵי־זֶמֶר האבען קיין קינדער ניט? כתריליווקער כְּלֵי־זֶמֶר בעדארפען נישט עסען? אי פע — שעמען מעגסט דו זיך, שעמען אין דיין ווייטען האלז אריין!... רב יהושע־העשיל, אַ פריילִיכם!

אונ רב יהושע־העשיל דער כְּלֵי־זֶמֶר, אַיין עלטערער יוד מיט אַ וואטאווע קאפאטע מיט גראבע פאות אונ מיט אַ לאנגען טלית קטן, טהוט אַ קלאפ מיט׳ן סמיטשיק איבער׳ן פידעל, אונ אַ ווינק צו דער

חברה — און כתריליוקער כלי־זמר בעווייזען אז זיי זענען אויך נישט קיין „יאלדען"; זיי שפּיעלען אַ פריילעכס, אַרבייטען אויף אַלע כלים, רייסען די סטרונעס, ברומען אויפ'ן באַס, בלאָזען אין די טראַמבּייטען פּייפען אויף די פליימען, קלאַפּען אין די טאַצען; דער עולם קלעס־קעט צו מיט הענד, צעשפּרייט זיך, מאַכט די ראָד גרעסער און גרע־סער, די מחותנים מיט די מחותנת'טעס פון ביידע צדדים נעמען זיך פאַר די הענד און מע נעהט אַ פריילעכס

V.

נישט פאר קיין יודען געדאכט.

זיידיל רב שעיה'ס איז א יונגערמאן וואס זיצט אויף קעסט: מהות נישט קיין האנד אין קאלט וואסער, זיצט און לערענט, כאטש ער האט שוין עטליכע קינדער. נאר וואס האט ער צו דאגה'ן אז ער איז א בן יחיד, און רב שעיה איז א יוד א נגיד — איבער הונדערט צוואנציג יאהר איז דאס איינגאנצען זיינס.

רב שעיה איז כל־ימיו געוועזען א יוד א בעל־הלואה. זיין „קאפי־טאל" איז געוועזען צעווארפען איבער דער גאנצער שטאדט. ס'איז ניט געוועזען איין כתריליווקער וואס זאל ניט זיין שולדיג רב שעיה'ן קיין געלד, און דערפאר האט ביי איהם אין שטוב תמיד געקאכט ווי אין א קעסיל; דער אריין דער ארויס, דארט גענומען דא געגעבען.

ס'איז ביי איהם געוועזען להבדיל א „קאנטאהאר", א „באנק", א באנק נאר אהן געפארבטע טישען און טישלעך, אהן מענשען א סך מיט ווייסע מאנישקעס, מיט פעדערדרעהטע וואנצים און מיט לאנגע נעגעל, אהן פענסטערלעך מיט גראטעס, אהן אייזערנע שאפעס און אהן מורא'דיגע קאנטעביכער און גראסביכער, וואס מע קאן מיט זיי הרגע'נען א מענשען.

ביי רב שעיה'ן אין שטוב איז געשטאנען נאר איין טישיל, אויפ'ן טישיל איז געשטאנען א „טינטוריל" מיט א „זעמדעריל" און איטליכס מאל, וואס מע האט בעדארפט פערשרייבען, פלעגט מען מוזען אנשפייען אין „טינטוריל", ווארום אנדערש האט דאס ניט געוואלט געבען קיין טינט. און ווייטער איז געווען אין טישיל א טישקעסטיל מיט צוויי רינגעליך מיט א גרויסען שלאס. דארט אין טישקעסטיל

איז געווען דאס „קאנטאבוך" מיט אלע חשבונות, וואס רב שעיה אליין מאכי האט זיי געפירט על פי זיין אייגענע בוכהאלטעריע. דהיינו ווי אזוי?

דאס ביכיל איז באשטאנען פון צוויי און פופציג בלעטלעך, אויף יעדען בלעטיל, איז געשטאנען די סדרה פון דער וואך צעווירעט אויף צווייען פון איין זייט קבלתי *) — פון דער אנדערער זייט נתתי **) — און דארט איז געווען פארשריבען אזוי:

קבלתי מר׳ גרשון פופיק על־פי קוויטעל פרשה בראשית ב׳ רו״כ.
קבלתי מר׳ פייוויל שמוים על־פי קוויטעל פרשה פקודי... ד׳ רו״כ.
קבלתי מר׳ שמחה לעמישקע א׳ רו״כ.
לא קבלתי מר׳ גרשון פופיס על פרשה נח, לא קבלתי גם על פרשה לך־לך.

נתתי לר׳ שמחה לעמעשקע על־פי קוויטעל פרשה פקודי י״ג רו״כ.
נתתי עוד לר׳ גרשון פופיק ז׳ רו״כ.
לא נתתי עוד לר׳ פייוויל שמוים י״ב רו״כ כי ס׳איז פארפאלען.
הבטחתי ***) לר׳ שמחה ליתן עוד י״א רו״כ.

ווי אזוי איז דאס רב שעיה ארויסגעקראכען פון די דאזיגע חשבונות, ווייסט נאר איין גאט! פון דעסטוועגען, וועל איך אייך בעטען, האט קיין יסורים ניט, ס׳איז ניט געווען קיין פראטעסטען, קיין פראצעסען, קיין לאדענישען; איטליכער האט געוואוסט, אז טאמער הערט ער אויף צו צאהלען, ווערט ער אוים בטוח, — א פערפאלענער אויף אייביג!

און אזוי האט זיך דאס רעדעל געדרעהט געדרעהט א צייט מיט יאהרען, זיך ניט אבגעשטעלט אויף קיין מינוט, ביז...

ביז רב שעיה איז געשטארבען.

רב שעיה איז געשטארבען און זיידיל רב שעיה׳ס האט איבער־גענומען דאס געשעפט.

*) גענומען.
**) געגעבען.
***) צוגעזאגט.

דורכגעלאָזט „שלושים" האָט זיך זיידיל קודם־כּל גענומען צו די חשבונות און איז אָפּגעזעסן איבער די ביכער אַ וואָך דריי, געזעסן און געשריבן, געשריבן און גערעכנט, און האָט געשיקט רופן צו די בעלי־חובות און רופט זיך אָן צו זיי:

— איר זאָלט וויסן זיין, רבותים, אַז איך בין געזעסן די גאַנצע צייט איבער אייערע חשבונות, גערעכנט און גערעכנט און האָב אויסגערעכנט, אַז עס קומט שוין מער פון אייך קיין געלט ניט, איר זענט ריין.

— וואָס הייסט עס קומט פון אונז קיין געלט ניט? וואָס הייסט מיר זענען ריין?

— אַזוי, וואָרום „על־פּי אַלגעבראַ" האָט איר בעצאָלט פּראָצענט און פּראָצענט ד'פּראָצענט זיבעציק מאָל אַזוי פיל נאָך מיט דריי זעכצעהנטל, וויפיל איר זענט שולדיק געווען. נאַט אייך אָפּ אייערע קוויטליך.

דערהערט אַ זעלכע דבורים, זענען די כּתריליוקער געוואָרן אָנגעצונדן. זיי האָבן גערעכנט אַז דאָ מוז ליגן עפּעס אַ המצאה'לע, אַ שמד־שטיק, ניט אַנדערש; האָבן זיי אים אַ שמיץ געטאָן די קוויטליך צוריק אין פּנים אַריין און האָבן געמאַכט אַ „ויצעקו".

— ער וויל אונז קוילען! קוילען אָן אַ מעסער! רב שעיה זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן האָט מיט אונז געהאַנדלט אַזוי פיל יאָרן; זיין קעשענע איז פאַר אונז תמיד געווען אָפן; קומט ער צו־גיין איצט און וויל אונז שטעלן אין דער בלאָטע!

— נאַראָנים! — שרייט צו זיי זיידיל — וואָס פאַר נאַראָנים, בהמות איר זענט! מע זאָגט אייך אַז איר זענט ריין, נישט פונ'ם קאָפּ זאָגט מען אייך, „על־פּי אַלגעבראַ!"

— וואָס דערציילט ער אונז פּזמונות „אַלבעגראַ"! לאָמיר זיך פערלאָזן אויף מענטשן, לאָמיר פרעגן אַ רב!

— צום רב! צום רב! — האָבן געשריגן אַלע אין איין קול און מע איז געגאַנגען צום רב, רב יאָזיפיל דעם רב.

בײם רבֿ האָט זיך צענויפֿגעקליבן כּמעט די גאַנצע שטאָדט. ס'איז געווען אַ ליאַרם, אַ געשרײ עד לבֿ השמים.

זײדיל האָט געלאָזט אַלעמען רעדען, לאָז זיך איטליכער זאָגען וואָס ער וויל, און ערשט נאָכדעם, אַז אַלע האָבען זיך גוט אויסגעשריגען, האָט ער געבעטען, אַז דער עולם זאָל אויף אַ ווײַלע אַרויסגעהן, ער וויל בלײַבען מיט'ן רבֿ אַלײן, ער בעדאַרף איהם עפּיס זאָגען אונטער פֿיר אויגען.

וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען צווישען זײדלען מיט רבֿ יוזיפֿיל דעם רבֿ ווײסט קײנער נישט.

מע זאָגט, אַז זײ האָבען געהאַט צווישען זיך אַ לאַנגען וכּוח. זײדיל האָט איהם אויסגעוויזען אַז מע טאָר נישט נעמען קײן פּראָצענט וואָרום על־פּי חקירה איז פּראָצענט גזילה; אַ מענש וואָס לעבט פֿון פּראָצענט, זאָגט ער, איז ערגער פֿון ערגער, עס קומט אויס, זאָגט ער אַז אַלע דאַרפֿען האָרעווען. וואו זשע איז יושר?

רבֿ יוזיפֿיל דער רבֿ האָט זיך אַפֿילו געפּרובט איהם איבערשפּאַרען מיט „תּיקון מהר"ם ז"ל", מיט'ן „ישובֿ־העולם", אָהן דעם וואָלט דאָך די וועלט קײן קיום נישט האָבען, און אַזױ ווײַטער; האָט איהם דערויף זײדיל אָבגעענטפֿערט, אַז נאָך זײַן שׂכל נאָך קומט אויס, אַז דער „קיום" איז גאָר קײן קיום נישט, עס געפֿעלט איהם גאָר נישט די גאַנצע וועלט ווי אַזױ זי פֿיהרט זיך.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ וועלט — פֿרעגט ער בײַ רבֿ יוזיפֿיל דעם רבֿ — אַז אויסכאַפּען אַ בײגיל פֿאַר אַ גראָשען בשעת איך בין הונגעריג הײסט געגזל'ט, און אָבבראַבעווען אַ שטאָדט מיט אַלמנות מיט יתומים, צו נעמען בײַ זײ דעם לעצטען ביסען, הײסט דאָס „געשטעלט זיך"? פֿאַר אָבהאַקען אַ פֿינגער קומט „קאַטערזשנע סיבּיר" און פֿאַר אויסקוילען אַכציג טויזענד אײנגעלענדער אין אַפֿריקאַ ווי אָכסען בעקומט מען אַ גילדענעם „מענדאַל" זאַ חראַבּראָסט?...

— ס'איז אַ יושר? — מאַכט ער צו רבֿ יוזיפֿיל דעם רבֿ און נעמט איהם אָן בײַ דער לאַץ פֿון דער קאַפּאָטע — ס'איז אַ יושר?

אַט פָאהרט אַרום דער אַלטער קריגער נעבאַך, דער מַכּות פון די בויערן, קלאַפּט אין אַלע טירן, בעט רַחֲמִים, מע זאָל רַחֲמָנות האָבן אויף זיין אָרים לאַנד; ער וויל נישט מעהר נאָר אַ דין־תּוֹרָה, ער וויל זיך פערלאָזן אויף מענשען, וואָס מענשען וועלען פּסק׳נען; זאָגט דער: ער וויל זיך ניט מישען, און דער זאָגט: סע פּאַסט איהם ניט פאַר יענעם... דער אַזוי, יענער אַזוי, דערוויַיל גיסט זיך בלוט. וואו איז יוֹשֶׁר? פרעג איך אייך, וואו איז מענשליכקייט? און איהר זאָגט מיר נאָר „יִשׁוּב" „מַנְהִיג־הָעוֹלָם", דער „קִיוּם" פון דער וועלט! אַ שיינער קיום! אַ שיינע וועלט!...

און נאָך כְּדוֹמֶה אין אַזעלכע ווילדע חֲקִירוֹת איז זיידיל אַריין מיט׳ן רב, פערקראָכען ווי מע זאָגט אין „אֶלֶף־הַשִּׁשִּׁי". העט אין די וויַיטע דְרָכִים אַריין, אָנגעהויבען אָבלייקענען מיינס און דיינס און שוּתָפוּת׳דיגס, אָנגעהויבען אָבלאַכען, רעדען, ווי מע זאָגט, עַל ה׳ וְעַל מְשִׁיחוֹ וְעַל נְגַתְּקָה...

האָט שוין רב יוזיפיל דער רב מעהר נישט געהאַט מיט איהם וואָס צו רעדען און האָט שוין וויַיטער נישט געוואָלט הערען אֲפִילוּ, זיך פערשטעלט די אויערן מיט ביידע הענד און געשריגען:

— גענוג! גענוג! גענוג!

אַז זיידיל איז געגאַנגען אַ היים, האָט זיך רב יוזיפיל דער רב אָנגערופען צום עוֹלָם מיט אַ זיפץ:

— נעבאַך אַ וואָלער יונגערמאַן און אַיין איידעלער יונגערמאַן און אַ לייט־ישער יונגערמאַן, נאָר נישט פאַר קיין יודען גע־דאַכט...

און בְּשַׁעַת־מַעֲשֶׂה האָט ער געוויזען מיט׳ן פינגער אויפ׳ן שטע־רן. אי. אַלע האָבען פערשטאַנען, וואָס ער מיינט.

VI.

דרייפוס אין כתריליווקע.

איך ווייס ניט אויב די מעשה פון דרייפוס'ען האט גאנץ ערגיץ אנגעמאכט אזא רעש ווי אין כתריליווקע.

אין פאריזש זאגט מען האט דאס אויך געקאכט ווי אין א קעסיל. גאזעטען האבען געשריבען, גענעראלען האבען זיך געשאסען, און ווייסע חברה'ניקעס זענען ארומגעלאפען איבער די גאסען ווי משוגעים, געווארפען היטלען און געארבייט מעשים; דער האט געשריגען: „וויוו דרייפוס!“ און דער האט געשריגען: „וויוו עסטערהאזי!“ און יודען האט מען דערווייל געשמירט, געמאכט מיט דער בלאטע ווי געוויינטליך... נאר אזוי פיעל עגמת-נפש מיט אזוי פיעל יסורים און בזיונות ווי כתריליווקע האט דערפון געהאט — דאס וועט פאריזש ניט האבען ביז משיח וועט קומען.

פון וואנען איז מען אין כתריליווקע געוואהר געווארען פון דרייפוס'ען, דאס זאלט איהר ניט פרעגען. ווארום למאי ווייסט מען דארטען פון דער מלחמה וואס די אייגגלענדער האבען געפיהרט מיט די בוערען? פון וואנען ווייסען זיי וואס אין קיטאי טהוט זיך? וואס פאר א מחותן איז כתריליווקע מיט קיטאי? די גרויסע מסחרים וואס זיי פיהרען מיט דער וועלט? טיי בעקומען זיי פון וויסאצקין פון מאסקווע, און דאס געלע זומערשטאף וואס מע רופט דאס „טשע-שונ-משא“ טראגט מען נישט אין כתריליווקע. ערשטענס איז דאס נישט פאר זייער בייטיל. דאנקען גאט, אז מען קאן טראגען זומער א נאפידקע'נ חאלאט פון פארוסינע; א ניט האט מען א בריה געהן גאר אזוי, דאס הייסט מחילה אין תחתונים און פון אויבען א ציצענעם ארבע כנפות,

און מֶע שְׁווִיצְט פון דֶעסְטְוֶועגֶען גַאנְץ גֶעשְׁמַאק, אַבִּי ס'אִיז נָאר אַ הַייסֶער זוּמֶער.

נִישְׁט מֶעהר בְּלַייבְּט דָאךְ אַלְץ דִי אֵייגֶענֶע קַשְׁיָא: פון וַואנֶען הָאט פָארְט כַּתְרִילִיוְקֶע אָנְגֶעשְׁמֶעקְט דִי מַעֲשֶׂה פון דְרַייפוּסֶ'ען?

פון זֵיידְלִין.

זֵיידִיל רֶב שַׁעְיָה'ס אִיז דֶער אֵיינְצִיגֶער אִין שְׁטָאדְט וָואס שְׁרַייבְּט אוֹיס דֶעם „צְפִירָה" אוּנ אַלֶע נַייעֶסֶען וָואס טְהוּעֶן זִיךְ אָבּ אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְט מֶען גֶעוָואהר פון אִיהם, דָאס הֵייסְט נִיט פון אִיהם, נָאר דוּרךְ אִיהם. עֶר לֵייעֶנְט זֵיי אוּנ זֵיי פֶּערְטַייטְשֶׁען; עֶר דֶערְצֵעהלְט אוּנ זֵיי לֶערְנֶען דֶעם פְּשַׁט; עֶר זָאגְט וָואס סֶע שְׁטֶעהט אוּנ זֵיי דְרוּנְגֶען אָפְּט פֶּערְקֶעהרְט, וָוארוּם זֵיי פֶערְשְׁטֶעהֶען בֶּעסֶער.

*

וַיְהִי הַיּוֹם אִיז גֶעקוּמֶען זֵיידִיל רֶב שַׁעְיָה'ס אִין בֵּית־הַמֶדְרָשׁ אַרַיין אוּנ דֶערְצֶעהלְט אַ מַעֲשֶׂה, אַז אִין פַּארִיזְשׁ הָאט מֶען גֶעמִשְׁפֶּט אַ יוּדִי־שֶׁען קַאפִּיטַאן, אֵיינֶעם אַ דְרַייפוּס, דֶערְפַאר, וָואס עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶע־בֶּען נַייטְהִיגֶע פַּאפִּירֶען פון דֶער מְלוּכָה אִיז דָאס אִין אֵיין אוֹיעֶר אַרַיין, אִינֶ'ם אַנְדֶערֶען אַרוֹיס. אֵיינֶער הָאט זִיךְ אַ זָאג גֶעטְהוּן פַארְבַּייגֶעהֶענְדִיג:

— וָואס טְהוּט נִיט אַ יוּד צוּ לִיעבּ פַּרְנָסָה? מִסְתָּמָא הָאט מֶען אִיהם צוּגֶעזָאגְט דֶערְפַאר אַ מַטְבֵּעַ.

דֶער אַנְדֶערֶער הָאט גָאר גֶעהַאט אַ נְקָמָה:

— אַ מִצְוָה! לָאז אַ יוּדִילֶע נִיט קְרִיכֶען אוֹיבֶּען אָן אוּנ זִיךְ נִיט מִישֶׁען צְווִישֶׁען קֵסָרִים!

שְׁפֶּעטֶער, אַז זֵיידִיל אִיז גֶעקוּמֶען אוּנ הָאט דֶערְצֵעהלְט אַ נַייעֶ מַעֲשֶׂה, אַז דִי גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע אִיז גָאר גֶעוֶוען אַ בִּלְבּוּל, אַז דֶער יוּדִישֶׁער קַאפִּיטַאן, דֶער דְרַייפוּס, וָואס מֶע הָאט אִיהם פֶערְשִׁיקְט, אִיז גָאט דִי נְשָׁמָה שׁוּלְדִיג, ס'אִיז נָאר אַ גַאנְצֶע אִינְטְרִיגֶע פון עֶטְלִיכֶע גֶענֶעראלֶען, וָואס הָאבֶּען זִיךְ עֶפִּיס צֶעאַמְפֶּערְט — דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ שׁוֹין דָאס שְׁטֶעדְטִיל אַבִּיסִיל פֶעראִינְטֶערֶעסִירְט, אוּנ דְרַייפוּס אִיז גֶע־וָוארֶען אַ כַּתְרִילִיוְקֶער · וואו צְוַויי אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ דְרִיטֶער.

— גֶעהֶערְט ?

— גֶעהֶערְט.

— פֶערְשִׁיקְט אוֹיף אֵייבִּיג.

— "וֶועטְשְׁנִי פָּאסֶעלֶענִיֶע".

— אוּמְזִיסְט אוּמְגִישְׁט !

— אַ בִּלְבּוּל !

*

נָאךְ שְׁפֶּעטֶער אַז זֵיידִיל אִיז גֶעקוּמֶען אוּן הָאט דֶערְצֵיילְט אַז ס'אִיז גָאר אַ סְבָרָה, אַז דֶער מִשְׁפָּט זָאל נָאךְ אַמָאל גֶע'מִשְׁפָּט וֶוערֶען, אַז עֶס הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען גוּטֶע מֶענְשֶׁען אַזֶעלְכֶע, וָואס נֶעמֶען זִיךְ אוּנְטֶער בֶּעוֵוייזֶען דֶער וֶועלְט, אַז ס'אִיז גָאר גֶעוֶוען אַ טָעוּת דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאט כַּתְרִילִיוְקֶע אָנְגֶעהוֹיבֶּען זִיךְ ווִיגֶען גָאר אוֹיף אֵיין אַנְדֶער אוֹפֶן. עֶרְשְׁטֶענְס אִיז דָאךְ דְרֵייפוּס „אוּנְזֶערֶער"; אוּן צְוֵוייטֶענְס ווִי קוּמְט דָאס אַז דָארְטֶען אִין פַּארִיז זָאל פָּארְקוּמֶען אַזַא פַּאסְקוּדְנֶע מַעֲשֶׂה ? פֶּע, עֶפִּיס זֵעהר נִיט שֵׁיין פַאר דִי „פְרַאנְצֶעהוֹיזֶענְדִיגֶע"!...

עֶס אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אַ שְׁפַּארֶענִישׁ אוּן אַ וֶועטֶענִישׁ: דֶער הָאט גֶעזָאגְט, אַז דֶער מִשְׁפָּט וֶועט נָאךְ אַמָאל גֶע'מִשְׁפָּט וֶוערֶען, אוּן דֶער הָאט גֶעדְרוּנְגֶען אַז גֵיין: אֵין אַחַר מַעֲשֶׂה-בֵּית-דִין כְּלוּם — אָפְּגֶע-מִשְׁפָּט אִיז פַארְפַאלֶען...

וָואס ווַייטֶער ווַייטֶער הָאט מֶען אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ וַוארְטֶען בִּיז זֵיידִיל וֶועט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְקְרַאצֶען צוּ קוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אַרַיין דֶערְצֵיילֶען נַייעֶס פוּנ'ם קַאפִּיטַאן דְרֵייפוּס; מֶע הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען גֶעהְן צוּ אִיהם אַהֵיים. מֶע הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מֶעהר קֵיין גֶעדוּלְד גֵעהְן צוּ אִיהם אַהֵיים, אוּן מֶע הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען גֵעהְן מִיט אִיהם גְלַייךְ אוֹיף דֶער פָּאסְט אָפְּנֶעמֶען דָאס בְּלַאט, אוּן דָארְטֶען טַאקִי דָאס אִיבֶּערְ-לֵייעֶנֶען, אוּן דָארְטֶען טַאקִי אִיבֶּערְקַייעֶן נָאךְ אַמָאל אוּן נָאךְ אַמָאל, שְׁרַייעֶן, פִּילְדֶערְן, שְׁפַּארֶען זִיךְ אוּן רֶעדֶען אַלֶע אִינְאֵיינֶעם ווִי גֶע-וֵוייגְטְלִיךְ. נִיט אֵיין מָאל הָאט זֵיי דֶער אָדוֹן דֶער פָּאסְטְמַייסְטֶער גֶע-

געבען אנצוהערעניש זעהר איידל אפילו, אז א קאטש איז ניט קיין שול להבדיל:

— טוט נע זשידיוווסקא שקאלא, זשידי פארחאטיע, טוט נע קאהאל שאבערמאכערי!...

זיי האבען איהם אבער געהערט ווי המן דעם גריגער; ער האט זיי געזידעלט און זיי האבען געלייענט דעם „צפירה“ און גערעדט פון דרייפוס׳ען.

און נישט נאר פון דרייפוס׳ען אליין האט מען גערעדט אין כתרילעווקע. עס איז צוגעקומען אלע מאל א פרישער פארשוין: פריי־הער, אסתר געציל, נאכדעם „פיקערט“, נאכדעם גענעראל „מערסי־פעלי“, „גאנזי“, און דערביי איז געזאגט געווארען א המצאה, אז ביי די „פראנצעהויזענדיגע“ ווי באלד א נאמען פון א גענעראל אזוי מוז זיך אויסלאזען מיט א „י“. האט איינער געפרעגט א ווידעראנאנד:

— נו, און מיט בודעפערען וואס וועסט דו טהון?

— הערסט דו? האט ער מאקי געהאט א מפלה.

— כן יאבדו!

צוויי פארשוינען זענען געווען אין כתרילעווקע, וואס די גאנצע שטאדט האט זיי ליעב געקריגען, אויסגעגאנגען נאך זייערע טריט. דאס איז געווען „עמיל זאלע“ און „לאמבארי“. פאר „עמיל זאלע׳ן“ וואלט זיך יעדער איינציגער מקריב געווען. א ווערטעלי אויסצורעדען עמיל זאלע! אז עמיל זאלע זאל קומען למשל קיין כתרילעווקע, וואלט די גאנצע שטאדט איהם ארויסגעקומען אקעגען מיט א ברוך הבא, אויף די הענט וואלט מען איהם געטראגען.

— וואס זאגט איהר אויף זיינע בריעפליך?

— פעריל! דימענטען! ברילליאנטען!

אויך פון „לאמבארי׳ן“ האט מען געהאלטען איין עולם ומלואו. דער עולם האט געקוועלט, נתפעל געווארען און געלעקט די פינגער פון זיינע דרשות. האטש הארען האט איהם אין כתרילעווקע קיינער

נישט געהאָרכט נאָר מע האָט פֿערשטאַנען מיט׳ן שׂכל, אַז ער בעדאַרף קאָנען רעדען.

*

איך ווייס נישט אויב דרייפֿוס׳עס משפּחה אין פּאַריז׳ש האָבען אַזוי אַרויסגעקוקט אויף דרייפֿוס׳ען, ער זאָל קומען פֿון שענעם אינזעל, ווי עס האָבען אַרויסגעקוקט דערויף די כּתריליווקער יודען. מע קאָן זאָגען, אַז זיי זענען געפֿאָהרען גלייך מיט דרייפֿוס׳ען אַזש פֿון דאָרטען אויפ׳ן ים, מטש געפֿיהלט ווי זיי שווימען; אָט אָט הויבט זיך אויף אַ שטורמווינד און צעשמייסט דעם ים אויף אַלע זייטען, די כוואַליס פּלעסקען און וואַרפֿען דאָס שיף ווי אַ שפּינדעל אַרויף און אַראָב, אַרויף און אַראָב.

— רבונו של עולם! — האָבען זיי מתפּלל געווען ביי זיך אַיי־נערצען — זאָלסט איהם חאָטש ברענגען בשלום אַהין, וואו דער משפּט בעדאַרף זיין! זאָלסט חאָטש עפֿענען די אויגען פֿון די ריכטער און קלאָהר מאַכען זייערע מוחות, זיי זאָלען געפֿינען דעם שולדיגען און די גאַנצע וועלט זאָל אַרויסזעהען אונזער גערעכטיגקייט, אָמן סלה!...

דעם טאָג וואָס ס׳איז אָנגעקומען די גוטע בשורה, אַז דרייפֿוס איז שוין דאָ, איז אין כּתריליווקע געווען אַ יום־טוב. זיי זאָלען זיך נישט שעמען וואָלטען זיי פֿאַרשלאָסען די קלייטען.

— געהערט?

— אַ דאַנק השם יתברך!

— כ׳וואָלט אַ בעלן געווען זעהען, ווי אַזוי איז געווען דאָס ערשטע, בעגעגניש מיט׳ן ווייב?

— און איך וואָלט אַ בעלן געווען אָנקוקען בשעת מעשׂה די קינדערליך, אַז מע האָט זיי געזאָגט: דער טאַטע איז געקומען.

ווייבער, וואָס האָבען ווינציגער פֿערשטאַנען האָבען פֿון דעסט־וועגען בעהאַלטען די פּנים׳ער אין די פֿאַרטיכער, כּלומר׳שט געשנייצט די נעזער מע זאָל נישט זעהען אַז זיי וויינען. ווי כּתריליווקע איז אַיין

אָרעם שטעטעל, וואָלט יעדער אָפּגעריסען דאָס לעצטע פּונ׳ם לעבּ־
בּען און וואָלט זיך דורכגעשפּאַרט אַהין אַ קוס טאָהון חאַטש פון דערווייטענס.

*

אַז דער משפּט האָט זיך אָנגעהויבּען איז געוואָרען אַ קאָכעניש,
גאָט זאָל שומר ומציל זיין. ניט נאָר דאָס בּלאַט, זיידלין האָט מען
צעריסען אויף שטיקלעך. מע האָט זיך געוואָרגען מיט׳ן עסען, מע איז
גיט געשלאָפען קיין נעכט. מע וואָלט שוין גערען דערלעבּען מאָרגען:
מאָרגען־איבּער־מאָרגען, און אַזוי אַלע טאָג.

מיט אַמאָל איז געוואָרען אַ מהומה אין שטאָדט, אַ טומעל. אַ
געשריי, אַ געפּולדער, — חשך! חשך! דאָס איז געווען דעמאָלט ווען
מע האָט געשאָסען אויף אַדוואָקאַט לאַבּאָרי. די כּתריליוועקער האָבּען
איינגעלייגט די וועלט.

— פאַר וואָס? פאַר ווען? אָנָא רציחה! אומזיסט אומנישט
ערגער ווי אין סדום.

דער דאָזיגער שאָס האָט זיי דעם קאָפּ אַראָבּגענומען. די דאָזיגע
קויל האָט זיי געטראָפען גלייך אין האַרצען אַריין, גלייך ווי ער האָט
געשאָסען אויף כּתריליוועקע.

— רבּונו של עולם! — האָבּען זיי מתפּלל געווען בּיי זיך אין
האַרצען — בּעווייז דיינע וואונדער, דו קאָנסט דאָך אַז דו ווילסט, טאָהו
אַ נס ער זאָל חאָטש בּלייבּען לעבּען.

און גאָט בּרוך הוא האָט אַ נס געטהון, ער איז געבּליבּען לעבּען.

*

אַז ס׳איז געקומען צום לעצטען טאָג פונ׳ם משפּט האָט דאָס
גאַנצע כּתריליוועקער געוואָרפען ווי אַ קדחת. זיי וואָלטען אַ בּעלן גע־
ווען אַנשלאָפען ווערען אויף אַ גאַנץ מעת לעת און אויפכאַפּען זיך
דעמאָלט ווען דרייפוס וועט אם־ירצה־השם שוין זיין פריי. נאָר ווי
אויף צו להכעיס האָט זיך בּיי קיינעם דאָס אויג ניט געקאָנט צומאַ־
כען. מע האָט זיך יענע נאַכט געקאַטשעט פון איין זייט אויף דער

אַנדערער, מלחמה געהאַלטען מיט די וואַנצען און אַרויסגעקומען עס זאָל שוין ווערען טאָג.

אַז ס'איז געוואָרען טאָג, איז מען אַוועק אויף דער פּאַסט. די פּאַסט איז געווען פערשלאָסען און דער טויער אויך. ביסלעכווייז האָט זיך דער עולם אָנגעהויבען צענויפקלויבען אַרום דער פּאַסט און ס'איז געוואָרען פערפּלייצט די גאַס. יודען זענען אַרומגעגאַנגען הין און צוריק, געגענעצט, געצויגען זיך, געדרעהט די פּאה און געזונגען שטילערהייד פון הלל.

אַז יאַרעמע דער סטאָראָזש האָט געעפענט דעם טויער, האָבען יודען אַלאַז געטהון זיך אַלע מיט אַמאָל. איז יאַרעמע געוואָרען אָנ־געצונדען בעווייזען אַז דאָ איז ער בעל־הבית און האָט זיך צעלאָזט אויף זיי.

נאָכדעם איז געקומען דער אָדון דער פּאָסטמייסטער און האָט זיי ווידער אַמאָל געגעבען אָנצוהערעניש, אַז אַ פּאַסט איז ניט קיין שול להבדיל; נאָר כתריליוקער האָבען איהם געהערט פאַר דריי פּיטאַקעס; זיי האָבען אויסגעפיהרט זייערס: זיי האָבען אַזוי לאַנג זיך געשטופּט ביז מע האָט זיי געמוזט אַרויסשטופּען מיט בזיונות פון דער פּאַסט אין דרויסען אַרויס, און דאָרטען האָבען זיי געוואַרט אויף זיידלין, אַזוי לאַנג ביז זיי האָבען זיך פאַרט דערוואַרט. און אַז זיידיל האָט אָבגענומען דאָס בלאַט און האָט זיי איבערגעלייענט דעם שענעם פּסק פון דרייפוס'ען, איז געוואָרען אַ געשריי, אַ ליאַרם — הימעל עפען זיך! דער געשריי איז געווען ניט אויף די ריכטער, וואָס האָבען שלעכט גע'פּסק'עט, נישט אויף די גענעראַלען, וואָס האָבען געשוואָהרען פאַלש נישט אויף די „פראַנצעהויזענדיגע" וואָס האָבען זיך אַזוי ניט שיין אויסגעפיינט, ניין! דער געשריי איז געווען אויף זיידלין.

— סע קען ניט זיין! — האָט כתריליווקע געשריגען אין איין קול — סע קען ניט זיין אין דער וועלט אַזאַ משפּט! דער אמת מוז אַרויף ווי בוימעל אויפ'ן וואַסער. וואָס רעדסט דו אונז דערציילען מעשיות?

— בהמות — שרייט געביך זיידיל מיט אלע כחות און שטופט זיי דאס בלאט גלייך אין פנים אריין — נאט זעהט וואס סע שטעהט אין בלאט!

— בלאט שמאט! — שרייט פתריליוקע — און אז דו וועסט זיך שטעלען אט דא מיט איין פוס אויפ'ן הימעל און מיט דער אנ־דערער אויף דער ערד וועלען מיר דיר גלויבען? ס'איז א זאך וואס עס קען ניט זיין! עס קען ניט זיין! עס קען ניט זיין! עס קען ניט זיין!

און אזוי איז דאס געבליבען עד היום הזה.

VII.

קיין עין-הרע ניט.

(מאנאלאג).

— ווי איהר זעהט מיך אטא, בין איך מיר קיין עין-הרע א יוד א בעל-עגלה, מיט קיין עין-הרע צוויי פערדליך איינענע; יענער, דער בולאנער, איז ביי מיר שוין קיין עין-הרע דאס אכטע יאהר, ווי איהר קוקט איהם אן, א שווערפיסיגער, נישט אזא לויפער, נאר א „געמער" קיין עין-הרע א גוטער, אונ דער קאשטאנאוואטער איז אויך קיין עין-הרע א יארעריג פערדיל. מיט אזעלכע צוויי פערדליך אז גאט שיקט צו גוטע פארשוינדליך אונ א סך, קאן מען האבען פרנסה קיין עין-הרע מיט'ן פולען מויל, אונ פרנסה דאס מוז מען, ווארום אין דער היים איז פאראן א ווייב מיט קיין עין-הרע זעכס פיקערס; זי האט קיין עין-הרע אלע יאהר, אסתר הייסט דאס, אונ דערפאר האט זי מאקי א פנים פון א רוח, געווען אזא שענע קיין עין-הרע, אזא נ'איידעלע, א צורה-מלוכה, בשעת איך האב חתונה געהאט פאר איהר; כ'בין נאך דעמאלט געווען א שמייסער ביי יענעם, א בחור קיין עין-הרע אין אייזען. וואס מיר ווינטער? ווער מיר זומער? וואס מיר שניי? ווער מיר בלאטע? איבערגעקעהרט זיך דער וואגען? אליין גענומען אויף די פלייצעס אונ אליין קיין עין-הרע אויפגעהויבען איהם פון דער בלאטע, אפילו זיך ניט פערקרימט. אט אזא מין פארשוין בין איך געווען. אונ זי, אסתר הייסט דאס, איז געווען א יתומה, אונ דווקא א בעל-הבית'יש קינד, א מלמד'ס א טאכטער, נאר מחמת זי איז געווען ניט איינע, קיין עין-הרע אכט שטיק זענען זיי געווען, אונ די מוטער איז אן ארימע אלמנה האט זי געביה זעהר געוואלט חתונה מאכען די טאכטער, האט מען

איהר גערעדט שדוכים קיין עין-הרע די שענסטע, די פיינסטע שדוכים. נאר איין חסרון — קיין געלד איז ניט געווען און מיר זענען געזעסען אונטער איין דאך, זענען מיר געזעסען, רוף איך זיך אן צו איהר איין מאל, צו אסתר'ן הייסט דאס, יום-טוב איז דאס געווען; אלע זענען געווען אין שול: „אסתר, זאג איך, דו וועסט מיך נעמען?” שווייגט זי. זאג איך צו איהר נאך אמאל: „אסתר, זאג איך, קוק ניט, זאג איך, וואס איך בין א שמייסער, זאג איך, ביי יענעם, איך האב צענויפגע-שלאגען, זאג איה, מיין אייגענס קיין עין-הרע א קערביל עטליכע און דרייסיג; האב איך נור חתונה, זאג איך, אזוי קויף איך מיר באלד א פערדיל און ווער אליין אם-ירצה-השם א בעל-עגלה, זאג איך, און א יונגיל זאג איך, בין איך, קיין עין-הרע א הארעפאשנער, הארעווען קאן איך, עס וועט דיר, זאג איך, זיין ביי מיר קיין עין-הרע גוט ווי דער וועלט, פונים שענסטען און פונים בעסטען!” שווייגט זי.

קצור מיר האבען חתונה געהאט; אז מיר האבען חתונה געהאט, האט זי באלד אנגעהויבען קינדלען, קיין עין-הרע אלע יאהר, אלע יאהר א קינד; און אז זי האט אנגעהויבען צו קינדלען, האט זי אנגע-הויבען קרענקען, און אז זי האט אנגעהויבען צו קרענקען, האט זי גע-קרענקט און געקרענקט, אוועק געקרענקט א צייט! זאג איך צו איהר: „אסתר, וואס וועט זיין, זאג איך, דער תכלית וואס דו קרענקסט?” לאכט זי. „אסתר זאג איך, דו לאכסט און מיר טריפט זיך בלוט קוקענדיג אויף דיר; טאמער, זאג איך. וואלטען מיר זיך דורכגעגאנגען צום דאקטאר? אפשר, זאג איך, וועט ער געפינען עפים א סגולה?...” האבען מיר זיך אנגעהויבען קלויבען צום דאקטאר, האבען מיר זיך גע-קלויבען און געקלויבען, ווארום ווען האב איך צייט משטיינס געזאגט' אז די גאנצע וואך איז מען קיין עין-הרע אין דער ארבייט, סיידע' שבת?

קצור מיר האבען זיך ארויסגעריסען איין מאל אין א שבת צום דאקטאר, געקומען צום דאקטאר, פרעג איך דעם דאקטאר; „וואס טוט מען, זאג איך, פאני מארשאלקי, וואס זי קרענקט?” נעמט ער און

בעטראכט זי אונ הערט זי אויס אונ רופט זיך אן צו מיר: „דיין ווייב איז ניט געזונד". זאג איך צו איהם: „פאני קאנסוליארזשע, גוט וואס איהר האט מיר געזאגט, א ניט וואלט איך ניט געוואוסט"! מאכט ער צו מיר: „נישט דאס האב איך דיר געוואלט זאגען; איך האב דיר גע-וואלט זאגען, זאגט ער, אז דו בעדארפסט זי אבהיטען, היטען ווי דאס שווארצאפעל פונ'ם אויג; זי מאר, זאגט ער. ניט האבען קיין קינדער מעהר, ווארום טאמער האט זי נאך א צווייי קינדער, זאגט ער, וועט זי קלאפירען". „קלאפירען? — — זאג איך, — בייסט איך אב די צונג פאני! זי איז ביי מיר, זאג איך, איינע, זי איז ביי מיר טהייערער פון זיך אליין אונ פון מיינע צוויי פערדליך אפילו, אונ איהר רעדט גאר פון קלאפירען, זאג איך, וואס טויג מיר, זאג איך, אייערע עצות? איהר גיט איהר עפיס א רפואה, זאג איך, א סגולה זי זאל אויפהערען, זאג איך קרייגקען!"... אזוי לאנג אזוי בריט, ער האט איהר פערשריבען א רפואה, פראשקעס אזעלכע, אונ מיר געהען אהיים, געקומען אהיים, זאג איך צו איהר: „אסתר, האסט געהארכט וואס דער קלוגער דאקטאר האט געזאגט?"... לאכט זי.

קצ'ר עס געהט אוועק נאך א יאהר אונ נאך א יאהר, אונ וואס וויטער ווערט זי ערגער אונ ערגער, אונ די קינדער, איהר זאלט זע-העז, דווקא קיין עין־הרע איבערגעוואשענע קינדער איינס אונ איינס, דאס עלטערע יונגיל שוין אלט קיין עין־הרע דאס דרייצעהנטע יאהר, געגעבען איהם אין חדר, געוואלט מאכען פאר א למדן, ווער, וואס? אז דער קאפ איז איהם גאר ביי די פערדליך! אונ אזוי איז דער אנ-דערער, אונ אזוי איז דער דריטער. איך קום צופאהרען אהיים אונ שפאן אויס די פערדליך — א! א! מיין חברה קיין עין־הרע איז דא: איינער אויפ'ן וואגען, דער אנדערער אינטערען וואגען; איינער אויף איין פערדיל, דער אנדערער אויפ'ן אנדערען פערדיל, אונ דער קלע-נערער זיצט גאר רייטענדיג אויפ'ן דישעל. „ווייסע חברה'ניקעס, זאג איך, ניט געדאכט זאלט איהר ווערען! נעהיי וואלט איהר בעסער חשכ געהאט צום סדור?"... עס פארדריסט מיר זעהר, סטייטש סע קאסט

מיך בלוט, איך צאהל שכר־למוד, ווער פארשווארצט א גאנצע וואך, פאהר ארום הין אונ צוריק מיט'ן ביידיל, פארדיען טאקי קיין עין־הרע דאס שטיקיל ברויט, אבער טאקי נישט מעהר ווי דאס שטיקיל ברויט, מחמת די גרעסטע העלפט געהט אוועק אויף זיי, אויף די פערדליך הייסט דאס, זיי דארפען קיין עין־הרע היי אונ האבער אלע טאג, דעם וואגען שמירען דארף מען אויך, אונ א שטוב קיין עין־הרע אויסהאל־טען איז נישט קיין ווערטעלי, אונ אליין איז מען אויך א מענש, אונ־טערוועגענס קיין עין־הרע א בעל־עגלה, שוין נישט קיין שמייסער ביי יענעם, אמאל אביסיל בראנפען, אמאל פארבייסען, די נשמה אויס־שפייען קאן מען ניט, אונ אין מיטען דרינען, שא, פאלט גאר א פערד, איז איין עק, אוים גדולה!

א שטיקיל גליק, הערט איהר, פאר נאשבראט, וואס גאט האט געשענקט אונז, בעלי־עגלות, דאס שטיקיל שבת — א מתנה פון זיין ליבען נאמען. קומט שבת, וועט איהר מיך ניט דערקענען, קיין עין־הרע גאר איין אנדער מענש! אז איך קום פארפריה פרייטאג אהיים, איז ראשית־חכמה פון אלע ראשית־חכמות — אין מרחץ אריין. דארטען פארע איך מיך קיין עין־הרע אוים אויף אלע זייטען ווערט אויף מיר א נייע פעל. איך קום אהיים א פרישער, א צאפעלדיגער, טרעף איך אויפ'ן טיש די שענע צוויי אויסגעריבענע מעשענע לייכטער מיט קיין עין־הרע צוויי גרויסע קוילעטשען, אונ די פיש קיין עין־הרע לאזען זיך הערען שוין פונ'ם אויפ'ן אויבען איבער דער גאנצער שטוב, אונ אין שטוב איז ווארעם קיין עין־הרע, ריין אונ ציכטיג אין אלע ווינקעליך האטש שפיגעל זיך. דער טשאלענט איז פארריקט, דער פריפעטשיק אבגעשמירט, די קאץ ווארעמט זיך, אונ איך להבדיל בין מעביר די סדרה קיין עין־הרע צוויי מאל; נאכדעם געה איך מיר אין שול אריין דאווענען אונ כום אהיים מיט'ן בריימען גוט שבת, זאג אב די שלום־עליכם'ס, מאך קיין עין־הרע דעם פיינעם קדוש איבער קיין עין־הרע א גוט ביסיל בראנפען, עס אב קיין עין־הרע די גוטע וועטשערי, די אמת'ע פיש, די ריינע יוך מיט'ן „צימעסדיגען צימעס" אונ לייג מיך

רוהען. שלאף איך אב קיין עין־הרע די נאכט ווי א מלך; און אין דער־פריה גייה איך מיר אין שול אריין, קיין עין־הרע ווי א גראף, און אין דערהיים ווארטען שוין אויף מיר קיין עין־הרע אלע שבת'דיגע מאכלים: דער בעל־הבתישער רעטאך מיט די כשר'ע ציבעלים, די געהאקטע אייער מיט'ן שענעם לעבער, די פיינע פעטשא מיט'ן לייטישען קנאבעלי די הייסע יוך מיט'ן פעטען קוגעל, וואס רינט פון איהם קיין עין־הרע די שמאלץ ווי פון א ווארעטשיק. אוודאי קאן מען נאך אזא מין סעודה קיין עין־הרע גוט שלאפען; און אז מע שלאפט זיך אויס נאך אזא ווארעמ'ס, וויל מען דאס קיין עין־הרע א טרונק; און אז סע ברענט אויפ'ן הארצען, זאגט איהר, איז עפילקוואס נישט קיין שלעכט ביסיל משקה, און בארליך־צימעס נישט קיין שלעכט מאכל; און אז מע טרינקט אויס א קווארט עפילקוואס קיין עין־הרע און מע פארבייסט מיט בארליך־צימעס, נעמט מען זיך צום תהלים און מע רייבט קיין עין־הרע געשמאק איין קאפיטעל נאכ'ן אנדערען; זיי פליהען קיין עין־הרע, די קאפיטליך, ווי די ווערסטיין אויפ'ן גרויסען טראקט, איינס נאך דאס אנדערע, איינס נאך דאס אנדערע..

*

— טפררררו! — מאכט דער כתריליווקער בעל־עגלה, און איידער מיר קוקען זיך ארום ליגען מיר אלע מיט'ן וואגען אין דער בלאטע. די פארשוינען וואס זענען געזעסען „פאריטש" ליגען מחילה פון אונטען, און מיר, בוידפארשוינען, פון אויבען; און דער „בולאנער" מיט'ן „קאשטאנעוואטען", פארוו: רפען די קעפ ארונטער, פארבלען זיך מיט די פיס, ווילען נעביך אויפשטעהן און קאנען נישט.

— פון זינט איך בין א בעל־עגלה, הערט איהר, שוין קיין עין־הרע [illegible] און צוואנציג יאהר, טרעפט זיך מיר איך זאל דא ליגען [illegible] מיט'ן וואגען וויפיעל מיינט איהר? — סך־הכל דאס [illegible] קיין עין־הרע ניט...

VIII.

אִיהם מֶעג מֶען מְקַנֵא זַיין!

זִינְט כַּתְרִילִיווְקֶע אִיז אַ שְׁטָאדְט גֶעדֶענְקְט דָארְט קֵיינֶער נִיט אַזַא לְוָיָה וִוי עֶס הָאט גֶעהַאט רֶב מֶלֶךְ דֶער חַזָן.

רֶב מֶלֶךְ דֶער חַזָן אִיז גֶעוֶוען אַ יוּד אַיין אָרִימַאן, אַיין עָנִי־וְאֶבְיוֹן, גְלַייךְ מִיט אַלֶע כַּתְרִילִיווְקֶער בַּעֲלֵי־בַּתִּים, אוּנ הָאט פֶערְדִיעֶנְט אַזַא לְוָיָה נָאר דֶערְפַאר, וָואס עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען וִוי אַ צַדִיק, וִוי אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דָאס אִיז גֶעוֶוען יוֹם־כִּפּוּר צוּ נְעִילָה.

דִי זוּן הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטֶען בַּיי אוּנְטֶערְגֵעהְן, זִיךְ גֶעזֶעגֶנְט מִיט כַּתְרִילִיווְקֶע אוּנ אַרַיינְגֶעקוּקְט דוּרְךְ דִי פֶענְסְטֶער פוּנ'ם אַלְטֶען בֵּית־הַמִדְרָשׁ אוּנ בֶּעלַייכְט דִי מוּידְטֶע אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעטֶע פְּנִימֶ'ער, דִי גֶעלֶע טַלֵיתִים מִיט דִי וַוייסֶע קִיטְלֶען פוּן דִי בַּעֲלֵי־בַּתִּים, וָואס הָאבֶּען אוֹיסְגֶעזֶעהֶען וִוי לֶעבֶּעדִיגֶע מֵתִים.

דָאס וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפֶען הוּנְגֶער הָאבֶּען שׁוֹין דִי דָאזִיגֶע לֶעבֶּעדִיגֶע מֵתִים לַאנְג אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ פִיהלֶען. זֵיי הָאבֶּען נָאר גֶעפִיהלְט, אַז עֶס לָאזֶען זִיךְ אוֹיס דִי כּחוֹת, אַז עֶס גֵעהט זֵיי אוֹיס דָאס חַיוּת. זֵיי זֶענֶען גֶעזֶעסֶען אִיבֶּער דִי מַחֲזוֹרִים, גֶעשָׁאקֶעלְט זִיךְ, גֶעקְוִויקְט. וֶוער מִיט „חַלֶשׁ־טְרָאפֶּענְס" אוּנ וֶוער מִיט אַ שְׁמֶעק טַאבֶּעקֶע, אוּנ גֶעזוּנְגֶען, אוּנְטֶערְגֶעהָאלְפֶען רֶב מֶלֶךְ דֶעם חַזָן.

רֶב מֶלֶךְ דֶער חַזָן, אַ שֵׁיינֶער יוּד מִיט אַ לַאנְגֶער שִׁיטֶערֶער בָּארְד מִיט אַ בְּרֵייטֶען קָאלְנֶער, אִיז פוּן גַאנְץ פְּרִיה אָן גֶעשְׁטַאנֶען פַאר'ן עָמוּד אוֹיף דִי פִיס; עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פַאר'ן רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם מִיט אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּענֶע הֶענְט, גֶעדַאוֶוענְט גֶעטְרַיי, גֶעשְׁמַאק, גֶעוֵויינְט אוּנ

גֶעבֶּעטֶען בַּיי אִיהם רַחֲמִים פַאר דִי בַּעֲלֵי־בָּתִּים, וָואס הָאבֶּען אִיהם גֶעשִׁיקְט פַאר אַ שְׁתַּדְלָן, אַ חָאדַאטַאי, מֶע זָאל זֵיי מוֹחֵל זַיין זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע זִינְד אוּנ מֶע זָאל זֵיי אָנְ'חַתְמֶ'ענֶעי אַ גוּט קְוִויטִיל, אָנְצֵייכֶענֶען זֵיי אַ גוּט יָאהר.

אוֹיף אַזַא אַדְוָואקַאט ווִי רֶב מֶלֶך הָאבֶּען זִיך דִי בַּעֲלֵי־בָּתִּים פוּן דֶעם אַלְטֶען בֵּית־הַמֶּדְרָשׁ, נִישְׁקָשֶׁה, גֶעקָאנְט פֶערְלָאזֶען.

עֶרְשְׁטֶענְס דִי גֶעמְבֶּע; אַלְטֶע בַּעֲלֵי־בָּתִּים דֶערְצֶעהלֶען, אַז אִין דֶער יוּגֶענְד הָאט עֶר, זָאגְט מֶען, גֶעהַאט אַ שַׁארְפֶע שְׁטִימֶע, אַ „שַׁאֲגַת אֲרִי"; הָאט עֶר גֶעעֶפֶּענְט אַ מוֹיל, הָאבֶּען גֶעצִיטֶערְט דִי וֶוענְט פוּנ'ם בֵּית־הַמֶּדְרָשׁ אוּנ עֶס הָאבֶּען גֶעקְלוּנְגֶען דִי פֶענְסְטֶער.

הַיינְט אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל־בֶּכִי, פְלֶעגְט וֵויינֶען, גִיסֶען ווִי אַ בֶּערֶעזֶענֶע, אוּנ אוֹיף אִיהם קוּקֶענְדִיג — דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם.

אוֹיף דֶער עֶלְטֶער אִיז בַּיי אִיהם דִי שְׁטִימֶע גֶעוָוארֶען אַבִּיסִיל צוּגֶעלֶעגֶערְט אוּנ ס'אִיז אִיהם פֶערְבְּלִיבֶּען נָאר דָאס וֵויינֶען, נָאר אַזַא וֵויינֶען וָואס קָאן גֶעמֶען אַ וַואנְט, אוֹיפְוֶועקֶען אַ טוֹידְטֶען.

רֶב מֶלֶך הוֹיבְּט אוֹיף בֵּיידֶע הֶענְט אוּנ טַעֲנֶה'ט זִיך אוּם מִיטְ'ן רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם מִיטְ'ן גֶעוִויכֶען וֵויינֶענְדִיגֶען נִגוּן פוּן נְעִילָה:

— אוֹי וַיעה, טַאטֶע! אוֹי וַיעה, פָאטֶער! אוֹי וַיעה, אוֹי וַיעה!..

אוּנ אִיטְלִיכֶער בִּשְׁעַת־מַעֲשֶׂה הָאט הַרְטָה אוֹיף זַיינֶע גְרוֹיסֶע זִינְד, בֶּעט בַּיי גָאט עֶר זָאל אָבְּמֶעקֶען, מוֹחֵל זַיין, פֶערְגֶעסֶען, אוּנ שֶׁיינְקֶען זֵיי אַ גוּט יָאהר פַאר זֵיי אוּנ פַאר זֵייעֶרֶע נַאקֶעטֶע בָּארְפִיסֶע, הוּנְגֶערִיגֶע קִינְדֶערְלִיך.

אוּנ דֶערְמָאנֶען זֵיי זִיך אָן זֵייעֶרֶע קִינְדֶערְלִיך, דִי אוּמְשׁוּלְדִיגֶע נְפָשׁוֹת נֶעבִּיך, וֶוערְט זֵיי דָאס הַארְץ צֶעגַאנְגֶען אַזוֹי ווִי וַואקְס, אוּנ זֵיי זֶעגֶען גְרֵייט צוּ פַאסְטֶען נָאך דְרַיי טֶעג מִיט נָאך דְרַיי נֶעכְט אַבִּי אוֹיסְבֵּעטֶען בַּיי דֶעם וָואס לֶעבְּט אֵייבִּיג אַ גוּט יָאהר...

אוּנ רֶב מֶלֶך דֶער חַזָן, אַבִּיסִיל אָבְּגֶערִיהט זִיך אוּנ אִיבֶּערְגֶע־חַאפְּט דֶעם אָטֶעם, טְהוּט עֶר זִיך אַ קַאטְשֶׁע אוֹיפְ'ן הַאלְז, אַ צִיקְעל אוֹיפְ'ן אַלְטֶען שְׁטֵייגֶער:

— אַטוּנֶעם—נֶעם־נֶעם־דֶע־עֶ עֶי ! אַטוּנֶעם—נֶעם־נֶעם־דֶע־עֶ־עֶ ! עֶ־עֶ־עֶי !... און קָאזְט אוים ווידֶער מִיט אַ גֶעבֶּעט און מִיט אַ גֶעוויין:

— אוי וֵיעה! אוי וֵיעה! אוי וֵיעה!... אוי וֵיעה!...

און פְּלוּצִים וֶוערְט מִיט אַמָאל שְׁטִיל און עֶס הֶערְט זִיךְ עֶפִּיס אַ פַּאל און אַ קְלַאפּ און אַ שְׁטוּפֶּעַרַיי און אַ שׁוּשְׁקֶעַרַיי:

— שְׁשְׁשׁ... שַׁא... שַׁא! מְמ... מְמ...! אִי—אָ—נוּ! שַׁמָשׁ! שַׁמָשׁ!...

לוֹיפְט צוּ חַיִים דֶער שַׁמָשׁ און חַאפְּט אוּנְטֶער רֶב מֶלֶךְ דֶעם חַזָן אוּנְטֶער דִי הֶענְד, און רֶב מֶלֶךְ דֶער חַזָן פֶערְוַואַרְפְט דֶעם קָאפּ אַרוּנְטֶער, דִי אוֹיגֶען הַאלְבּ־אָפֶען, דָאס פָּנִים וַויים וִוי קַאלְךְ, דִי לִיפֶּען טוֹיְדְט און עֶפִּיס אַ שְׁמֵייכֶעלִי, אַ בִּיטֶער שְׁמֵייכֶעלִי שְׁפִּיעלְט אויף זֵיי.

דֶער עוֹלָם מְהוּט זִיךְ אַ וָוארְף, מֶע טְרָאגְט אִיהם אוּנְטֶער חַלָשׁ־טְרָאפֶּען צוּ דֶער נָאז, מֶע שְׁפְּרִיצְט אִיהם אָב מִיט וַואסֶער, מֶע קְוֶועטְשְׁט אִיהם בַּיי דִי שְׁלִיפֶען — בְּלַאטֶע! — רֶב מֶלֶךְ דֶער חַזָן אִיז טוֹיְדְט.

רֶב מֶלֶךְ דֶער חַזָן אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען . . . .

. . . .

אַ וָואלְךְ אַז עֶס חַאפְּט זִיךְ אַרַיין אִין דֶער טְשֶׁערֶעדֶע און פֶערְצִיקְט אַ שֶׁעפֶּעלֶע, וֶוערְט צְווִישֶׁען דִי אִיבְּרִיגֶע שָׁאף אַ טוּמֶעל, אַ מְהוּמָה אויף אַ וַויילֶע; נָאכְדֶעם שְׁלָאגְט מֶען זִיךְ צוּנוֹיף אַלֶע אִינְאֵיינֶעם און מֶען הוֹיבְּט אָן צִיטֶערֶען מִיט אַלֶע גְלִיעדֶער.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אִינְ'ם אַלְטֶען בֵּית־הַמֶדְרָשׁ, בְּשַׁעַת רֶב מֶלֶךְ דֶער חַזָן אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען.

עֶס אִיז גֶעוָוארֶען אויף אַ וַויילֶע אַ טוּמֶעל, אַ גֶערוּדֶער; פוּן דֶער וַוייבֶּערְשֶׁער שׁוּל הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט הֶערֶען אַ מָאדְנֶער קְווִיטְשׁ— דָאס הָאט צְבִיָה דִי חַזָנְ'טֶע גֶעחַלֶשְׁ'ט, און אויף אִיהר קוּקֶענְדִיג זֶענֶען גֶעפַאלֶען חֲלָשׁוּת נָאךְ עֶטְלִיכֶע וַוייבֶּער.

הָאט רֶב יוֹזִיפִּיל דֶער רָב אַ ווינְק גֶעטְהוּן צוּ דִי גַבָּאִים, און דִי גַבָּאִים הָאבֶּען אַ פַּאטְשׁ גֶעטְהוּן אִין דִי סְטֶענְדֶערְס ס'זָאל זַיין שְׁטִיל, און חַיִים דֶער שַׁמָשׁ (עֶר אִיז טַאקִי גֶעוֶוען בַּעַל־שַׁחֲרִית) אִיז צוּגֶע־גַאנְגֶען צוּם עָמוּד און הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוְונֶען וַוייטֶער, און דֶער

גאַנצער עולם האָט געדאַוועט ווייטער, ביז רב ניסיל בעל־תוקע האָט געגעבן דעם לעצטן בלאָז.

נאָכדעם האָט מען געמאַכט אַ ברכו, זיך געשטעלט דאַווענען דעם וואָכעדיקן מעריב, און אַז מע האָט אָפּגעדאַוועט דעם וואָכעדיקן מעריב, איז מען געגאַנגען אַרויס מחדש זיין די לבנה, און אַז מע האָט מחדש געווען די לבנה, איז מען ערשט דעמאָלט געגאַנגען אַהיים זיך אָפּפּאַסטן, ווער מיט אַ פּערטיל עוף פון די כפּרות און מיט אַ גלעזיל וואַרעמס, און ווער מיט אַ שטיקל ברויט מיט הערינג און מיט גלאַט אַ טרונק וואַסער.

אין אַ שעה אַרום נאָכ'ן אָפּפּאַסטן זיך איז דער גאַנצער שול־הויף שוין געווען פּערפּלייצט מיט מענטשן. ס'איז ניט געווען קיין שפּילקע דורכצוּוואַרפן.

יידן און ווייבער, יונגליך און מיידליך, קינדער פון די וויגעליך — אַלע זענען זיך צונויפגעקומען אויף דער לויה.

בעלי־בתים האָבן זיך אַליין מתעסק געווען אין דער מצוה, נישט צוגעלאָזט די שמשים, אַ קליינינקייט אַזאַ מת!

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיגע און אַ וואַרעמע. די לבנה האָט אַראָפּ געשיינט אויף כתריליווקע און האָט אָנגעקוועלט פון די אָרימע לייט, וואָס זענען געקומען אָפּגעבן כבוד רב מלך דעם חזן פאַר זיין אַוועקגיין אַהין אין זיין ווייטן וועג אַריין, און אַז מע האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט דער מטה קעגן אַלטן בית המדרש, האָט זיך רב יוזיפל דער רב אַוועקגעשטעלט מאַכן אַ הספד און דער גאַנצער עולם האָט געוויינט.

רב יוזיפל דער רב האָט אויסגעוויזן מיט פּסוקים און מיט מדרשים אַ סך, אַז רב מלך דעם חזנ'ס טויט איז נישט קיין געוויינטליכער טויט פון אַ געוויינטליכן מענטשן, אַז אַזוי שטאַרבן שטאַרבט נור אַ צדיק און אַ גרויסער צדיק, אַז אַזאַ צדיק גייט פון דאָרטן גלייך אין גן־עדן אַריין, אַזאַ צדיק בעדאַרף איטליכער מקנא זיין און איטליכער בעדאַרף זיך ווינטשן אַזאַ טויט, וואָרום נישט

אִיטְלִיכֶער אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁטַארְבֶּען יוֹם־כִּפּוּר צוּ נְעִילָה בַּיים עָמוּד. אוּן אַזַא צַדִיק, אַז עֶר פָּאהְרְט אָבּ פוּן שְׁטָאדְט, בֶּעדַארְף דִי גַאנְצֶע שְׁטָאדְט אִיהם גֵעהן בֶּעלַייטֶען, אוּן אַזַא צַדִיק אַז עֶר שְׁטַארְבְּט אָבּ אִין שְׁטָאדְט, בֶּעדַארְף דִי גַאנְצֶע שְׁטָאדְט וֵוייְנֶען אוּן קְלָאגֶען.

— וֵויינְט זְשֶׁע יוּדֶען אוּן קְלָאגְט אוֹיף דֶעם צַדִיק, וָואס מִיר הָאבֶּען פֶּערְלָארֶען אוּן בֶּעט אִיהם, עֶר זָאל דָארְט זַיין אַ מֵלִיץ־יוֹשֶׁר פַאר'ן כִּסֵא־הַכָּבוֹד צוּם נַייעֶם יָאהר, טָאמֶער וֶועט עֶר טַאקִי אוֹיסְבֶּעטֶען פַאר אוּנְז אַלֶעמֶען אַ גוּט יָאהר, שׁוֹין צַייט גָאט זָאל רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אוֹיף כַּתְרִילִיוְוקֶע!

דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם הָאט גֶעוֵויינְט, גֶעגָאסֶען מִיט טְרֶערֶען אוּן גֶעגְלוֹיבְּט, אַז זֵיי הָאבֶּען אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט פַאר זִיךְ אַ גוּטֶען שָׁלִיחַ, אַ רֶעכְטֶען שְׁתַּדְלָן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטֶען.

אִין דֶער מִינוּט הָאט זִיךְ אִיטְלִיכֶער גֶעוִוינְשֶׁען צוּ זַיין אוֹיף רֶב מֶלֶךְ דֶעם חַזָנ'ס אָרְט...

אוּן רֶב יוֹזִיפִּיל הָאט אַפִּילוּ פֶּערְגֶעסֶען, אַז עֶר רֶעדְט מִיט אַ טוֹידְטֶען, אוּן הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט זַיין הֶסְפֵּד מִיט דִי דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער:

— לֵךְ לְשָׁלוֹם — גֵעה גֶעזוּנְד אוּן זַיי מַצְלִיחַ!...

לַאנְג־לַאנְג נָאכְדֶעם הָאט מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דֶערְצֶעהלֶען אִין כַּתְרִילִיוְוקֶע פוּן רֶב מֶלֶךְ דֶעם חַזָנ'ס טוֹידְט אוּן פוּן דֶער לְוָיָה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, אוּן מֶע הָאט גֶעזַאגְט מִיט אַ זִיפְץ:

— יָא, אִיהם מֵעג מֶען מְקַנֵא זַיין...

IX.

צוויי שלח־מנות'ן.

ס'איז שוין לאנג נישט געווען אין כתריליווקע אזא שענער פורים און אזא ווארעמער. עס האט פארפריה געלאזט דאס אייז, און פונ'ם שניי איז געווארען א טואן ביז'ן גארטעל. די זון האט געשיינט. עס האט געבלאזען א פויל ווינטיל. א נארישׁ קעלבּיל האט זיך אויס־געוועזען, אז סע שמעקט מיט וועסנע, האט דאס אנגעהויבען בלעקען, פערריסען דעם ווײדיל, אראבגעלאזט די מארדע און ארויסגעלאזט א האלבען „מע"! אויף דער גאס זענען געלאפען שליינגעלדיגע ריטש־קעליך אראב אבארג, געשלעפּט מיט זיך וואו ערגיץ א שפינדיל. א שטרוי אדער א שטיקיל פאפיר, א גליק וואס אין שטאדט איז נאך כמעט ביי קיינעם נישט געווען אויף מצות; אנים וואלט מען געקאנט מיינען, אז ס'איז נישט פורים, נאר ערב־פסח.

סאמע אין מיטען שטאדט אין דער רעכטער בלאטע האבען זיך בעגעגענט צוויי מיידליך, וואס ביידע האבען געהייסען נחמה, איינע א שווארצע א געזונדע מיט געדיכטע ברעמען און מיט א קורצער גאז די אנדערע א ווייסע א קראנקליכע מיט רויטע האר און מיט א שפּי־צעדיג נעזיל; איינע א בארוויסע מיט גראבע שווארצע פולקעס, די אנדערע כלומר'שט אין שיך, וואס האלטען אפען דאס מויל און „בעטען עסען"; שענע שיך! אז מע גערט קוואטשקען זיי און סע שלעפּט זיך נאך א פאדעשווע, וואס גיט אלע מאל א ליאסק מיט א קוויטש, און אז מע טהוט זיי אויס וועגען זיי א פוד. דאס איז געווען אזעלכע שיך, וואס מע זאגט אויף זיי: „איידער אזעלכע שיך איז שוין גלייכער בארוויס..." ביידע נחמה'ס האבען געטראגען שלח־מנות'ן איבערגעדעקט מיט א ווייס סערוועטיל און צו געהאלטען מיט ביידע

הענד. אין דער הויף. דערזעהען זיך האבען ביידע מיידליך זיך אבגע־שטעלט.

— אַ! נחמה?

— אַ! נחמה?

— וואהין געהסט דו דאס, נחמה?

— וואס הייסט וואהין גיה איך? איך טראג שלח־מנות.

— צו וועמען טראגסט דו שלח־מנות?

— צו אייך טאקי; אונ וואהין געהסט דו, נחמה?

— וואס הייסט וואהין גיה איך? זעהסט דאך, אז איך טראג שלח־מנות.

— צו וועמען טראגסט דו שלח־מנות?

— טאקי צו אייך.

— אַ היסטאריע בנאמנות!

— אַ ריינע קאמעדיע!

— אנו ווייז נאר דיין שלח־מנות, נחמה?

— ווייז דיין שלח־מנות, נחמה?

אונ ביידע נחמה'ס האבען געזוכט מיט די אויגען, וואו מע קאן זיך צוזעצען אויף אַ ווײַלע, אונ נאט האט זיי צוגעשיקט, דערזעהען אַ קלעציל געבען איין איינפאהרהויז, האבען זיי אויפגעהויבען די פיס אין דער לײמיגער בלאטע אונ האבען זיך בעזעצט אויף דעם דאזיגען קלעציל, אנידערגעשטעלט די בעקענס אויף די קניהעס, אויפגעהויבע־די סערוועטליך אונ בעטראכט די שלח־מנות'ן.

פריהער האט נחמה די רויטע אויפגעדעקט אונ בעוויזען איהר שלח־מנות. זי האט געדיענט ביי זעלדע־רב־יאסים, געגומען פינפט־האלבען קערבליך פאר'ן ווינטער מיט קליידען אונ שיכען. ס'איז געוועזען אַ „קליידען" מיט אַ „שיכען"! מילא דאס קליידיל איז געוועזען אַ קליידיל, מיט לאטים אפילו, נאר פארט אַ קליידיל; די שיך אבער זענען מאנסבילשע שיך, פון זעלדע רב יאסים בחור מנשה, וואס האט

אַ פּוּם ווִי אַ דֶערְזִשְׁקֶע, און דֶערְצוּ הָאט עֶר נָאךְ אַ טֶבַע דְרֵעהֶען דִי אָבְּצַאסֶען. שֵׁענֶע שִׁיךְ!

דֶער שְׁלַח־מָנוֹת וָואס נַחֲמֶה דִי רוֹיטֶע הָאט גֶעטְרָאגֶען אִיז בֶּעשְׁטַאנֶען: פוּן אַ שֵׁענֶעם גְרוֹיסֶען הָמָן טַאשׁ מִיט מָאהְן, פוּן צְוֵוייא קִישֶׁעלִיךְ אֵיינְס אַיין אָפֶּענְס מִיט הָאנִיגְפַארְפֶעל, און דָאס אַנְדֶערֶע אַ קֵיילֶעכִיגְס פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען זֶעהר שֵׁען גֶעצְווִיקֶעלְט, אַ צִיקֶערְלֶעקִיכִיל מִיט אַ רָאזִינְקֶע אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט סַאמֶע אִין מִיטֶען, אַ גְרוֹיכֶע פִיעֶרֶעקֶעכִיגֶע שְׁטִיק טָארְט, אַ שֵׁען שְׁטִיקִיל קוּמִישְׁבְּרוֹיט, צְוֵויי קְלֵיינֶע מַלְכוּת־בְּרֵיימְלִיךְ און אַ הִיבְּשֶׁע שְׁטִיק קָארֶענֶער לֶעקִיךְ, וָואס אִיז בַּיי זֶעלְדֶען הַיינְטִיגְס יָאהר מֶעהר גֶערָאטֶען ווִי אַלֶע יָאהר; צִי דִי מֶעהל אִיז גֶעוָוען זֶעהר אַ גוּטֶע מֶעהל, צִי דֶער הָאנִיג אִיז גֶעוֶוען אַ רֵיינֶער הָאנִיג, צוּ דֶער לֶעקִיךְ הָאט זִיךְ גְלַאט גוּט אוֹיסְגֶעבַּאקֶען, צִי מֶע הָאט אִיהם גוּט אוֹיסְגֶעשְׁלָאגֶען — עֶר אִיז גֶעוֶוען טַאקִי גָאר ווִי אַ גֶעדִיכְטֶע פֶּעכְקֶע קִישֶׁען!

בֶּעטְרַאכְט נַחֲמֶה דֶער רוֹיטֶערְס שְׁלַח־מָנוֹת הָאט נַחֲמֶה דִי שְׁוַוארְצֶע אוֹיפְגֶערֶעקְט און בֶּעוִויזֶען אִיהר שְׁלַח־מָנוֹת. זִי הָאט גֶעדִינְט בַּיי זְלַאטֶע רֶב אַייזִיק'ס גֶענוּמֶען זֶעכְּס קֶערְבְּלִיךְ פַאר'ן ווִינְטֶער אוֹיף אִיהר אֵייגֶענֶעם גַאנְג, אִיז זִי דֶערְפַאר גֶעגַאנְגֶען בָּארְווִיס, און זְלַאטֶע הָאט זִי גֶעשָׁאלְטֶען מִיט טוֹידְטֶע קְלָלוֹת:

— ווִי אַזוֹי גֵעהט דָאס אַ מוֹיד אַ גַאנְצֶען ווִינְטֶער בָּארְווִיס? דוּ ווִילְסְט אַ פָּנִים זִיךְ פֶערְקִיהֶלֶען צוּ אַלֶדֶע שְׁוַוארְצֶע יָאהר!... נַחֲמֶה הָאט זִי אָבֶּער גֶעהֶערְט ווִי הָמָן דֶעם גְרַייגֶער; זִי הָאט בֶּעסֶער גֶעקְלוֹיבֶּען דָאס גֶעלְד אוֹיף פֶּסַח, אוֹיף פֶּסַח וֶועט זִי אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זִיךְ מַאכֶען אַפָּאר שִׁיךְ אוֹיף הוֹיכֶע אָבְּצַאסֶען מִיט קוּלְקֶעס און אַ סִיצֶען קְלֵיידִיל מִיט אוּבָּארְקֶעלִיךְ. קָאפִּיל דֶער שׁוּסְטֶער וָואס שַׁדְכְנְ'ט זִיךְ צוּ אִיהר וֶועט אַיינְנֶעמֶען אַ מִיתָה־מְשׁוּנָה!

דֶער שְׁלַח־מָנוֹת וָואס נַחֲמֶה דִי שְׁוַוארְצֶע הָאט גֶעטְרָאגֶען אִיז בֶּעשְׁטַאנֶען פוּן אַ פֵיינֶע שְׁטִיק שְׁטְרוּדֶעל, צְוֵויי גְרוֹיסֶע צוּקֶערְלֶעקִיכֶער, אַ הִיבְּשׁ הָאנִיג־טֵייגֶעל, צְוֵויי כִישֶׁעלִיךְ וָואס פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען אִיז

געווען אויסגעצוויקעלט אַ פּישעלי און אָנגעפּיקט מיט קליינע זיסע פּאַרפּעליך, און צוויי גרויסע מאַהענדליך, שוואַרצע, גלאַנצענדיגע, דורכגעשפּיגעוועט מיט יאַדערען פון ניסליך, גוט אײַנגעפּרעגעלט אין האָניג! אויסערדעם איז אויפ׳ן בעקען געלעגען, און געשמייכעלט אַ געלער אַ שמעקענדיגער מאַראַנץ, וואָס דער ריח איז זיך צעגאַנגען אין יעדער אבר.

ב.

— הערסט דו נחמה, וואָס איך וועל דיר זאָגען? דײַן שלח־מנות איז אַ שענערער שלח־מנות פון מײַן שלח־מנות! — אַזוי האָט געזאָגט נחמה די רויטע צו נחמה דער שוואַרצער מיט אַ קאָמפּלימענט.

— ע! דײַן שלח־מנות איז אויך ניט קיין שלעכטער שלח־מנות — האָט איהר נחמה די שוואַרצע געענטפערט מיט אַ קאָמפּלימענט פאַר אַ קאָמפּלימענט און האָט אַ טאַפּ געטהון מיט׳ן פינגער דעם המן׳טאַש.

— אָט אַ המן׳טאַש!... האָט געזאָגט נחמה די שוואַרצע און האָט זיך אַזש בעלעקט. אָט דאָס הייסט אַ המן׳טאַש!... איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, איך פערגין איהר גאָר נישט, דער בעל־הבית׳טע מײַנער אַזאַ המן׳טאַש... אַזאַ מכה זאָל זיך איהר זעצען אויפ׳ן פּנים, רבונו של עולם!... הערסט דו, נחמה, ווען ליג איך האָב נאָך הײַנטיגען טאָג אין מײַן מויל נישט געהאַט, וואָלט איך אַ בעלן געווען פערזוכען פון דעם דאָזיגען המן׳טאַש חאָטש אַ שטיקיל...

— און איך מיינסט דו האָב הײַנטיגען טאָג עפּיס גענעסען? נישט מעהר זאָלען זיי עסען ווייל זיי וועלען לעבען! — מאַכט נחמה די רויטע, און קוקט זיך אַרום אויף אַלע זײַטען — נעם, פּאָלג מיך, נחמה, דעם המי׳טאַש און צעברעך איהם אויף צווייען, וועלען מיר איבער־חאַפּען. וואו שטעהט דאָס, אַז שלח־מנות מוז זײַן מיט אַ המן׳טאַש? אָט למאי איז בײַ דיר שלח־מנות אָהן אַ המן׳טאַש?

— לאָם איך האָבען אַזאַ יאָהר ווי דו ביזט גערעכט! — זאָגט

נַחֲמֶה דִי שְׁוַוארְצֶע, צֶעבְּרֶעכְט דֶעם הָמָן־טַאשׁ אוֹיף צְוַוייֶען אוּן צֶעטְהֵיילְט זִיךְ מִיט נַחֲמֶה דֶער רוֹיטֶער.

— הֶערְסְט דוּ וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגֶען! ס׳אִיז דָאךְ טַעַם גַן־עֵדֶן, בֶּנֶאֱמָנוּת! אַ חִסָרוֹן נוּר וָואס סֶע מֶעהר נִישְׁטָא... פַאר דַיין הָמָן־טַאשׁ, נַחֲמֶה׳נְיוּ, קוּמְט דִיר אַ שְׁטִיק לֶעקִיךְ פוּן מַיין שְׁלַח־מָנוֹת, וָוארוּם וֶוערְלִיג מִיר וֶועלֶען זִיךְ דָא אָנְנֶעמֶען פַארְ׳ן וֶועג מֶעג זֵיי זַיין ווִינְצִיגֶער מִיט אַ שְׁטִיקִיל לֶעקִיךְ אוּן מֶעהר מִיט אַ מַכָּה... מָאל דִיר פוּן גַאנְץ פְרִיה אָן בִּיז אִיצְטֶערְטָא טְרֶעף וִויפִיעל הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט? קוּים — קוּים אַ גִילֶען מִיט צְוַויי גְרָאשֶׁען, אִי דָאס זֶענֶען דִי צְוַויי גְרָאשֶׁען מִיט אַ לֶעבִּיל... וִויפֶעל הָאסְט דוּ גֶעמַאכְט, נְשָׁמָה מַיינֶע?

— אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיךְ נִיט גֶעמַאכְט אַ מַכָּה זָאל זִיךְ זֵיי מַאכֶען! — זָאגְט נַחֲמֶה דִי רוֹיטֶע אוּן קַייעט דֶעם לֶעקִיךְ אוּן שְׁלִינְגְט גַאנְצֶע שְׁטִיקֶער וִוי אַ גַאנְז — הַלְוַאי אִיךְ זָאל פַארֶען גַאנְצֶען טָאג מַאכֶען אַ גִילֶען!...

— שֵׁיינֶע נְגִידִית׳עֶ׳ס, זֵיי טֶענֶען זִיךְ נִישְׁקָשֶׁה, אַלֶע בֶּעגְרָא־בֶּען! — זָאגְט נַחֲמֶה דִי שְׁוַוארְצֶע אוּן בֶּעלֶעקְט זִיךְ נָאכְ׳ן לֶעקִיךְ — אִיךְ קוּם צוּ גֵעהְן צוּ חִיעֶנֶע דֶער צֶעלְנִיקֶערִין מִיטְ׳ן שְׁלַח־מָנוֹת, נֶעמְט זִי צוּ בַּיי מִיר דֶעם שְׁלַח־מָנוֹת קְרַאצְט אוּן קְרַאצְט דִי קֶעשֶׁענִי אוּן הֵייסְט מִיר קוּמֶען שְׁפֶּעטֶער, קוּמֶען זָאל אוֹיף אִיהר אַ מִיתָה מְשׁוּנָה!

— אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בַּיי קֵיילִי רֶב אַהֲרֹן׳ס — זָאגְט נַחֲמֶה דִי רוֹיטֶע — אִיךְ קוּם צוּ גֵעהְן צוּ אִיהר מִיטְ׳ן שְׁלַח־מָנוֹת גֵעהְט זִי אוּן שֵׁענְקְט מִיר אַ צוּקֶערְלֶעקֶעכִיל פַארְ׳ן וֶועג. שֶׁענְקֶען זָאל אִיהר גָאט אַ נַייעֶ נְשָׁמָה.

— אוּן דִי אַלְטֶע זָאל מֶען אַרוֹיסְוַוארְפֶען פַאר דִי הִינְד — לָאזְט אוֹיס פַאר אִיהר נַחֲמֶה דִי שְׁוַוארְצֶע אוּן נֶעמְט אֵיינֶע פוּן זְלַאטֶעס צְוַויי צוּקֶערְלֶעקֶעכִיר אוּן צֶעבְּרֶעכְט אִיהם אוֹיף צְוַוייֶען — נַא, עֶס, נְשָׁמָה מַיינֶע, עֶסֶען זָאלֶען זֵיי וֶוערֶעם! אַז דַיין בַּעַל־הַבַּיִת׳טֶע וֶועט הָאבֶּען ווִינְצִיגֶער מִיט אַ צוּקֶערְלֶעקִיכִיל, בִּין אִיךְ בְּדַלוּת!

— אוֹי, אַ מַכָּה אִיז מִיר! — הָאט זִיךְ נַחֲמֶה דִי רוֹיטֶע צוּם עֶרְשְׁטֶען

אויפֿגעחאפּט פֿונ'ם אָרט און אָנגעהויבּען בּרעכען די הענד — זעה נאָר, נשמה'ניו, וואס ס'איז מיר געבּליבּען פֿונ'ם שלח-מנות!

— ווער וועט זיי געהן דערצעהלען, נאַרישע מויד? — בּערוהיגט זי נחמה די שוואַרצע — האָב קיין מורא ניט, ס'איז בּיי זיי היינט אַ טאָג פֿון שלח-מנות'ן, זענען זיי פֿערטאָרעראַמט, מע וועט זיך ניט אַרומקוקען.

און בּיידע נחמה'ס דעקען איבּער די שלח-מנות'ן — מיט די ווייסע סערוועטליך און לאָזען זיך געהן איבּער דער בּלאָטע, איינע אַהין, די אַנדערע אַהער, גלייך ווי ס'איז גאָר ניט געווען..

ג.

זעלדע רב יאָסים, אַ יונגע מיט אַ קיילעכדיגען פּנים און אַ גאַנץ שיינע איז געשטאַנען מיט אַ רויטען זיידענעם פֿאַרטוך מיט ווייסע שפּריינקעליך און האָט אויסגעטיילט און צונויפֿגעשטעלט אַלע שלח-מנות'ן, וואס זי האָט בּעדאַרפֿט שיקען יענעם און וואס יענע האָבּען געשיקט איהר.

רב יאָסי לעמעשקע (אַזא צונעמעניש האָט ער געהאַט אין כּתר-ריליוקע) איז געלעגען אויף דער קאַנאַפּע און האָט געחראָפּעט, און מנשה, אַ בּחור פֿון אַ יאָהר אַכטצעהן מיט רויטע בּאַקען און מיט אַ לאַנגער ליוסטרינינער נאַקידקע, האָט אַרומגעפּאַדקעוועט אַרום דער מאַמע, גענאַשט אַלע מאָל אַ שטיקעל האָניגטייגיל, אַ צוויי פּאַרפּעליך אָדער אַ מאַהנדיל; ער האָט זיך אַזוי אָנגעשטאָפּט מיט די אַלע גוטע זאַכען אַז די צייהן מיט די ליפּען זענען איהם געווען שוואַרץ און דער בּויך האָט אָנגעהויבּען "רעדען".

— מנשה, טאַמער וואָלסט שוין אַמאָל געווען גענוג, מנשה? — זאָגט איהם זעלדע אַלע מינוט.

— גענוג, גענוג! — ענטפּערט מנשה און חאַפּט אַריין אין מויל אַריין אַלע מאָל איין אַנדער שטיקיל "דאָס לעצטע מאָל", און ווישט אויס מיט דער צונג די ליפּען.

* * *

— א גוט יום-טוב, די בעל־הבית'טע האט אייך געשיקט שלח־מנות! — זאגט נחמה די שווארצע און טראגט אונטער זעלדען דעם איבערגעדעקטען שלח-מנות.

— ביי וועמען דיענסט דו? — פרעגט זי זעלדע מיט א פריינד־ליך שמייכיל, און נעמט צו ביי איהר דעם שלח-מנות פון די הענד.

— ביי זלאטע רב אייזיק בעל־ברית'ניקס — מאכט נחמה די שווארצע און ווארט, מע זאל ביי איהר צונעמען דעם שלח־מנות און אומקעהרען דעם בעקען.

זעלדע נעמט זיך מיט איין האנד צו דער קעשעני בעצאהלען דעם מיידיל א גראשען פאר'ן וועג און מיט דער אנדערער האנד דעקט זי אב דעם שלח־מנות און בלייבט שטעהן ווי געליימט.

— וואס איז דאס? מנשה, טהו נור א קוק!...

מנשה דערזעהט דעם שלח מנות חאפט ער זיך ביי די זייטען, בייגט זיך צו ביז דער ערד און מאכט אזא געלעכטער, אז רב יאסי קעמעשקע פאלט שיער אראב פון דער קאנאפע א דערשראקענער.

— הא? וואס? וואס איז? ווער איז דארטען?...

— זעה נור א שלח־מנות! — מאכט צו איהם זעלדע און לייגט צונויף ביידע הענד אויפ'ן בויך. מנשה הערט נישט אויף צו לאכען און רב יאסי קעמעשקע טהוט א שפיי, דרעהט זיך אום מיט'ן פנים צום וואנד און שלאפט ווייטער.

זעלדע טהוט א שמיץ נחמה'ן דעם בעקען מיט'ן סערוועטיל, און זאגט צו איהר:

— זאלסט זאגען דער בעל־הבית'טע דיינער, זי זאל דערלעבען איבער א יאהר און זאל קיין שענערען שלח־מנות ניט פערמאגען!

— אמן גם אתם! — מאכט נחמה די שווארצע און נעמט צו דעם בעקען.

— מיט'ן קאפ אין דער ערד! זאגט זעלדע מיט כעס. א מויד איין עזות'ניצע קאן! וואס זאגסט דו אויף איהר, מנשה?...

ד.

זלאטע ר' אייזיק'ס, א יודינע וואס האט אלע יאהר א קינד און הערט נישט אויף צו דאקטערן זיך, איז שוין געווען אזוי אויסגעמידט פונ'ם שלח-מנות אבנעמען און ארויסגעבען, אז זי האט זיך געמוזט צוזעצען אויף א בייגקיל און קאמאנדעווען מיט'ן מאן אייזיק בעל-בריתניק (אזוי האט מען איהם גערופען אונטער די אויגען, דערפאר וויל ער פראוועט אלע יאהר א ברית).

— אייזיק, נעם אט א יענץ שטיקל טארט און לייג אוועק אהער, און דאס שטיקל קומיש-ברויט, מיט די צוויי מאהנדליך פון ב'אגען לייג צו אהין, אייזיק, און דערלאנג מיר יענץ קישעלע וואס מיט די פארפעל, ניין ניט יענץ, אט א יענץ! נו, ריהר זיך אייזיק! זעה נאר ווי מע בעדארף איהם לערנען קמץ-אלף ווי מיט א קליין קינד! און נעם יענץ לעקעכיל, דאס גרעסערע און לייג צו אהין, אט אזוי און צעשנייד דאס שטיקל טארט אויף צווייען, צו א גרויסע שטיק טארט, אייזיק, איין עבירה... אין דער ערד אריין, ממזרים, וואן!

די לעצטע ווערטער זענען געזאגט געווארען אויף א גאנצער האפטע ווייסע חברה'ניקעס. וואס זענען געשטאנען ארום איהר מיט הוילע פופקעס געקוקט אויף די זיסע זאכען מיט זשעדנע אויגען און בעלעקט זיך.

די ווייסע חברה'ניקעס גנבה'נען זיך אונטער אלע מאל פון אונטען, ווילען אוועקשלעפען א לעקעכיל פונ'ם טיש, דערזעהט די מאמע און שענקט א פאטש, אדער א סטוסאק מיט א פאטילעטשניס.

* * *

— א גוט יום-טוב! די בעל-הבית'טע האט אייך געשיקט שלח-מנות — זאגט נחמה די רויטע און טראגט אונטער זלאטען דעם איבערגעדעקטען שלח-מנות.

— ביי וועמען דינסט דו? פרעגט זי זלאטע מיט א פריינדליך שמייכעלי, און נעמט צו ביי איהר דעם בעקען פון די הענד.

— ביי זעלדע רב יאסי לעמעשקעס — זאגט נחמה די רויטע

און וואָרט, מע זאָל ביי איהר צונעמען דעם שלח-מנות און אוטקעהרען דעם בעקען.

זלאַטע נעמט זיך מיט איין האַנד צו דער קעשענע בעצאָהלען דעם מיידיל אַ גראָשען פאַר'ן וועג און מיט דער אַנדערער האַנד דעקט זי אָב דעם שלח-מנות און בלייבט שיער חלשות.

— אַלע בייזע ווינסטע שלעכטע טוידטע פינסטערע חלומות זאָל אויסגעהן צו מיינע שונאים'ס קעפ און צו זייערע הענד און פיס און צו זייער לייב און לעבען! זעה נאָר אַ מין שלח-מנות! אַזוי ווי עפּיס נאָר אויף אַ געלעכטער, אַ הולטייקע קען!

— נאַ, גיב דאָס אָב דער בעל-הבית'טע דיינער צוריק! — זאָגט זלאַטע און טהוט אַ שמיץ נחמה דער רויטער דעם בעקען מיט'ן סערוועטיל מיט'ן שלח-מנות צוריק אין פּנים אַריין.

ה.

רב יאָסי לעמעשקי און רב אייזיק בעל-ברית'ניק זענען ביידע קרעמער אין בתריליוקע אַ קליימיל נעבען אַ קליימיל; און חאָטש זיי זענען קאָנקורענטען הייסט דאָס, און שלעפּען איינס ביים אַנדערען קונים, אָבי זיי קענען נאָר, פון דעסטוועגען איז מען צווישען זיך דווקא גוטע ברידער, מע חאַפּט איינער ביים אַנדערען אַ גמילת חסד, מע געהט איינער צום אַנדערען אויף שמחות, יום-טוב — אויף קדוש, ווי עס געהער צו זיין צווישען נאָהענטע שכנים: זומער זיצט מען גאַנצע טעג אין קלייט און מע שפּיעלט אין ביינדליך און ווינטער געהט מען אַריין איינער צום אַנדערען זיך אָנוואַרעמען אַביסל. אויך די ווייבער צווישען זיך לעבען נאָר פריינדליך, רעדען ביידע אָב פון דער גאַנצער וועלט, לייהען זיך אויס איינס דאָס אַנדערע אַז סע פעהלט סחורה, פערטרויען זיך איינע דער אַנדערע די גרעסטע סודות, קריגען זיך כמעט קיין מאָל ניט, און אפילו אַז עס מאַכט זיך זיי צוקריגען זיך אַ מאָל איבער אַ נאַרישקייט, בעטען זיי זיך באַלד איבער... הכלל ס'איז אַ לעבען „ווי אונטערען באָד". אויף מאָרגען נאָך פורים, אַז רב

אֵייזִיק בַּעַל־בְּרִית׳נִיק אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען עָפֶּענֶען דִי קְלֵייט, אִיז שׁוֹין רֶב יָאסִי לֶעמֶעשֶׁקֶע גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דֶער טִיר פוּן זַיין קְלֵייט אָנְגֶעבְּלָאזֶען ווִי אַיין אִינְדִיק אוּנ גֶעוַוארְט אַז רֶב אַייזִיק זָאל צוּגֵעהן צוּ אִיהם זָאגֶען אַ גוּט מָארְגֶען, ווֶעט עֶר אִיהם נִיט עֶנְפֶערֶען... רֶב אֵייזִיק ווָאס אִיז אוֹיךְ גֶעווֶען גוּט אָנְגֶעדְרוּדֶעלְט פוּן זַיין ווַייבּ אוֹיף רֶב יָאסִין, הָאט אוֹיפְגֶעשְׁלָאסֶען דִי קְלֵייט, זִיךְ אַנִידֶערְגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דֶער טִהִיר אוּנ גֶעוַוארְט בִּיז רֶב יָאסִי ווֶעט צוּגֵעהן צוּ אִיהם אוּנ ווֶעט אִיהם זָאגֶען אַ גוּט מָארְגֶען ווֶעט עֶר אִיהם נִיט עֶנְטְפֶערֶען... אוּנ אַזוֹי זֶענֶען זַיי גֶעשְׁטַאנֶען בֵּיידֶע אֵיינִס אַקֶעגֶען דָאס אַנְדֶערֶע ווִי דִי הָאהנֶען אוּנ גֶעוַוארְט ווֶער ווֶעט אָנְהוֹיבֶּען פְרִיהֶער... זַיי וָואלְטֶען גֶעקָאנְט אַזוֹי אַוֶועקְשְׁטֵעהן בֵּיידֶע אַ גַאנְצֶען טָאג, ווֶען עֶס זָאלֶען נִיט גֶעווֶען אָנְקוּמֶען זֵייעֶרֶע בֵּיידֶע ווַייבֶּער פוּנ׳ם מַארְק, בֵּיידֶע מִיט פְלַאמֶענְדִיגֶע פֶּנִימֶ׳ער אוּנ מִיט בְּרֶענֶענְדִיגֶע אוֹיגֶען פַאר כַּעַס.

— אֵייזִיק, פַאר ווָאס דַאנְקְסְט דוּ אִיהם נִיט אָבּ פַאר׳ן שֵׁיינֶעם שְׁלַח מָנוֹת, אֵייזִיק, ווָאס זַיין יְפֵיפִיָה הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט? רוּפְט זִיךְ אָן זְלַאטֶע צוּ אִיהר מַאן.

— יָאסִי, פַאר ווָאס דֶערְמָאנְסְט דוּ אִיהם נִיט דֶעם נֶעבְּטִיגֶען שְׁלַח־מָנוֹת? זָאגְט זֶעלְדֶע צוּ אִיהר מַאן.

— אֵייזִיק, דוּ הֶערְסְט, אֵייזִיק, זִי רֵייצְט זִיךְ נָאךְ! ווָאס שְׁוַויגְסְט דוּ אִיהם, אֵייזִיק?

— ווָאס ווֶעל אִיךְ גֵעהן רֶעדֶען מִיט אַ „לֶעמֶעשֶׁקֶע"? זָאגְט רֶב אֵייזִיק הוֹיךְ אוֹיף אַ קוֹל, בִּכְדֵי רֶב יָאסִי זָאל דֶערְהֶערֶען, אַז עֶר רוּפְט אִיהם „לֶעמֶעשֶׁקֶע".

— אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אָנְהוֹיבֶּען זִיךְ מִיט אַ „בַּעַל־בְּרִית׳נִיק"!... זָאגְט רֶב יָאסִי הוֹיךְ אוֹיף אַ קוֹל, בִּכְדֵי רֶב אֵייזִיק זָאל הֶערֶען אַז עֶר רוּפְט אִיהם „בַּעַל־בְּרִית׳נִיק"...

דַאכְט זִיךְ אִין פְּלוּג ווָאס לִיגְט אַזֶעלְכֶעס אִינ׳ם ווָארְט „בַּעַל־בְּרִיתְנִיק"? אִיטְלִיכֶער יוּד אַז זַיין ווַייבּ וֶוערְט גֶעלֶעגֶען אוּנ הָאט אַ יוּנְגִיל ווֶוערְט עֶר אוֹיפ׳ן אַכְטֶען טָאג אַ בַּעַל־בְּרִית׳נִיס.

רֶב אַייזִיק אָבֶער הָאט אַלְסְדִינְג. אוֹיף דֶער וֶועלְט גֶעקָאנְט אִיבֶּער־טְרָאגֶען, נָאר נִישְׁט דֶעם צוּנֶעמֶענֶעם „בַּעַל־בְּרִית־נִיק״. דָאס אִיז פַאר אִיהם גֶעוֶוען טוֹיזֶענְד מָאל עֶרְגֶער ווִי אִין טַאטֶען אַרַיין גֶעשָׁאלְטֶען! עֶר אִיז דֶעמָאלְט קַאפַּאבֶּעל גֶעוֶוען יֶענֶעם צוּרַייסֶען אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקְלִיךְ!...

דָאס אַייגֶענֶע אִיז גֶעוֶוען מִיט רֶב יָאסִי. אִיהר זָאלְט אִיהם גֶע־בֶּען דְרַיי פֶּעטְשׁ, וָואלְט בַּיי אִיהם גֶעוֶוען מֶעהר נִיחָא ווִי דָאס וָוארְט „לֶעמֶעשְׁקֶע״.

עֶס אִיז זִיךְ צֶענוֹיפְגֶעלָאפֶען דֶער גַאנְצֶער מַארְק אוּנ מֶע הָאט זֵיי קוֹים צֶענוּמֶען; מֶע הָאט גֶעוָואלְט גֶעוְואוּסְט וֶועגֶען פַאר וָואס אוּנ פַאר וֶוען הָאבֶּען זִיךְ עֶס צְוֵויי נָאהֶענְטֶע שְׁכֵנִים אוּנ גוּטֶע פְרַיינְד פְּלוּצִים פֶערְפָּאהֶרֶען אַיינְס דָאס אַנְדֶערֶע אִין דִי בֶּערְד אַרַיין... נָאר רֶב יָאסִי אוּנ רֶב אַייזִיק אוּנ זְלַאטֶע אוּנ זֶעלְדֶע הָאבֶּען גֶערֶעדְט אַלֶע פִיער אַיינְס אִיבֶּער דָאס אַנְדֶערֶע, זֵיי הָאבֶּען אַלֶע אַזוֹי גֶעפִּילְדֶערְט אוּנ גֶעקְווִיטְשֶׁעט. אַז מֶע הָאט נוּר גֶעקָאנְט הֶערֶען „שְׁלַח־מָנוֹת״! „שְׁלַח־מָנוֹת״! — אוּנ גֶענוּג. וָואס „שְׁלַח־מָנוֹת״? וֶוער „שְׁלַח־מָנוֹת״? — דָאס אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ גֶעוֶוען צוּ דֶער גְרֵינְטֶעוֶוען זִיךְ.

— אַז דוּ וֶועסְט נִיט אַייְנְגֶעבֶּען צוּם מִירָאוָואי אוֹיף דֶער „לֶעמֶעשְׁקֶע״, זָאלְסְט דוּ זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען מִיטְ׳ן לֶעבֶּען! — הָאט זְלַאטֶע גֶעשְׁרִיגֶען אוֹיף אִיהר מַאן, אוּנ רֶב יָאסִי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען צוּם גַאנְצֶען מַארְק:

— יוּדֶען, אִיהר זָאלְט זַיין עֵדוּת, אַז דִי דָאזִיגֶע הוּלְטַייקֶע הָאט מִיךְ אָנְגֶערוּפֶען „לֶעמֶעשְׁקֶע״! אָט גֵעה אִיךְ בַּאלְד אוּנ גִיבּ אַיין דֶעם מִירָאוָואי אוֹיף אִיהר אוּנ אוֹיף אִיהר מַאן דֶעם „בַּעַל־בְּרִית׳נִיק״ אַ פַּאפִּיר.

— יוּדֶען! — הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען רֶב אַייזִיק — אִיהר זָאלְט ווִיסֶען אַז אִיךְ שְׁטֶעל אַייךְ פַאר עֵדוּת בַּיים מִירָאוָואי, אַז דֶער דָאזִיגֶער... דֶער דָאזִיגֶער... אִיךְ וֶועל אִיהם נִיט אָנְרוּפֶען בַּיי זַיין שֶׁענֶעם נָאמֶען, הָאט מִיךְ נָאר וָואס אָנְגֶערוּפֶען „בַּעַל־בְּרִית׳נִיק״!

אִין אַ שָׁעָה אַרוּם זֶענֶען זֵיי בֵּיידֶע גֶעוֶוען בַּיי יוּדִיל דֶעם

שרייבער, ביידע האָבען געשטעלט עדות און ביידע האָבען איינ־געגעבען צום מיראָוואַי.

ו.

דער כתריליווקער מיראָוואַי — פאַן מיליניעווסקי, אַ גראָבער פריץ מיט אַ לאַנגער באָרד און מיט אַ הויכען שטערען, איז שוין אַזוי לאַנג מיראָוואַי, אַז ער איז גוט בעקאַנט מיט דער גאַנצער שטאָדט, אויסגעבונדען מיט איטליכען בעזונדער און איבערהויפט מיט כתרי־ליווקער יודען, ער קאָן יעדען איינציגען, ווייסט יעדענס כאַראַקטער דורך און דורך, פערשטעהט יודיש ווי אַ יוד, קלוג ווי די וועלט, — מאַקי גאָר „אַ יודישע קאָפּ אויף איהם!...״ זאָגט מען אין כתריליווקע.

קומט אָסיען־צייט, אַרום נאָך סכות, ווערט ער פערוואָרפען מיט פאַפּירען און אַלץ פון יודען זאָלען געזונד זיין, — נישט חלילה פאַר גנבות גזלות און רציחות, — ניין! נאָר פאַר פייגען און פאַר פעטש איבער „ששי״, איבער „אַתה־הראית״, איבער „חתן־תורה״ און „חתן־בראשית״. פאַן מיליניעווסקי האָט פיינד מאַכען מיט די כתריליווקער יודען צערעמאָניעס, אַריינלאָזען זיך מיט זיי אין לאַנגע חקירות, און קיין סך רעדען לאָזט ער זיי ניט, וואָרום ס׳איז אַ מעשה אָהן איין עק. ווילען זיי שלום, איז רעכט (פאַן מיליניעווסקי איז אַ רודף־שלום׳ניק); אַלאַ ניט, טהוט ער אָן די קייט און שניידט. „פּאָ אוקאַזו נאַ אָסנאָוואַניע מאַקאַי־טאַ אי מאַקאַי־טאַ סטאַטי פּסקה איך אָב הערשקען זאַ פּאַסען (חתן)־בראשית דריי טעג וועזשע, און יענקלען זאַ פּאַסען (חתן)־תורה דריי טעג וועזשע...״ קיין מיוחסים, ווי איהר זעהט. איז ביי איהם נישט פאַרהאַן...

פונקט צוויי וואָכען פאַר פסח איז געווען דער משפט פונ׳ם „שלח־מנות״. דאָס מיראָוואַי־שטיביל איז געווען פול אָנגעשטויסען מיט יודען און ווייבער, וואָס כמעט אַלע זענען געווען עדות, ס׳איז ניט געווען וואו אַ שפּילקע דורכצוואַרפען.

— אייזיק, יאָסקע, זלאַטע, זעלדע! — האָט אויסגערופען פאַן

מִילִינִיעֶווְסְקִי, און עֶס זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעטְרָאטֶען פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער בַּאנְק רֶב יָאסִי לֶעמֶעשְׁקֶע און רֶב אַייזִיק בַּעַל־בְּרִית׳נִיק מִיט זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער; און אֵיידֶער דֶער מִירָאוָואי הָאט נָאךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט אַ וָוארְט, הָאבֶּען זֵיי אַלֶע פִיעֶר מִיט אַמָאל אָנְגֶעהוֹיבֶּען רֵעדֶען, און מֶעהר פוּן אַלֶע און הֶעכֶער פוּן אַלֶע גֶעוֵוייהְנְלִיךְ דִי וַוייבֶּער.

— גָאסְפָּאדִין מִירָאוָואי — זָאגְט זֶעלְדֶע, שְׁטוּפְּט אָב דֶעם מַאן און בֶּעוַוייזְט מִיט דֶער הַאנְד אוֹיף זְלַאטֶען — אָנַא עֶטַא הוּלְטַייקֶע דָא מִינִיעֶ פְּרִיסְלַאיֶיט הַיינְטִיגֶען פוּרִים חַארָאשִׁי שְׁלַח־מָנוֹת נַא לַייטִישׁ גֶעלֶעכְטֶער! פַּארִישִׁיו שְׁטְרוּדֶעל אִי אָדִין צוּקֶערְלֶעקִיכִיל, פְּרָאסְטָא חוּזֶק, סְטְרַאם, טְפוּ!...

— אוֹי! אוֹי, אוֹי! אִיךְ וֶועל דָאס גָאר נִיט אוֹיסְהַאלְטֶען! שְׁרַייט זְלַאטֶע און שְׁלָאגְט זִיךְ אִין הַארְצֶען — דַאי בָּאזְשֶׁע מִינִי טַאקִיי שְׁמַאטָאק זָאלָאטָע!

— אָמֵן! — זָאגְט זֶעלְדֶע.

— שְׁוַוייג, דוּ פִּיסְקַאטֶע! דְוַוא פָּאדוּשִׁיטְשְׁקִי, גָאסְפָּאדִין מִירָאוָואי, דַאי בָּאזְשֶׁע מִינִי טַאקִי מַזָל, אִי קוּמִישְׁבְּרוּט, אִי צַארְסְקִי חְלִיעב, אִי צָרוֹת אִיהר, אִי פְּרַאנְעק! אִי פַּרְעֹה׳ס מַכּוֹת! אַ הַאמֶענֶע אוּכֶע? וֵועה אִיז מִיר!

— יַאקָאי הַאמֶענֶע אוּכֶע? סֶע הוֹיבְּט זִיךְ גָאר נִיט אָן!

דֶער מִירָאוָואי הָאט גֶעפְּרוּבְּט אַיינְשְׁטִילֶען דִי וַוייבֶּער פְּרִיהֶער מִיט גוּטֶען, נָאכְדֶעם מִיט בֵּייזֶען, גֶעקְלוּנְגֶען מִיט׳ן גְלֶעקִיל, און אַז עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען אַז עֶס הֶעלְפְט נִיט, ס׳אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ זֵיי צוּצוּמַאכֶען דָאס מוֹיל, הָאט עֶר דִי וַוייבֶּער אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען מְחִילָה אִין דְרוֹיסֶען אַרוֹיס, סֶע זָאל וֶוערֶען אַבִּיסִיל שְׁטִילֶער, מֶע זָאל חָאטְשׁ קָאנֶען הֶערֶען וָואס מֶע רֶעדְט, און דִי מַאנְסְבִּילֶען הָאט עֶר גֶעגֶעבֶּען אַיין עֵצָה זֵיי זָאלֶען גֵעהן צוּם רֶב.

— דָא רַאבִּינַא! — הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט — דָא רַאבִּינַא סְוַואיִשִׁי הַאמֶענֶעאוּכֶע! — און דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם אִיז אַוֶועק פוּן דָארְטֶען צוּם רֶב.

ז.

רֶבּ יוֹזִיפִּיל דֶער רָב, וָועדְלִיג עֶר אִיז בֶּעקַאנְט אוּנְזֶערֶע לֶעזֶער, אִיז בָּרוּך־הַשֵּׁם אַזַא יוּד, וָואס קָאן אִיבֶּערְטְרָאגֶען אוֹיף זִיךְ אַלְסְדִינְג. עֶר הָאט לִיעבּ אוֹיסְהֶערֶען אִיטְלִיכֶען בֶּעזוּנְדֶער בִּיזְ'ן סוֹף. רֶבּ יוֹזִיפִּיל גֵעהט מִיט דֶעם נַאנְג, אַז יֶעדֶער מֶענְשׁ, וִויפִּיעל עֶר זָאל נִיט רַעדֶען, מוּז עֶר אַמָאל אוֹיסְהֶערֶען, וָוארוּם אַ מֶענְשׁ זָאגְט עֶר אִיז נִיט קֵיין מַאשִׁינֶע... דֶער חִסָּרוֹן אִיז נָאר גֶעוֶוען וָואס אִיצְטִינְס מָאל הָאבֶּען זֵיי גֶערֵעדְט אַלֶע פִּיעֶר אִינְאֵיינֶעם. אֵיינְס אִיבֶּערְ'ן אַנְדֶערֶען, אוּנ אוֹיךְ מֶענְשֶׁען פוּן דֶער זַייט הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע מָאל אַרַיינְגֶעמִישְׁט, נָאר וָואס מַאכְט דָאס אוֹיס? אַלְסְדִינְג אוֹיף דֶער וֶועלְט מוּז הָאבֶּען אַ סוֹף... אַז אַלֶע הָאבֶּען זִיךְ גוּט אָנְגֶערֶעדְט, אָנְגֶעשְׁרִיגֶען אוּנ אָנְגֶעקְרִיעגְט, אוּנ סְ'אִיז גֶעוָוארֶען שְׁטִיל, הָאט זִיךְ רֶבּ יוֹזִיפִּיל אָנְגֶערוּפֶען צוּ בֵּיידֶע צְדָדִים פַּאוָואלִי, בִּנְעִימוּת, וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז, מִיט אַ זִיפְצִיל:

— אָךְ־אָךְ־אָךְ! גֵעהט אַזַא יוֹם־טוֹב, אַזַא הֵיילִיגֶער יוֹם־טוֹב, פֶּסַח! אַ קְלֵיינִיגְקֵייט פֶּסַח! אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אַרוֹיסְגֶענַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם אַרִיבֶּערְגֶענַאנְגֶען דֶעם יַם, אַזַא יַם, אִין דֶער טְרוּקֶענִישׁ! גֶעבְּלָאנְדְזֶעט אִין דֶער מִדְבָּר פֶּערְצִיג יָאהר, פֶּערְצִיג יָאהר! מְקַבֵּל גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן בַּארְג סִינַי דִי תּוֹרָה, אַזַא תּוֹרָה, וָואס דָארְט שְׁטֵעהט גֶעשְׁרִיבֶּען בְּפֵירוּשׁ: „וְאָהַבְתָּ — אוּנ דוּ זָאלְסְט לִיעבּ הָאבֶּען, לְרֵעֲךָ — צוּ דַיין חַבֵר, כָּמוֹךָ — וִוי זִיךְ אַלֵיין זָאלְסְט דוּ לִיעבּ הָאבֶּען!..." צוּם סוֹף, אוֹי, צוּם סוֹף קְרִיגֶען זִיךְ יוּדֶען, בַּעֲוֹונוֹתֵינוּ־הָרַבִּים, רַייסֶען זִיךְ בַּיי דִי בֶּערְד, אִיבֶּער וָואס? אִיבֶּער נַארִישְׁקַייטֶען, שְׁטוּתְ'עֶרַייעֶן... אַ חִלּוּל־הַשֵּׁם פַאר גוֹיִם, כְּלֶעבֶּען, אַ חִלּוּל־הַשֵּׁם!... מֶע זָאל בֶּעסֶער אִין זִינֶען הָאבֶּען מָעוֹת־חִטִּין, אֶרִימֶע־לַייט גֶעבִּיךְ הָאבֶּען נָאךְ נִישְׁט קֵיין מַצּוֹת אוֹיף פֶּסַח; פוּן אֵייעֶר אוּנ פוּן שְׁמַאלְ'ץ אוּנ פוּן שְׁאָר־יְרָקוֹת שְׁמוּעֶסְט מֶען נִיט, — מַצּוֹת חָאטְשׁ, גֶעוַואלְד, מַצּוֹת אוֹיף פֶּסַח! אַ קְלֵיינִיגְקֵייט פֶּסַח! אַזַא יוֹם־טוֹב! אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אַרוֹיסְגֶענַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם, אַרִיבֶּערְגֶענַאנְגֶען דֶעם יַם, אַזַא גְרוֹיסֶען יַם! אִין דֶער טְרוּקֶענִישׁ, גֶעבְּלָאנְדְזֶעט אִין דֶער מִדְבָּר פֶּערְצִיג יָאהר, פֶּערְצִיג יָאהר! מְקַבֵּל

גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן בַּארְג סִינַי דִי תּוֹרָה, אַזַא תּוֹרָה!... פָּאלְגְט מִיךְ, יוּדִישֶׁע קִינְדֶער, זַייט זִיךְ מוֹחֵל אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען, וֶוערְט שָׁלוֹם, אוּנ גֵעהְט אַהֵיים גֶעזוּנְדֶערְהֵייט אוּנ הָאט בֶּעסֶער אִין זִינֶען עֶס גֵעהְט אַזַא יוֹם־טוֹב. אַזַא גְרוֹיסֶער, אַזַא הֵיילִיגֶער יוֹם־טוֹב!...

אֵיינְצִיגְוַוייז, אֵיינְצִיגְוַוייז, הָאט זִיךְ דֶער עוֹלָם אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרוֹיסְ־רוּקֶען פוּנ'ם רָבִ'ם שְׁטוּבּ, כְּלוֹמֶרְ'שְׁט גֶעלַאכְט פוּן רֶב יוֹזִיפִילְ'ס מִשְׁפָּט מִיט אַ וֶוערְטִיל: „יַאק נֶע פֶּסַק, טָא פֶּסֶקְעֶן", וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז פוּן דִי כַּתְרִילִיוְוקֶער לֵצִים; נָאר אִינְוֵוייניג בַּיי זִיךְ אִין הַארְצֶען הָאט אִיטְלִיכֶער בֶּעזוּנְדֶער גֶעפִיהְלְט אַז רֶב יוֹזִיפִיל אִיז גֶערֶעכְט, אוּנ מֶע הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט נָאךְ אַמָאל אִיבֶּערְחַזֶר'ען דִי מַעֲשֶׂה מִיטְ'ן שְׁלַח מָנוֹת...

* * *

דֶעם עֶרְשְׁטֶען טָאג פֶּסַח אִין דֶער פְרִיה נָאכְ'ן דַאוְונֶען אִיז רֶב יָאסִי לֶעמֶעשְׁקֶע (עֶר אִיז יוּנְגֶער) גֶעוֶוען בַּיי רֶב אַייזִיק בַּעַל־בְּרִיתְ'נִיק אוֹיף קִדוּשׁ, גֶעלוֹיבְּט דֶעם פֶּסַח'דִיגֶען וַויין, אַז עֶר אִיז הַיינְטִיגֶעם יָאהר גָאר אַ חֲרִיפוּת, אוּנ גֶעלֶעקְט דִי פִינְגֶער פוּן זְלַאטֶעם פַּאלִירְטְשִׁיקֶעס; אוּנ דֶעם אַנְדֶערֶען טָאג פֶּסַח אִין דֶער פְרִיה אִיז רֶב אַייזִיק בַּעַל־בְּרִיתְ'נִיק (עֶר אִיז עֶלְטֶער) גֶעוֶוען בַּיי רֶב יָאסִי לֶעמֶעשְׁקֶע אוֹיף קִדוּשׁ, גָאר נִישְׁט גֶעקָאנְט אָפְּלוֹיבֶּען זִיךְ פוּנ'ם פֶּסַח'דִיגֶען וַויין פוּן רָאזִינְקִיס אוּנ פוּן זֶעלְדֶעס פַּאלִירְטְשִׁיקֶעס. אוּנ בַּיי טָאג, נָאכְ'ן עֶסֶען, אַז זֶעלְדֶע מִיט זְלַאטֶען זֶענֶען זִיךְ צוּנוֹיפְגֶעקוּמֶען אוּנ צוּרֶעדְט פוּנ'ם שְׁלַח־מָנוֹת, אִיז דֶער אֶמֶת אַרוֹיף וִוי בּוֹימֶעל אוֹיפְ'ן וַואסֶער, אוּנ בֵּיידֶע דִיעֶנְסְטְ־מֵיידְלִיךְ, נֶחָמָה דִי שְׁוַוארְצֶע אוּנ נֶחָמָה דִי רוֹיטֶע, הָאבֶּען שׁוֹין גֶעהַאט זַייעֶר עֶהְרְלִיךְ אוֹיסְקוּמֶענִ'שׁ: תֵּיכֶּף נָאךְ פֶּסַח הָאט מֶען זֵיי גֶעגֶעבֶּען דֶעם וֶועג.

X.

נישטא קיין מתים!

ראש־חודש אלול בין איך געקומען קיין כתריליווקע אויף קבר־אבות.

דאס אלטע אלטע כתריליווקער בית־הקברות זעהט אויס א סך שענער און א סך לעבעדיגער פון דער שטאדט אליין. איהר געפינט דא שטובליך־מצבות שענערע ווי די שענסטע הייזער אין שטאדט. היינט וואס איז ווערט דאס וואס ס'איז דא טרוקען ווי פעפער, נישטא יענע ליימיגע זומפיגע בלאטע וואס אין שטאדט? דא זעהט איהר פאר זיך האטש גרינס, אז עס קומט זומער לעבען, א גרעזיל, א צווייג — דריי בארען-בוימלעך, איהר הערט א פישטשען פון פייגעלעך וואס שפרינגען פון איין צווייגעל אויפ'ן אנדערען און שמועסען זיך אויס אויף זייער לשון. דא זעהט איהר פאר זיך א גרויסע קילעכיגע בלויע יארמעלקע מיט א לויטערע, ווארעמע זון. פון דער לופט שמועקט מען ניט אז דא איז זי אין טויזענד גראד בעסער, פרישער און געזונטער ווי אין שטאדט. סאי דא סאי דארט ליגט מען דאך אין דער ערד ביער אייליען! דער חילוק איז נאר וואס דא, אוי'ן בית־עלמי'ן ליגען די מתים אויף איין ארט, און דארט, אין שטאדט, געהען זיי נאך ארום; דא רוהען זיי שוין און וויסען נישט פון קיין צרות, און דארט ווערען זיי נאך פערשווארצט — און מי יודע וויפיעל ס'איז זיי נאך בעשערט אפקומען און מוטשען זיך אויף דער וועלט!...

געטראפען האב איך דארטען עטליכע ווייבער ליגען, אויף די קברים וויינען, שרייען און מענען זיך אויס אויף א קול. איינע וועקט די מאמען זי זאל אויפשטעהן און א קוק טהון אויף איהר איין און איינציגע טאכטער, וואס פון איהר איז געווארען!

— זאלסט אויפשטעהן, מאמעניו טהייערע מיינע, הארציגע געטרייהע, און א קוק טהון אויף דיין איין און איינציגע בת יחידה, אויף דיין ציטריגער שרה פעריל, וואס זי איז געוועזן ביי דיר דאס שוואַרצאַפּעל פון'ם אויג ווי אזוי זי ליגט איצט אין דער ערד, אוי וועה איז מיר, וואלגערט זיך אין שכנות מיט קליינע קינדער פיסקד ליאַטעס, וואס געהען נאַקעט, קיין העמדעלי אויפ'ן לייב וואָרום ער קרענקט כסדר, ישראליק דיינער, פון זינט ער האט זיך צוגעקיהלט דעמאלט אויפ'ן יריד, קרענקט ער און דאקטערט זיך, מע בעדאַרף איהם געבען מילך איז ניטא! און די קינדערלעך געביך שרייען אויף „מאני", און ס'איז ניטא! און דירה-געלד מאנט מיך הענזיל דער שניידער, ביי איהם זיץ איך היינט, און ס'איז ניטא! און פאר הערשעלין שכר למוד, ער ווערט היינטיגס יאהר בר-מצוה, דאַרף מען צאהלען נאך פאר יענעם זמן, און ס'איז ניטא! צו וואס מע נעמט זיך איז ניטא, ניטא און ניטא!...

די אנדערע איז געקימען צום טאטען אויפ'ן קבר זיך קלאגע אויף איהר מאן, וואס מע האט איהר געגעבען, מע האט געמיינט איין אנטיק, א צאַצקעלע האט מען געזאגט. אלע מיידליך האבען איהר דענסטמאל מקנא געוועזן. צום סוף לאזט זיך אויס, אז ער איז נאר א שארלאטאן, איין אויסברענגער, פערגינט זיך אוועק געבען היינטיגען יום-טוב פאר מפטיר פינף און פינפציג „גילדון", און פאר'ן ערשטען פסוק פון „אתה הראית" איז ער א בעלן געוועזן אבצאהלען פאר-איאהרען א דרייערל! און וויפיעל ברענגט ער אוים אויף די ביכליך, וואס ער קויפט אלע מאל, פאר די ביכליך וועט ער אוועקגעבען דעם טאטען מיט דער מאמען, און וואס איך קרענק און דאר — דאס אַרט איהם ניט!...

די דריטע איז געקומען אבגעבען מזל-טוב איהר מאן אויף יענער וועלט, זי מאכט חתונה דאס ערשטע קינד און האט גישט מיט וואס, אפילו דאס ערשטע האלב גדן, וואס זי האט צוגעזאגט איינלייגען, האט זי נאך אויך ניט איינגעלייגט, קיין העמד ניט

אויפ'ן לייב, קיין פאר שיך אפילו און ווער רעדט פון חתונה הוצאות, כלי־זמר, סארוועדס, דאס יענץ — וואו וועט זי דאס נעמען ?... דער קאפ ווערט איהר שיער ניט צופאלען, טאמער חלילה, ווערט איהר שידוך אויס שידוך — וואס וועט זי טהון ?...

און אזוי אלע איבריגע ווייבער ווייגען און בעקלאגען זיך אויף זייערע צרות, גיסען אויס זייער ביטער הארץ דורך טרעהרען, רעדען זיך אויס אביסיל מיט זייערע ליעבע און געטרייהע, טאמער וועט ווערען חאטש אביסיל גרינגער אויף דער נשמה, און אז מע ווייגט זיך גוט אויס ווערט טאקי גרינגער...

איך דרעה מיך ארום צווישען די אלטע האלב־איינגעפאלענע קברים, לייען די אלטע איינגעבויגענע אבגעריבענע מצבות, דערזעהט מיך פון דערווייטען רב אריה דער קברות־מאן מיט דער לאנגער פלאכסענער בארד און מיט די רויטע אויגען און פרעגט מיך:

— צו וועמען דארפט איהר?

רב אריה איז שוין אזוי אלט, אז קיינער וויים ניט זיינע יאהרען און ער אליין אויך ניט. פון דעסטוועגען האלט ער זיך ריין און ציכטיג, די שטיוועליך אויסגעפוצט, די בארד צעקעמט איטליכם הערבל בעזונדער און היט זיך אב ווי א ציטעריגער בן יחיד ביי דער מאמע, עסט נור ווייכע זאכען און טרינקען טרינקט ער אלע פריה־מארגען געקאכטע קרייטער מיט קאנדעלצוקער. „ס'איז איהם גוט ווי די וועלט"! — זאגט מען אויף איהם אין כתריליווקע, און מע איז איהם באמת מקנא.

— שלום עליכם, רב אריה, וואס מאכט א יוד? — רוף איך מיך אן און געה צו צו איהם נאהענט. ס'איז פארנאכט, די זון האלט ביי אונטערגעהן און בעגילט די שפיץ קברים. רב אריה פערשטעלט זיך מיט דער האנד, בעטראכט מיך מיט די רויטע אויגען, גלעט די בארד און קוקט זיך איין.

— ווער זענט איהר און צו וועמען דארפט איהר?

איך זאג איהם, ווער איך בין און צו וועמען איך דארף.

דערקענט מיך רב אריה און גיט מיר אב שלום און שאקעט מיט די ליפּען, רעדט מיט א פּייף:

— א? ביזט דו דאס? געקענט דעם טאטען דיינעם און דעם זיידען רב וועוויק נאך, געווען א טייערער יוד, און דעם פעטער פּיני, אויך געווען א שיינער יוד, און דער פעטער בערקע ליגט אויך דא ביי מיר, און די מומע חנה — אלע געקענט, אלע געשטארבען, אלע פיינסטע מענשען אויסגעשטארבען. נישט געבליבען איינער א רעכטער, מיינע אויך אוועק געשטארבען (ער טהוט א זיפץ און א מאך מיט דער האנד). פריהער די קינדער בעגראבען. אלע קינדער בעגראבען, נאכדעם איז זי אליין אוועק־געשטארבען, געווען א צדקית מיר צו לענגערע יאהר מיך געלאזט אליין, אויף דער עלטער נישט גוט.

— נישט גוט? — פרעג איך איהם.

— נישט גוט — מאכט ער — נישט גוט, נישטא קיין מתים

— נישטא קיין מתים? — זאג איך.

— נישטא קיין מתים — זאגט ער.

— מע האט אויפגעהערט — זאג איך — שטארבען ביי אייך אין כתריליווקע?

— וואס איז שייך שטארבען? — זאגט ער — שטארבען שטארבט מען, נאר וואס? קליינוואַרג, נפל'יך, אדער קבצנים; וואס האט מען פון זיי? צענויפנעמען אויף תכריכים, נאכ'ן ערשטען קדיש שענקען די יתומים א שטיקיל ברויט. וואס זאל מען טהון? א ברירה האט מען? אט ליגען ווייבער אויסגעצויגען ווי די שורה'טעס אויף די קברים, וואס האט מען פון זיי! וויינען זיך אן ווי די פויקען? וואס ארט דאס זיי? עס קאסט זיי געלד? גיעה פיהר זיי, ווייז זיי, וואו ליגט דער טאטע, וואו ליגט די מאמע? וואו ליגט דער פעטער, וואו ליגט די מומע? זייער טאטענס משרת! עס מאכט זיך אייגע וויינט אזוי לאנג, ביז זי פאלט גאר חלשות, בעדארף מען זי נאך מונטערען, געבען א טרונק־וואסער, און אמאל א שטיקיל ברויט אויך

פון וַואנֶען? פון וָואס? דִי גְרױסֶע מְחָיָה? אַז קֵיין מֵתִים אִיז נִישְׁטָא, אוּן לֶעבֶּן דַארְף מֶען, אוּן חֲתוּנָה מַאכֶען אַיין אֵיינִיקִיל אַ יְתוֹמֶה'לִי שׁוֹין אַ מֵיידִיל אִין דִי יָאהרֶען, דַארְף מֶען אוֹיךְ, אוּן קֵיין מֵתִים אִיז נִיטָא! נִישְׁטָא חָאטְשׁ לֵייג זִיךְ אוּן שְׁטַארְבּ! גֶעוֶוען אַ חָתָן, שׁוֹין כִּמְעַט גֶעהַאלְטֶען בַּיי שִׁדוּךְ טְהוּן, דַוְקָא נִישׁ־קָשֶׁה פוּן אַ יוּנְגֶעןְמַאן, אַ פַּאקֶענְמְרֶעגֶער, אַיין אַלְמָן אֲפִילוּ, מִיט קִינְדֶער עֶטְלִיכֶע, נָאר אַ בַּעַל־פַּרְנָסָה, אַ שֵׁיעֶנֶער פֶּערְדִינֶער, דָאס הֵייסְט, אַז עֶר לֵייזְט, פֶּערְדִינְט עֶר. הֶחָתָן־כַּלָּה זִיךְ שׁוֹין אַפִּילוּ אָנְגֶעקוּקְט אוֹיךְ; גֶעקוּמֶען צוּ עָפִּים, שׁוֹין גֶעהַאלְטֶען בַּיי תְּנָאִים שְׁרַייבֶּען, זָאגְט עֶר:

„נוּ, אוּן מִכֹּחַ נְדַן?" זָאג אִיךְ: — וָואסֶער נְדַן? זָאגְט עֶר: „מֶע הָאט דָאךְ מִיר גֶעזָאגְט, אַז אִיהר גִיט אַ פִּיפְצִיגֶער נְדַן". זָאג אִיךְ: — אַלֶע בֵּייזֶע חֲלוֹמוֹת אוֹיף מַיינֶע שׂוֹנְאִים'ס קֶעפּ! אַ פִּיפְצִיגֶער? וִוי קוּמְט צוּ מִיר פִּיפְצִיגֶערְס? אִיךְ וֶועל גֵעהן גַנְבֶנֶ'ען, צִי אוֹיסְגְרָאבֶּען פְּרֶעמְדֶע תַּכְרִיכִים אוּן פַאְרקוֹיפֶען?... הַקִּצּוּר הַדָּבָר דֶער שִׁדוּךְ אִיז גֶעוָוארֶען אוֹיס שִׁדוּךְ. אוּן גֵעה רֶעד מִיט זֵיי, מִיט דִי כַּתְרִילִיוְוקֶער בַּעֲלֵי־בַּתִּים, זֶענֶען זֵיי נָאךְ גֶערֶעכְט; זֵיי זָאגֶען: „רֶב אַרְיֵה אִיהר זִינְדִיגְט, אִיהר הָאט קֵיין עַיִן־הָרָע אַ פַּרְנָסָה אִין הַאנְד"... אַ שֵׁיעֶנֶע פַּרְנָסָה! אַז וואוּ סְ'אִיז גֶעוֶוען עֶרְגִיץ אַ לַייטִישֶׁער מֵת, אַ פַיינֶער מֶענְשׁ, אַ שְׁטִיקִיל נָגִיד, אִיז עֶר שׁוֹין לַאנְג גֶעשְׁטָארְבֶּען, אוּן קֵיין פְרִישֶׁע קוּמֶען נִישְׁט צוּ, נִישְׁטָא קֵיין מֵתִים! נִישְׁטָא קֵיין מֵתִים!

XI.

פֶּערְבֵּיינְגְט אַהֵיים.

נִישְׁטָא אֵיין זַאךְ אויף דֶער וֶועלְט, וָואס מֶע זָאל דֶערְפוּן נִישְׁט וויסֶען אִין כַּתְרִילִיוְוקֶע; נִישְׁטָא אֵיין נַייֶעס אויף דֶער וֶועלְט, וָואס מֶע זָאל דֶערְפוּן נִישְׁט גֶעוְואהר וֶוערֶען אִין כַּתְרִילִיוְוקֶע.

אֱמֶת, אַז עֶס קוּמְט אָן אַהִין, קוּמְט דָאס אָן שׁוין אַבִּיסִיל שְׁפֶּעטְ־לִיךְ אוּנ נִישְׁט פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער הַאנְד — נוּ וָואס זָשֶׁע אִיז? אַיין אוּמְגְלִיק אַגְרוֹיסֶער? אַדְרַבָּה, מִיר הַאלְטֶען אַז ס'אִיז גָאר אַמַעֲלָה, דִי גְרֶעסְטֶע מַעֲלָה.

וָוארוּם, צְווִישֶׁען אוּנְז רֶעדֶענְדִיג, וָואס הָאבֶּען אַשְׁטֵייגֶער, דִי כַּתְרִילִיוְוקֶער יוּדֶען צוּ פֶערְלִיעֶרֶען אַז זֵיי וֶועלֶען גֶעוְואהרֶע וֶוערֶען דִי הַיינְטִיגֶע נַייֶעסֶען, דִי בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת יְשׁוּעוֹת וְ„נֶחָמוֹת", וָואס לָאזֶען זִיךְ הֶערֶען אויף דֶער וֶועלְט, חָלִילָה וְחַס, שְׁפֶּעטֶער מִיט אַ חוֹדֶשׁ אָדֶער מִיט צְווֵיי?

לְמַאי וָואס טְהוּט מֶען אַז אֵיינֶער לָאזְט זִיךְ אַוֶועק אִין אַוַוייטֶער מְדִינָה, פַארְבְּלָאנְזֶעט אִין דֶער מִדְבָּר עֶרְגִיץ, אָדֶער אויף אֵיין אִינְזֶעל אֵיינֶער אַלֵיין, וֶוערְט אָבְּגֶערִיסֶען פוּן דֶער לֶעבֶּעדִיגֶער וֶועלְט אוּנ וַוייסְט נִישְׁט אֲפִילוּ וֶוען אִיז רֹאשׁ־חוֹדֶשׁ, וֶוען גֶעפַאלְט פּוּרִים אוּנ וֶוען הָאבֶּעי מִיר פֶּסַח?

אָדֶער דִי שָׁעָה זָאל נִיט זַיין, אַ מֶענְשׁ וֶוערְט חָלִילָה שְׁלַאף, לֵייגְט זִיךְ אַוֶועק אִין בֶּעט אַרַיין אוּנ פַארְלִירְט אַלֶע גֶעדַאנְקֶען?

אָדֶער גְלַאט אַזוֹי, עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל אַ שְׁטִיקִיל צַייט וָואס דֶער קָאפּ אִיז מִשְׁטֵיינְס גֶעזָאנְט אַזוֹי פַארְדְרֵיעהט, אַז אִיהר וַוייסְט נִישְׁט אויף וָואס פַאר אַ וֶועלְט אִיהר גֵיעהט אַרוּם?

די כַּתְרִילִיווקער יוּדען ווייסען בָּרוּךְ הַשֵׁם קיין מָאל נִיט וואו זיי זֶענֶען אִין דֶער וֶועלְט; וֶוען נִיט דֶער לוּחַ, וָואס הַאלְט זיי אויף דִי פִּים, וָואלְטֶען זיי שׁוֹין לַאנְג אָנְגֶעשְׁפַּארְט גָאט ווייסְט וואו... אוּנ וָואס אִיז דָאס חִדוּשׁ, אַז מֶען אִיז תָּמִיד פַּערְטַארֶעוואַמְט אוּנ פַארְטְרָאגֶען אִין דַאֲגוֹת־פַּרְנָסָה אוּנ דֶער קָאפּ לִיגְט אַרַיינְגֶעטְהוּן נָאר אִין אֵיין זַאךְ: „וואו נֶעמְט מֶען אויף מָארְגֶען? מֵילָא הַיינְטִיגֶען טָאג הָאט מֶען ווי קְ'אִיז אָבְּגֶעשְׁטוּפְּט. וָואס וֶועט אָבֶּער זַיין מָארְגֶען?"... נָאךְ אַזַא מִין הַקְדָמָה וֶועט אַייךְ שׁוֹין, דַאכְט זִיךְ נִיט זַיין קָשְׁיָא, וָואס אִין כַּתְרִילִיווקע הָאט מֶען דֶערְהֶערְט דָאס וָוארְט „צִיוֹנִיזְם" עֶרְשְׁט הֶעט־הֶעט, ווייס אִיךְ וֶוען, נָאכְ'ן „ווייטֶען יוּדִישֶׁען קָאנְגְרֶעס וָואס אִין בַּאזֶעל.

תְּחִילַת הָאט נִיט יֶעדֶער פֶערְשְׁטַאנֶען וָואס אִיז דִי טַייטְשׁ „צִיוֹנִיזְם", צִיוֹנִיזְם־צִיוֹנִיזְם, קַארְג וֶוערְטֶער פַארַאן בַּיי אוּנְז וָואס וֶוערֶען נִישְׁט אִיבֶּער־זֶעצְט אִין אוּנְזֶער לָשׁוֹן אוּנ פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען גָאר נִישְׁט? לְמָשָׁל נֶעמְט אוּנְזֶער חוּמָשׁ, ווי מֶע לֶערֶענְט בַּיי אוּנְז אִין חֶדֶר: קָרְבָּן — אַ קָרְבָּן. מִזְבֵּחַ — אַ מִזְבֵּחַ, מִשְׁפָּט — אַ מִשְׁפָּט, גַנָב — אַ גַנָב, זוֹנָה — אַ זוֹנָה, בְּהֵמָה — אַ בְּהֵמָה... אִיךְ רֶעד שׁוֹין נִיט פוּן יֶענֶע הוֹיךְ דַייטְשֶׁע וֶוערְטֶער, ווי לְמָשָׁל: שְׁפִּיפוֹן — אַ פִּיפֶּערְנָאטֶער, שָׁמִיר — אַ לִינְדֶעוְוָארְם, אִשָּׁה — אַ פַייֶערְאָפְּפֶער לֵאמֹר — אַזוֹי צוּ זָאגֶען.

שְׁפֶּעטֶער, אַז מֶע הָאט אָנְגֶעשְׁמֶעקְט אִין כַּתְרִילִיווקע דֶעם פְּשַׁט פוּן „צִיוֹנִיזְם", אַז עֶס נֶעמְט זִיךְ פוּן „צִיוֹן" וָואס אִין סִדוּר, אוּנ אַז צִיוֹנִיסְטֶען אִיז אַזַא מִין חֶבְרָה וָואס הָאבֶּען חֵשֶׁק אִיבֶּערְפֶּעקְלֶען אַלֶע יוּדֶען קיין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, אִיז גֶעוָוארֶען אִין שְׁטָאדְט, וָואס זָאל אִיךְ זָאגֶען, חוּכָא וּטְלוּלָא; מֶע הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטֶען בַּיי דִי זַייטֶען, זַייֶערֶע גֶעלֶעכְטֶערֶען, מֵיין אִיךְ, הָאט מֶען בֶּעדַארְפְט הֶערֶען פַאר אַמַייל, אוּנ דִי גְלַייכְוֶוערְטְלִיךְ, וָואס זֶענֶען גֶעפְלוֹיגֶען אויף רֶב הֶערְצְלִ'ן, אויף נָארְדָאן אוּנ אוֹיפְ'ן דָאקְטָאר מַאנְדֶעלְשְׁטַאם, וָואלְט כְּדַאי גֶעוֶוען כִּילֶע־בֶּען מֶע זָאל זיי צֶענוֹיפְזַאמְלֶען, פֶערְשְׁרַייבֶּען אִין אַרוֹיסְגֶעבֶּען בֶּעזוּנְ־דֶער אִין אַ בִּיכִיל: אִיךְ בִּין אַייךְ עָרֵב, אַז עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אִין זיי אַסַךְ

מעהר זאלץ און אסך מעהר פעפער ווי אין יענע „לאקריץ זיסע ווערטער און „קלוגע רייד“, וואס מע דרוקט זיי אלע יאהר אין די לוחות...

א מעלה האבען די כתריליוקער לייט, אז כל־זמן זיי לאבען לאבען זיי, נאר אז זיי לאבען זיך גוט אן, הויבען זיי ערשט דאמאלט אן צעקייען די זאך נאך אמאל און נאך אמאל, בכדי מע זאל פארשטעהען. אזוי איז געווען אויך מיט'ן ציוניזם. פריהער האט מען געלאכט, געמאכט חוזק, געזאגט ווערטליך; נאכדעם האט מען אנגעהויבען זיך צוהערען, וואס מע רעדט און וואס מע שרייבט אויף די בלעטער, איבערחזרען און איבערקייען „נאך אמאל דאס אייגענע ווידער צוריק“, און שפעטער אז מע האט דערהערט שמועסען עפיס פון א באנק, א יודישע באנק מיט יודישע אקציעס, איז דאך אפנים די משמעות, אז מע רעדט עסק, „געשעפט“ הייסט דאס „לשון געלד“, — און מיט געלד וואס קאן מען היינטיגע יאהרען נישט אויספיהרען אויף דער וועלט? ובפרט נאך ביים טערק מיט דער רויטער יארמעלקע, וואס איז אליין אויך א גוטער כתריליק גלייך מיט אלע כתריליוקער? און פון דעמאלט אן האט מען זיך גענומען אין כתריליוקע צום ציוניזם גאנץ געשמאק. די כתריליוקער זענען ברוך השם אזעלכע לייט, וואס איהר פועלט ביי זיי וואס איהר ווילט. דאס וואס נעכטען האט זיך זיי געדאכט קרום ווי א קאטשערע און שווערער פקריעת ים־סוף, איז ביי זיי היינט גלייך, וואס גלייכער קאן שוין גאר ניט זיין, און גרינג ווי אויפעסען א בייגעל אדער אויסרויכערען א פאפירָאס. אפקויפען ביים טערק ארץ־ישראל — וואס קאן נאך זיין גרינגער דערפון? ווארום לאמיר זיך ניט נארען, אין וואס קאן דא זיין די מניעה? געלד איז דאך ניט שייך צו זאגען; וואס פאר א ראלע שפיעלט ביי אונז געלד? איין רויטשילד (ער זאל נאר וועלען) קאן ער דאך אפקויפען גאנץ ארץ־ישראל מיט סטאמבול און מיט'ן טערק אינאיינעם. פאר'ן מקח איז אודאי נישטא וואס צו זארגען זיך; ס'איז דאך עפיס א געשעפט, וועט מען זיך דינגען; ממה־נפשך א רענדיל אראב, א רענדיל ארויף — מע וועט דורכקומען. בלייבט איבער נאר איין זאך, באשר וואס? טאקע

וויל ער ניט פערקויפען? עס, נארישקייטען! ווארום ערשטענס פאר וואס זאל ער ניט וועלען? והשנית, מיר זאלען וועלען זיך גוט אויסרעכענען, זענען מיר דאך מיט איהם שטיקליך אייגענע גאר, ניין טאסי גאנץ נאהענטע קרובים, אמת׳ע שני שבשלישית...!

קצור הדבר, מע האט געמאכט איין אספה און די אנדערע און די דריטע, — ס׳איז געווארען מיט גאטס הילף א „חברה״, און מע האט געקליבען „טשלענעס״, אויסגעוועהלט א פרעזידענט, א וויצע־פרעזידענט, א קאנזאמישיי און א סעקרעטאר און א קארעספאנדענט, גלייך ווי אין אלע לייטישע שטעדט; און איטליכער האט זיך פערשריבען שקל־געלד, ווער א קאפיקע און ווער צוויי קאפיקעס א וואך; יונגע לייט האבען געהאלטען פלאם־פייערדיגע „רעדעס״, געזאגט זעהר שיינע דרשות; די ווערטער „ציון״, „ציוניזם״, „ציוניסטען״ האבען זיך געלאזט הערען העכער און העכער, די נעמען „הערציל״, „נארדוי״, „מאנדעל־שטאם״, „באזעל״ האבען זיך געלאזט הערען אפטער און אפטער, „טשלענעס״ זענען געווארען וואס ווייטער מעהרער און מעהרער, און געלד האט זיך אויך צונויפגעקליבען אהיבשע פוטיקע, האט מען געמאכט א גרויסע אספה און מע האט זיך אנגעקוועטשט בעקלעהרעי וואס טהוט מען מיט׳ן געלד: צי מע זאל דאס דערווייל איבערלאזען דא אויפ׳ן ארט, מאכען א בעזונדערען „פאנד״ פאר די כתריליווקער ציוניסטען, צי מען זאל דאס אבשיקען אין צענטער אריין, צי מע זאל נאך אביסיל צו ווארטען, ביז עס וועט זיך צונויפקליבען א סומע פון גאנצע צעהען קארבען, וועט מען קויפען איין אקציע פון דער יודישער באנק. די דאזיגע אספה איז געווען, קען מען זאגען, איינע פון די הייסע שטורעמדיגע אסיפות אין כתריליווקע. די דעות האבען זיך צעטיילט: אסך זענען געשטאנען פאר׳ן „צענטער״, געזאגט: מיר זענען מחויב אונטערצוהאלטען דעם „צענטער״, ווארום אז מיר וועלען ניט אונטערהאלטען דעם „צענטער״ און איהר וועט ניט אונטערהאלטען דעם „צענטער״, פון וואנען זשע וועט ער ציהען חיונה? ... אנדערע האבען געדרונגען פערקעהרט, אז דער „צענטער״ וועט זיך בעגעהן

אָהן כּתרילִיוֹנקע, מיר זענען נישט מחויב פֿאַרזאָרגן די גאַנצע וועלט; [illegible]ער זאָרגט זיך דען פֿאַר כּתריליוֹנקע? לאָז זיך יעדער אין זיינע האָבן זיך — וועט אויך זיין גענוג!... נאָר דער גרעסטער מייל האָט געשריען. — איין אַקציע! איין אַקציע! מיר ווילן אָנקוקן אַ יודישע אַקציע פֿון אונזער „אייגענער יודישער באַנק!..."

נו, העלפֿט נישט, „אַחרי רבים להטות" — „באַלשינסטווא גאַלאָסאָוו" — ס'איז געבליבן מען זאָל אויסשרייבן איין אַקציע.

איז אויפֿגעשטאַנען דער פּרעזידענט, נח רב יאָסילעס, אַ נגיד'ס איין איידעם און אַ יונגער מאַן אַ משכּיל, און האָט געזאָגט עטליכע וואַרעמע ווערטער.

„— פֿיער טויזענד יאָהר — אַזוי האָט נח דער פּרעזידענט אָנ-
„געהויבן און האָט גענומען אַביסל צו אַ הויכן טאָן — פֿיער
„טויזענד יאָהר אַז מע קוקט אויף אייך פֿון דער הויך פֿון די דאָזיגע
„פּיראַמידען! מיט די דאָזיגע ווערטער האָט זיך אַמאָל געווענדעט
„דער גרויסער נאַפּאָליאָן צו זיין גוואַרדיע, בשעת ער איז געגאַנגען
„איינעמען מצרים. כּמעט מיט די דאָזיגע ווערטער ווילט זיך מיר
„אָנהויבן מיין היינטיגע רעדע צו אייך, נאָר אַביסעלע אַנדערש: שוין
„באַלד צוויי טויזענד יאָהר, ברידער, אַז מיר, געפֿינען זיך... נישט
„אויף דער הויך פֿון די פּיראַמידען, נאָר טיעף, ניין איילען אין דער
„ערד. שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר, אַז מיר קוקען אַרויס... נישט
„אויף אונזער „גוואַרדיע", נאָר אויף משיח'ן, ער זאָל קומען אונז
„אויסלייזען פֿונ'ם גלות און אונז ברענגען אַהין, אינ'ם לאַנד פֿון
„אונזערע אָבות, קיין ארץ-ישׂראל... שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר,
„[illegible] מיר פֿאַסטען אַלע שבעה עשׂר בתמוז, עסען נישט קיין פֿלייש
„אין די ניין טעג, און קומט תּשעה-באָב זעצען מיר זיך אין די זאָקען
„אויף דער ערד, וויינען און קלאָגען אויף חורבן בית-המקדש... שוין
„באַלד צוויי טויזענד יאָהר אַז מיר דערמאָנען זיבען און זיבעציג מאָל
„אַ טאָג ציון און ירושלים — און פֿרעגט וואָס האָבן מיר געטהון פֿון
„ציונ'ס וועגען און פֿון ירושלים'ס וועגען? נעמט עסענט אויף די

„היסטאריע פון גרעסץ און זוכט, אפשר וועט איהר געפינען, אז יודען
„האבען זיך געפרובט חאטש איין מאל, פון נאך די מכבעיער אן, א
„ריהר טהון חאטש מיט איין אבר פאר ארץ־ישראל? אויב איהר וועט
„דאס מיר אויסוויזען, איז א סימן אז איך בין נישט קלאהר אין דער
„יודישער היסטאריע!... לייענט די חכמי אומות העולם, די גרעסטע
„קעפּטענישען אין דער וועלט פון אמאל: אפלטון, אריסטאטלעס,
„סאקראטים, און די היינטיגע: ספינאזע, באקל, ספענסער, שלאססער
„וכדומה און זוכט, אפשר וועט איהר געפינען, אז ס'איז מעגליך אז
„א פאלק זאל זיך קאנען האלטען אויף דער וועלט אהן א לאנד, אהן
„א מלוכה, אהן איין אייגען שטיקיל ערד, אהן לייב און לעבען, לא
„בשמים ולא בארץ, נישט אויפ'ן הימעל, נישט אויף דער ערד, אלא
„כמצליף — דאס הייסט געהאנגען אויף חדושים אין דער לופטען
„אויף גאלע נסים?.. אויב איהר וועט מיר אזעלכם אויסוויזען, איז א
„סימן אז איך בין א גראבער יונג, איין עם־הארץ. וואס האט קיין מאל
„נישט גענומען קיין ספר אין האנד!.. און צוריק וועל איך אייך פרעגע־
„נען: זאגט מיר וואס איז דער שכל, וואס א פאלק אהן א לאנד, אהן
„א מלוכה, אהן איין אייגען שטיקיל ערד, אהן לייב און לעבען, וואס
„היינגט אויף חדושים אין דער לופטען, אויף גאלע נסים, האלט זיך
„אזוי לאנג און אזוי פעסט און לאכט פון דער גאנצער וועלט מיט
„אלע זייערע אינקוויזיציעס, רדיפות, רציחות און גזרות — דאס גרעס־
„טע געלעכטער?.. און טאקע נאך אמאל דאס אייגענע פארקערט,
„זאגט מיר איך בעט אייך: וואו זענען אהינגעקומען יענע אלע איבּ־
„ריגע פעלקער, אונזערע אמאליגע אלטע שכנים: אדום און מואב און
„מצרים און אשור און בבל?.. פון יענעם קליינוואַרג וואס מיר רעכנען
„אוים אינ'ם דאווענען: האמורי החתי והפריזי והיבוסי והגרגשי, רעד
„איך שוין נישט, דאס איז, ווי זאגט ער, פלאטוויצע, קיי און שפּיי,
„איך פרעג אייך: וואו זענען די גרויסע פעלקער, די בערען? אט א
„שטיינער א מין רום? נישטא זיי, ברידער, נישטא! דאס ארט זייערם
„איז אויסגעטרוקענט!.. און ישראל'יק, דער ארעמער, קראנקער, דער־

„הרג'עטער ישראלים האלט זיך נאך פון דעמאלט אן און שלעפט
„זיך ארום, אז אך און וועה איז די יאהר, מיט א טארבע אויף די
„פלייצעס צווישען די פעלקער שוין באלד צוויי טויזענד יאהר, אוקעט
„און קרעכצט אלע מאל ווען ער דערמאנט זיך אן דער אלטער —
„אלטער היים, אן ציון — און טהון — טהוט ער גאר נישט ער זאל
„קאנען צוריק קיין ציון!... וואס זשע איז די מעשה? מסתמא ליגט
„דאך דריגען עפים א שכל! איך האב איבערגעבלעטערט אלע אונ־
„זערע און זייערע אלטע און נייע ספרים און ביכער, געזוכט, געזוכט—
„און האב נישט געקאנט געפינען קיין תירוץ. דרעפער זאגט אין איין
„ארט און גיט צו פארשטעהן..."

איין עבירה, כ'לעבען וואס ס'איז אין כתרילעווקע נישטא קיין סטענאגראף, וואס זאל געווען קאנען זיין אויף יענער אספה און פערשרייבען די אויסגעצייכענטע רעדע פון נח דעם פרעזידענט אות באות, ווי עס פיהרט זיך אין לייטישע שטעדט. מיר מוזען זיך דעריבער בעניגענען נאר מיט די עטליכע ווערטער, וואס מיר האבען געבראכט על פי זכרון, און ברייגען דעם סוף פון דער דאזיגער טאלאנטפאלער רעדע אין קורצען:

„אציגד—אזוי האט נח דער פרעזידענט אויסגעלאזט זיין דרשה
„און דער שווייס האט גערינען פון איהם טייכענווייז — אציגד, אז
„מיר האבען זוכה געווען צו דערלעבען אזא צייט, אז דער אלטער
„קראנקער ישראליק האט זיך ווי אויפגעכאפט פונ'ם שלאף, ער גלייכט
„זיך אויס די אויסגעמוטשעטע ביינער זיינע, קוקט זיך ארום וואו ער
„איז אין דער וועלט, און זאגט „בית־יעקב לכו ונלכה—קומט, קינדער,
„לאמיר געהן!" — בעדארפען מיר, רבותי, זיך נישט פערלאזען אויף
„קיינעם, נישט ארויסקוקען אויף קיין נסים און נישט פערלאזען זיך
„אויף אונזערע גרויסע, ווארום אז איהר וועט זיך פערלאזען אויף די
„גרויסע, וועט איהר מעגעןווארטען. ס'איז א סך גרינגער צו געדרג'עט
„ווערען פון א דונער איידער אויסרייסען ביי א גביר א קערבעל אויף
„ציון. אליין בעדארפען מיר אנהויבען צו בויען אונזער גרויסען בנין,

„גֶעבֶּענְשְׁט זֶענֶען דִי הֶענְד וָואס נֶעמֶען זִיךְ אַלֵיין אוּנ גְלִיקְלִיךְ אִיז
„דֶער וָואס בֶּעדַארְף נִיט אָנְקוּמֶען צוּ יֶענֶעם, וִוי עֶס שְׁטֵעהט בַּיי אוּנְז
„גֶעשְׁרִיעבֶּען: יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל — דִי מִידֶעקַייט פוּן דַיינֶע הֶענְד
„אַז דוּ וֶועסְט עֶסֶען, אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ—וֶועט דִיר זַיין וואהל אוּנ גוּט...
„אָדֶער וִוי מִיר זָאגֶען אַלֶע טָאג אִינְ'ם בֶּענְשֶׁען: וְאַל תַּצְרִיכֵנוּ לִידֵי
„מַתְּנַת בָּשָׂר וָדָם — זָאלְסְט אוּנְז נִיט בֶּעדֶערְפְטִיגֶען צוּ דֶער גָאבּ פוּן
„אַ מֶענְשֶׁען... אָדֶער וִוי מִיר לֶערְנֶען אִין פֶּרֶק: אִם אֵין אֲנִי לִי מִי לִי —
„אַז אִיךְ וֶועל נִיט שְׁטֵעהְן פַאר זִיךְ וֶוער זְשֶׁע וֶועט זִיךְ שְׁטֶעלֶען פַאר
„מִיר?.. אוּנ נָאךְ אַ סַךְ אַזֶעלְכֶע פְּסוּקִים אוּנ מַאֲמָרִים וָואלְט אִיךְ אַייךְ
„גֶעקָאנְט בְּרֶענְגֶען לָרוֹב, פְּסוּקִים אִיז בַּיי אוּנְז פַארַאן בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶע־
„נוּג; מִיר בֶּעדַארְפֶען חָלִילָה נִישְׁט גֵעהְן לַייהֶען בַּיי קֵיינֶעם... לָכֵן,
„בְּרִידֶער, לָאמִיר זִיךְ אַ נֶעם טְהוּן מִיט אַלֶע כּחוֹת אוּנ טַאקִי בַּאלְד,
„נִישְׁט אָפְּלֵייגֶען אוֹיף מָארְגֶען, מִיר זָאלֶען חָלִילָה נִישְׁט אָפְּגֶעקִיהלְט
„וֶוערֶען!.. אַט, לְמָשָׁל, הָאבֶּען מִיר דָא אוֹיף אוּנְזֶער אֲסֵפָה אָפְּגֶעמַאכְט,
„מִיר זָאלֶען פַאר אוּנְזֶער גֶעלְד אוֹיסְשְׁרַייבֶּען אַיין אַקְצִיֶע פוּן אוּנְזֶער
„אֵייגֶענֶער יוּדִישֶׁער בַּאנְק. אַ וַדַאי מֶעגֶען מִיר זִיךְ אִיבֶּערְגֶעמֶען אַז מִיר
„הָאבֶּען דֶערְלֶעבְּט אַזַא צַייט, אַז יוּדֶען זָאלֶען נָאר הָאבֶּען אַיין עֲזוּת
„צוּ רֵעדֶען פוּן אַיין אֵייגֶענֶער יוּדִישֶׁער בַּאנְק! אַ וַדַאי בֶּעדַארְפֶען מִיר
„זֶעהֶען, אַז כַּתְרִילִיוְקֶע זָאל נִיט אָפְּשְׁטֵיהְן פוּן אַנְדֶערֶע שְׁטֶעדְט אוּנ
„כַּתְרִילִיוְקֶער יוּדֶען זָאלֶען אוֹיךְ הָאבֶּען אַ חֵלֶק אִין אוּנְזֶער „אֵייגֶענֶער
„יוּדִישֶׁער בַּאנְק" חָאטְשׁ מִיט אַיין אַקְצִיֶע!.. מוּז אִיךְ אַייךְ אָבֶּער זָאגֶען,
„רַבּוֹתַים, אַז לוֹיט דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת וָואס אוּנְזֶער קַאזְנַאטְשֵׁיי וֶועט אוּנְז דָא
„בַּאלְד פָאָרְשְׁטֶעלֶען הָאבֶּען מִיר נָאךְ נִישְׁט דִי גַאנְצֶע סוּמֶע אוֹיף צוּ
„בֶּעצָאהלֶען פַאר דֶער אַקְצִיֶע, עֶס פֶעהלְט אוּנְז נָאךְ כִּמְעַט הֶעכֶער
„הַאלְבּ; לָכֵן אִיז אַ יוֹשֶׁר, בְּרִידֶער, אִיהר זָאלְט זִיךְ אָנְטוּן אַ כֹּחַ טַאקִי
„דָא אוֹיפְ'ן אָרְט אוּנ טַאקִי בַּאלְד צֶענוֹיפְלֵייגֶען זִיךְ, אִיטְלִיכֶער וִויפִיעל
„עֶר קָאן, אוּנ זֶעהֶען סֶע זָאל וֶוערֶען דִי גַאנְצֶע סוּמֶע גָאר אָהן אַ שׁוּם
„תֵּירוּץ!.. אוּנ לָאזֶען אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט וִויסֶען,
„אַז אִין כַּתְרִילִיוְקֶע זֶענֶען אוֹיךְ פַארַאן צִיוֹנִיסְטֶען, וָואס סֶע בְּרֶענְט

„אין זיי דאס הייליגע פּייערל פון ציון און לאז דער דאקטאר הערצל
„זעהען, אז זיין הארעוואניע פון אונזערט וועגען איז חאטש נישט
„אומזיסט!..“

* * *

פליעסקען מיט די הענד און שרייען בראוואָ — דערפון ווייסט מען נאך נישט אין כתריליווקע — און דאנקען גאט וואס מע ווייסט נאך נישט. דער געפּילדער מיט'ן געשריי איז אזוי אויך גענוג גרויס; מע זאל נאך דערצו דארפען פּאטשען מיט די הענד און שרייען בראַוואָ וואלט מען גאר טויב געווארען צו אלדע שווארצע יאהר. דארטען אז עס געפעלט עמיצענם א ווארט, זאגט מען אז ס'איז גוט און איין עק, און איטליכער חזר'ט איבער דאס וואס איהם געפעלט. וואס טויג מיר דאס פליעסקען? איהר געמט זיך בעסער צו דער קעשענע, אזוי ווי אין כתריליווקע איז געוועזן, בשעת נח דער פּרעזידענט האט אבגע־זאגט די דרשה זיינע און דער עולם איז ארויס פון די כלים.

— וואס זאגט איהר אויף אונזער פּרעזידענט? הא?

— א פּיסק — דער רוח זאל איהם נעמען!

— און א קענער! ער האט דאך אויסגעמישט די גמרא, מיט'ן פּסוק, מיט אלע ספרים, מיט אלע ביכער, מיט... מיט, מיט, מיט...

— א מענש זאל דיר זיין קלאהר אומעטום ווי א יוד אין אשרי!

— מע בעדארף האבען א קאפּ פון א קלויסטער מע זאל דאס אלסדינג געדענקען אויסווייניג.

— בהמה! יענער זיצט טאג ווי נאכט און קוקט אין די ביכער אריין!

בקיצור ס'איז געבליבען מע זאל אויסשרייבען איין אקציע. נאר ס'איז גרינג צו זאגען „אויסשרייבען איין אקציע“. ווי קומט די קאץ איבער'ן וואסער, אז יודען ליגען ערגיץ פערשטעקט אין א לאך אין כתריליווקע, און די יודישע באנק איז ערגיץ ווייס איך וואו, אין לאנ־דאן? האט זיך אנגעהויבען א חתונה: בריעפליך, בריעפליך אהין, בריעפליך אהער; שמעיה דער סעקרעטאר און דער קארעספּאנדענט

פון דִי כַּתְרִילִיוְקֶער צִיוֹנִיסְטֶען, הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁרִיבֶּען, וִוי מֶע זָאגְט, אַלֶע פִינְגֶער בִּיז עֶר הָאט בֶּעקוּמֶען אַ קְלָאהרֶע יְדִיעָה, וואוּהִין אוּנ וִוי אַזוֹי מֶע בֶּעדַארְף שִׁיקֶען דָאס גֶעלְד. נָאכְדֶעם, אַז עֶר הָאט שׁוֹין גוּט גֶעוואוּסְט וואוּהִין אוּנ וִוי אַזוֹי מֶע בֶּעדַארְף שִׁיקֶען דָאס גֶעלְד, הָאט עֶר גֶעהַאט אוֹיף זִיךְ אַ נַייֶעם אוּמְגְלִיק, דֶעם כַּתְרִילִיוְקֶער פָּאסְטְמַייסְטֶער. דֶער בֶּעקַאנְטֶער כַּתְרִילִיוְקֶער פָּאסְטְמַייסְטֶער, אַ גְרָאבֶּער פֶּרִיץ, אוּנ אַ גְרוֹיסֶער מְפוּנָק, קָאן נִישְׁט אִיבֶּערְטְרָאגֶען דֶעם רֵיחַ פוּן קְנָאבֶּעל (חָאטְשׁ קְנָאבֶּעל בַּיים עֶסֶען הָאט עֶר אַלֵיין לִיעבּ דָאס חַיוֹת!) אַז עֶס קוּמֶען אַרַיין צְווֵיי אִיבְּרִיגֶע יוּדֶען אוֹיף דֶער פָּאסְט, הַאלְט עֶר זִיךְ בַּיי דֶער נָאז, שְׁרַייבְּט אוּנ לַייעֶנְט:

— שָׁלוֹם. . שְׁלְיָאמְקָא... טְשֶׁעסְנָאק...

אַז שְׁמַעְיָה הָאט אִיהם דֶערְלַאנְגְט דֶעם פַּאקֶעט, הָאט עֶר אִיהם אַ שְׁמִיץ גֶעטְהוּן צוּרִיק אִין פָּנִים אַרַיין: ס'אִיז נִיט אַזוֹי גֶעשְׁרִיבֶּען דֶער קָאנְווֶערְט וִוי מֶע בֶּעדַארְף. דָאס אַנְדֶערֶע מָאל הָאט עֶר אִיהם אַ שְׁמִיץ גֶעטְהוּן אִין פָּנִים אַרַיין: עֶר זָאל גֵעהן בְּרֵיינְגֶען טְרִיוַואכְס. דָאס דְרִיטֶע מָאל הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט צוּ וָואס זִיךְ צוּ טְשֶׁעפֶּען, הָאט עֶר בֶּעטְרַאכְט דֶעם פַּאקֶעט פוּן אַלֶע זַייטֶען, גֶענוּמֶען שְׁמֶעלְצֶען דֶעם טְרִיעף אוּנ לַייגֶען חֲתִימוֹת אוּנ בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה אַ פְרֶעג גֶעטְהוּן שְׁמַעְיָה'ן, נִישְׁט קוּקֶענְדִיג אִיהם אִין פָּנִים אַרַיין: „וָואס פַאר גֶעשֶׁעפְטֶען הָאט עֶר מִיט קָאנְדָאן, וָואס עֶר שִׁיקְט אַהִין גֶעלְד?" הָאט זִיךְ אוּנְזֶער שְׁמַעְיָה קָא-רֶעסְפָּאנְדֶענְט אַ פָּנִים אַרוֹיסְגֶעהַאפְּט, צִי אֶפְשַׁר הָאט עֶר גֶעוָואלְט זִיךְ בֶּערִיהמֶען פַאר'ן פָּאסְטְמַייסְטֶער (אַלֶע קָארֶעסְפָּאנְדֶענְטֶען זֶענֶען גְרוֹיסֶע בֶּערִיהמֶער!):

— דָאס גֶעלְד — מַאכְט עֶר — גֵעהט גְלַייךְ אִין אוּנְזֶער יוּדִישֶׁער בַּאנְק אַרַיין...

הָאט דֶער פָּאסְטְמַייסְטֶער אַ קוּק גֶעטְהוּן אוֹיף שְׁמַעְיָה'ן וִוי פֶּעךְ-הַדוּשׁ'ט:

— זְשִׁידָאוְוסְקֶע בַּאנְק? וִוי קוּמְט צוּ יוּדֶען אַ בַּאנְק?

אִיז זִיךְ מְיַשֵׁב שְׁמַעְיָה, אַז דוּ בִּיזְט יָא אַזַא צוֹרֵר הַיְהוּדִים, וֶועל

אִיךְ דִיר וַוייזֶען וָואס הֵייסְט „זְשִׁידָאוְוסְקָא בַּאנְק"! אוּנ גֶעהט אוּנ דֶער־צֵעהלְט אִיהם פִּזְמוֹנוֹת מִיט גוּזְמָאוֹת (אַלֶע קָארֶעסְפָּאנְדֶענְטֶען הָאבֶּען לִיעבּ מְגַזֵם זַיין!), אַז דִי יוּדִישֶׁע בַּאנְק אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע בַּאנְק אִין דֶער וֶועלְט. זִי פֶּערְמָאגְט צְוֵויי הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְד מִילְיָאן פוּנְט שְׁטֶערְלִינְג דַיין גָאלְד. אוֹיף אוּנְזֶער גֶעלְד אִיז דָאס אַזַא סוּמֶע וָואס סְ'אִיז שְׁוֶועהר אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען, מַחֲמַת אַ פוּנְט שְׁטֶערְלִינְג בֶּעטְרֶעפְט אוֹיף אוּנְזֶער גֶעלְד כִּמְעַט אַ הוּנְדֶערְטֶער...

רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אִיהם דֶער פָּאסְטְמַייסְטֶער אוּנ טְהוּט אַ לֶעק דִי חֲתִימָה מִיטְ'ן צוּנְג אוּנ אַ קְוֶועטְשׁ אִיבֶּערְ'ן צֶעלָאזְטֶען טְרִיעף:

— מָאל דִיר דָאס לֵייגְסְט דוּ שׁוֹין וִוי אַ הוּנְט; אַ פוּנְט שְׁטֶער־לִינְג אִיז קוֹים צֶעהן קֶערְבְּלִיךְ.

— דָאס אִיז אַ פְּרָאסְטֶער פוּנְט שְׁטֶערְלִינְג — ווִיל זִיךְ שְׁמַעְיָה פֶּערְעֶנְטְפֶערְן — אוּנ אַ גִילְדֶענֶער פוּנְט בֶּעטְרֶעפְט אַ סַךְ מֶעהר!

— פְּשָׁאל וָואן, דוּרַאק! — זָאגְט צוּ אִיהם דֶער פָּאסְטְמַייסְטֶער מִיט אַ גֶעלֶעכְטֶער — וֶועמֶען דֶערְצֵעהלְסְט דוּ מַעֲשִׂיוֹת? אַ יוּד מוּז דִיר זַיין אַ מַאשֶׁענִיק? אַ יוּד מוּז עֶמִיצֶען אָפְּנַארֶען! סְ'זָאל זַיין אַיין אַנְדֶע־רֶער אוֹיף מַיין אָרְט וָואלְט עֶס דִיר מַכּוֹת צוּגֶענוּמֶען דַיין פַּאקֶעט! דוּ ווייסְט אַז אִיךְ הָאבּ רֶעכְט אַרֶעסְטִירֶען דַיין פַּאקֶעט מִיט דִיר אוּנ מִיט אַייעֶר גַאנְץ „קָהָל" אִינְאֵיינֶעם דֶערְפַאר אִיהר זָאלְט נִיט אַרִיבֶּער־שִׁיקֶען אוּנְזֶער גֶעלְד קֵיין לָאנְדָאן? מִיר וֶועלֶען הָארֶעוֶוען, אַקֶערֶען מִיטְ'ן נָאז דִי עֶרְד, אוּנ דִי יוּדֶעלִיךְ וֶועלֶען קוּמֶען צוּ גֵעהן אוֹיפְ'ן גְרֵיי־טֶען, פְרֶעסֶען אוּנ זוֹיפֶען אוּנ נָאךְ נֶעהמֶען אוּנ אַרִיבֶּערְפֶּעקְלֶען אוּנְזֶער גָאלְד דֶער שְׁוַוארְץ יָאהר ווייסְט וואוּהִין אִין אַ „זְשִׁידָאוְוסְקֶע בַּאנְק"!...

שְׁמַעְיָה הָאט שׁוֹין גֶעזֶעהֶען אַז עֶר הָאט אָנְגֶעאַרְבֵּייט אַ גוּטֶע חָתוּנָה, הָאט עֶר אָנְגֶענוּמֶען וַואסֶער אִין מוֹיל אוּנ הָאט אָפְּגֶעשְׁווִיגֶען ווִי אַ קֶעצֶעלִי. עֶר וָואלְט אָפְּגֶעגֶעבֶּען אִיצְטֶער מִי יוֹדֵעַ ווִיפִיעל, עֶר זָאל קָאנֶען נֶעהמֶען צוּרִיק דִי וֶוערְטֶער, סְ'אִיז שׁוֹין אָבֶּער גֶעוֶוען צוּ שְׁפֶּעט־לִיךְ (אַ סַךְ קָארֶעסְפָּאנְדֶענְטֶען וָואלְטֶען אֶפְשַׁר וֶועלֶען צוּרִיקְנֶעהמֶען זַייעֶרֶע וֶוערְטֶער מִיט זַייעֶרֶע קָארֶעסְפָּאנְדֶענְצִיֶעס, וָואס זֶענֶען פוּל מִיט

שקרים וכזבים, נאר בלאטע! צוריק האפט מען נישט!) אונזער כתרי־ליװקער קארעספאנדענט איז געהערן געװען אז ער האט אבגענומען דעם „רעצעפיס" אונ איז אװעק פון דער פאסט װי איין אבגעשמיסענער.

אװעקגעשיקט דאס געלד האבען די כתריליװקער ציוניסטען אנגעהויבען ארויסקוקען אויף דער אקציע פון טאג אויף טאג. ס'איז אװעקגעגאנגען א חודש אונ צװיי חדשים אונ דריי חדשים אונ פיער חדשים — נישטא נישט קיין געלד, נישט קיין סחורה! האט מען זיך א נעם געטהון צום סעקרעטאר, צום קארעספאנדענט הייסט דאס, טאמער האט ער ניט אהין געשיקט דאס געלד װאו מע בעדארף, אדער טאמער האט ער נישט אזוי געשריבען די אדרעסע װי עס געהער צו זיין — שמעיה האט געבאך געהאט צו זינגען אונ צו זאגען; לא־די ער האט נישט אויפגעהערט צו שרייבען בריעפליך אין קאמיטעט, אין צענטער אונ אין לאנדאן, האט ער נאך בעדארפט אויסשטעהן זייערע טענות מיט זייערע װערטליך, װאס האבען איהם געשטאכען אין דער זיבעטער ריפ... פאר די מתנגדים, דאס הייסט פאר די ערליכע, פרומע יודען אונ די חסידים װאס האלטען נישט מיט'ן ציוניזם, איז דאס דערװייל געװען א שטיקיל עסק: — מיר האבען דען נישט געװאוסט פריהער אז עס װעט אזוי זיין? — האבען זיי געזאגט אונ געריצט זיך מיט די ציוניסטען — מיר האבען איך דען ניט געזאגט, אז מע װעט נור אויסנארען די עטליכע גילדען אונ געה לאד מיך צום ונתנה תוקף?...

האט גאט רחמנות געהאט אויף אונזער קארעספאנדענט אונ ס'איז איהם אנגעקומען איין מאל אין א פריהמארגען א בריעף פון לאנדאן, אז די אקציע װאס ער האט אויסגעשריבען איז שוין דא, דאס הייסט נישט דא אין כתריליװקע, נאר אויף דער גרעניץ; מע בעדארף זי נור אבשטעמפלען.

עס איז װידער אװעקגעגאנגען א חודש אונ צװיי חדשים אונ דריי חדשים אונ פיער חדשים — נישטא קיין אקציע! האבען חברה גענומען עסען דעם סעקרעטאר: װאו איז דיין אקציע? נאך שטעמ־

פֿעלט מען זי?... און האָבן איהם ניט געזשאַלעוועט קיין שטעכ־ווערטלעך, ווי דער שטיינער איז; איהם געבּיך איז דאָס שטעמפּלען גוט געלינגען אין האַרצען, נאָך מעהר ווי די אַקציע אַליין; ער האָט פונ'ם שטעמפּלען שיעור געשפּיגען מיט בּלוט, האָט ער פערקאַטשעט די אַרבּעל און האָט זיך גענומען איבּערנייעס שרייבּען בּריוו־לעך בּכל תּפוצות ישׂראל. היתּכן? — האָט ער געשריבּען — היִשׁמע כּזאת, מע זאָל אַזוי לאַנג האַלטען איין אַקציע און שטעמפּלען זי? מע זאָל זי דאַכט מיר בּעדאַרפען אָבּשטעמפּלען מיט צעהנטויזענד שטעמפּלען וואָלט זי שוין אויך בּעדאַרפט זיין לאַנג אָבּגעשטעמ־פּעלט!"... און דער חברה ציוניסטען האָט ער געזאָגט אַלע טאָג:

— ממה נפשך, איהר האָט געוואַרט אַזוי פיעל, וועט איהר וואַרטען נאָך אַבּיסל; אַזוי לאַנג ווי עס האָט געדויערט, וועט שוין געוויס ניט געדויערען...

*

כּך הוה: עס האָט נישט געדויערט קיין ניין חדשים אפילו פון זינט מע האָט געשטעמפּעלט, איז אָנגעקומען אַ פּאַקעט אויף רב יוזיפיל דעם רב'ס נאָמען (אונזער קאָרעספּאָנדענט האָט נישט געוואָלט האָבּען צוטהון מיט'ן פּאָסטמייסטער). און אַז ס'איז אָנגעקומען דער פּאַקעט האָט ער צענויפגערופען איין אסיפה פון אַלע מושלענעס טאַקי בּיי רב יוזיפיל דעם רב אין שטוב. און אַזוי ווי אַלע יודען, און כּתריליוקער יודען אַוודאי און אַוודאי, האָבּען אומעטום און אַלע מאָל קיין צייט ניט און איטליכער וויל תּמיד זיין דער ערשטער, איז קיין חדוש ניט וואָס מע האָט זיך געשטופּט און געקוועטשט איינס דאָס אַנדערע, געקראָכען איינער דעם אַנדערען אויף די קעפּ, געריסען איינער בּיים אַנדערען פון די הענד און בּעטראַכט די יודישע אַקציע פון "אונזער אייגענער יודישער בּאַנק", די כּתריליוקער יודען האָבּען זיך גאָר זאַט נישט געקענט אָנקוקען אָן איהר. וואָס מעהר זיי האָבּען געקוקט האָבּען זיי אַלץ מעהר אַרויסגעזעהן.

לאַנג־לאַנג האָבּען די כּתריליוקער ציוניסטען זיך געשפּיגעלט אין דער יודישער אַקציע פון "אונזער אייגענער יודישער בּאַנק", תּחילת

געזיפצט און נאכדעם געזאגט איטליכער בעזונדער אין אנדער המצאה, געוואען עפיס אביסל פריילעכער, עפיס לעבעדיגער, ליכטיגער אויף דער נשמה, ווי איינער וואס וואלגערט זיך אין דער פרעמד, בענקט א היים, קוקט ארוס אויף א ידיעה, און פלוצים נעמט ער אב זעהר — זעהר א גוטען גרים פון דער היים. ס'איז—אי פריילך, אי עס ציהט דאס הארץ; עס גליסט זיך געהן טאנצען און טאקי אביסל זיך אויס־וויינען אין ווענס...

שפעטער, אז דער עולם האט זיך גוט אנגעקוקט, האט רב יוזיפל דער רב, וואס האט פיינט שטופען זיך אויבען אן, האטש ער איז רב, א זאג געטהון:

— אַי ווייזט נאר?...

און ער האט זיך אנגעזאטעלט מיט א פאר ברילען, געקוקט, געקוקט. [illegible] בעטראכט פון אלע זייטען די „יודישע אקציע פון אונזער אייגענער באנק" און דערזעהן יודישע אותיות, געדרוקט אויף לשון הקודש. האט ער אנגעטהון דאס שבת'דיגע היטעל, גע־מאכט א ברכה „שהחיינו", און ווידער אמאל געקוקט און געקוקט אין דער אקציע אריין, און דאס פנים האט איהם אנגעהויבען ווערען עפיס ווי מרה שחורה דיגער, און מען וואלט געמעגט שווערען, אז עס האבען זיך איהם געשטעלט טרערען אין די אויגען.

— רבי! וואס זארגט איהר זיך? — האט מען איהם א פרעג געטהון — מע בעדארף זיך פרייען, טאנצען בעדארף מען געהן, צום סוף... ווי קומט דאס צו אייך?...

רב יוזיפל דער רב האט נישט באלד געענטפערט, ער האט ארויסגענומען ערגעץ פון א קעשעניע, וואס אינטען אין דער קאפאטע, כמעט ביי די פאלעס, א משונה מאדנע פעטשיילע, האט אויסגע־שנייצט כלומרשט די נאז, נאר אין אמת'ן מיין איך אז ער האט א וויש געטהון די אויגען, און א זאג געטהון מיט א זיפץ און מיט זעהר אין אנגעבראכען קול:

— כ'האָ' מיך פערביינגט א היים...

XII.

ווען איך בין רויטשילד.

(מאָנאָלאָג).

ווען איך בין רויטשילד, אוי ווען איך בין רויטשילד, טרעפט וואס איך טהו? ראשית־חכמה פיהר איך איין אז א ווייב זאל תמיד האבען ביי זיך א דרייערל, בכדי זי זאל פערשפארען דולען א ספאריס אז סע קומט דער גוטער דאנערשטאג, והשנית לייז איך אויס די שבת׳דיגע קאפאטע, אדער ניין, דעם ווייבס קונעגעם בורנוס, — לאז זי אויפהערען פיקען אין קאפ אריין אז ס׳איז איהר קאלט, און קויף אוועק די דאזיגע שטוב אינגאנצען מיט אלע דריי חדרים מיט דער קאמער מיט׳ן קעלער מיט׳ן בוידעם מיט הכל בכל מכל פלעקל,— לאז זי ניט זאגען אז ס׳איז איהר ענג; נא דיר צוויי חדרים, קאך דיר, באק דיר, וואש דיר, בראק דיר און לאז מיך צורוה, איך זאל קאנען קנעלען מיט א רייניגער קאפ! נישטא קיין דאגות פרנסה, מע בעדארף נישט קלעהרען, וואו נעמט מען אויף שבת — מתה־נפשות! די טעכטער אלע חתונה געמאכט, אראב א הארב פון די פלייצים — וואס פעהלט מיר?... הויב איך אן ארומקוקען זיך אביסיל אויף דער שטאדט. דאס ערשטע בין איך מנדר א נייעם דאך אויפ׳ן אלטען בית־המדרש, לאז אויפהערען קאפען אויפ׳ן קאפ בשעת מע שטעהט „שמונה עשרה"; און להבדיל דאס מרחץ בויע איך איבער אויפ׳ס ניי, ווארום ניט היינט מארגען — עס וועט דארט מוזען זיין איין אומגליק חס־ושלום, טאמער פאלט דאס אויס אכוראט בשעת יודען באדען זיך. און ווי באלד די באד, מוז מען שוין דאס הקדש א ודאי צערווארפען, און אנידערשטעלען א בקור־חולים, אבער טאקי וואס א „בקור־חולים" הייסט, מיט בעטליך, ניט א דאקטאר מיט רפואות, מיט ייכליך אלע טאג פאר די חולאים, ווי עס פיהרט זיך אין לייטישע שטעדט, און א „מושב זקנים" זאל זיין, אלטע יודען לומדים זאלען זיך ניט וואלגערען,

אין בית־המדרש ביי דער הרובע, און א חברה „מלבוש ערומים" ארימע קינדער זאלען ניט ארומגעהן, איך בעט איבער אייער כבוד, מיט די פּיפּקעס אין דרויסען, — און א חברה „גמילת־חסדים", אז איטליכער יוד, סיי א מלמד, סיי א בעל מלאכה, סיי א סוחר אפילו זאל פער־שפּארען צאהלען וואוכער, נישט דארפען פערמשכנ'ען דאס העמד פונ'ם לייב, און א חברה „הכנסת כלה", אז וואו ערגיץ איין ארים מיידיל געביך א דערוואכסענע זאל מען זי אויסקליידען ווי עס געהער צו זיין און — חתונה מאכען, און נאך כדומה אזעלכע חברות פיהר איך איין ביי אונז אין כתרילעווקע.. נאר וואס איז שייך עפּיס דווקא נאר ביי אונז אין כתרילעווקע? אומעטום, וואו עס געפינען זיך נאר אחינו בני ישראל, פיהר איך איין אזעלכע חברות, אומעטום אויף דער גאנצער וועלט! און בכדי עס זאל זיך פיהרען מיט א סדר ווי עס געהער צו זיין — טרעפט וואס טהו איך? מאך איך אויף אלע חברות איין חברה א גרויסע, א „צדקה גדולה" חברה, וואס גיט אכטונג אויף אלע חברות, אויף אלע יודען, דאס הייסט, אויף דעם כלל ישראל, אז יודען זאלען אומעטום האבען פּרנסה און לעבען אין אחדות און זאלען זיצען אין די ישיבות און לערנען: חומש מיט רש"י מיט גמרא, מיט תוספות, מיט מהרש"א, מיט אלע שבע חכמות און מיט אלע שבעים לשון, און אויף אלע ישיבות זאל זיין איין ישיבה א גרויסע. אין דער ווילנא געוויינטליך, וואס פון דארטען זאלען ארויסגעהן די גרעסטע לומדים אין דער וועלט, און אלסדינג זאל זיין אומזיסט, „על חשבון הגביר", און אלסדינג זאל זיך פיהרען מיט א סדר און מיט א פּלאן, עס זאל ניט זיין קיין „געב־מיר־נא־דיר", און אלע זאלען אין זינען האבען נאר „טובת הכלל", נאר טובת הכלל!... און בכדי מע זאל קאנען טראגען אויפ'ן קאפּ דעם „כלל", בעדארף מען דאך בעווארענען דעם „פּרט" און מיט וואס קאן מען בעווארענען דעם פּרט? געוויינטליך מיט פּרנסה; ווארום פּרנסה — הערט איהר — דאס איז דער רעכטער עיקר; אהן פּרנסה קאן נישט זיין קיין אחדות; איבערין שטיקיל ברויט, משטיינס געזאגט, איז איינער דעם אנדערען יורד לחייו, קאפּאל יעגעם קוילען, די אויגען ארויסנעמען!...

אַזוֹי אִיז בַּיי יוּדֶען, אוּנ אַזוֹי אִיז בַּיי זֵיי לְהַבְדִיל, אוּנ אַזוֹי אִיז אוּמֶעטוּם אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, אוּמֶעטוּם קִנְאָה, אוּמֶעטוּם שִׂנְאָה, אוּנ דֶערְפוּן נֶעמֶען זִיךְ אַלֶע צָרוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַלֶע אוּמְגְלִיקֶען, נִיט דָא גֶעדַאכְט, מִיט אַלֶע רְדִיפוֹת, מִיט אַלֶע הֲרִיגוֹת, מִיט אַלֶע רְצִיחוֹת, אוּנ מִיט אַלֶע מִלְחָמוֹת...

דִי מִלְחָמוֹת — דָאס אִיז, הֶערְט אִיהר, גָאר אַ שְׁחִיטָה פַאר דֶער וֶועלְט! וֶוען אִיךְ בִּין רוֹיטְשִׁילְד, מַאךְ אִיךְ אוֹיס מִלְחָמוֹת. אָבֶער טַאקִי לַחֲלוּטִין אוֹיס!

וֶועט אִיהר דָאךְ פְרֶעגֶען ווִי אַזוֹי?

נוּר מִיט גֶעלְד! אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבֶּען צוּפֶערְשְׁטֵיהן, וֶועט אִיהר פֶערְשְׁטֵיהן. לְמָשָׁל, אַט הָאט דֶער אֵיינְגְלֶענְדֶער, זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ דִי בּוּיֶערֶען פַאר וָואס? פַאר וֶוען? עֶר ווִיל צוּנֶעמֶען בַּיי זֵיי דָאס גָאלְד... צִי אַ־שְׁטֵייגֶער, אַט דֶערְצֶעהלְט מֶען אַז דִי דַייטְשֶׁען מִיט דִי פְרַאנְצוֹיזֶען מִיט דִי אִיבֶּערִיגֶע דָארְטֶען הָאבֶּען זִיךְ צוּגֶעזֶעצְט צוּ כִּיטַאי, מִיט אַ קַאנְט־שִׁיק אִין הַאנְד, אוּנ ווִילֶען אִיהם לֶערְנֶען דֶרֶךְ־אֶרֶץ, עֶר זָאל זִיךְ אָבּ־שֶׁערֶען דָאס צֶעפִּיל אוּנ אָנְטְהוּן הוֹיזֶען. וָואס אַרְט דָאס אַייךְ? יֶענֶער ווִיל זִיךְ גֶעהן דַוְקָא מִיט אַ קְלֵיידִיל אוּנ דַוְקָא מִיט אַ צֶעפִּיל — לָאז עֶר זִיךְ גֵעהן גֶעזוּנְדֶערְהֵייט אֲפִילוּ מִיטְ'ן קָאפּ אַרָאבּ מִיט דִי פִּיס אַרוֹיף, וֶועמֶענְס עֵסֶק אִיז דָאס? צִי אַ שְׁטֵייגֶער נֶעמְט דֶעם טֶערְק מִיט דֶער רוֹיטֶער יַארְמֶעלְקֶע. וָואס הָאט מֶען צוּ אִיהם וָואס מֶע ווִיל זִיךְ מִיט אִיהם צֶעטְהֵיילֶען?...

אוּנ ווִי בַּאלְד מֶע שְׁמוּעֶסְט פוּן לָשׁוֹן טְהֵיילֶען זִיךְ, ווִיל דָאךְ אִיטְלִיכֶער דָאס בֶּעסְטֶע שְׁטִיקִיל. דֶער זָאגְט: „גֶעמְט אַייךְ סְטַאמְבּוּל אוּנ גִיט מִיר דֶעם בָּאסְפָאר“! אוּנ דֶער זָאגְט: „נַאט אַ י ךְ אָבּ סְטַאמְבּוּל אוּנ גִיט מִ י ר דֶעם בָּאסְפָאר“! קוּמְט צוּגֶעהן אַ דְרִיטֶער אוּנ זָאגְט: „ווייסְט אִיהר וָואס, שְׁלָאגְט אַייךְ בֵּיידֶע קָאפּ אִין וַואנְט מִיטְ'ן סְטַאמְבּוּל אוּנ מִיטְ'ן בָּאסְפָאר, אַבִּי לָאס אִיךְ מִיר פֶערְנֶעמֶען דִי דַארְדֶענֶע־לֶען!“... וֶוערְט אַ נִיצְעָקוּ: דַארְדֶענֶעלֶען? וָואס הֵייסְט. מִיר וֶועלֶען אַייךְ לָאזֶען פֶערְנֶעמֶען דִי דַארְדֶענֶעלֶען? דִי דַארְדֶענֶעלֶען זֶענֶען אַ רְשׁוּת־

הָרַבִּים, אַלְעֶמֶענְס דַארְדֶערְנֶעלֶען... בִּקְצוּר דַארְדֶערְנֶעלֶען אַהֶער, דַארְדֶע־
גֶעלֶען אַהִין, — מֶע דַארְדֶערְנֶעלְט אַזוֹי לַאנְג, בִּיז מֶע הוֹיבְּט אָן שִׁיסֶען
פוּן הַארְמַאטֶען אוּנ מֶענְשֶׁענְס בְּלוּט גִיסְט זִיךְ וִוי וַואסֶער אוּנ רִינְט
טַייכֶענְוַויים גְלַייךְ אִין יַם אַרַיין. אָט הָאט אִיהר אַייךְ דַארְדֶערְנֶעלֶען!...

אָבֶער אַז אִיךְ קוּם צוּ זַיי אוּנ זָאג: „שַׁא, בְּרִידֶערְלִיךְ, לָאזְט זִיךְ
דִינֶען. אָין וָואס גֶעהט דָא בַּיי אַייךְ אֵייגֶענְטְלִיךְ דֶער גַאנְצֶער סִכְסוּךְ?
אִיהר מֵיינְט דֶען דִי הַגָדָה? אִיהר מֵיינְט דָאךְ דִי פַּאלִירְטִשִׁיקֶעס! אַמֶעהר
נַאט אַייךְ אַ מִילְיַארְד! נַאט אַייךְ אַ מִילְיַארְד! נַאט אַייךְ צְוַויי מִילְיַארְד!
גָאט וֶועט אַייךְ הֶעלְפֶען, וֶועט אִיהר מִיר אוֹיסְצָאהְלֶען..."

פֶערְשְׁטֵעהט אִיהר? אַי אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ גֶעשֶׁעפְט: אַי מֶענְ־
שֶׁען הֶערֶען אוֹיף קוֹילֶען אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע ווִי דִי אָכְסֶען אוּמְזִיסְט
אוּנ אוּמְנִישְׁט. אוּנ וִוי בַּאלְד אַזוֹי, הַיינְט צוּ וָואס בֶּעדַארְף מֶען דָאס
כְּלֵי־זַיין, מִיטְ'ן חַיִל, מִיטְ'ן גַאנְצֶען טַארַארַאם? אוֹיף כַּפָּרוֹת! אוּנ וִוי
בַּאלְד אוּיס מִלְחָמוֹת, אִיז דָאךְ אוּיס שִׂנְאָה, אוּיס קִנְאָה, אוּיס טֶערְק,
אוּיס אֵיינְגְלֶענְדֶער, אוּיס פְרַאנְצוֹיז, אוּיס צִיגַייגֶער, אוּיס יוּד לְהַבְדִיל —
דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בֶּעקוּמְט גָאר דֶעמָאלְט אַיין אַנְדֶער פָּנִים, וִוי אִין
פָּסוּק שְׁטֵעהט בַּיי אוּנְז גֶעשְׁרִיבֶּען: „וְהָיָה אוּנ עֶס וֶועט זַיין, בַּיוֹם הַהוּא
אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען..."

אוּנ אֶפְשֶׁר, הַא?... וֶוען אִיךְ בִּין רוֹיטְשִׁילְד, קָאן זַיין, אַז אִיךְ
בִּין גָאר מְבַטֵל דָאס גֶעלְד. אוּיס גֶעלְד! וָוארוּם וָואס אִיז דֶען גֶעלְד?
גֶעלְד אִיז דָאךְ נוּר אַ הֶסְכֵּם, אַיין אַיינְגֶערֶעדְטֶע זַאךְ, נִישְׁט מֶעהר וִוי
אַ יֵצֶר־הָרָע, אַ תַּאֲוָה, אֵיינֶע פוּן דִי גְרֶעסְטֶע תַּאֲווֹת וָואס אַלֶע ווִילֶען
דָאס הָאבֶּען... אָבֶער אַז סֶע זָאל לַחֲלוּטִין גָאר נִיט זַיין קֵיין שׁוּם
גֶעלְד אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואלְט דָאךְ דֶער יֵצֶר־הָרָע נִיט גֶעוֶוען אַזוֹי
גְרוֹיס, אוּנ דִי תַּאֲוָה וָואלְט נִיט גֶעוֶוען קֵיין תַּאֲוָה. אִיהר פֶערְשְׁטֶעהט
צִי נֵיין? צִי וָואס? אִיז דָאךְ דִי קַשְׁיָא, וואו וָואלְט מֶען דֶעמָאלְט גֶע־
נוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת?

אִיז דֶער תִּירוּץ: לְמַאי וואו וֶועל אִיךְ אִיצְטֶער נֶעמֶען אוֹיף שַׁבָּת?...

שלום-עליכם'ס

ווערק

איבערגעארבייט און רעכט אויסגעבעסערט.

צווייטער באנד.

פיערטער טהייל.

אויסגאבע פון שלום-עליכם'ס יובילאום-קאמיטעט.

ווארשא, תרס"ט.

דרוק פון נ. כטאראוואלסקי, ווארשא, גענשע 18.

ШАЛОМЪ АЛЕЙХЕМЪ.

Его сочиненіея.

Томъ II, часть III.

Изданіе юбилейнаго комитета.

Типографія Н. Старовольскаго, Варшава, Гусья 18.—1909.

סטעמפּעניו

אַ יודישער ראָמאַן.

לכבוד מײן ליעבהארציגען ײדען

ר׳ מענדעלי מוכר ספרים.

טהײערער, געטרײער ײדע לעבען!

„ס ט ע מ פ ע נ י ו“, מײן ערשטער יודישער ראמאן, װאס איז אײך געשריבען לכבוד אײער ליעבען נאמען, — איז א י י ע ר; ער איז אײערער ניט נאר דערפאר אלײן, װאס איך האב איהם לכבוד אײך געשריבען, נאר אויך דערפאר, װאס איהר האט מיר אײנגעגעבען א חשק אזא ראמאן צו שרײבען.

אין אײנעם פון אײערע בריעף זאגט איהר צו מיר:

„איך װאלט אײך געראטהען קײן ראמאנען גאר ניט צו שרײבען, דען אײער גוסט, אײער זשאנר איז גאר עפּיס אנדערש; אונ איבערהויפט, אויב עס איז גאר דא אין דעם ל ע ב ע ן פון אונזער פאלק ר א מ א נ ע ן, זענען זײ עפּיס גאר אנדערש װי בײ אלע אנדערע פעלקער, מען מוז עס גוט פערשטעהן אונ גאר אנדערש שרײבען...“

אײערע װערטער זענען מיר אין מח ארײן אונ איך האב אנגעהויבען צו פערשטעהן אויף װיפיעל א יודישער ראמאן דארף זײן אנדערש פון אלע אנדערע ראמאנען, מחמת דאס יודישע לעבען בכלל אונ די אומשטענדען, בײ װעלכע דער יוד קאן ליעב האבען, זענען גאר ניט גלײך װי בײ אלע אנדערע פעלקער. הײנט אויסער

דעם האט דאך דאס יודישע פאלק זיין אייגענעם כאראקטער, זיין אייגענעם יודישען גייסט מיט בעזונדערע מנהגים און רגילות׳ן, וואס זענען גאר פערענדערט ווי ביי אנדערע אומות. אט די נאציאנאל־סימנים אונזערע, וואס בלייבען תמיד עכט יודיש, מוזען זיך ארויסווייזען אין א יודישען ראמאן, אויב ער איז נור באמת געגוגגן פונ׳ם לעבען. דאס האב איך אפגעלערענט פון אייגענע רייד און דאס האב איך געוואלט ארויסזאגען דורך דער יודישער טאכטער, יחל׳ע די שענע, וואס שפיעלט די גרעסטע ראלע אינ׳ם דאזיגען ראמאן, און דורך אלע אנדערע פארשוינען, וואס דרעהען זיך דא ארום איהר. אויף וויפיעל דאס איז מיר געראטען — דאס איז א בעזונדערע שאלה; נאר מיין רצון איז געווען צו געבען א יודישען ראמאן, ווי איהר פאדערט עס מיט רעכט פון יעדען יודישען ראמאן־שרייבער.

אויך דאמיט איז סטעמפעני׳ו אייערער, ליעבער זיידע, ווייל דער נאמען איז אייערער און די אידעע איז אייערע: ביי אייך, זיידע לעבען, אין אייגעם פון אייערע לעצטע ווערק האב איך בעגעגענט פערביי־געהענדיג דעם נאמען סטעמפעני׳ו מיט א פלעשעלע „ליעבע־טראפען”, וואס אלע משרתים און דיענסטמיידלעך קויפען עם ביי איהם אויף אבצוטרון... דאס איז שוין געווען גענוג אויף אויפצוּוועקען אין מיין זכרון די אלע וואונדערליכע מעשׂות, וואס איך האב זיך אנגעהערט יונגעל־ווייז אין חדר אויף סטעמפעני׳ן — און מיין פאנטאזיע האט מיר שוין אונטערגעהאלפען צו בעשאפען דעם דאזיגען ראמאן.

עס קאן זיין, אז אין פיעל מקומות, ווי למשל אין דער ליטא, האבען יודען פון קיין סטעמפעני׳ו גאר ניט געהערט, און דאריבער וועט דער נאמען אליין עפּים אויסקומען ביי זיי משונה־ווילד; דערפאר אבער איז דער דאזיגער נאמען זעהר גוט בעקאנט ביי אונז אין דער גאנצער גלויבסקער סביבה פון מאזעפעווקע ביז יעהופעץ, און ווער שמועקט דארט אין אייערע שטעדטלעך, אין גנילאפּיאטסק,

צוויאַטשיץ און טונעיאַדעוועקע — דאָרט ווייסט אַ קינד אויך, ווער סטעמפּעניו איז געוועזן, פון וואַנען ער שטאַמט און וואָס איז מיט איהם דער יחוס.

נאָר ניט סטעמפּעניו אַליין איז דאָ אין גאַנצען דער מיוחס. מיין כוונה איז געוועזן מיט דעם דאָזיגען ראָמאַן צו בעשאַפען דריי פּערזאָנען, אָדער ווי מען רופט עס אָן „הויפּט־העלדען": דעם יודישען קינסטלער סטעמפּעניו מיט זיין פידעלע, די יודישע טאָכטער רחל׳ע די שיינע מיט איהר יודיש ערליכקייט און דאָס יודישע ווייבעל פריידעל מיט איהר סוחר׳ישען גייסט און מיט איהר ציטערען איבערן קערבעל — יעדער מיט זיין בעזונדער וועלטעל. סטעמפּעניו, רחל׳ע און פריידעל — דאָס זענען מיינע פּאַרשוינען די מיוחסים, וואָס זיצען אויבען אָן אין בויד, און די אַלע איבריגע זענען שוין גלאַט אַזוי זייטיגע פּאַרשוינען, וואָס האָפּען זיך איבער, ווי עס איז, זיצען תמיד אַקעגען. דערפאַר בין איך אָבגעקומען די איבריגע חברה מיט אַ צוויי — דריי ווערטער און מיין גאַנצע האָרעוואַניע האָב איך אַוועקגעגעבען יענע דריי מיוחסים.

איך מיין, אַז יודישע מוזיקאַנטען, דאָס הייסט אונזערע חברה כלי־זמר, זענען פאַר זיך גאָר אַ בעזונדערע וועלט און ס׳איז כדאי אַריינצוקוקען אין זייער לעבען אַריין פיעל טיעפער, אַלס איך האָב עס געטהון אין׳ם דאָזיגען ראָמאַן. מען בעדאַרף דאַצו האָבען אַייער אויג, זיידע לעבען, אַייער פעדער מיט אַייער התמדה.

אַך, וואו נעהמט מען התמדה, ישוב־הדעת? געדולד וואו נעהמט מען?

„איבער אַ ווערק — זאָגט איהר מיר אין איין אַנדערען
בריעף — איבער אַ ווערק, ליעב אייניקעל, בעדאַרף מען
שוויצען, מען בעדאַרף אַרבייטען פּייַלען איטלעכם וואָרט;
געדענקט, וואָס איך זאָג אייך — פּיילען, פּיילען!"

פּיילען! אָט דאָס איז טאַקי די צרה מיט אונז, יונגוואַרג, וואָס מיר האָבען קיינמאָל קיין צייט ניט און האַפּען אָב דאָס גאַנצע ווערק.

שטעהענדיג ווי מען זאגט, על רגל אחת, טאקי אין איין אטהעם גישט אבגעשטעלט זיך אויף יעדען געדאנק, אויף יעדען ווארט בעזונדער, צו ארבייטען אונ פיילען, ווי איהר טהוט. איך ווייס ליעבער זיידע, איך פיהל עס, ווי נייטהיג עס איז געווען איבער־צולייטערען "סטעמפעניו׳ן" אין עטליכע וואסערען. אוודאי ביי אייך וואלט סטעמפעניו בעקומען גאר איין אנדער פנים; פון אייערע הענד וואלט ער ארויס אנדעריש, גאר אנדעריש; ביי אייך, זיידעניו, וואלט שוין דא געווען א "מעשה איבער א מעשה" א "מעשה אין א מעשה" אונ "די מעשה אליין".

"איך האב ליעב — זאגט איהר ווידער אין א בריעף —
אז חוץ דעם שיינעם פנים׳ל זאל אין א קארטינקע אויך זיין
לעבען, שכל אונ געדאנק, ווי אין א לעבעדיגען מענשען;
א קארטינקע בעדארף, חוץ שיינע מליצה, אויך מיך לאזען
עפיס הערען..."

אט דער סוד איז אבער ענטפלעקט נאר אייך אליין אונ ווייטער קיינעם ניט; בעשאפען בילדער וואס זאלען האבען אין זיך צווייגעשטאלטען, א רעכטע זייט מיט א לינקער זייט, איין איבערצייג מיט איין אונטערשלאג, אזוי אז אינ׳ם אפענעם זאל ליגען בעהאלטען א פערבארגענעס, א תוך־זאך — דערויף, זיידע לעבען, זענט איהר נור אליין דער איינציגער קינסטלער אין אונזער ליטעראטור. אונ ווער קאן זיך צו אייך גלייכען? מיר, יונגווארג, דאנקען גאט ווען די מעשה אליין קומט ביי אונז ארויס בשלום, אהן א מום, מיט אלע אברים פון א ליטעראריש בעשעפעניש.

געהמט־זשע אויף, ליעבהארציגער זיידע לעבען, די מתנה — מיין ערשטען יודישען ראמאן, ויהי רצון, אונ ס׳זאל זיין דער גוטער ווילען פון זיין ליעבען נאמען, אז מיין סטעמפעניו זאל געפינען לייטזעליג־קייט אין אייערע אויגען אונ איהר זאלט האבען נחת, ווי איהר ווינשט זיך אליין, פון אייער איבערגעבענעם איניקעל

קיעוו 1886. דעם מחבר.

נעמען פון די קאפּיטלעך:

		זייטע
I	סטעמפּעניו׳ס יחוס.	7
II	סטעמפּעניו מיט זיין „קאפּעליע“.	11
III	סטעמפּעניו׳ס הכנות.	13
IV	סטעמפּעניו׳ס פידעלע.	16
V	דאס ערשטע בעגעגעניש פון סטעמפּעניו׳ן מיט רחל׳ע.	19
VI	נאך דער „חופּה־וועטשערע“.	23
VII	רחל׳ע קאן ניט אנשלאפען ווערען.	26
VIII	צום „שלייער־ווארמעס“.	30
IX	רחל׳עס ביאגראפיע און חיה־עטעל׳ס ראמאן.	35
X	ווייטער אמאל רחל׳ע	42
XI	און ווידער אמאל רחל׳ע.	45
XII	רחל׳ע זינגט לידעלעך.	52
XIII	רחל׳ע האט שוין דאס גוטע בריוועל.	56
XIV	פון דער בת־מלכּה — צוריק צום בן־מלך.	61
XV	סטעמפּעניו פערשלייערט זיך נאר אומגערעכט.	65
XVI	שמשון הגבור ביי דלילה׳ן אויפ׳ן שוים.	71
XVII	סטעמפּעניו ריהרט נאך מיט איין אבר.	79
XVIII	סטעמפּעניו הויבט אן זיך איינצוליעבען.	82
XIX	א ביטש קארעלען ביי פריידעל סטעמפּעניו׳ס.	85
XX	נאך אמאל קארעלען.	89
XXI	א שווערע נאכט.	93
XXII	עס צינדט זיך אן א פייער.	103
XXIII	דאס פייער ברענט און ווערד באלד פערלאשען.	107
XXIV	רחל׳ע קעהרט זיך אום אויפ׳ן גלייכען וועג.	114
XXV	אין א יאהר ארום.	118
XXVI	סטעמפּעניו פערזוכט דעם אמת׳ען טעם פון גיהנם.	123

I.

סטעמפעניו׳ס יחוס.

סטעמפעניו — דאס איז א מין צונעמעניש וואס איז איהם איבערגעבליבען בירושה פון זיין טאטען; זיין טאטע, עליו השלום, איז געווען א כלי־זמר, האט געהייסען בעריל באס, אדער „בעריל סטעמפעניר", פון סטעמפעני. אזא דארף איינ׳ם געגענד פון מאזער־פעוויקע, געשפיעלט אויפ׳ן באס און איז אויך געווען א גוטער בדחן, א שיינער גראם־זאגער, א פערשלעפטע קרענק, האט זיך פערשטעלט אויף אלע חתונות פאר א בעטלער, איבערגעקעה׳ט די אויגען, געטאנצט ווי א בער, נאכגעמאכט ווי א יודיגע געהט צו קינד און שרייט: „באבעניו, איך שווער אייך ביי א פאר תפלין אז עס וועט מעהר אזוי נישט זיין!"... אדער געלאזט פלוצים א וואסער אין מיטען שמוב, אזוי אז אלע יודען האבען פערקאטשעט די פאלעס און די ווייבער אונטערגעהויבען די קליידלעך; אדער גאר אויפגעהאנגען א לונג־און־לעבער דער מחותנת׳טע אויפ׳ן פאטוך, און נאך אזעלכע אנשטעלען און קונצען לרוב.

כלי־זמרי איז ביי זיי געגאנגען בירושה פון א סך דורות: בעריל באס, אדער בעריל סטעמפעניר, ווי מיר ווייסען שוין, האט געשפיעלט אויפ׳ן באס; בערילס טאטע, ר׳ שמואליק טראמייט, האט געשפיעלט אויפ׳ן טראמייט, זיין זיידע, ר׳ פייבוש צימבלער, האט געשפיעלט אויפ׳ן צימבעל און זיין עלטער־זיידע ר׳ אפרים פאיאל... הכלל, סטעמפעניו קומט ארויס פון כלי־זמרים ביז צעהן דורות — און ער שעמט זיך דווקא נית דערמיט, ווי ביי יודען, אוועשען אונז רעדענדיג, שעמט זיך דער בעל־מלאכה מיט זיין גראד; און עס איז גאר קיין

חִדוּשׁ נִיט: אַזאַ נָאמֶען, וִוי סְטֶעפְּמֶעגִיו הָאט גֶעהַאט אִין מַאזֶעפֶּעווְקֶע, אַזאַ שֵׁם וִוי עֶר הָאט זִיךְ גֶעקוֹיפְט אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט כִּמְעַט, אִיז נִיט קֵיין קְלֵיינִיגְקֵייט, אַ וֶוערְטֶעלֶע אוֹיסְצוּרֶעדֶען — סְטֶעמְפֶּעגִיו!

אַ זְכִיָה אִיז גֶעוֶוען אוּמֶעדוּם בַּיי יוּדֶען, אַז מֶען הָאט גֶעהָארְכְט נִיסִי בֶּעלְזֶער זִינְגֶען, גַדִיק בַּדְחָן—זָאגֶען אוּן סְטֶעמְפֶּעגִיו'ן—שְׁפִּיעלֶען, דֶערְפוּן קָאנְט אִיהר זִיךְ שׁוֹין מֶעלְדֶען אַז סְטֶעמְפֶּעגִיו אִיז נִיט גֶעוֶוען קֵיין פְּשׁוּטֶ'ער כְּלֵי־זֶמֶר, קֵיין אַבִּי־וֶוער, אוּן מִסְתָּמָא הָאט עֶר זִיךְ פֶּערְדִיעֶנְט אַזאַ שֵׁם צְווִישֶׁען אַלֶע גְרוֹיסֶע נִישְׁט אוּמְזִיסְט. יוּדֶען הָאבֶּען לִיעבּ מוּזִיק אוּן פֶּערְשְׁטֶעהֶען נְגִינָה — דָאס וֶועלֶען אוּנְזֶערֶע שׂוֹנְאִים אוֹיךְ נִיט אָבְּלֵייקֶענֶען, אוּן דֵּהַם, אַז מֶען וִויל שְׁמִיעסֶען צוּרִיק, קוּמְט דָאךְ דֶעם יוּדֶען אוּים צוּ הֶערֶען מוּזִיק עֶפִּיס נִיט אַזוֹי אָפְּט, דֶען וָואס אִיז מִיט אוּנְז אַזוֹי דִי שִׂמְחָה מִיר זָאלֶען זִיךְ פְּלוּצִים פֶּערְגֶעסֶען מִיט שְׁפִּיעלֶען אָדֶער טַאנְצֶען? דָאךְ, אִיהר מֶעגְט אַייךְ זָאגֶען וָואס אִיהר ווִילְט, זֶענֶען מִיר פָּארְט מְבִינִים, שַׁארְפֶע מְבִינִים הֶן אוֹיף זִינְגֶען, הֶן אוֹיף שְׁפִּיעלֶען, הֶן אוֹיף אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכֶען; צוּ אוּנְז אַז עֶס קוּמְט אַרָאפּ אַ הַזָן, לוֹיפֶען מִיר אוֹיף אוֹיף בִּילְיעטֶען אִיהם הֶערֶען, אוּן כְּלֵי־זֶמֶר אוֹיף אַ חֲתוּנָה אִיז דָאךְ אַ וַדַאי בַּיי אוּנְז אַ חִיוּב, הֶערֶען ווִי דִי „קַאפֶּעלִיֶע" שְׁפִּיעלְט אַ „שְׁטִיקֶעל" צוּ דֶער גִילְדֶערְנֶער יוֹיךְ, גֶעוֶועהְנְלִיךְ נִישְׁט קֵיין פְרֵיילִיכְס (אַ פְרֵעהלִיכְס אוֹיף שְׁפֶּעטֶער) — דֶערְפַאר וֶועלֶען מִיר אַוֶועקְגֶעבֶּען אַ זַאך בָּארְשְׁטְשׁ, דֶער עוֹלָם זִיצְט מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ־אֶרֶץ אוּן דִי כְּלֵי־זֶמֶר שְׁפִּיעלֶען אַיין אוּמוּטִיגְס, אַ „מָארַאלְנֶע", אַ וֵוייגֶענְדִיגְס; דָאס פִידֶעלֶע וֵויינְט, פֶערְגֵעהט זִיךְ אוֹיף דֶער גְרָאבֶּער סְטְרוּנֶע אוּן דִי אִיבֶּערִיגֶע חֶבְרָה הַאלְט אִיהם אוּנְטֶער אוֹיךְ גַאנְץ טְרוֹיעֶרִיג, עֶס פַאלְט אָן אוֹיפ'ן עוֹלָם אַ שְׁטִיקֶעל מָרָה־שְׁחוֹרָה אוּן יֶעדֶער וֶוערְט וִוי פֶערְזָארְגְט, אֲפִילוּ גַאנְץ אַנְגֶעגֶעהם, נָאר פֶערְזָארְגְט: יֶעדֶער פֶערְטְרַאכְט זִיךְ, לָאזְט אַרָאפּ דִי נָאז, אוּן רַייבֶּענְדִיג מִיטְ'ן פִינְגֶער אִין טֶעלֶער, אָדֶער קְנֶעטֶענְדִיג קֵייקֶעלֶעךְ פוּן דֶער פְרִישֶׁער חַלָה, פֶערְטִיעפְט זִיךְ יֶעדֶער אִין זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען אִין זַיינֶע טְרוֹיעֶרִיגֶע גֶעדַאנְקֶען, דֶען יֶעדֶער הָאט זִיךְ מִסְתָּמָא זַיין זָארְג, אוּן קֵיין צָרוֹת

דאַרְף אַ יוּד נִיט גֶעהן לַייהֶען. אוּנ אַזוֹי וֶוערְט צוּנוֹיפְגֶענָאסֶען דָאס אוּמוּטְהִיגֶע שְׁפִּיעלֶען מִיט דִי טְרוֹיעֶרִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת אִין אֵייגֶעם, אוּנ יֶעדֶער קְרֶעכְץ פוּנְ'ם פִידֶעלֶע „טְיאַךְ־טְיאַךְ־טְיאַךְ" רוּפְט זִיךְ אָפּ בַּיי דִי חֲתוּנָה־לַייט אִין הַארְצֶען אוּנ גֶעפִינְט דָארְט אַ ווִידֶער־קוֹל. דָאס הַארְץ בִּכְלָל אוּנ דָאס יוּדִישֶׁע הַארְץ בִּפְרַט אִיז אַ פִידֶעלֶע: מֶען קְוֶועטְשְׁט דִי סְטְרוּנֶעס אוּנ מֶען צִיהט פוּן דֶעם אַרוֹיס מֶערְשִׁידֶענֶע אוּנ צוּ מֵיינְסְטֶען טְרוֹיעֶרִיגֶע, ווֵייגֶענְדִיגֶע לִיעדֶער... מֶען דַארְף נָאר הָאבֶּען דֶערְצוּ אַ רֶעכְטֶען מוּזִיקַאנְט, אַ בְּרִיָה, אַ כְּלֵי־זֶמֶר, אַזַא בְּרִיָה ווִי סְטֶעמְפֶּענְיוּ אִיז גֶעוֶועזֶען.

אוֹי, אִיז סְטֶעמְפֶּענְיוּ גֶעוֶועזֶען אַ בְּרִיָה! עֶר פְלֶעגְט אַ חַאפּ טְהוּן דָאס פִידֶעלֶע אוּנ אַ פִיהר טְהוּן מִיטְ'ן סְמִיק, אֵיין פִיהר טְהוּן, נִישְׁט מֶעהר, פְלֶעגְט דָאס שׁוֹין אָנְהוֹיבֶּען בַּיי אִיהם צוּ רֶעדֶען; אָבֶּער ווִי אַזוֹי מֵיינְט אִיהר רֶעדֶען? טַאקִי מִיט וֶוערְטֶער, מִיט אַ צוּנְג, ווִי, לְהַבְדִיל, אַ לֶעבֶּעדִיגֶער מֶענְשׁ; רֶעדֶען, טַעֲנָה'ן, זִינְגֶען מִיט אַ גֶעוֵויין, אוֹיפְ'ן יוּדִישֶׁען שְׁטֵייגֶער, מִיט אַ גְווַאלְדֶערְנִישׁ, מִיט אֵיין אוֹיסְגֶעשְׁרֵיי פוּנְ'ם טִיעפֶען הַארְצֶען, פוּן דֶער נְשָׁמָה. דֶעם קָאפּ פְלֶעגְט סְטֶעמְפֶּענְיוּ פֶערְווַארְפֶען אוֹיף אַ זַייט, דִי לַאנְגֶע שְׁווַארְצֶע פַּאטְלֶע הָאט עֶר צֶעוָוארְפֶען אוֹיף זַיינֶע בְּרֵייטֶע אַכְסְלֶען, דִי אוֹיגֶען, דִי שְׁווַארְצֶע בְּרֶעגֶענְדִיגֶע אוֹיגֶען, פֶערְרִיסֶען אַרוֹיף, אוּנ דָאס שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע פָּנִים פְלֶעגְט בַּיי אִיהם וֶוערֶען מִיט אַמָאל בְּלֵייךְ, ווִי דֶער טוֹידְט; אָט נָאךְ אֵיין מִינוּט — אוֹיס סְטֶעמְפֶּענְיוּ! מֶען זֶעהט נָאר, ווִי אַ הַאנְד פְלִיהט אַרוֹיף אוּנ אַרָאפּ, אַרוֹיף אוּנ אַרָאפּ, אוּנ עֶס הֶערֶען זִיךְ פֶערְשִׁיעדֶענֶע קוֹלוֹת אוּנ עֶס גִיסֶען זִיךְ אַלֶערְלֵיי מִינֵי גֶעזַאנְגֶען, אוּנ אַלֶץ אַזֶעלְכֶע אוּמוּטְהִיגֶע, טְרוֹיעֶרִיגֶע, אַז עֶס נֶעמְט אָן בַּיים הַארְצֶען, עֶס צִיהט בַּיי דֶער נְשָׁמָה, עֶס נֶעהמְט אַרוֹיס דָאס גֶעזוּנְד; דֶער עוֹלָם גֶעהט אוֹיס מִיט אֵלֶע כֹּחוֹת, מֶען שְׁטַארְבְּט, מֶען שְׁטַארְבְּט מִיט אַלֶע אֵבָרִים; דָאס הַארְץ וֶוערְט פוּל, צֶעווֵייקְט אוּנ עֶס שְׁטֶעלֶען זִיךְ טְרֶעהרֶען אִין דִי אוֹיגֶען. יוּדֶען זִיפְצֶען, יוּדֶען קְרֶעכְצֶען, יוּדֶען ווֵיינֶען, אוּנ סְטֶעמְפֶּענְיוּ? ווֶער סְטֶעמְפֶּענְיוּ? ווָאס סְטֶעמְפֶּענְיוּ? פְרֶעגְט אִיהם בְּחֵרֶם

וואו עֶר אִיז אִין דֶער וֶועלְט? עֶר טְהוּט זִיךְ זַיְנְגְס: „טְיאָךְ־טְיאָךְ־טְיאָךְ” — אוּנ גֶענוּג; אוּנ אַז עֶר הֶערְט אוֹיף צוּ שְׁפִּיעלֶען, טְהוּט עֶר אַ שְׁמִיץ דָאס פִּידֶעלֶע אוּנ נֶעמְט זִיךְ אָן בַּיים הַארְצֶען; דִי אוֹיגֶען בְּרֶענֶען אִיהם דֶעמָאלְט וִוי צְוֵויי הַבְדָלוֹת אוּנ זַיין שֵׁיין פָּנִים שַׁיינְט, וִוי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. דֶער עוֹלָם חַאפְּט זִיךְ אוֹיף וִוי פוּן אַ שְׁלָאף, פוּן אַ טְרוֹיעֶרִיגֶען נָאר אַ זִיסֶען שְׁלָאף, אוּנ אַלֶע יוּדֶען הֵייבֶּען אָן אַרוֹיסְצוּזָאגֶען זַייעֶר הִתְפַּעֲלוּת, אַלֶע אִין אֵיין קוֹל; מֶען אָבְּקֶעט, מֶען אָבְּקֶעט, מֶען לוֹיבְּט, מֶען שְׁמִיצֶערְט, מֶען וִוינְדֶערְט זִיךְ, מֶען קָאן זִיךְ גָאר נִיט אָפְּלוֹיבֶּען.

— נִגְנוּ, סְטֶעמְפֶּענְיוּ! אַי, סְטֶעמְפֶּענְיוּ!

אוּנ דִי וַוייבֶּער? פוּן דִי וַוייבֶּער אִיז גָאר גִישְׁט דָא וָואס צוּ רֶעדֶען; ס'אִיז אַ גְרוֹיסֶער סָפֵק אוֹיבּ עֶס וֶוערְט אִין שׁוּל עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר צוּ קְנֵייטְלֶעךְ לֵעגֶען פֶערְגָאסֶען אַזוֹי פִּיעל טְרֶעהְרֶען, וִויפִיעל טְרֶעהְרֶען עֶס פְלֶעגְט דָא אוֹיסְגֶעגָאסֶען וֶוערֶען בַּיי סְטֶעמְפֶּענְיוּ'ס „שְׁטִיקְלֶעךְ”; אוֹיף חָרְבַּן בֵּית הַמִקְדָשׁ דַארְף מֶען אַזוֹי פִּיעל נִיט וֵויינֶען, וִוי דִי וַוייבֶּער הָאבֶּען גֶעוֵויינְט בְּשַׁעַת סְטֶעמְפֶּענְיוּ'ס שְׁפִּיעלֶען.

— לָאז מִיךְ גָאט בֶּענְשֶׁען, אַז אוֹיף מַיין קְלֶענֶערֶער טָאכְטֶער'ס הֲתוּנָה זָאל אִיךְ קֶענֶען אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען סְטֶעמְפֶּענְיוּ'ן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!

אוֹיף אַזַא אוֹפָן הָאבֶּען זִיךְ גֶעוִוינְשֶׁעוֶועט דִי וַוייבֶּער, אוֹיסְגֶעווִישֶׁען זִיךְ דִי פֶערְשְׁוָואלֶענֶע רוֹיטֶע אוֹיגֶען אוּנ אוֹיסְגֶעשְׁנַייצְט זִיךְ דָאס אִיבֶּערִיגֶע בִּיסֶעל נָאז, אוּנ דֶערְנָאכְדֶעם, בְּשַׁעַת וִוינְשֶׁעוֶוען, הָאבֶּען זַייעֶרֶע הֶעלְזֶער פֶערֶעל מִיט דִי גִילְדֶענֶע אוֹיהְרִינְגְלֶעךְ, מִיט דִי פִּינְגֶערְלֶעךְ, מִיט דִי בְּרָאשֶׁען, גָארְגֶעל־קִייטֶען אוּנ מִיט'ן אִיבֶּערִיגֶען יוֹדִישֶׁען צִיהְרוּנְג גֶעשַׁיינְט אוּנ גֶעבְּלִישְׁטְשֶׁעט אוּנ גֶעפִינְקֶעלְט מִיט פַייעֶר.

אוּנ וֶוער שְׁמִיעֶסְט דִי מֵיידְלֶעךְ, דִי „מַאמְזֶעלֶען”, דִי זֶענֶען גָאר גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵעהֶען צוּגֶעקָאוֶועט צוּ זַייעֶרֶע עֶרְטֶער, וִוי דִי טָאקֶען, גֶעקוּקְט אוֹיף סְטֶעמְפֶּענְיוּ'ן מִיט זַיין פִּידֶעלֶע, נִישְׁט גֶערִיהְרְט מִיט קֵיין אֵבֶר, נִישְׁט גֶעפִינְטֶעלְט מִיט קֵיין אוֹיג; נָאר וואו נִיט וואו, דָארְט עֶרְגֶעץ אוֹיף יֶענֶער זַייט קָארְסֶעט קְלַאפְּט דָאס הֶערְצֶעל: טִיק־טִיק־

טִיק, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיס אָפְּטְלִיךְ פוּן דָארְט אַ פֶערְבָּארְגֶענֶער זִיפְץ...

II.

סְטֶעמְפֶּענְיוּ מִיט זַיין „קַאפֶּעלִיֶע“.

דֶעם רַעַשׁ וָואס סְטֶעמְפֶּענְיוּ הָאט אָנְגֶעמַאכְט, גֶעקוּמֶען עֶרְגֶעץ אִין אַ שְׁטֶעדְטֶעל מִיט זַיין קַאפֶּעלִיֶע (אָרְקֶעסְטֶער), אוּן דָאס קַאכֶענִישׁ, וָואס עֶס הָאט זִיךְ בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה גֶעקָאכְט, אִיז גָאר נִיט צוּ בֶּעשְׁרַייבֶּען.

— שַׁאט, אֶן שְׁנַיידְט זִיךְ עֶפִּיס אַ בּוֹיד פוּן אוּנְטֶער דִי מִיהְלֶענִי מִיט פִיעֶר פֶּערְד; דָאס זֶענֶען אַוַדַאי דִי מְחוּתָּנִים, הַא?

— נֵיין, דָאס זֶענֶען דִי כְּלֵי־זֶמֶר, דָאס פָאהְרְט סְטֶעמְפֶּענְיוּ מִיט זַיין קָאמְפַּאנִיֶע.

אַ? סְטֶעמְפֶּענְיוּ? סְטֶעמְפֶּענְיוּ אִיז שׁוֹין דָא? אָט דָאס וֶועט עֶס זַיין אַ פְרֵעהְלִיכֶע חֲתוּנָה בַּיי חַיִים־בֶּנְצִיוֹן גְלָאק, אַ מַכָּה אִיהם!

יוּדִישֶׁע וַוייבְּלֶעךְ וֶוערֶען רוֹיטְלִיךְ; דִי יוּדִישֶׁע מֵידְלֶעךְ הַאפֶּען זִיךְ צוּ פֶּערְקֶעמֶען אוּן פֶּערְפְלֶעכְטֶען דִי לַאנְגֶע צֶעפּ; יוּנְגְלֶעךְ פֶּערְקַאטְשֶׁען דִי הוֹיזְלֶעךְ אַרִיבֶּער דִי פוּלְקֶעס, אוּן מֶען לוֹיפְט מְקַבֵּל פָּנִים זַיין סְטֶעמְפֶּענְיוּ׳ן, אוּן אַפִילוּ יוּדֶען, בֶּעוַוייבְּטֶע יוּדֶען, שׁוֹין מִיט בֶּערְד, בֶּעוַוייזֶען אוֹיךְ מִיט אַ שְׁמֵייכֶעלֶע, אַז עֶס טְהוּט זֵיי וִוילְד הֲנָאָה, וָואס סְטֶעמְפֶּענְיוּ אִיז גֶעקוּמֶען שְׁפִּיעלֶען דִי חֲתוּנָה צוּ חַיִים־בֶּנְצִיוֹן גְלָאק; מְהֵיכָא־תֵּיתֵי, וָואס אַרְט דָאס זֵיי? עֶס קָאסְט זֵיי גֶעלְד?

בִּיז דִי בּוֹיד פָּאהְרְט צוּ צוּ דֶער אַכְסַנְיָה וֶוערְד דֶערְוַוייל דִי גַאס פוּל מִיט מֶענְשֶׁען; יֶעדֶער אִיז נַייגִיעֶרִיג אַ קוּק טְהוּן אוֹיף סְטֶעמְפֶּענְיוּ׳ן מִיט זַיין קָאמְפַּאנִיע אוּן שְׁטֶעלְט זִיךְ אָב אוֹיף אַ רֶגַע׳לֶע.

— זֶעה נָאר, וִוי מֶען שְׁפַּארְט זִיךְ! שְׁרַייעְט יֶעדֶער בֶּעזוּנְדֶער, אוּן שְׁפַּארְט זִיךְ אַרוֹיס צוּם אוֹיבֶּען אָן, וִוי דֶער שְׁטַייגֶער אִיז בַּיי יוּדֶען

— זֶעה נָאר זֶעה, וִוי עֶר אַרְבֵּייט מִיט דִי עֶלֶענְבּוֹיגֶענִים אוּן וִויל דַוְקָא זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער! וָואס הָאט אִיהר דָא נִיט גֶעזֶעהֶען? כְּלֵי־זֶמֶר וִוי אַלֶע כְּלֵי־זֶמֶר!

אזוי טענה'ט איטליכער גאסט פאר זיך און שטופט זיך ארויס צו דער בויד, פון וועלכער די חברה כלי־זמר הויבען זיך אן ארויסצוריקען איינציגווייז.

פריהער פון אלע קריכט ארויס ר' יאקעל קאנטרבאס (וואס שפיעלט אויפ'ן קאנטרבאס), א בייזער יוד מיט א צעפלעצטער נאז און מיט שטיקלעך וואטע אין די אויערען; נאך איהם ריקט זיך ר' לייביש מיט'ן קלארנעט, א שלעפעריג יודעל מיט א פאר גראבע ליפען; שפעטער בעוויזט זיך חייקעל הארבעטיש, דער געוויסער חייקעל בדחן מיט הארב; שפעטער — א שווארצער קאלטענוואסער יוד, שרעקליך בעוואקסען, כמעט ווי א ווילדער מענש פון די מדבריות, מיט אזעלכע לאנגע ברעמען, אז עס פאלט אן א פחד, דאס איז ר' שניאור־מאיר דער אונטערהאלטער (סעקונדע); נאך איהם שפרינגען ארויס א צוויי דריי יונגען, משונה־ווילדע פערזעהעניש'ען מיט פערשוואלענע באקען, אונטערגעשלאגענע אויגען מיט שרעקליכע ציינער, ווי די לאפעטעס; דאס זענען חברה לערעניונגלעך, וואס ארבייטען נאך דערווייל אומזוסט און שפעטער, מיט דער צייט, קאן פון זיי ארויס לייטישע כלי־זמר; — און גאר צו לעצט קאטשעט זיך ארויס מיט קרומע אויסגעבויגענע פיסלעך, דער געלער מעכטשי פייקלער מיט א באראבאן, וואס איז גרעסער פון מעכטשי'ן א גוזמא; ביי מעכטשי'ן הויבט זיך אן אויסצושיטען א בערדיל, א געל בערדיל, נאר אויף איין זייט פנים, אין דער רעכטער זייט; און די אנדערע זייט, די לינקע זייט פנים, איז נאקעט, הויל ווי א סטעפ; ער, מעכטשי פייקלער, מוזט איהר וויסען זיין, האט חתונה געהאט צו דרייסיג יאהר און האט גענומען, ווי מען שמועסט א ווייב איין אנדרוגינוס... ווייסע חברה'ניקעס שווייגען ניט מסתמא, אז סטעמפעניו קומט אן מיט זיין קאפעליע, יעדעס מאל פערגנב'ט זיך א חדר יונגעל און טהוט א זעץ אין באראבאן, אדער א ציה די גראבע סטרונע פונ'ם קאנטרבאס, דער חברה מאן בעקומט א שנייד אין האלז און נאקען פון ר' יאקעל קאנטרבאס דעם בייזען, און די גאס הויבט אן ביסלעכווייז צו רודערען און צו קאכען, דען דער חתן איז שוין

אויף אריינגעפאהרען אין שטאדט אריין מיט א האלבע מאה בחורים, וואס זיינען ארויסגעפאהרען א־קעגען דעם חתן ביז פון יענער זייט מיהלען — והעיר יאמפעלי און דאס שטעדטעל יאמפעלי צהלה ושמחה — קלינגט און פרעהט זיך גאר אויף איין אנדער אופן...

אזוי איז אין יאמפעלי, אזוי איז אין סטריסטש, אזוי איז אין אלע שטעדטלעך, וועלכע האבען א זכיה אראבצוברענגען סטעמפעניו'ן אויף א חתונה, און אזוי איז אויך דא, אין מאזעפעווקע, הכלל, עס קאכט מיט סטעמפעניו'ן די גאנצע וועלט!

III.

סטעמפעניו'ס הבנות.

וואס איז אין מאזעפעווקע אזוי גרויס די שמחה?

ר' חיים־בנציון גלאק מאכט חתונה די קלענערע טאכטער, די מיזיניקע רבקה'לע, נו, פאר וואס זשע זאל מען זיך ניט משמח זיין מיט איהם? עס איז כדאי צו זיין אויף אזא חתונה: פארט ווי זאגט מען, א נגיד אין שטעדטעל, אלע וועלען זיין אויף דער חתונה: ווער פאר גוט פריינדשאפט, ווער פאר קנאה, ווער פון יוצא וועגען, און ווער צו בעווייזען דעם ווייב'ס פערעל, די אהרינגלעך, אדער די נייע גארגעל־קיים, וואס ער האט געבראכט דעם ווייב פונ'ם יריד, און נאך מעהר צוליעב — סטעמפעניו'ן. הכלל, אלע זענען דא אויף דער חתונה! גאנץ מאזעפעווקע פרעהט זיך ביי חיים־בנציון גלאק אויף רבקה'לעס חתונה! און ווער שמועסט אייזיק־נפתלי מיט'ן ווייב און מיט די קינדער א ודאי, דען אייזיק־נפתלי איז חיים־בנציון גלאק'ס א שותף אין קלייט, א שותף אין דער מיהל, און דערצו א שטיקל קרוב אויך, סע הייסט אייזיק־נפתלי'ס ווייב קערט זיך אן א שטיקעל אייגענע מיט דער מחותנת'טע עפים א שטיקעל שני בשלישי פון דער מאמעס צד.

דעריבער דרעהט זיך ארום אייזיק־נפתלי'ס ווייב, דוואסי מלכה, אויסגעשלייערט, ווי איין אמת'ע מחותנת'טע, זי דרעהט זיך ארום און

טְהוּט גָאר נִיט, נָאר זִי מַאכְט מִיט דִי הֶענְט אוּנ שְׁרַייט אוּנ פּוּלְדֶערְט גְלַייךְ וִוי זִי טְהוּט עֶפִּיס: אוּנ דְוָואסִי מַלְכָּה'ס שְׁנִיר, רָחֶל'ע דִי שֵׁיינֶע, שְׁטֶעהט גֶעבֶּען דֶער כַּלָה אוֹיסְגֶעצְוִויקֶעלְט, וִוי אַ בַּת מַלְכָּה, אוּנ אִיהרֶע גְרוֹיסֶע בְּלוֹיע אוֹיגֶען שַׁיינֶען וִוי צְווַיי גְרוֹיסֶע בְּרִילְיאַנְטֶען, אוּנ אִיהרֶע, רוֹיטֶע בֶּעקְלֶעךְ שְׁפִּיעלֶען אִיהר, וִוי צְווַיי בְּלִיהֶענְדֶע רוֹיזֶען. מִיט אֵיין הַאנְט הַאלְט זִי דֶער כַּלָה'ס צֶעלַאזְטֶע הָאר, וָואס דִי ווַייבֶּער הָאבֶּען אִיהר צֶעפְּלַאכְטֶען פַאר'ן "בֶּעדֶעקֶענְס" מִיט גְרוֹיס גֶעוויין, אוּנ מִיט דֶער אַנְדֶערֶער הַאנְט גְלֶעט זִי זִיךְ אִיהר ווַייסֶען הַאלְז, נָאר נִישְׁט צוּ בֶּעטֶעקֶען, וִוי אַ פָּאר שְׁוַוארְצֶע בְּרֶענֶענְדִיגֶע אוֹיגֶען קוּקֶען אוֹיף אִיהר דִי גַאנְצֶע צַייט גְלַייךְ אָהן אֵיין אוֹיפְהֶער... דִי סַארְוֶוערְם מִיט דִי סַארְוֶוערְקֶעס לוֹיפֶען אַרוּם וִוי דִי פֶערְסַמְטֶע מַייז, דִי מְחוּתָּנִים לִיאַרְמֶען: אוֹי גְוַואלְד! שׁוֹין צַייט צוּ בֶּעדֶעקֶען דִי כַּלָה! בִּיז וַואנֶען אִיז דֶער שִׁעוּר צוּ מוּטְשֶׁען דִי קִינְדֶער, וָואס פַאסְטֶען גֶעבַּאךְ אַזָא זוּמֶער טָאג!.. אַלֶע שְׁרַייֶען: שׁוֹין צַייט! שׁוֹין צַייט! — נָאר טְהוּן טְהוּט מֶען גָאר נִיט. אַייזִיק־נַפְתָּלִי דְרֶעהט זִיךְ אַרוּם מִיט אַ סַאמֶעטֶען קַאשְׁקֶעטֶעל, דִי הֶענְט פֶערְלֶעגְט אַרוּנְטֶער, וִוי אַ מַגִיד, אוּנ דְוָואסִי מַלְכָּה פּוּלְדֶערְט אוֹיף כּוֹלֵי קוֹלוֹת; דִי אִיבֶּערִיגֶע מְחוּתָּנִים פוּן בֵּיידֶע צְדָדִים לוֹיפֶען אֵייגֶער אִיבֶּער'ן אַנְדֶערֶען מִיט דִי הֶענְט אוֹיף־צוּ־פְּרִיהר, גְלַייךְ וִוי זֵיי וָואלְטֶען עֶפִּיס גֶעוָואלְט טְהוּן אַזֶעלְכֶעס, נָאר מֶען גִיט זֵיי קֵיין אַרְבֵּייט נִיט.

— נוּ, פַאר וָואס טְהוּט מֶען שׁוֹין עֶפִּיס נִיט? פְרֶעגְט חָתָן'ס צַד.

— פַאר וָואס הוֹיבְּט מֶען שׁוֹין עֶפִּיס נִיט אָהן צוּ טְהוּן? עֶנְטְפֶערְט כַּלָה'ס צַד.

— הָאסְט דוּ גֶעזֶעהן, מֶען זָאל הַאלְטֶען אַזוֹי לַאנְג הוּנְגֶערִיגֶע קִינְדֶער? שְׁרַייט חָתָן'ס צַד.

— הָאסְט דוּ גֶעהֶערְט, מֶען זָאל אַזוֹי לַאנְג הַאלְטֶען הוּנְגֶערִיגֶע קִינְדֶער? שְׁרַייט כַּלָה'ס צַד.

— וָואס לוֹיפְט מֶען אַרוּם הִין אוּנ צוּרִיק?

— וָואס אִיז פַאר אַ לוֹיפֶען וָואס מֶען לוֹיפְט?

— אלע לויפען, אלע פולדערען און מען שטעהט אויף איין ארט, — שיינע פאראדקעס!

— אבי מען לויפט און מען פולדערט און טהון וויל קיינער פוי דאנען אהין.

— טאמער וואלט שוין גענוג געווען צו רעדען? שוין צייט עפיס טהון! עס מוז דאך אמאל האבען איין עק!

— נו, גענוג שוין רעדען! לאז מען שוין אנהויבען טהון! איין עס לאז דאס האבען!

— וואו זענען די כלי־זמר? פרעגט חתנ'ס צד.

— די כלי־זמר וואו זענען? ענטפערט כלה'ס צד.

און די כלי־זמר זענען זיך פערנומען מיט זייער ארבייט: מען שמירט די סמיטשקעס, מען שטעלט אן די כלים, ר' יאקעל באס טראגט א יונגעל פאר איין אויער און טהיילט איהם איין שטילערהייט: הער ממזר, איך וועל דיר ווייזען ווי אזוי צו ציהען סטרונעס! מעכטשי פייקלער קראצט זיך דאס בעוואקסענע האלבע פנים, נישט קוקענדיג אויף קיינעם; ר' חייקעל בדחן רעדט מיט א בעקאנטען מלמד, נעמט ביי איהם א שמעק טאביק מיט צוויי פינגער און שיט ווערטלעך, ווי פון א זאק, און די איבריגע כלי־זמר, די פארשוואלענע יונגען מיט די גרויסע צעהן, ווי די לאפעטעס שטעהען ארום סטעמפעני'ן און שמועסען זיך מיט איהם אויס אויף זייער לשון וועגען א וויכטיגען ענין.

— ווער איז אט די דאזיגע שעבטע [1]) וואס שטעהט נעבען דער סמיסאנקע [2])? פרעגט סטעמפעניו אויף כלי־זמר לשון, אנווייזענדיג מיט די אויגען אויף רחל'ע דער שיינער. גיי נאר, ירחמיאל, זאגט ער צו איינעם פון די געשוואלענע כלי־זמר יונגען, גיי נאר און פראבע אוים [3]) מהטאם [4]), אבער חידקע [5]), ירחמיאל חידקע!

ירחמיאל קומט גיך צוריק מיט א קלארער תשובה:

— דאס איז ניט קיין שעבטעל [6]) דאס איז שוין א יאלדאווקע [7])

---

[1]) שעבטע — נקבה. [2]) סמיסאנקע — כלה. [3]) פראבע אוים — ווער געוואהר. [4]) מהטאם — ווער איז זי. [5]) חידקע — געשווינד. [6]) שעבטעל —

דָאס אִיז אַייזִיק־נַפְתָּלִי'ס שְׁנוּר, פוּן יֶעהוּפֶּעץ אִיז זִי, אוּנ אָט דָאס אִיז אִידְר יָאלְד [8] — זֶעהט אִיהר? אָט דְרֶעהט עֶר זִיךְ אַרוּם מִיט אַ סַאַ־מֶעטֶענֶער קַאטֶערוּכֶע [9].

— דִי כַּפָּרָה זָאלְסְט דוּ וֶוערֶען, יְרַחְמִיאֵל! זָאגְט סְטֶעמְפֶּעֶנְיוּ גַאנְץ אוֹיפְגֶעלֶעגְט: אַזוֹי גִיךְ בִּיזְט דוּ גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען? עֶ, זִי אִיז דָאךְ טַאקִי גָאר אַ קְלִיוֶועע [10] יַאלְדָאוּוֶקֶע! זֶעה נָאר, זֶעה, וִוי זִי מַאטְרֶעט [11] מִיט דִי זִיקְרֶעס [12]!

— אוֹיבּ אִיהר ווִילְט, פְרֶעגְט יְרַחְמִיאֵל דֶער פֶערְשְׁוָואלֶענֶער בַּיי סְטֶעמְפֶּעֶנְיוּ'ן, אוֹיבּ אִיהר ווִילְט, וֶועל אִיךְ גֶעהן מִיט אִיהר טִירֶען [13]...

— לִיג אִין דֶער עֶרְד! עֶנְטְפֶערְט אִיהם סְטֶעמְפֶּעֶנְיוּ: מֶען בֶּעט דִיךְ נִיט פַאר קֵיי שִׁילָאטֶען שַׁמָשׁ, אִיךְ וֶועל אַלֵיין טִירֶען מִיט צוּוֶענִיכֶע [14].

— אַ נוּ וַוארְף נָאר אַרוֹיס פוּן דֶער פִידֶעל אַ פָּאר שְׁוַוארְצֶע אוֹיגֶען! — רוּפְט זִיךְ אָן שְׁנֵיאוּר מֵאִיר אוֹיף זַייעֶר לָשׁוֹן — שְׁלֶעפּ נָאר אַרוֹיס פוּן דֶער פִידֶעל יוּדִישֶׁע קִישְׁקֶעס!..

סְטֶעמְפֶּעֶנְיוּ נֶעמְט זִיךְ צוּם פִידֶעלֶע, טְהוּט אַ ווִינְק צוּ דֶער חֶבְרָה אוּנ מֶע נֶעמְט זִיךְ אָנְשְׁטֶעלֶען דִי כֵּלִים.

IV.

סְטֶעמְפֶּעֶנְיוּ'ס פִידֶעלֶע.

בְּקִיצוּר, גָאט הָאט גֶעהָאלְפֶען, אוּנ סְטֶעמְפֶּעֶנְיוּ הָאט זִיךְ גֶענוּ־מֶען בֶּעזֶעצֶען דִי כַּלָה.

אַךְ, אִיךְ פִיהל אַז מַיין פֶעדֶער אִיז שְׁוַואךְ צוּ בֶּעשְׁרַייבֶּען, וִוי אַזוֹי סְטֶעמְפֶּעֶנְיוּ הָאט בֶּעזֶעצְט אַ כַּלָה! דָאס אִיז נִיט גֶעוֶוען גְלַאט אַזוֹי גֶעשְׁפִּיעלְט, גֶערוּמְפֶּעלְט, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ מִין „עֲבוֹדָה", אַ גָאטְ'ס דִיעֶנְסְט מִיט עֶפִּיס זֶעהר אַ הוֹיכֶען גֶעפִיהל, מִיט עֶפִּיס זֶעהר אַיין עֶדְלֶען

מֵיידֶעל. — [7] יַאלְדָאוּוֶקֶע — וַוייבֶּעל. [8] יָאלְד — מַאן. [9] קַאטֶערוּכֶע — הִיטֶעל. [10] קְלִיוֶועע — שֵׁעגֶע. [11] מַאטְרֶעט — קוּקְט. [12] זִיקְרֶעס — אוֹיגֶען. [13] טִירֶען — שְׁטוּעֶסֶען. [14] מִיט צוּוֶענִיכֶע — מִיט דֶער דָאזִיגֶער.

גֵייסְט! סְטֶעמְפֶּענְיוּ הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אַ קֶעגֶען דֶער כַּלָּה אוּנ הָאט אִיהר גֶעהַאלְטֶען אַ דְרָשָׁה אוֹיפְ'ן פִּידֶעל, — אַ שֵׁיינֶע אַ לַאנְגֶע דְרָשָׁה, אַ רִיהְרֶענְדֶע דְרָשָׁה אִיבֶּער דֶעם פְּרַיי אוּנ גְלִיקְלִיךְ לֶעבֶּען פוּן דֶער כַּלָּה בִּיז אַהֶער, פוּן אִיהר מֵיידֶעל־שְׁטַאנְד, אוּנ אִיבֶּער דֶעם פִינְסְטֶערֶען בִּיטֶערֶען לֶעבֶּען וָואס עֶרְוַוארְטֶעט אִיהר אוֹיף שְׁפֶּעטֶער, שְׁפֶּעטֶער — אוֹים מֵיידֶעל! אִיבֶּערְגֶעדֶעקְט דֶעם קָאפּ, פֶערְשְׁטֶעלְט דִי שֵׁיינֶע לַאנְגֶע הָאר אוֹיף אֵייבִּיג... נִיטָא דָאס פְרֵעהלִיכְקֵייט! זַיי גֶעזוּנְד, יוּגֶענְד, אַט וֶוערְסְט דוּ אַ יוּדִינֶע!... עֶפִּיס זֵעהר נִישְׁט פְרֵעהלִיךְ, נָאט זָאל נִישְׁט שְׁטְרָאפֶען פַאר דִי רֵייד!...

אָט אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער הֶערֶען זִיךְ כִּמְעַט אַרוֹים פוּן סְטֶעמְפֶּענְיוּ'ס פִּידֶעלֶע; אַלֶע וַוייבֶּער פֶערְשְׁטֵעהֶען גוּט דֶעם פְּשַׁט פוּן דֶער דָאזִיגֶער שְׁטוּמֶער דְרָשָׁה, אַלֶע וַוייבֶּער פִיהלֶען עֶס; זַיי פִיהלֶען דָאס, אוּנ וַויי־נֶען דֶערוֹיף מִיט בִּיטֶערֶע טְרֶעהרֶען.

— וִוי לַאנְג בִּין אִיךְ אַזוֹי גֶעזֶעסֶען — קְלֶעהְרְט זִיךְ אַ יוּנְג וַוייבֶּעל, שְׁלִינְגֶענְדִיג דִי טְרֶעהרֶען — וִוי לַאנְג בִּין אִיךְ אַזוֹי גֶעזֶעסֶען מִיט צֶעלָאזְטֶע צֶעפְּלָאכְטֶענֶע צֶעפּ אוּנ הָאבּ נָאר גֶעמֵיינְט אַז מַלְאָכִים שְׁפִּיעלֶען זִיךְ נָאר מִיט מִיר, אַז אִיךְ בִּין אֵיינֶע אַ גְלִיקְלִיכֶע? צוּם סוֹף... אַךְ, צוּם סוֹף!...

— בֶּעסֶער אִיהר גָאט — טְהוּט בֶּעטֶען אַיין אַלְטֶע יוּדִינֶע, אַ מוּטֶער פוּן דֶערְוַואקְסֶענֶע טֶעכְטֶער — בֶּעסֶער אִיהר, גָאט, מַיין עֶלְטֶע־רֶער טָאכְטֶער אִיהר זִיווּג אִין גִיבֶען, נָאר מִיט מֶעהר מַזָל וִוי מִיר, נָאר מִיט אַ שֶׁענֶערֶע דָאלְיֶע, וִוי אִיךְ הָאבּ בַּיי מַיין מַאן, גָאט זָאל מִיךְ נִיט שְׁטְרָאפֶען פַאר דִי רֵייד...

אָט אִין אַ זֶעלְכֶע מַחֲשָׁבוֹת פַאלֶען אַרַיין דִי וַוייבֶּער אוּנ סְטֶעמְ־פֶּענְיוּ טְהוּט זִיךְ זַיינְס: עֶר אַרְבֵּייט מִיט אַלֶע כֵּלִים אוּנ דָאס פִידֶעלֶע רֶעדְט. דָאס שְׁפִּיעלְט סְטֶעמְפֶּענְיוּ אַ וַויינֶענְדִיגְס אוּנ דִי קַאפֶּעלְיֶע הַאלְט אִיהם אוּנְטֶער, עֶס וֶוערְד שְׁטִיל, אוֹים לִיאַרְם, אוֹים גֶעפִּילְדֶער; אַלֶע — אַלֶע ווִילֶען הֶערֶען סְטֶעמְפֶּענְיוּ'ן. יוּדֶען וֶוערֶען פֶערְטְרַאכְט,

וַוייבֶּער וֶוערֶען אַנְשְׁוִוירֶען, יוּנְגְלֶעךְ, מֵיידְלֶעךְ קְלֶעטֶערֶען אַרוֹיף אוֹיף בֵּיינְק אוּן אוֹיף טִישֶׁען — יֶעדֶער וִויל הֶערֶען סְטֶעמְפֶּענְיוּ'ן.

— שְׁשַׁא! שְׁטִילֶער! עוֹלָם, לָאז זַיין שְׁטִיל!!

אוּן סְטֶעמְפֶּענְיוּ צֶעגִיסְט זִיךְ אוֹיפְ'ן פִידֶעלֶע אוּן צֶעגֶעהט זִיךְ ווִי אַ וַואקְס: טִיאָךְ — טִיאָךְ — טִיאָךְ — מֶעהר הֶערְט מֶען נִישְׁט, אַ הַאנְד פְלִיהט אוֹיף אוּן אָפּ — מֶעהר זֶעהט מֶען נִיט, אוּן עֶס הֶערֶען זִיךְ אַלֶערְלֵיי קוֹלוֹת, אוּן עֶס גִיסֶען זִיךְ פֶערְשִׁידֶענֶע מִינֵי גֶעזַאנְגֶען, אוּן אַלֶץ אוּמוּטְהִיגֶע, טְרוֹיֶערִיגֶע, אַז עֶס נֶעמְט אָן בַּיי'ם הַארְצֶען, עֶס צִיהט דִי נְשָׁמָה, עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דָאס חַיוּת; דֶער עוֹלָם גֶעהט אוֹיס מִיט אַלֶע כּחוֹת, דֶער עוֹלָם שְׁטַארְבְּט, שְׁטַארְבְּט מִיט אַלֶע אֵבָרִים, דָאס הַארְץ וֶוערְדְט עֶפִּים אַזוֹי פוּל, אַזוֹי צֶעוֵוייקְט, אוּן עֶס שְׁטֶעלֶען זִיךְ טְרֶערֶען אִין דִי אוֹיגֶען, יוֹדֶען זִיפְצֶען, יוֹדֶען קְרֶעכְצֶען, יוֹדֶען וֵויינֶען...

אוּן סְטֶעמְפֶּענְיוּ? וֶוער סְטֶעמְפֶּענְיוּ? וָואס סְטֶעמְפֶּענְיוּ? מֶען זֶעהט אִיהם גָאר נִיט, מֶען זֶעהט נִיט קֵיין סְטֶעמְפֶּענְיוּ, מֶען זֶעהט נִיט קֵיין פִידֶעלֶע, מֶען הֶערְט נָאר זִיסֶע קוֹלוֹת, גֶעטְלִיכֶע גֶעזַאנְגֶען, וָואס פוֹלֶען אָן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב... אוּן רָחֶל'ע דִי שֵׁענֶע, וָואס הָאט נָאךְ בִּיז יֶעצְט נִישְׁט גֶעהֶערְט קֵיינְמָאל סְטֶעמְפֶּענְיוּ'ס שְׁפִּילֶען, רָחֶל'ע, וָואס הָאט גֶעהֶערְט, אַז ס'אִיז דָא אַ סְטֶעמְפֶּענְיוּ, נָאר זִי הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעהֶערְט אַזַא מִין שְׁפִּיעלֶען, שְׁטֵעהט אוּן הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ דִי כִּשׁוּפְ'דִיגֶע גֶעזַאנְגֶען, צוּ דִי זֶעלְטֶענֶע קוֹלוֹת — אוּן פֶערְשְׁטֵעהט נִיט וָואס דָאס אִיז? עֶפִּים צִיהט דָאס אִיהר דָאס הַארְץ, עֶפִּים גְלֶעט דָאס זִי בַּיי דֶער נְשָׁמָה — נָאר וָואס דָאס אִיז? פֶערְשְׁטֵעהט זִי נִיט. זִי הֵייבְּט אוֹיף דִי אוֹיגֶען אַהִין, פוּן וַואנֶען עֶס גִיסֶען זִיךְ דִי זִיסֶע קוֹלוֹת אוּן דֶערְזֶעהט אַ פָּאר ווּאוּנְדֶערְשֵׁענֶע שְׁוַוארְצֶע אוֹיגֶען, פַייֶערְדִיגֶע אוֹיגֶען, וָואס קוּקֶען גְלַייךְ אוֹיף אִיהר, אוּן נֶעמֶען זִיךְ דוּרְךְ, ווִי שְׁפִּיזֶען, ווִי שַׁארְפֶע שְׁפִּיזֶען. דִי ווּאוּנְדֶערְשֵׁענֶע, שְׁוַוארְצֶע פַייֶערְדִיגֶע אוֹיגֶען קוּקֶען אוֹיף אִיהר אוּן ווִינְקֶען צוּ אִיהר אוּן רֶעדֶען מִיט אִיהר; רָחֶל'ע ווִיל אַרָאפּ לָאזֶען אִיהרֶע אוֹיגֶען אַרָאפּ — אוּן קָאן נִיט.

אָט דָאס אִיז סְטֶעמְפֶּענְיוּ?

אזוי קלעהרט זיך רחל'ע די שיינע ווען דאס „בעזעצען" האט זיך שוין געענדיגט אונ די מחותנים הייבען אן צו טראכטען מכח פיהרען צו דער חופה.

— וואו זענען ערגעץ די ליכט? פרעגט חתנ'ס צד.

— די ליכט וואו זענען? ענטפערט כלה'ס צד.

אונ אזוי ווערד ווידער דער אייגענער געפילדער וואס פריהער, אלע לויפען אונ מען ווייסט ניט וואוהין; מען קוועטשט זיך, מען שטופט זיך, מען טרעט אן אויף מאזאלים, מען צרייסט קליידלעך, מען שוויצט, מען זידעלט די סארווערם מיט די שמשים, אונ זיי זידלען צוריק די מחותנים, אונ די מחותנים אמפערען זיך צווישען זיך — עס איז ברוך השם גאנץ לעבעדיג!

אין דער מהומה, וואס עס ווערט, בשעת מען געהט צוריק פון דער חופה, חאפט זיך סטעמפעניו ארוים פון דער קאפעליע אונ אט איז ער שוין אויסגעוואכסען צווישען די ווייבער, אט דא, נעבען אייזיק־נפתלי'ס שנור, רחל'ע דער שיינער, ער ווארפט זיך איבער מיט איהר א פאר ווערטער, צושמייכלענדיג אונ קרייזלענדיג זיך זיינע שיינע לאנגע האר. רחל'ע ווערד רויטלעך, לאזט אראפ די אויגען אויף דער ערד אונ ענטפערט איהם דאס צעהנטע ווארט. עס פאסט ניט עפיס זיך שטעלען פלוצים אויסשמיעסען מיט א כלי־זמר אונ נאך פאר אזא עולם!...

V.

דאס ערשטע בעגעגעניש פון סטעמפעניו'ן מיט רחל'ען.

דערצעהלען דערצייהלט מען פון סטעמפעניו'ן פיעל פערשיעדענע מעשיות, מען דערצעהלט פון איהם. אז ער קאן זיך מיט אלע מכשפים אונ מיט אלע „גוטע לייט", אז קוים וויל ער אפרעדען א כלה פון א חתן — קאן ער, אז ער קאן אזא מין „שפרוך", אז ער דארף גאר א קוק טהון, א רעכטען קוק טהון אויף א מיידעל, — איז זי שוין אפגעקאכט, — מען זאל בעהיט ווערען! א סך מאמעס ווייסען פון דעם

סוד און היטען דעריבער זייערע קינדער, די כלה'ס, אז ווען זיי רעדען מיט סטעמפעניו'ן שטעהט ביי דער זייט איין עלטערע שוועסטער, א מומע, א שוועגערין, אדער אזוי א ווייבעל, וואס האט א מאן... אמת, דאס איז פאר אונזער העלד נישט אזא שענער קאמפלימענט, נאר וואס מאכט דאס אויס? וואס קעהר זיך אן שלום צו מחלוקת? דערפון ווערד סטעמפעניו'ס נאמען חלילה נישט קלענער' אלע ווייסען, אז סטעמפעניו איז א גוטער „ימח־שמו'ניק", נו, בכן איז וואס? קיין שידוך טהוט מען דאך ניט מיט איהם, כ'לעבען, און סטעמפעניו בלייבט סטעמפעניו.

געבענטשט זענט איהר, יודי'שע ווייבלעך, וואס האבען מאנען, אז געבענטשט זאלען זיין די מאנסבילען, וואס האבען אייך געשענקט אזא טהייערע מתנה — פרייהייט! — און וועה איז צו די מיידלעך, נעבעך, וואס זענען געבונדען און געפענטעט, געהיט און אפגעהיט ביז מען דעקט זיי צו דעם קאפ — און ערשט דאן ווערען די מיידלעך אייך ווייבלעך, אויפגעבונדענע, פרייע, גליקליכע ווייבלעך...

רחל'ע אלס ווייבעל, האט שוין נישט געהאט וואס צו אנטלויפען פון סטעמפעניו'ן ווען ער איז צוגעגאנגען צו איהר מיט'ן פידעלע אונטער דער האנד און מיט א שמייכעלע אויף די ליפען, — וואס האט זי מורא? פאר וועמען דארף זי זיך בעהאלטען? דער שוועהר, ר' אייזיק־נפתלי, איז פערטראגען מיט דער חתונה: ער געהט זיך ארום פערלעגט די הענד א רונטער און גיט אכטונג אויף די סארווערס, אז זיי זאלען זיך רירען גיכער, און די שוויגער — דוואסי־מלכה — איז דאך אזוי פערפארעט אז מען זאל ביי איהר ארא־פנעמען דעם שלייער פונ'ם קאפ, וואלט זי אויך ניט געפיהלט. פערבייליופענדיג האט זיך דוואסי־מלכה, אפילו יא אפגעשטעלט א קוק טהון, וואס טהוט דא עפּים סטעמפעניו געבען איהר שנור? נאר זי האט זיך באלד בעקלערט: וויים איך וואס, נארישקייטען, זייערע זאכען, נאט אייך א גראשען... און איז אוועקגעלאפען ווייטער קאמאנדעווען מיט די סארווערקעס, זיי זאלען טהון גיכער. ר' אייזיק־נפתלי מיט דוואסי־

מַלְכָּה'ן הָאבֶּען גֶעקָאמַאנְדֶעוֶועט אויסְגֶעצֵייכֶענְט. דִי סַארְוֶועֶרְס מִיט דִי סַארְוֶוערְקֶעס זֶענֶען אַרום גֶעפְלויגֶען וִוי דִי מְשׁוּגָעִים, דִי מְחוּתָּנִים פוּן בֵּיידֶע צְדָדִים הָאבֶּען גֶעפִּילְדֶערְט וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז, דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ גֶעוַואשֶׁען אוּנ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ פֶערְהַאפֶּען עֶרְטֶער אוֹיף דִי לַאנְגֶע בֶּענְק אַרום דִי לַאנְגֶע טִישֶׁען, אוֹיף וֶועלְכֶע עֶס זֶענֶען דֶערְוַוייל גֶעלֶעגֶען אָנְגֶעגְרֵייט פְרִישֶׁע בּוּלְקֶעס אַ גַאנְצֶע שׁוּרָה, — פְּלוּצִים אִיז גֶעוָוארֶען אַ גֶעוַואלְד: עֶס אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען וַואסֶער פוּן דֶער דֵייזְשְׁקֶע!

— וואו קְרִיגְט מֶען עֶרְגֶעץ וַואסֶער? הָאט גֶעפְרֶעגְט חָתָנ'ס צַד,

— וַואסֶער וואו נֶעהמְט מֶען? הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט כַּלָה'ס צַד.

— וַואסֶער! הָאט גֶעשְׁרִיגֶען דְוָואסִי־מַלְכָּה, שׁוֹין אַ בִּיסֶעל הֵייזֶע־רִיגְלִיךְ.

— וַואסֶער, וַואסֶער! הָאט אִיהר אוּנְטֶערְגֶעהָאלְפֶען שְׁרַייֶען אַייזִיק־נַפְתָּלִי, פֶערְקַאטְשֶׁעט דִי פָּאלֶעס אוּנ גֶעמֵיינְט אַז עֶר מְהוּט עֶפִּים.

אִין דֶער דָאזִיגֶער נַייֶער מְהוּמָה הָאט סְטֶעמְפֶּענְיוּ גֶעהַאט דָאס גֶעלֶעגֶענְהַייט צוּ שְׁמוּעֶסֶען נָאךְ אַ בִּיסֶעל מִיט רָחֵל'עֶן, וָואס אִיז גֶעוֶוען עֶרֶענְסְט אוּנ עֶפִּים וִוי פֶערְטְרַאכְט. אִיהרֶע שֵׁענֶע בְּלוֹיֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען גֶעקוּקְט וַוייט וַוייט, נִיט אוֹיף סְטֶעמְפֶּעניוּ'ן, אוּנ אִיהרֶע אוֹיעֶרֶען הָאבֶּען אוֹיסְגֶעהֶערְט פוּן אִיהם אַ גַאנְץ לַאנְגֶען שְׁמוּעֶס.

אוּנ רֶעדֶען הָאט סְטֶעמְפֶּעניוּ גֶעקָאנְט, עֶר הָאט גֶערֶעדְט גוּט, דֶער כָּל־בּוֹ'נִיק! מִיט דִי רֵייד הָאט עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען אַרוּם אוּנ אַרוּם, וִוי אַ גוּטֶער מַזִיק, גֶעקוּקְט גְלַייךְ אִין דִי אוֹיגֶען אַרַיין... וָואס זָאג אִיךְ? אִין הַארְצֶען אַרַיין, טִיעף טִיעף אִין הַארְצֶען אַרַיין.

סְטֶעמְפֶּעניוּ הָאט גֶערֶעדְט אוּנ רָחֵל'ע הָאט גֶעהֶערְט, אוּנ דֶער רַעשׁ פוּן דִי חֲתוּנָה לַייט אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס, אַז מֶען הָאט נִיט גֶע־קָאנְט הֶערֶען זֵייעֶר שְׁמוּעֶס, אַ חוּץ דִי לֶעצְטֶע עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער:

— אָט דָאס אִיז אַייעֶר מֹשֶׁה־מֶענְדִיל? הָאט זִי סְטֶעמְפֶּעניוּ'ן אַ פְּרֶעג גֶעטְהוּ'ן, אָנְגֶעווִייזֶען מִיט דִי אוֹיגֶען אוֹיף אַ יוּנְגֶענְמַאנְטְשִׁיק, וָואס

דָאט גֶעהַאלְטֶען אַ לַאץ פוּן אַ יוּדִישֶׁער קַאפָּאטֶע אוּנ הָאט גֶע׳מַ׳נְגֶה׳ט צוּ יֶענֶעמְס לַאץ מִיט אַלֶע חוּשִׁים, מִיט אַלֶע אֵבָרִים.

— דָאס אִיז עֶר... הָאט אִיהם רָחֵל׳ע גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּנ אִיז אָפְּגֶעטְרָאטֶען אוֹיף אַ זַייט ווִי בֶּעלֵיידִיגְט.

רָחֵל׳ע הָאט זִיךְ גֶעפִינֶען בֶּעלֵיידִיגְט אוּנ הָאט שׁוֹין מֶעהר נִישְׁט גֶעקוּקְט אֲפִילוּ אִין יֶענֶעם ווִינְקֶעל, וואוּ דִי כְּלֵי־זֶמֶר זֶענֶען גֶעזֶעסֶען. סְטֶעמְפֶּענְיוּ הָאט נָאכְדֶעם לַאנְג אַרוּמְגֶעפַּאדְקֶעוֶועט אַרוּם אִיהר, — נָאר עֶס הָאט אִיהם גָאר נִישְׁט גֶעהָאלְפֶען. מֶען קָאן בְּפֵירוּשׁ זָאגֶען, אַז עֶר אִיז אִיהר נִמְאָס גֶעווָארֶען, נִמְאָס וּמָאוּס, אָט דֶער סְטֶעמְפֶּענְיוּ מִיט זַיין עַזוּת׳דִיגֶען קוּק אוּנ מִיט זַיינֶע אַלֶע גֶענְג... פֶע, ס׳אִיז אַ חֶרְפָּה, אַ בּוּשָׁה, אַז אַ יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער זָאל גָאר שְׁטֵעהֶן אִין זַיינֶע ד׳ אַמוֹת!...

אַזוֹי קְלֶערְט זִיךְ רָחֵל׳ע, צוּגֶענַאנְגֶען צוּרִיק צוּ דֶער כַּלָה, אוּנ אִיז שׁוֹין פַארְטִיג צוּ פֶערְגֶעסֶען, אַז ס׳אִיז דָא אַ סְטֶעמְפֶּענְיוּ אוֹיף דֶער ווֶעלְט, נָאר — שַׁא! וָואס אִיז דָארְט פַאר אַ גֶערוּדֶער פְּלוּצִים? סְטֶעמְ־פֶּענְיוּ שְׁפִּיעלְט שׁוֹין ווִידֶער אַ ווַיינֶענְדִיגְס אוּנ דִי קַאפֶּעלְיֶע הַאלְט אִיהם אוּנְטֶער; אוּיס לַיארֶעם, אוּיס גֶעפִּילְדֶער! יוּדֶען וֶוערֶען פֶערְטְרַאכְט, ווַייבֶּער וֶוערֶען אַנְשְׁווִינֶען, יוּנְגְלֶעךְ מֵיידְלֶעךְ קְלֶעטֶערֶען אַרוֹיף אוֹיף דִי בֶּענְק אוּנ אוֹיף דִי טִישֶׁען — אַלֶע ווִילֶען הֶערֶען סְטֶעמְפֶּענְיוּ׳ן. אַייזִיק־נַפְתָּלִי הַאלְט דֶעם קָאפּ אוֹיף אַ זַייט אוּנ הֶערְט זִיךְ אַיין, ווִי אַ גוּטֶער מֵבִין; דְוָואסִי־מַלְכָּה, ווִי זִי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען מִיט׳ן זַיידֶען טִיכִיל פֶערְבּוּנְדֶען אַרוּנְטֶער מִיט אַ טֶעלֶער אִין דֶער הַאנְד, אַזוֹי אִיז זִי גֶע־בְּלִיבֶּען שְׁטֵעהֶן אִין דֶער פָּאזֶע, אוּנ אֲפִילוּ דִי סַארְוֶוערְס מִיט דִי פֶּער־קַאטְשֶׁעטֶע פָּאלֶעס אוּנ דִי סַארְוֶועדִינְס מִיט דִי אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעקְטֶע קְלֵיידְלֶעךְ, זֶענֶען אוֹיךְ גֶעבְּלִיבֶּען ווִי פֶערְגְלִיוֶוערְט אוֹיף זַייעֶרֶע עֶרְטֶער אִין מִיטֶען שְׁטוּב. אוּנ סְטֶעמְפֶּענְיוּ הָאט זִיךְ צֶוגְאסֶען אוֹיפ׳ן פִידֶעלֶע מִיט אַזֶעלְכֶע טְרוֹיעֶרִיגֶע אוּמוּטְהִיגֶע גֶעזַאנְגֶען, אַז דֶער עוֹלָם אִיז גֶע־בְּלִיבֶּען אָהן אָטְהֶעם, גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע, טַאקִי פָּשׁוּט גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע, טוֹי־טֶע מֶענְשֶׁען!... דָאס הַארְץ וֶוערְט פוּל, צֶעווֵייקְט אוּנ עֶס שְׁטֶעלֶען

זיך טרעהרען אין די אויגען: יודען זיפצען, יודען קרעכצען, יודען וויינען... אונ סטעמפעניו? — ווער סטעמפעניו? וואס סטעמפעניו? מען זעהט איהם גאר ניט, מען זעהט ניט קיין סטעמפעניון, מען זעהט ניט קיין פידעלע, מען הערט נאר די זיסע קולות, געטליכע געזאנגען, וואס פולען אן די שטוב... אונ רחל'ע די שענע, וואס האט נאך ביז היינט ניט געהערט סטעמפעניו'ס שפיעלען, שטעהט אונ הערט זיך צו צו די כשופ'דיגע געזאנגען, צו די זעלטענע קולות — אונ פערשטעהט נישט, וואס דאס איז? עפעס ציהט דאס איהר דאס הארץ, עפעס גלעט דאס זי — נאר וואס דאס איז פערשטעהט זי ניט; זי הויבט אויף די אויגען אונ קוקט אהין, פון וואנען עס גיסען זיך די וואונדערליכע מעלאדיען, אונ דערזעהט א פאר וואונדערשענע שווארצע אויגען, וואס קוקען גלייך אויף איהר, גלייך אויף איהר, וואס נעמען זי דורך ווי צוויי שארפע שפיזען: די וואונדערשענע, שווארצע, פייערדיגע אויגען קוקען אויף איהר אונ ווינקען צו איהר אונ רעדען מיט איהר... רחל'ע לאזט אראב דעם קאפ אונ זעהט די וואונדערשענע שווארצע, פייערדיגע אויגען, רחל'ע קוקט אויף אלע זייטען — אונ זעהט אלץ אט א יענע וואונדערשענע, שווארצע פייערדיגע אויגען!.

VI.

נאך דער „חופה-וועטשערע".

די „חופה־וועטשערע" האט זיך שוין לאנג געענדיגט, עס איז שוין נאך אלע „וויוואטען", נאך דעם „דרשה־געשאנק", נאך דעם „כשר-טאנץ" — דער עולם הוליעט, יעדער דינגט א טאנץ, מען חאפט א פרעהלעכם; ר' יאנטעל דער שוחט גערט א „קאזאקיל" אונ אקעגען איהם צעלאזט זיך מיט גרויס קוראזש די מחותנת'טע אליין מיט איהר גראבען בויך, מחילה, אונ דער גאנצער עולם פליעסקעט אונטער ר' יאנטל'ען, וואס זעהט גאר ניט, אז ער טאנצט מיט א נקבה, אונ מאכט „פריכיאדקעס", ווי א חוואט, אונ אקעגען איהם העצקעט זיך די

מְחוּתֶּנֶתְ'טֶע מִיט דִי הֶענְד „פָּאדְבָּאקָאם" אוּנ שְׁמֵייכֶעלְט צוּ ר' יָאנְטְלֶ'עֶן מִיט אַ בְּרֵייטֶען שְׁמֵייכֶעל אִיבֶּערְ'ן גַאנְצֶען בְּרֵייטֶען פָּנִים, וִוי דִי לְבָנָה אִין הַאלְבֶּען חוֹדֶשׁ... שְׁפֶּעטֶער וֶוערְט נָאךְ פְרֵעהלִיכֶער, מֶען טַאנְצְט שׁוֹין, מְחִילָה, אִין אֵיינֶע תַּחְתּוֹנִים; אֵייזִיק־נַפְתָּלִי שְׁטֵעהט שׁוֹין אָהְן אַ קַאפָּאטֶע מִיט דִי בְּרֵייטֶע וַוייסֶע אַרְבֶּעל, מֶען הָאט אִיהם לַאנְג גֶע־שְׁלָאגֶען, בִּיז עֶר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוֹיסְצוּטְהוּן דִי קַאפָּאטֶע, אוּנ אוֹיפְ'ן קָאפּ הָאט אִיהם עֶמִיצֶער אָנְגֶערִיקְט אַ קַאפֶּעלִישׁ בִּיז דֶער נָאז — אוּנ אַלֶע לַאכֶען פוּן אִיהם מִיט פֶערְ'שִׁכּוֹרְ'טֶע אוֹיגֶען, אֲפִילוּ זַיין אֵיי־גֶענֶער זוּהְן מֹשֶׁה־מֶענְדִיל (רָחֵלֶ'עס מַאן) שְׁלֶעפְּט אוֹיךְ דֶעם טַאטֶען פַאר אֵיין אַרְבֶּעל „אִין קָאן אַרֵיין".

— פוּלְקֶעס, פוּלְקֶעס! שְׁרֵייט מֹשֶׁה מֶענְדִיל, שְׁפְּרִינְגְט בִּיז דֶער סֶטֶעלְיֶע.

דִי כְּלֵי־זֶמֶר שְׁפִּיעלֶען שׁוֹין אַלֵיין, אָהְן סְטֶעמְפֶּענְיוּ'ן, צְווִישֶׁען דֶער דָאזִיגֶער חֶבְרָה אִיז גֶעוָוארֶען גָאר הֶפְקֵר, דָאס גַאנְצֶע רֶעדֶעל פִיהְרְט אֵיינֶער פוּן דִי גֶעשְׁוָואלֶענֶע יוּנְגֶען מִיט דִי גְרוֹיסֶע צֵייהְן; דֶער שְׁוַוארְצֶער קָאלְטֶענֶעוַואטֶער ר' שְׁנֵיאוֹר מֵאִיר דֶער אוּנְטֶערְהַאלְטֶער (סֶעקוּנְדֶע) דְרוּמֶעלְט, ר' יָאקֶעל קָאנְטְרַבַּאס שְׁלָאפְט. נָאר יוּנְגְוַוארְג אַרְבֵּייטֶען אוֹיף אַלֶע כֵּלִים אוּנ מֶעהר פוּן אַלֶע הָארֶעוֶועט נֶעבֶּעךְ מֶעכְצִי־פֵּייקֶלֶער, עֶר קָאכְט אוֹיפְ'ן פּוּיק ווִי אַ גַזְלָן, זַיין גֶעל קֶעפֶּעל הָאט עֶר בֶּעהַאלְטֶען אִין בַּארַאבַּאן אַרֵיין אוּנ מֶען זֶעהט נָאר, ווִי עֶר אַרְבֵּייט מִיט דִי פְלֵייצֶעס, צוּטוּפֶּענְדִיג מִיט דִי קְרוּמֶע פִיסְלֶעךְ; אוּנ סְטֶעמְפֶּענְיוּ? סְטֶעמְפֶּענְיוּ שַׁארְט זִיךְ אַרוּם דִי יוּנְגֶע וַוייבֶּלֶעךְ אוּנ נָאךְ מֶעהר אַרוּם רָחֵלֶ'ען.

— שְׁווִיגֶער, קוּמְט לָאמִיר גֵעהְן אַהֵיים! זָאגְט רָחֵלֶ'ע צוּ דְוָואסִי מַלְכָּה'ן, וָואס שְׁטֵעהט אוּנ בֶּעטְרַאכְט אֵייזִיק־נַפְתָּלִי'ן מִיט דִי וַוייסֶע אַרְבֶּעל אוּנ מִיטְ'ן קַאפֶּעלִישׁ.

— קוּם טָאכְטֶער, קוּם! מָארְגֶען אִיז אַ מַארְק, דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּרוּהֶען. זֶעה נָאר ווִי זֵיי הָאבֶּען זִיךְ אַבִּיסֶעל צֶעהוּלְיֶעט!

אוּנ דְוָואסִי מַלְכָּה גֵעהט מִיט רָחֵלֶ'ען אַהֵיים.

דער טונקעל בלאָהער הימעל ווערט אין איין זייט אַביסעל העלער, ליכטיגער. עס שאַרייעט אויף טאָג. עס טהוט אַ קריי איין האָהן און צעהן אַנדערע האָהנען ענטפערען איהם. ווייט ווייט לאָזט זיך הערען דאָס בילען פון אַ הונד; אַלע שטיבעלעך, אפילו ביי די גוים, זענען נאָך צוגעמאַכט, נאָר ביי איין הערש־בער דעם שוחט לייכט זיך: הערש־בער דער שוחט שטעהט אויף אַ שעה פאַר טאָג לערנען „פאַר זיך".

-- וואָס זאָגסט דו, רחל׳ע, אויף גנעסיס טאָכטער, ווי זי האָט זיך עס אַביסעל אויסגעסטראָצעלט, ביזט אַ מבין אויף איהר?

נאָר רחל׳ע ענטפערט איהר ניט דערויף, רחל׳ע איז פערנומען מיט איהרע אייגענע געדאַנקען; ווער ווייסט, וואָס און וועגען וועמען זי טראַכט אַצונד?...

— שוויגער! זאָגט רחל׳ע פּלוצים, אָט דאָס הער איך דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבען סטעמפּעניו׳ס שפּיעלען.

— גיעה שוין גיעה, קינד, נאַ דיר נאָר דאָס ערשטע מאָל! ענט־פערט איהר די שוויגער — נו, און ביי אייער גביר ר׳ ליב׳צי אַברהם הערש? און ביי ר׳ נחמיה ביק? און ביי שרה בן ציונ׳ס? און ביים רבי׳ן אַליין?

— איך געדיינק נישט, ענטפערט רחל׳ע, איך האָב נאָר געהערט — סטעמפּעניו, סטעמפּעניו, און געזעהען האָב איך איהם ניט.

— נו, ס׳פערשטעהט זיך, ביזט נאָך דאַמאָלס געווען, וואָס ביזט דו געווען, אַ פּיסקליאַ ביזט דו געווען, ווען סטעמפּעניו האָט געשפּיעלט אין סקווירע ביים רבי׳ן די חתונה; אַ חתונה איז דאָס געווען — אויף אַלע מיינע ליעבע, רבש״ע — אַ היבש שטיקעל חתונה! קאָנסט זיך מעלדען אַז איך האָב דאַמאָלס געטראָגען, סאַמע מיט יאָסעלען האָב איך געטראָגען, און בין געווען הייסט דאָס, און בין געווען אַזוי גרויס ווי אין זעכסטען... האַ? ניין, אין אַכטען חודש מאַכי... וואוהין גיעהסט דו דאָס רחל׳ע? אָט איז דאָך אונזער שטוב, און דו ביסט פערקראָכען גאָר צו גנעסין — סאַ־גראַם -- העע — חעע!

— זעהט נאר! ענטפערט רחל'ע, ארומקוקענדיג זיך אויף אלע זייטען, א שיינע מעשה, כ'לעבען, חא-הא-הא!

און לאכענדיג זענען די שוועגער מיט דער שנור אריינגעקומען צו זיך אהיים זיך צולייגען אויף א פאר שעה אברוהען, דען מארגען פריה שטעלט זיך אוים א גרויסער מארק אין מאזעפעווקע, כמעט א גאנצער יריד.

VII.

רחל'ע קאן ניט איינשלאפען ווערען.

האט איהר געהערט איין אומגליק? — רחל'ע קאן ניט שלאפען! זי האטשעט זיך אויף אלע זייטען, זי דעקט זיך צו און דעקט זיך אב — ניטא קיין שלאף אויף איהר! וויפיעל זי פלייסט זיך א שטייגער גישט צו טראכטען וועגען איהם, וועגען סטעמפעניו'ן מיין איך, און ער קריכט איהר אלץ פאר די אויגען, דער גוטער יאהר ווייס איהם וואס און ווען! זי מאכט צו די אויגען שטארק — און דער זעהט איהם מיט זיינע וואונדערשיינע, שווארצע פייערדיגע אויגען, ווי זיי קוקען גלייך צו איהר, ווי זיי ווינקען צו איהר, ווי זיי רופען זי צו זיך... „אַ, ניט געדאכט זאל ער ווערען!... משה-מענדיל זאל האטש זיין!" קלערט זי זיך. זי עפענט אויף די אויגען און דערזעהט סטעמפעניו'ן מיט'ן פידעלע, און עס מאלט זיך איהר אוים, אז זי הערט נאך דאס שיינע זעלטענע שפיעלען... „אך, א מין שפיעלען, נו, נו! ניט אומזיסט דערצעהלט מען זיך אן וועגען איהם אזעלכע וואונדערליכע מעשיות..." און רחל'ע דערמאנט זיך אן אלע יענע שיינע מעשיות, וואס זי האט זיך אנגעהערט וועגען איהם, נאך בשעת זי איז געגאנגען אין חדר זיך לערנען שרייבען צו מאטיל שפריז דעם מיידעלשען שרייבער, בשעת זיי זענען געזעסען אין סקווירע. אט דארט האט זי זיך דאס אנגעהערט פון איהרע חברטעס מעשיות, ווי אזוי סטעמפעניו האט אמאל אפגערעדט א כלה פון א חתן, און די כלה

איז פאר בזיון געשטארבען און מען האט געשטעלט אויף איהר א שווארצע חופה... ווי אזוי סטעמפעניו האט אמאל אבגעטהון א מיידיל דערפאר, וואס זי האט איהם אנגערופען מיט'ן נאמען שארלאטאן... ווי אזוי סטעמפעניו האט אמאל געשפיעלט א חתונה ביי א גרויסען פריץ, א גראף; ווי דעם גראפ'ס טאכטער, די פאניענקע, א זעלטענע שענהייט, האט זיך אין איהם איינגעקאכט און האט געזאגט: איין מאל פאר אלע מאל — דער טויט זאל איהר זיין און סטעמפעניו'ן וויל זי... דער גראף, אז ער האט דערהערט אזא מעשה, האט ער מיט איהם איינגעטענה'ט פריהער מיט בעזען, דערנאך מיט גוטען און לסוף האט ער איהם צוגעזאגט דריי דערפער, אבי ער זאל זיך איבערקעהרען און נעמען זיין טאכטער די פאניענקע פאר א ווייב. נאר סטעמפעניו האט איהם געענטפערט אויף פראנצויזיש (סטעמפעניו האט געקאנט דייטש און פראנצויזיש), אז ער מעג איהם אנשיטען א פולע שטוב מיט רענדלעך, וועט ער זיין רענדעל נישט אויסבייטען (און דערפאר איז ער געווען ביי אלע ערליכע יודען, אפילו ביים רבי'ן אזא חשוב). און די פאניענקע, אז זי האט דאס דערהערט, האט זי זיך מיט'ן אנטהון אריינגעווארפען אין טייך אריין... און נאך פיעל וואונדערליכע מעשיות, וואס עס נעמט אן א שרעק נור אויסהערענדיג זיי...

נאך האט זיך רחל'ע דערמאהנט, וואס זי האט געהערט פון איהרע חבר'טעס, אז סטעמפעניו האט אזא מין פלעשעלע „ליעבע טראפען"... „ליעבע — ליובקע, קאך לאקשען!" האט זיך רחל'ע געקלערט, דערמאנט זיך אן די אלע שענע מעשיות — „נא דיר א גראשען פאר דער גאנצער ליעבע! מיין משה־מענדיל, נישט קשה, האט מיך ליעב אהן „ליעבע טראפען", און איך איהם? איך משה־מענדל'ען?..."

און רחל'ע קעהרט זיך איבער אויף דער אנדערער זייט, מיט'ן פנים צום וואנט, און טראכט וועגען דעם גאנץ שטארק. דאס ערשטע מאל איז איהר ארויף געקומען אויפ'ן קאפ אזא מחשבה: „אט האסט

דו דיר די אַנדערע טעג יום־טוב! וואָס עפּעס מיצקעדרינגען ליעב שמיעב? פֿיינט געווים ניט!..."

און באמת טאַקי, פֿאַר וואָס זאָל זי איהם פֿיינט האָבען? משה מענדיל איז, חלילה, קיין מיאוסער יונגערמאַן, אַביסעל פֿון דער נייער וועלט, די פּאות פערשאַרט אַרונטער, לייענט אַ בלאַט, מאַכט שיין קדוש, האָט ליעב צו זאָגען אַ ווערטעל, מיט יונגעלייט אַ שמיף טהון — גאָר אַ פֿיינער יונגערמאַן. אמת צו איהר, צום ווייב, איז ער נאָך אַביסעל ווילד, רעדט מיט איהר קיין מאָל נישט קיין צוויי גאַנצע ווערטער, עפּעס נאָר מיט אַ ווערטעל און מיט אַ דרעה זיך אום אָדער אין בית־המדרש, אָדער אין מאַרק; ער זאָל זיך עס אַ מאָל, אויף אַ צעקאָוועסט, אַנידערזעצען מיט'ן ווייב, ווי ביי לייטען פֿיהרט זיך, רעדען, שמועסען, גלאַט אַזוי, דאָס ניין, אַ ווילדע ציג!...

אוי, ניט דאָס האָט רחל'ע געמיינט כּלה'ווייז! רחל'ע, אַז זי איז אַ כּלה געוואָרען, האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז אַלע זענען איהר מקנא אויף איהר חתן; אַז אַזאַ משה־מענדיל (אַך, איז ער געווען שיין חתן ווייז!) איז נאָר דאָ איינער ביי גאָט און דער אַנדערער ביי איהר — און זי וועט דאָס זיין איינע אַ גליקליכע... און צום סוף? צום סוף זעהט זי, אַז איהרע אַלע חבר'טעס לעבען טאַקי אַ גוטען טאָג: די איז ערגעץ מיט איהר מאַן אין אַ גרויסער שטאָדט און שרייבט פֿון דאָרט אַזעלכע בריוועלעך, וואָס עס לאָזט זיך אום די וועלט, און יענע איז שוין אַליין אַ בעל־הבית'טע: אפילו חנה־מיריל, וואָס האָט חתונה געהאַט פֿאַר איין אַלמן מיט פֿינף קינדער און וואָס האָט אַזוי איינגעליינט די וועלט, איז אויך גליקליך. און זי? און רחל'ע?... אַך, ניטאָ וואָס צו רעדען, אַ גאַנצע וואָך זיץ פערשפּאַרט, ווי איין עוף אין אַ שטאַג; עס, טרינק און שלאָף, דער שוועהר און שוויגער לאָזען ניט אָטעמען: טאָג און נאַכט נאָר רחל'ע און רחל'ע — און משה־מענדיל מיט זיינע גענג, מיט זיינע ווערטעליך, גלייך ווי זי וואָלט געווען ביי איהם אַ ווייס איך וואָס... שאַ! אַ קלאַפּט עמיצער אין דער טהיר, דאָס קעהר אַוודאי זיין משה־מענדיל, די שוויגער געהט איהם עפענען...

— מֹשֶׁה־מֶענְדִיל!

— הַא, וָואס?

— ס'אִיז דוּ מֹשֶׁה־מֶענְדִיל?! פְרֶעגְט אִיהם דִי מוּטֶער.

— נוּ אַ טֶענְצֶעל, יִמַח שְׁמוֹ, בְּרְרְרְר... עֶנְטְפֶערְט אִיהר דֶער זוּהן.

— וָואס לֶעפֶּעטְשֶׁעסְט דוּ מֹשֶׁה מֶענְדִיל? זָאגְט ווִיעדֶער צוּ אִיהם דִי מוּטֶער, טוּ זִיךְ אוֹיס אוּנ לֵייג זִיךְ שְׁלָאפֶען.

— יִמַח שְׁמוֹ — גוּט גֶעטְרוּנְקֶען — בֶּערִיל מְנַשֶּׁה — חַא—חַא—חַא!

— גָאט אִיז מִיט דִיר, מֹשֶׁה־מֶענְדִיל! וָואס פְּלַאפֶּעלְסְט דוּ? זָאגְט צוּ אִיהם דְוָואסִי מַלְכָּה, אוֹיסְרַייבֶּענְדִיג אַ שְׁוֶועבֶּעלֶע.

— אִיהר הֶערְט דֶען נִיט, שְׁווִיגֶער, אַז עֶר אִיז שִׁכּוֹר לוֹט? זָאגְט צוּ אִיהר רָחֵלֶ'ע — צִינְדֶט אִיהם דָארְט אָן אַ לִיכְט זַייט מוֹחֵל, עֶר וֶועט זִיךְ בְּרֶעכֶען רִיק אוּנ לֶענְד.

— חָלִל... נָאךְ אַ גְלֶעזֶעל — יִמַח שְׁמוֹ!...

מִיט דִי דָאזִיגֶע הַאלְבֶּע וֶוערְטֶער פַאלְט מֹשֶׁה־מֶענְדִיל אַנִידֶער בַּיי זִיךְ אִין בֶּעט אוּנ וֶוערְט זִיךְ אַיינְשְׁלָאפֶען מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיךְ חְרַאפֶּעוְרַיי. דְוָואסִי־מַלְכָּה וֶוערְט אוֹיךְ אַיינְשְׁלָאפֶען, דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער שְׁלָאפֶען שׁוֹין לַאנְג; עֶס סְווִישְׁטְשֶׁעט אוּנ עֶס פַייפְט אִין אַלֶע ווִינְקֶעלֶעךְ, אַלֶע שְׁלָאפֶען גֶעשְׁמַאק אִינְ'ם דָאזִיגֶען שְׁטִיבֶּעל; נָאר אֵיין רָחֵלֶ'ע קָאן נִיט אַיינְשְׁלָאפֶען וֶוערֶען, חָאטְשׁ נֶעהם טוּ זִיךְ אָן אַ מַעֲשֶׂה — נִיטָא קֵיין שְׁלָאף!... דִי לְבָנָה שַׁיינְט אַריין דוּרךְ אַ פֶענְסְטֶער אוּנ אַ לַאנְגֶע ווַייסֶע פַאסְטֶע פוּן אִיהר לִיכְטִיגְקֵייט פַאלְט אוֹיפְ'ן בֶּעטֶעל, אוֹיף וֶועלְכֶען מֹשֶׁה־מֶענְדִיל לִיגְט צוּ וָוארְפֶען מִיטְ'ן פָּנִים אַרוֹיף, דָאס מוֹיל אָפֶען, דִי אוֹיגֶען פֶערְגְלָאצְט, דֶער הַאלְדְז פֶערְרִיסֶען, אוּנ אַ קְנָאפְּ. אַ שַׁארְפֶער קְנָאפְּ שְׁטֶעט אַרוֹיס פוּנְ'ם גָארְגֶעל, אַז עֶס אִיז אַ מִיאוּסֶע זַאךְ צוּ קוּקֶען...

רָחֵלֶ'ע ווִיל נִישְׁט קוּקֶען — אוּנ קוּקְט פָּארְט; קֵיינְמָאל הָאט אִיהר מֹשֶׁה מֶענְדִיל נִישְׁט אוֹיסְגֶעווִיזֶען אַזוֹי הֶעסְלִיךְ, ווִי אַצוּנְד, ווִי אִין דֶער דָאזִיגֶער נַאכְט, אוּנ, נִישְׁט ווִיקֶענְדִיג, הָאט זִי אִיהם פֶערְגְלַייכְט מִיט אֵיין אַנְדֶערֶען, מִיט אַ יֶענֶעם יִמַח־שְׁמוֹנִיק טְשֶׁעמְפֶּעוְנִיוּ... אוּנ דָאס

איז דער איינער משה מענדיל, וואס פריהער? וואס אַ מאל, בשעת חתן וייז, מיט זיין שען וויים פּנים'על, מיט זיין זים שמייכעלע, מיט זיינע פרעהליכע אייגעלעך, מיט זיין גלייך שטעלטעל, מיט זיין גענגעל און מיט אַלע זיינע בנעימות'דיגע פּאסטעמעקעס, מיט זיינע קלוגע גלייכע ווערטלעך? אט דאס איז יענער משה מענדיל?...

און דא האט איהם רחל'ע, ניט ווילענדיג ווידער אַ מאל פערגלייכט מיט איין אַנדערען, מיט סטעמפּעניו'ן...

אַוועקט, אַוועקט, פינסטערע מחשבות, פון אַ יודישע טאכטער!

VIII.

צום „שלייער־וואַרמעס".

אויף מארגען, אַז חיענע די שמש'טע איז געקומען צו דוואָסי־מלכה'ן זאָגען אַז די מחותנת'טע מיט'ן חתן, מיט דער כלה, מיט אַלע מחותנים האָבען געלאָזט בעטען צום שלייער־וואַרמעס, איז שוין רחל'ע געוועזן אויסגעשלייערט און אָנגעטהון נאך דער לעצטע מאָדע פון ר' דוד מעבאַניק־דעם זשעניסקי שניידער: אַ בלאַה־זיידען מלבוש, הימעל־קאָלער מיט ווייסע קרוזשעוועקעס און מיט גאַנץ ברייטע אַרבעל, ווי מען האָט דעמאָלט געטראָגען אין מאַזעפּעוועקע, וואו די מאָדע האָט פערשפּעטיגט אויף עטליכע יאָהר; אויפ'ן קאָפּ אַ בלאַה־זיידען טיכעל, אַזשורנע אַרבייט, אַזוי אַז מען האָט געקאָנט אַרויסזעהן דעם גאַנצען שלייער מיט די צעפּ... נאָר פרעמדע צעפּ, די אייגענע בלאָנדע האָר זענען שוין ביי רחל'ען פון לאַנג בעהאַלטען, פערבאָרגען אויף תמיד, אויף אייביג! עטליכע שנירעלעך פּערעל אויפ'ן האַלז, אויפ'ן ווייסען, אויפ'ן שענעם חאַלז, אַ גרויסע גאָלדענע קעט, אַ בראָש, בראַסליעטען, פינגערלעך, אויהרענגלעך — דאס גאַנצע יודישע ציהרונג, דער גאַנצער יודישער מאַיאָנטעק.

איין אויסגעשלייערטע איז רחל'ע געזעסען ביי זיך אין חדר,

יואו משה־מענדיל איז נאך געלעגן אין דער געכטיגער פּאזע, מיט'ן גארגעל ארויף און מיט איין אָפען אויג, און האט געהאלטען אין איין כראפּען.

„אך, וואס פאר איין גרויסער חילוק עס איז צווישען די צוויי משה־מענדלען, דאס הייסט צווישען משה־מענדיל דעם חתן און משה־מענדיל דעם מאן: יענער משה־מענדיל איז עפּיס געווען מיט אזוי פיעל חן; זיינע אויגען האבען געלייכט ווי הבדלות, זיין קול איז געווען ציקער־זיס, זיינע אלע פּאסטעמעקעס זענען געווען אזוי אנגענעהם אזוי ליבליך! און דער משה־מענדיל? עפּיס אזוי משונה־לאנג און שמאל און סאטולעוואטע, און א געל בערדעל שיט זיך איהם. פון וואנען האט זיך צו איהם גענומען אזא צאפּען־בערדעל?"

און נישט ווילענדיג, שטעלט זי זיך פאר אליט אט אין א יענעם כל־בו'ניק, וואס האט זי א גאנצע נאכט ניט געלאזט שלאפען — א ריינער אומגליק! איך בין אליין שולדיג, קלערט זיך רחל'ע, איך בין אליין שולדיג: פּלוצים נא דיר נאר אזא שלים־מזל א סטעמפּעניו, ווער שטעלט זיך דאס אפּ פּלוצים רעדען מיט א כלי־זמר? פע, בזיונות! און וואס וואלט מען געקאנט אויף מיר זאגען, ווען מען זאל מיך זעהן שטעהן און רעדען מיט איהם? א מערכה, וואס ס'איז געווען אזא געפּילדער, און וואס וואלט משה־מענדיל געזאגט?...

און מיט א שמייכעל איז רחל'ע צוגעגאנגען צו משה־מענדיל'ס בעט און האט זיך איינגעבויגען איבער זיין קאפּ און האט איהם אנגערופען ביי'ם נאמען. משה־מענדיל האט אויפגעעפענט די גראהע אויגען און האט לאנג געקוקט און האט ניט פערשטאנען וואס ער זעהט פאר זיך.

— משה־מענדיל! האט איהם רחל'ע געזאגט, אפּגעבויגען זיך אין גאנצען צו איהם; משה־מענדיל! דו דערקאנסט מיך ניט, צו וואס? קוק איהם אן ווי ער בעטראכט מיך אביסעל! איך בין דיר א פּנים געפעלען אין שלייער?

— אַי, לאָז צורוה, וויל שלאָפען!... און מיט די ווערטער דרעהט זיך משה־מענדיל אוים מיט׳ן פנים צום וואַנט, און לאָזט אַרוים אַ משונה־ווילד חראָפּערײַ.

— די מחותנת׳טע און חתן־כּלה און אַלע מחותּנים האָבען גע־לאַזט ביטען אייך מיט אייער שוויגער און מיט אייער מאַן אויפ׳ן „שלייער־וואַרמעם".

אַזוי רופט אוים חיענע די שמש׳טע אַריינשטעקען דעם קאָפּ אין דער טהיר אַריין, נאָר דערזעהען ווי רחל׳ע שטעהט איבער׳ן מאַנ׳ס צוקאָפּענס טהוט זי זיך אַ וואָרף צו ריק.

* * *

רחל׳ע האָט געטראָפען: די כּלה נאָך ניט קיין אויסגעשלייערטע, ביידע חבר׳טעס האָבען זיך צעקישט און עס איז צווישען זיי גיך פערבונדען געוואָרען אַ גאַנץ וואַרעמער שמועס, ווי עס דאַרף צו זיין צווישען צוויי יונגע ווייבלעך...

דער עולם האָט זיך געקליבען ביסלעכווייז און די סאַרווען מיט די סאַרוועקעס האָבען בעדעקט די טישען מיט כּל־טוב: מיט לעקעך און מיט אייגעמאַכטס, מיט קומיש־ברויט און מיט מאַנדעל־בייגעלעך און מיט שטראָדלען אַלערליי. די געכטיגע שמשים מיט די געכטיגע אָרעמעלייט זענען שוין אויך דאָ. דער מחותּן (חיים־בּנציון) לויפט אַרום אַיין אויסגעצוואָגענער מיט אַ סאַמעטען קאַשקעטעל און די מחותנת׳טע איז שוין הייזעריג, ווי די וואַנט; דאָך הערט זי ניט אויף צו פּאַראַדקעווען, טרייבט דעם אַהער און דעם אַהין און שרייט מיט די לעצטע כּחות:

איהר ווילט מיך אומגליקליך מאַכען, שונאי־ציון, איהר נעמט און שטעלט אַוועק אַ בעקען מיט טאָרט און מיט אייגעמאַכטס דאָרט, וואו עס דאַרף גאָר שטעהן דאָס פלעשעל בראָנפען מיט די גלעזלעך, וואונד איז מיר און וועה איז מיר! געה צערייס זיך! נאַ דיר אַ חתונה! קאָסט אַ גרודע געלד און צום סוף נאַ דיר! אפילו

דִי כְּלֵי־זֶמֶר זֶענֶען נָאךְ אוֹיךְ גִיטָא! טַאקִי נָאר אַ מַעֲשֶׂה קוּמְט זִיךְ אָנְ־צוּטְהוּן אוּנ גֶענוּג!

— שַׁא, לָאז זַיין שְׁטִיל! שְׁרַייט חַיִים־בֶּנְצִיוֹן דֶער מְחוּתָּן; וָואס פִּילְדֶערְסְט דוּ אַזוֹי? מֶען וֶוערְט פוּן דִיר נִיט גְלִיקְלִיךְ! זִי טְהוּט גָאר נִיט אוּנ שְׁרַייט! וָואס שְׁרַייסְט דוּ וָואס? אַ נָאוִוינֶע בַּיי דִיר אַ קִינְד חֲתוּנָה מַאכֶען? דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל צִי וָואס? קוּק זִי אָן, זִי חָרַאפֶּעט אַזְשׁ: צוּגוֹיפְגֶערוּפֶען גֶעסְט מִיט קְרוֹבִים אַ גַאנְצֶע שְׁטָאדְט אוּנ לוֹיפְט אַרוּם אוּנ שְׁרַייט! טָאמֶער ווַייסְט דוּ וָואס?

— וֶוער שְׁרַייט, מְשׁוּגָע'נֶער כֹּהֵן, וֶוער שְׁרַייט?

— אִיךְ ווַייס וֶוער סֶע שְׁרַייט? אַדְּרַבָּה זָאג שׁוֹין אַלֵיין!

— אִיךְ שְׁרַיי נִיט; סֶע דוּ שְׁרַייסְט.

— אִיךְ שְׁרַיי שׁוֹין? אַזוֹי? גָאר פַאר־קֶעהֶרְט?

— אָט שְׁרַייסְט דוּ דָאךְ, חַיִים־בֶּנְצִיוֹן, וָואס אִיז דָאס דִיר אָנְ־גֶעקוּמֶען אַזֶעלְכֶם?

— אַ גוּטֶער מָארְגֶען זָאל קוּמֶען אוֹיפְ'ן מְחוּתָּן מִיט דֶער מְחוּתֶּנֶת'טֶע, אוֹיפְ'ן חָתָן מִיט דֶער כַּלָּה, אוֹיף אַלֶע מְחוּתָּנִים פוּן בֵּיידֶע צְדָדִים אוּנ אוֹיף אַלֶע לִיעֶבֶּע פְרַיינְד, ווִיוַואט — גַאנְץ פַיין אוֹיסְגֶעשְׁפִּיעלְט!

מִיט דֶעם הִילְכֶען אוֹיסְרוּף פוּן חַייקֶעל בַּדְחָן הָאבֶּען זִיךְ דִי כְּלֵי־זֶמֶר גֶענוּמֶען צוּ דִי כֵּלִים, אוּנ דִי חֲתוּנָה אִיז גֶעוָוארֶען ווִידֶער אַ חֲתוּנָה! דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיסְווִישֶׁען דִי הֶענְד אִין דִי פָּאלֶעס, פֶערְקַאטְשֶׁען דִי אַרְבֶּעל, אוּנ עֶרְשְׁט נָאךְ דֶעם זִיךְ וַואשֶׁען, גֶעזֶעצְט צוּם טִישׁ פְּרַאוֶוען דֶעם שְׁלֵייעֶר וַוארְמֶעס — אוּנ דָא הָאט זִיךְ סְטֶעמְ־פֶּענְיוּ גֶענוּמֶען דָאס פִידֶעלֶע אוּנ הָאט אִיבֶּערְאַנִייעֶס גֶעמַאכְט אַלֶע גֶעבְּטִיגֶע קוּנְצֶען נָאךְ מִיט עֶטְלִיכֶע צוּזֶעצְלֶעךְ אוּנ מִיט אַ צְווֵיי־דְרַיי נַייעֶ שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן וֶועלְכֶע דֶער עוֹלָם הָאט גֶעגַאפְט אוֹיף דִי נֶעגֶעל אוּנ אִיז גֶעוֶוען אוֹיסֶער זִיךְ. אַלֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען גֶעקוּקְט אוֹיף אִיהם, אוֹיף סְטֶעמְפֶּענְיוּ'ן; נָאר אֵיין רָחֵלֶ'ע הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אִין יֶענֶעם ווִינְקֶעל — אוּנ דָאךְ הָאט זִי אִיהם גֶעזֶעהֶן, אוּנ דָאךְ הָאט זִי גֶעפִיהְלְט,

אז ער קוקט אויף איהר... ערשט דעמאלט, אז סטעמפעניו האט דאס פידעלע אוועקגעלעגט און צווישען עולם איז געווארען א הו־הא, ערשט דעמאלט האט רחל'ע אויפגעהויבען איהרע בלויע אויגעי און האט דערזעהן... סטעמפעניו'ן.

— וואס זאגט איהר אויף איהם? האט זיך צו איהר געווענדעט די כלה וואס האט ביז אהער געשוויגען.

— אויף וועמען? האט זי רחל'ע געפרעגט בתמימות.

— אויף סטעמפעניו'ן; א שיינער כל־בו'ניק?...

רחל'ע האט איהר גאר נישט געענטפערט דערויף, זי האט דערפיהלט, אז דאס פארב קומט איהר צו אין פנים אריין; די כלה האט דאס בעמערקט און האט זי א פרעג געטהון:

— ס'איז אייך היים, רחל'ע אזא, ס'איז אייך היים?

— יא, היים, שרעקליך היים! איך וועל ארויסגעהן אויף א מינוט אין דרויסען זיך אפקיהלען, האט איהר רחל'ע געענטפערט און איז ארויסגעגאנגען פונ'ם טיש, בעגעגענט זיך אויף יעדען טריט מיט א סארווער אדער א סארוועריקע, וואס האבען איהר אפגעטראטען דעם וועג מיט גרוים כבוד, נישט אזוי צוליעב איהר ווי צוליעב איהר זיידען מלבוש; נאר נישט אזוי גיך האט זי געטראפען צו דער טיר, דען ערשטענס האט זי בעדארפט דורכשפארען זיך דורך די כלי־זמר, וואס האבען זי בעטראכט „מיט אויגען" און האבען זיך דורכגעווארפען אויף זייער לשון: „קליוועס יאלדאוועקע, מען דארף טירען מיט צוזעניבע" א. ז. וו... און אז זי האט זיך בעגעגענט מיט סטעמפעניו'ס אויגען, האט זי דערפיהלט עפעס א מין הארצקלאפעניש, וואס זי האט נאך ביז אהער קיינמאל נישט געפיהלט; דערפון איז זי געווארען נאך רויטער און האט דערפיהלט א שרעקליכע היץ אין פנים, ווי א מענש וואס געהט אויף א שרפה סאמע ביים רעכטען פייער. צו די צרות האט זי זיך נאך געדארפט בעגעגענען מיט'ן מחותן ר' חיים בנציון, שוין כמעט ביי דער טהיר, און דא האט זיך אנגעהויבען א נייע חתונה: ר' חיים בנציון איז געוועזען א יוד א חסיד און האט געציטערט פאר א נקבה שרעקליך. אז ער

האט זיך בעגעגענט פלוצים מיט רחל'ען האט זיך ר' חיים בנציון בעדאַרפט אייגענטליך אַוואַרף טהון צוריק ווי דער שטייגער איז; נאָר, מעשה שטן, האט ער זיך נאָר אַ נעם געטהון רעכטס, און אַזוי ווי זי (רחל'ע) איז אויך געגאַנגען רעכטס איז אָפּגעגאַנגען אַ האָר זיי זאָלען זיך צוזוצקען, לכן איז ר' חיים־בנציון געפאַלען אויף איין עצה און האט זיך באַלד אַ חאַפּ געטהון לינקס, צום אומגליק איז זי אויך געפאַלען אויף דער זעלבער עצה און האט אויך גענומען לינקס; דאָ האט ר' חיים בנציון באַלד פערשטאַנען אַז מען דאַרף זיך ראַפּטאַס אַ לאָז טהון טאַקי נאָר רעכטס, נאָר ביז ער האט זיך אַריהר געטהון איז איהם שוין רחל'ע געשטאַנען אַקעגען ווי אויף צו להכעיס — און גאָט ווייסט ביז וואַנען זיי וואָלטען אַזוי אַוועקגעטאַנצט, ווען אויף זייער גליק זאָלט ניט געווען אָנגעקומען די הייזעריגע מחותנת'טע און ניט שטעלען זיך אויסטענה'ן מיט'ן מחותן, אויף זייער געוועהנליכען שטייגער, און דערווייל האט זיך רחל'ע אַרויסגעכאַפּט אין דרויסען אַרויס, אַ ביסעל אָפּקיהלען זיך פון דער שרעקליכער היטץ.

IX.

רחל'ס ביאָגראַפיע און חיה־עטעל'ס ראָמאַן.

אין דרויסען איז אָבער געווען נאָך הייסער. עס איז געווען אַ תמוז'דיגער טאָג. די זון האט געהאַלטען אין מיטען הימעל און האט געשמאַלעט און געבראָטען גאָר אָהן רחמנות. אויף די הילצערנע און שטרויענע דעכער פון די מאַזעפּעווקער הייזער האט זיך דער אָפּשיין פון דער זון צעגאַסען מיט טויזענדער פאַסען, וואָס ציטערען און שוועבען ווי די חוואליעס פונ'ם טייך; חדר־יונגלעך רופען דאס אָן: „די שכינה רוהט".

אַקעגען רחל'ען שטעהט דער מאַרק: ער איז ברייט און פוסט, די קלייטען מיט די רויטע פאַרטעכלעך זענען אָפען און די ווייבער זיצען אויף פערקעכדיגע בענקלעך און אַרבייטען אַ זאָק מיט אַ

שרעקליך געשווינדקייט, ביי דער זייט שטעהען מילטערלעך מיט יאַגעדעס, מיט קיכלעך און מיט קאַרזשעקלעך, און אַ ציג גנב'עט זיך אונטער און האָט חשק צו מאַכען אַ שטיקעל אומגליק, נאָר מען דערלאָזט זי ניט. ווייט-ווייט געהען אַ פּאָר אָקסען מיט אַ גרויסער פוהר סנאָפּעס קאָרן, די פוהר מאַכט אַן אַ מורא'דיגען פּאַראָך אַרום זיך, און פון אונטען געהט נאָך אַ קליין שקצ'יל מיט אַ גרויס וואַרעם היטעל מיט אַ טאַרבע. מיט אַ לאַנגער בייטש און באָרפוס. און אַ גרויסער הונד לויפט איהם נאָך מיט איין אַרויסגעשטעלטען צונג.

רחל'ע שטעהט און בעטראַכט דאָס גאַנצע וואָכענדיגע אומזיכט און פערגלייכט דאָס מיט איהר בלוי-זיידען מלבוש, היטעל-קאַליר, און מיט די פּערעלעך, בראַסליעטען, אויערינגל'עך, פינגערלעך— און זי פיהלט, אַז זי איז עפּעס גאָר ווילדפרעמד מיט דעם דאָזיגען בילד, מיט דער גאַנצער נאַטור, עפּעס ניט אַהין ניט אַהער, ניט מאַרק-יודינע, ניט גראַפינע — גלאַט אַ יודיש קינד, אַ יודישע טאָכטער, פּטור פון אַלעם. אַט האָט זי זיך אַ מאַן, עסט זיך קעסט ביי די שווער און שוויגער, טהוט נישט קיין האַנד אין קאַלטען וואַסער, און דער מאַן איז אָדער אין בית-מדרש, אָדער אין מאַרק, געהט אַרום מיט'ן שטעקעלע און זאָגט ווערטעלעך.

אַצונד, שטעהענדיג אַט דאָ נאָהענט צו דער נאַטור האָט זי זיך כמעט דאָס ערשטע מאָל אויף איהר לעבען גענומען רעכט בעטראַכטען, ווער זי איז און עס איז איהר אַרויפגעקומען אויפ'ן זינען אַ נייע מחשבה, אַז עס פעהלט איהר עפּעס, וואָס — ווייסט זי נישט, נאָר עפּעס פעהלט איהר, עפּעס געהט איהר אָב...

רחל'ע איז געווען אַ פּשוט יודיש ווייביל אָהן אויבערקעפּלעך, אָהן שפּיצלעך, מיט איינעם וואָרט, דאָס, וואָס מען רופט אָן ביי אונז אַ י ו ד י ש ע ט א כ ט ע ר. געוואַכסען צווישען אַ סך קינדער, איז זי ביי פאָטער און מוטער אין סקווירע געווען ניט אַזאַ אַנטיק: „ווייס איך, אַ מיידיל, לאָז זי זיך וואַכסען געזונדערהייד...‟ און בכדי זי זאָל זיך ניט צורומבלאָנקיווען פאַר די אויגען און עס זאָל זיין ווינציגער

מיט א קינד אין שטוב, האט מען זי אפגעשיקט גלייך מיט אלע איהרע ברידערלעך, אין חדר אריין. נאכדעם, אז זי איז שוין אביסיל אונטער־געוואקסען, האט מען זי אפגעגעבען לערנען זיך שרייבען צו „מאטיל שפרייז דעם מיידעלשען שרייבער”. דארט ביי „מאטיל שפרייז דעם מיידעלשען שרייבער” האט זיך רחל'ע געהאט, געוועהנליך, איהרע חבר'טעס, קליינע און גרויסע מיידלעך, נאר מעהר האט זי ליעב געהאט צו שארען זיך ארום די עלטערע מיידלעך. פון וועלכע זי האט ליעב געהאט צו הערען מעשיות, שיינע וואונדערליכע מעשיות; די מיידלעך ווידער האבען ליעב געהאט רחל'ען פאר איהר זינגען, פאר איהר שיין זינגען.

— זינג אונז, רחל'ע הארצעניו, זינג, נישט־קשה, אצונד איז נישטא קיין יונגלעך.

פאר יונגלעך און פאר עלטערע האט זיך רחל'ע געשעמט צו זינגען, בפרט נאך פאר גרויסע יונגלעך האבען איהר די חבר'טעס אליין געזאגט, אז ס'איז נישט שיין מען טאר נישט...

— נו, זינג שוין רחל'ע, קוק זי אן, מען דארף זי בעטען.

און רחל'ע פאלגט די גרויסע מיידלעך און פערציהט אויף איהר דינער, ווייכער שטימע א ליעדיל, א יודיש ליעדיל:

אויפ'ן בארג שטעהט א טויב,
און טהוט זיך טרויעריג ברומען,
ערגעץ האב איך א ליעבען פריינד —
און קען צו איהם נישט קומען...

רחל'ע זינגט דאס דאזיגע ליעבע ליעדיל מיט גרויס געפיהל, גלייך ווי זי וואלט פערשטאנען דאסווארט „ליעבע”. יענע אבער, איך מיין די עלטערע מיידלעך, האבען דאס א פנים יא פערשטאנען, מחמת זיי פלעגען זיך דערביי פערזארגען, זיפצען און אמאל לאזען א טרעהר אויך...

מעהר פון אלע האט ליעב געהאט צו הערען די דאזיגע ליעדער־לעך וואס רחל'ע האט געזונגען פאר איהרע חבר'טעס, איינע פון זיי

מיט'ן נאמען חיה עטיל, זעהר א שען מיידעל, א יתומה. חיה עטיל איז געוועזן איינע פון א סך מיידלעך. איהר ביאגראפיע איז די ביאגראפיע פון פיעלע יודישע טעכטער און קען דערציילט ווערן אזוי קורץ און אזוי גיך, ווי מאכען א ברכה „שהכל נהיה בדברו". אט האט איהר זי אין גאנצען:

אמאל (נישט זעהר לאנג) איז געוועזן צוויי ברידער אין דער שטאדט איינער האט געהייסען אהרן און דער אנדערער האט געהייסען לייב. אהרן איז יונג געשטארבען און נאך איהם איז נאכגעשטארבען זיין ווייב און עס איז פון זיי איבערגעבליבען א טאכטער חיה עטיל, האט זיך אויף איהר דערבארעמט דער פעטער לייב און האט זי צוגענומען צו זיך מיט איהר ירושה. דער פעטער לייב האט זיך אפילו מיט דער יתומה נישט אזוי שען בעגאנגען, די גאנצע ירושה האט ער זיך צוגענומען (א דריי טויזענד קערבלעך זאגט מען) און איהר, דער יתומה, האט ער געגעבען, מחילה א פייג און האט זי חתונה געמאכט פאר א חניאק, א כלב שבכלבים, וואס איז איהר דערגאנגען די יאהרען, און חיה עטיל איז יונג צו צוויי און צוואנציג יאהר געגאנגען פון דער וועלט...

אט מיט דער חיה עטיל איז אונזער רחל'ע געוועזן א לייבליכע חבר'טע, און זיי האבען זיך ביידע זעהר ליעב געהאט. און אט מיט דער חיה עטיל, איז אמאל געזעסען רחל'ע שבת ביי טאג ביים פענסטער גאנץ פיין אויסגעקעמט און אנגעטהון שבת'דיג, ווי עס געהער צו זיין, ווי דער שטייגער איז, האט רחל'ע געזונגען איהרע ליעדעלעך און חיה עטיל האט געהערט. רחל'ע האט געזונגען:

אוי, דו פאהרסט אוועק,
אוי, דו פאהרסט אוועק,
און מיך לאזט דו איבער!... א. ז. וו.

— רחל'ע, הארצעניו, נשמה'ניו! — זאגט חיה עטיל, זינג דאס נאך אמאל!

— איבערזינגען דאס נאך אמאל? פרעגט זי רחל'ע פערוואו-

דֶערְט — נוּ, אִיךְ קֶען דָאס דִיר אָנְהוֹיבֶּען נָאךְ אַמָאל פוּן אָנְהוֹיבּ:

אוֹי, דוּ פָאהרְסְט אַוֶועק,
אוֹי, דוּ פָאהרְסְט אַוֶועק,
אוּנ מִיךְ לָאזְט דוּ אִי־אִי־אִיבֶּע!...

פְּלוּצִים דֶערְזֶעהט רָחֵלֶ'ע ווִי חַיָה עֶטִיל דִי יְתוֹמָה לִיגְט מִיט'ן פָּנִים אוֹיף דֶער הַאנְד אוּנ אִיהר קָאפּ מִיט דִי פְּלֵייצֶעס וַוארְפֶען זִיךְ; רָחֵלֶ'ע בְּלַייבְּט שְׁטִיל אוּנ הֶערְט ווִי חַיָה עֶטִיל חְלִיפֶּעט.

— גָאט אִיז מִיט דִיר, חַיָה עֶטִיל, דוּ וַויינְסְט? וָואס עֶפֶּעס אִין מִיטֶען דְרִינֶען גֶעוַויינְט? זָאג מִיר, וָואס אִיז דִיר, חַיָה עֶטִיל, אַזֶעלְכֶעס גֶעשֶׁעהן? פְּלוּצִים גָאר נַא דִיר אַ גֶעוַויין!

— אוֹי רָחֵלֶ'ע! עֶנְטְפֶערְט זִי אִיהר מִיט אַ גֶעוַויין; אוֹי, רָחֵלֶ'ע, דָאס לִיעדִיל, דָאס לִיעדִיל דַיינְס!

— דָאס לִיעדִיל? וָואס־זְשֶׁע אִיז דָארְט אַזֶעלְכֶעס? וָואס דַארְף מֶען וַויינֶען דֶערוֹיף?

— אַי, רָחֵלֶ'ע, פְרֶעג מִיךְ נִישְׁט, פְרֶעג נִישְׁט מַיין פֶערְבִּיטֶערְט הַארְץ! אַ פַייֶער בְּרֶענְט אִין מִיר; עֶס בְּרֶענְט אִין מִיר אַ הֶעלִישׁ פַייֶער. אָט דָא, זֶעהְסְט דוּ, אָט דָא־אָ?

אוּנ חַיָה עֶטִיל וַוייזְט אִיהר אָן בַּיי זִיךְ אוֹיפְ'ן הַארְצֶען; רָחֵלֶ'ע קוּקְט אוֹיף אִיהר פֶערְוואוּנְדֶערְט אוּנ צֶעמִישְׁט.

— וָואס קוּקְסְט דוּ אוֹיף מִיר אַזוֹי, רָחֵלֶ'ע? דוּ פֶערְשְׁטֶעהְסְט נִיט דוּ קֶענְסְט נִיט פִיהלֶען וָואס מִיר אִיז; מַיין הַארְץ אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער. אִיךְ בִּין אַזוֹי עֶלֶענְד, אַזוֹי פֶערְווִיסְט, אִיךְ טְרָאג אַזֶעלְכֶע מַכּוֹת. אַז אִיךְ מוּז דִיר אַלְסְדִינְג דֶערְצֶעהלֶען — אַלְסְדִינְג!

אוּנ חַיָה עֶטִיל דֶערְצֶעהלְט רָחֵלְ'ען אַ גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע, אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע מַעֲשֶׂה, אֲפִילוּ אַ גֶעוֶועהנְלִיכֶע, וָואס טְרֶעפְט זִיךְ גַאנְץ אָפְט בַּיי יוּדֶען, נָאר זֶעהר אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע מַעֲשֶׂה, ווִי אַזוֹי אִיהר פֶעטֶער לֵייבּ הָאט זִיךְ מִיט אִיהר מֵאוּס בֶּענַאנְגֶען אוּנ צוּמֵיינְסְטֶען זִי, דִי מִרְשַׁעַת, דִי מוּמֶע, אוּנ וֶוען נִיט דֶעם פֶעטֶער לֵייבּ'ס יוּנְגֶער זוּהן בִּנְיָמִן, וָואלְט זִי שׁוֹין לַאנְג אַנְטְלָאפֶען אִין דֶער וֶועלְט אַרַיין, אָדֶער אִין טַייךְ אַרַיינ־

גֶעוואָרְפֶען זִיךְ. אָט דֶער בִּנְיָמִן אִיז גֶעוֶוען אִיהר אֵיינְצִיגֶע נֶחָמָה, אוֹיף דֶער וֶועלְט; מִיט אִיהם אִיז זִי דָאס אוֹיסְגֶעוואַקְסֶען אִין אֵיינֶעם; עֶר אִיז צוּ אִיהר גֶעוֶוען וִוי אַ בְּרוּדֶער, וִוי אַיין אֵיינֶענֶער בְּרוּדֶער — אוּנ צוּם סוֹף אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעפָאהרֶען, הָאט זִי אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אוֹיף צָרוֹת, וִוי אַ פְרֶעמְדֶער, גָאר וִוי אַ ווִילְדְפְרֶעמְדֶער.

— אִיךְ פֶערְשְׁטֵעה נִיט חַיָה עֶטִיל, וָואס בֶּעדַארְף מֶען דָא אַזוֹי אַיינְלֶעגֶען דִי וֶועלְט, וֶוען אֲפִילוּ אַיין אֵיינֶענֶער בְּרוּדֶער פָאהרְט אַוֶועק, בִּפְרַט נָאךְ נִיט קֵיין אֵיינֶענֶער.

— אֶי, רָחֵלֶ'ע, דוּ וַוייסְט נִישְׁט וִוי הֵיימִישׁ עֶר אִיז מִיר גֶעוֶוען, וִוי אַיינְגֶעבַּאקֶען אִין הַארְצֶען, טַאקִי גָאר וִוי אַיין אֵיינֶענֶער, נָאךְ מֶעהר וִוי אַיין אֵיינֶענֶער זָאג אִיךְ דִיר! אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהן פַאר זִיךְ בִּנְיָמִנְ'עֶן אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ לִיכְט אִין דִי אוֹיגֶען, אוּנ אַז עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעפָאהרֶען...

— בִּנְיָמִן הָאט דָאךְ גֶעמוּזְט אַוֶועקְפָאהרֶען, חַיָה עֶטִיל עֶר הָאט דָאךְ חֲתוּנָה גֶעהַאט.

— אֶי, רָחֵלֶ'ע קְרוֹין, זָאג עֶס מִיר נִיט, אִיךְ קֶען דָאס נִיט הֶערֶען! דָאס וָוארְט „חֲתוּנָה־גֶעהַאט" נֶעמְט בַּיי מִיר אַרוֹיס מַיין גַאנְץ חַיוּת! וֶוען אִיךְ דֶערְהֶער, אַז מֶען זָאגְט: „בִּנְיָמִן הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט", עֶקְט זִיךְ מִיר דָאס לֶעבֶּען. דוּ וַוייסְט דָאס נִיט, רָחֵלֶ'ע, הַלְוַאי זָאלְסְט דוּ דֶערְפוּן נִישְׁט וִויסֶען אֵייבִּיג... וָואס קוּקְסְט דוּ אוֹיף מִיר אַזוֹי? בִּנְיָמִן הָאט מִיר צוּגֶעזָאגְט, גֶעשְׁווָאהרֶען, אַז עֶר וֶועט מִיךְ נֶעמֶען.

— נוּ, לְמַאי־זָשֶׁע הָאט עֶר דִיךְ נִיט גֶענוּמֶען, חַיָה עֶטִיל?

— דוּ פְרֶעגְסְט וִוי אַ קִינְד, רָחֵלֶ'ע, מִסְתָּמָא אִיז מִיר נִיט בֶּעשֶׁערְט מִסְתָּמָא אִיז דָאס אִיהר מַזָל.

— עֶר הָאט דָאךְ דִיר אָבֶּער גֶעשְׁווָאהרֶען, אַז עֶר וֶועט דִיךְ יָא נֶעמֶען.

— נוּ, מֵילָא, הָאט עֶר גֶעשְׁווָאהרֶען! עֶר הָאט זִיךְ אַלְץ גֶעקְלִיבֶּען זָאגֶען דֶעם פֶעטֶער, אָבְּגֶעלֵייגְט פוּן טָאג אוֹיף טָאג: עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פַאר אִיהם (דִי קָאנְסְט דָאךְ מַיין פֶעטֶער לֵייבּ) בִּיז עֶר

אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארֶען פַאר אִיהר אוּן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט מִיט אִיהם אַ שְׁמוּעֶס מִכֹּחַ דֶעם, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט, אַז בִּיז דֶער חֲתוּנָה אִיז נָאךְ וַוייט, עֶר וֶועט נָאךְ קֶענֶען רֵעדֶען — אוּן אַזוֹי זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען דִי טֶעג מִיט דִי יָאהרֶען, בִּיז סְ'אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט, אָט אַ יֶענֶע פִינְסְטֶערֶע צַייט, אוֹיף מַיין שְׁלִים-מַזָל... אִיךְ בִּין אַלֵיין גֶעוֶוען בַּיי דֶער חוּפָּה, אִיךְ הָאבּ אַלְכְּדִינְג גֶעזֶעהן מִיט מַיינֶע אוֹיגֶען, אַלְסְדִינְג ווִי אַזוֹי עֶר הָאט אִיהר אָנְגֶעטְהוּן דָאס פִינְגֶערִיל, גֶעזָאגְט וָואס מֶען בֶּעדַארְף... דֶער חַזָן מִיט דִי מְשׁוֹרְרִים הָאבֶּען גֶעזוּנְגֶען אוּן בִּנְיָמִן הָאט אַרָאפְּגֶעלָאזְט דִי אוֹיגֶען אוֹיף דֶער עֶרְד, עֶר זָאל מִיךְ נִיט זֶעהן -- נָאר אִיךְ ווַייס, אַז עֶר הָאט מִיךְ גֶעזֶעהן... אַךְ, רָחֶלֶ'ע ווִי אַזוֹי לֶעבּ אִיךְ? ווִי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ דָאס אוֹיס?...

— ווִי בַּאלְד אַזוֹי, חַיָה עֶטִיל, אִיז דָאךְ בִּנְיָמִן אַ גְרוֹיסֶער לִיגְנֶער אוּן אִיז נִיט ווֶערְט, וָואס דִי עֶרְד טְרָאגְט אִיהם.

— נֵיין, זָאג דָאס נִיט, רָחֶלֶ'ע, דוּ קֶענְסְט נִיט בִּנְיָמִנֶ'ען; דוּ ווַייסְט נִיט, וָואס פַאר אַ דִימַאנְט דָאס אִיז, וָואס פַאר אַ טַייעֶר הַארְץ עֶר הָאט!... דָאס אִיז עֶר אִין גַאנְצֶען שׁוּלְדִיג, דֶער פֶעטֶער לֵיבּ, דֶער רוֹצֵחַ, מַיין טַאטֶענְס בְּלוּט זָאל אִיהם נָאר אַקֶעגֶען קוּמֶען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!

— אִיךְ זֶעה אַרוֹיס, חַיָה עֶטִיל, אַז עֶר טְהוּט דִיר אַ פָּנִים גוּט בַּאנְג.

בַּאנְג, זָאגְסְט דוּ? אִיךְ שְׁטַארְבּ אִיךְ גֵעה אוּיס מִיט דִי כֹּחוֹת — אוּן זִי זָאגְט נָאר בַּאנְג-שְׁמַאנְג.

— נוּ, אוּן זִי, חַיָה עֶטִיל, זִי אִיז עֶפֶּעס אַ שֵׁיין ווַייבֶּעל?

— ווֶער זִי?

— זִי, בִּנְיָמִנְ'ס ווַייבּ מַיין אִיךְ.

בַּיי דִי ווֶערְטֶער הָאט רָחֶלֶ'ע דֶערזֶעהן, ווִי חַיָה עֶטִיל ווֶערְט רוֹיט אוּן גָאבְּדֶעם בְּלַייךְ, אַלֶערְלֵיי פַארְבֶּען. רָחֶלֶ'ע הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶע־קֶענְט פֶערְשְׁטֵעהן, פַאר וָואס חַיָה עֶטִיל ווִיל אִיהר דֶערוּיף נִיט עֶנְטְ־פֶערְן; נָאר פִיהלֶען הָאט זִי גֶעפִיהלְט, אַז נָאךְ אַמָאל אִיבֶּערְפְרֶעגֶע־

זי דארף מען ניט; „מסתמא פאסט איהר ניט, אז זי מאכט א שווייג; מסתמא טהוט איהר וועה, אז זי וויל דערפון ניט רעדען...“

אין א צייט ארום האט זיך רחל'ע בעגעגענט מיט חיה עטל'ען אויף א חתונה, טאקי ביי חיה עטל'ען אויף דער חתונה. חיה עטיל איז געוועזן א כלה, ווי אלע כלות; געזעסען ווי א כלה דארף זיצען, געשוויגען, געגאנגען צו דער חופה, אויף מארגען אויסגעשלייערט זיך, געוועזן אפילו בלייכליך אויפ'ן פנים, אביסיל ווי פערטראכט, נישט פרעהליך... נאר נישט קשה, עס מאכט ניט אויס: א כלה דארף אזוי זיין; וואס זשע? טאנצען זאל זי געהן?...

ווער ווייסט, וואס ביי חיה עטל'ען איז געוועזן אויף דער מחשבה אויפ'ן הארצען? דאס הארץ פון א יודישער טאכטער איז א סוד, א גרויסער סוד. א קאסטען, א פערשלאסענער קאסטען, און דערצו פאסט טאקי ניט פאר קיין מאנסביל אריינצוקוקען אהין — עס איז עפעס נישט קיין דרך ארץ...

X.

און ווייטער א מאל רחל'ע

אויף דער שאלה: „וואס טהוט זיך ביי חיה עטל'ען אינוועייניג אין הארצען?“ אויף דער שאלה האט זיך רחל'ע פערטראכט ביי חיה עטל'ען אויף דער חתונה. רחל'ע האט וועגען דעם מיט קיינעם נישט גערעדט: דאך האט זי פערשטאנען מיט'ן שכל און אביסעל געפיהלט מיט'ן הארצען, אז חיה עטל'ען דארף אצונד זיין ניט אין בעסטען, זיצענדיג מיט איהר בעשערטען, א ווילד פרעמדען בחור, און ווען איהר איינגער בנימין איז דארט ערגעץ מיט זיין ווייב... רחל'ען האט זיך אפילו שטארק געגליסט א פרעג טהון אצונד חיה עטל'ען, וואס הערט זיך מיט בנימינ'ען, וואס מאכט ער, צו שרייבט ער בריוועלעך? נאר, צוגעגאנגען נאהענט צו חיה עטל'ען און אריינגעקוקט איהר אין איהר

בליך פנים אריין און דערהערט, ווי זי זיפצט גאנץ אפטליך — האט איהר דאס הארץ נישט פערטראגען צו רעדען מיט איהר פון אזעלכע זאכען.

מיר קענען דיינקען, אז דאס איז געווען דאס ערשטע מאל אויף איהר לעבען, וואס זי (רחל'ע) האט זיך פערטראכט וועגען אזעלכע ענינים. עס קען זיין, אז איין רעכטער פאקט פונ'ם לעבען, זאל ארויסרופען א סך מעהר מחשבות און אויפוועקען א סך מעהר געפיהלען, ווי צעהן גוטע ביכער. אמת, רחל'ע איז געווען א פשוט יודיש מיידעל, אן חכמות נאר קיין נארריש מיידעל איז זי ניט געווען; פאר וואס זשע זאל זי נישט בענעמען א זאך מיט איהר אייגענעם גע־באהרענעם שכל? אמת, רחל'ע האט נישט געוואוסט פון קיין העלדען, פון קיין ראמאנען, אבער א ריין הארץ, א ריין יודיש הארץ האט זי געהאט; פאר וואס זשע זאל זי ניט פיהלען קיין פרעמדע צרות, נישט פערשטעהן קיין פרעמדע יסורים? אין דעם פרט קען מען זאגען, איז רחל'ע מיט א מאל עלטער געווארען אויף עטליכע יאהר, א דאנק היה עטלען מיט איהר יודישען ראמאן.

אין יענער צייט איז שוין רחל'ע אויך געווען א כלה און פון איהר חתן משה מענדלען האט זי זיך אנגעהערט אזעלכע שבחים מיט אזוי פיעל מעלות, אז זי האט געקוקט אויף זיך, ווי אויף איינע א גליקליכע אין דער וועלט.

— קיין עין־הרע, אזא גליק! האט זי געהערט פון אלע זייטען.

— א שמאלץ גרוב! איין אנקומעניש! ר' אייזיק נפתלי איז א יוד א בעל־הבית, דער פיינסטער פון אלע מאזעפעווקער בעלי־בתים און האט איין זוהן, איין איינציגען זוהן, און נאך וואס פאר זוהן. נו, א מזל!

און באמת איז משה מענדיל טאקי געווען א פיין בחור'ל און האט געקאנט געפעלען יעדען: א וואהלם, א לעבעדיגס, א גמרא קעפעל, א שעהנער בעל תנ"ך, דערצו נאך א כתיבה רבה אויף עטליכע הענד. אזוי אז מיט זיינע כתבים האט זיך גאנץ מאזעפעווקע ארומגעטראגען

את אפילו מאטיל שפּרייז אליין, דער „מיידעלשער שרייבער" אין סקווירע האט אנגעזאטעלט זיין רויטע נאז מיט א פּאר שפּאקולען, האט עטליכע מאל בעטראכט דעם חתנ׳ס כתב ווי איין עכטער מבין, אונ האט מודה געוועזן, אז דער חתן האט א גאלדען הענטעל אונ אז ער וועט זיך מיט דער צייט אויסשרייבען די האנד, וועט ער אם־ירצה־השם קאנען שרייבען.

געערדט האט רחל׳ע מיט איהר חתן זעהר ווינציג, דען וואו איז ער געוועזען אונ וואו איז זי געוועזען? פון מאזעפּעווקע ביין סקווירע איז גאנץ ווייטליך אונ געזעהען האבען זיי זיך בסך הכל איין מאל, אי דאס נאר א צוויי שעה, אי דאס פּאר א גאנצען מנין יודען, אי דאס איז דער חתן געוועזען אין איין חדר אונ די כלה — אינ׳ם אנדערען חדר. דערפאר אבער האבען זיי זיך איבערגעשריבען מיט בריוולעך כמעט אלע וואך א קיילעכיג יאהר כסדר ביז דער חתונה. אמת אין דעם איבערשרייבעכטס — וואס דארף מען דא לייקענען? — האט מאטיל שפּרייז געהאט א גרויסען חלק, דען אזוי ווי דעם חתנ׳ס בריוו־לעך זענען געוועזען געשריבען אין דריי שפּראך: העברייאיש, רוסיש אונ דייטש, דרום האט מאטיל שפּרייז געמוזט זעהן, אז זי די כלה, זאל אויך עפּעס ניט פערשעמט ווערען; אונ בכדי צו בעווייזען בע־שיינפּערליך, אז פון מאטיל שפּרייז׳ס חדר געהען ניט ארויס קיין מיידלעך גלאט אזוי, ווי ביי אנדערע שרייבערס, האט ער זיך געפּלייסט, אז אין דער כלה׳ס בריוולעך זאל זיין צוגעזעטצט נאך פראנצויזיש אויך, ד. ה. פראנצויזישע אותיות, אין וועלכען מאטיל שפּרייז איז געוועזען גאר א גרויסער בקי. בכלל קאן מען זאגען אז א גאנץ יאהר כסדר האבען זיך חתן כלה געשפּיעלט אין כתבים, אונ נאר דעמאלט האבען זיי אויפגעהערט די דאזיגע שפּיעל, ווען מען האט זיך שוין אנגעהויבען רעכט גרייטען צו דער חתונה.

די חתונה איז אפּגעלאפען ווי אלע יודישע חתונות; אביסעל האט כלה׳ס צד ניט יוצא געוועזען, נישט לייטיש זיך אויסגעשטעלט גאנץ יודעשליך... אונ אביסעל האט זיך חתנ׳ס צד געבלאזען

געוואָרטעלט און שטילערהייט אָנגערופען דעם מחותן מיט'ן נאָמען „דבר־אחר", ווי ער האָט דאָס ערענטליך פערדיענט. נאָר גאָר נישט, עס מאַכט ניט אויס: מען מאַכט, ווי דער שטייגער, אַ כוסה מען בעט זיך איבער. די כלה געזעגענט זיך אָפּ מיט אַלע איהרע ליעבע, מען בעגלייט זי ביז אַרויס דער שטאָדט, מען קישט זיך, מען ווייגט, מען פּטרט אַרויס אַ טאָכטער — און מען פיהרט זי אַוועק אַהין צום שוועהר און שוויגער אויף קעסט.

XI.

און ווידער אַ מאָל רחל'ע.

דאָרט, ביי שוועהר און שוויגער, האָט זיך אָנגעהויבען פאַר רחל'ען אַ נייע וועלט. ווי אַ שנור און איין איינציגע שנור און אַ גע־ראָטענע שנור, האָבען זי אַלע גיך ליעב געקריגען און מען האָט זי אָפּגעהיט, געפּאַנקעוועט, געבלאָזען דאָס אָרט פאַר איהר. און וועד שמיעסט די שוויגער, דוואָסי־מלכה, וואָס האָט קוים דערלעבט אַזאַ נחת, האָט פּשוט דאָס לעבען אַוועקגעלעגט צו ליעב איהר: נאָר „רחל'ע און רחל'ע"! וואו ערגעץ אַ פעט שטיקעל פלייש, אַ מאַרכעדיג ביינדעל, אַ געשמאַקע זאַך — אַלץ רחל'ען. גאַנץ פריה, רחל'ע האָט נאָר וואָס געעפענט די אויגען — אַהאַ, דאָס קריגעל ציקאָריע שטעהט שוין אויפ'ן טיש און דוואָסי מלכה וואָס איז אייגענטליך אַ פערנומענע, אַ מאַרק־ייִדענע, דרעהט זיך אַרום און זעהט, אַז די שנור זאָל האָבען אַלעס צו דער צייט.

— וואָס דאַרפט איהר זיך מטריח זיין, שוויגער?

— נישט קשה, טרינק, רחל'ע, עס רחל'ע!

איין אַנדערס מאָל זעהט רחל'ע, ווי די שוויגער לויפט פון מאַרק אָהן אַ נשמה און פאַלט אַריין אין קיך מיט קולי־קולות אויף די מעשען, שעלט און קאָרעניעט, גלייך ווי מען וואָלט זי דאָרט געקוילעט.

— וואס איז, שוויגער? פרעגט זי רחל׳ע.

איך האב געמיינט, דו ביסט שוין לאנג אויפגעשטאנען און די מילך שטעהט און זידט און זידט — זידען זאל, רבונו של עולם! מיין מוידים פארע — און איך לויף, איך וייס וואו איך בין אין דער וועלט? אין קלייט איז קיין עין־הרע איין ענגשאפט — מען זאל גאר בעהיט ווערען, און ער, מיין דאליע, שטעהט די הענד פערלעגט אהינטער, ווי א מחותן; איך בעט איהם רחמים: נעהם טראג אוועק אהיים אט א צווייטע פרישע בייגעל! טאמער ווילסט דו עסען — עס, רחל׳ע, גוטע בייגעל, איך קויף תמיד ביי לייביכען בייגעל, איך וועל ביי קיין אנדער יודינע ניט נעמען, מען זאל מיר אנשיטען א פולע שטוב מיט גאלד — נאט ניעג איהר טאקי העלפען; וויפיעל זי קומט נעביך אפ פון איהר מאן דעם שכור, ווי אזוי טראגט די ערד אויף זיך אזא נפש — פערשטעה איך נישט, נאר א בזיון דארט דעם טאטען אויף יענער וועלט... יא, וואס האב איך געוואלט זאגען? מישטיינס געזאגט, דער קאפ איז מיר אזוי פערשלאגען... שא, אן גערט זי שוין די יפהפיה. מויד! וואו ביזט דו שוין געוועזן, מויד?

און דא געהט אוועק א נייע צעטעל פון קללות מיט געוואלדען פאר דער מילך פון רחל׳עס וועגען, פאר דער ציקאריע פון רחל׳עס וועגען, פאר דעם אנבייסען פון רחל׳עס וועגען — הכלל מיט רחל׳ען האלט אין איין קאכען די גאנצע שטוב. אפילו דער שוועהר, וואס איז תמיד געווען פערנומען מיט זיך און מיט זיינע געשעפטען, האט אויך שטענדיג נאכגעקוקט נאך איהר, נאכגעפרעגט אויף איהר.

דאס גאנצע ארומפאדקעווען מיט׳ן ארומטאנצען ארום איהר איז רחל׳ען, איינענטליך, געווען אביסעל פריקרע, טאקי אריבער דער טבע; און דעם אמת מוז מען זאגען, אז רחל׳ע איז געווען א סך וויניגער צוגעלאזט צו זיי, אלס זיי צו איהר.

אז מיר זאגען „זיי" מיינען מיר דאס די שוועהר און שוויגער, און משה מענדל׳ען, דעם רעכטען פארשוין, וואָרפען מיר ארויס פון צעטעל, ווארום צווישען דעם יונגען פאר פאלק איז געווען אזעלכע

מַחֲזָקוֹת. וָואס מֶען קָאן זֵיי נִישְׁט אָנְרוּפֶען נִיט גוּט, נִיט שְׁלֶעכְט. זֵיי, דָאס פָּאר פָאלְק, הָאבֶּען צְווִישֶׁען זִיךְ קֵיין סַךְ נִישְׁט גֶערֶעדְט אוּנ טַאקִי נִישְׁט גֶעקֶענְט רֵעדֶען: אַזַא יוּנְגֶער מַאן, ווִי משה מֶענְדִיל, וֶועט זִיךְ נִיט נֶעמֶען אַנִידֶערְזֶעצֶען אִין מִיטֶען בַּייטָאג אִין דֶער הֵיים רֵעדֶען מִיטְ'ן ווַייבּ, אוּנ אוֹיף דֶער נַאכְט, קוֹים זֶענֶען זֵיי שׁוֹין יָא גֶעבְּלִיבֶּען אַ מִינוּט אַלֵיין, הָאט דָאס אָבֶּער טַאקִי מֶעהר נִישְׁט גֶעדוֹיעֶרְט, ווִי אַיין רֶגַע: בַּאלְד אִיז גֶעקוּמֶען אָדֶער ר' אֵייזִיק נַפְתָּלִי אוּנ הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט צוּ דִי קִינְדֶער, אָדֶער עֶס הָאט אָנְגֶעטְרָאגֶען דְווָאסִי מַלְכָּה'ן מִיט אַ קְרִיגֶעל, מִיט אַ טֶעפֶּעל, מִיט אַ גְלָאז, אָדֶער מִיט אַ שָׁאל.

— אָט נֶעהם אוֹיף אַ צִיקָאוֶועסְט, רָחֵלֶ'ע, אוּנ פֶּערְזוּךְ אָט דֶעם אַיינְגֶעמַאכְטְס.

— וֵועה אִיז מִיר! אִיךְ הָאבּ דָאךְ שׁוֹין אַ מָאל הוּנְדֶערְט פֶּערְזוּכְט אָט דֶעם אַיינְגֶעמַאכְטְס, שְׁווִיגֶער!

— סַ'א גְרַאם, גֵעה שׁוֹין גֵעה, קִינְד, וָואס דוּ רֶעדְסְט! אָט דֶעם אַיינְגֶעמַאכְטְס הָאסְט דוּ נָאךְ אֲפִילוּ נִישְׁט אָנְגֶעקוּקְט אִין דִי אוֹיגֶען.

אוּנ רָחֵלֶ'ע נֶעמְט ווִיעדֶער אַ מָאל פֶּערְזוּכֶען דֶעם אַיינְגֶעמַאכְטְס, וָואס קְרִיכְט אִיהר שׁוֹין פוּן הַאלְדְז.

— אַ דוּנֶער אִיז מִיר, רָחֵלֶ'ע, בִּיזְט דָאךְ פֶערְחָלְיאַנֶעט גֶעווָארֶען, טְהוּ אַ קוּק אַ בִּיסֶעל ווִי אַ מֶענְשׁ עֶסְט! פוּן וָואס דוּ לֶעבְּסְט — ווֵייס אִיךְ נִישְׁט. חָבִיבֶּען, מֶען וֶועט דִיךְ דֶערְזֶעהן עֶטְוָוער פוּן יֶעהוּפֶּעץ וֶועט מֶען דָאס מִיךְ אַ קַאפּ אָנְשֶׁעלְטֶען: אַ שֵׁיינֶע שְׁווִיגֶער — אַ גֶע־שְׁוֶועהר אִיהר אִין דֶער לֶעבֶּער! וֶועט מֶען זָאגֶען — פַיין אוֹיסְגֶעהָאדֶעוֶועט אַ שְׁנוּר — אַ שְׁטְרִיק אִיהר אוֹיפְ'ן הַאלְז! וֵועה אִיז מִיר, עֶס חָאטְשׁ עֶפֶּעס פוּן יוֹצא וֶוענֶען!

— לָאזְט מִיךְ, אִיךְ בֵּייט אַייךְ, צוּרוּה, שְׁווִיגֶער! אִיךְ בִּין זַאט, הַקְוָאי בִּיז מַיין לֶעבֶּען.

— נוּ, טְהוּ מִיר צוּלִיעבּ, טָאכְטֶער! מֶען טְהוּט צוּלִיעבּ אַ מָאל אַ שְׁווִיגֶער אוֹיךְ; עֶלֶעהַיי אִיךְ בִּין אַ מַאמֶע, נֶעהם חַאטְשׁ אַיין פִּיצֶעל אוּנ טְהוּ מִיר נִישְׁט אָן קֵיין יִסוּרִים.

און רָחֵל'ע וַוארְגְט זִיךְ מִיט נָאךְ אַ שְׁטִיקֶעל און מִיט נָאךְ אַ שְׁטִיקֶעל און עֶס וֶוערְט אִיהר נִמְאָס אַזַא לֶעבֶּען, חָאטְשׁ זִי ווֵייסְט גַאנְץ גוּט, אַז מֶען אִיז אִיהר גֶעטְרֵיי, אִיבֶּערְגֶעבֶּען בִּיז לֶעצְט, און לָאז ווִי זָאגֶען, אַז זִי ווִיל דָאס טֶעלֶערֶעל פוּנ'ם הִימֶעל. בֶּעקוּמְט זִי דָאס: וָואס הֵייסְט, סְ'אִיז אַ תֵּירוּץ? רָחֵל'ע ווִיל — דַארְף עֶס זַיין!

נָאר אַ מֶענְשׁ אִיז נִיט קֵיין אָכְס, נִיט קֵיין גַאנְז, וָואס זָאל צוּפְרִידֶען זַיין נוּר מִיט גוּט הָאדֶעוֶוען. אַ מֶענְשׁ קָאן ווִינְצִיג וָואס הֲנָאָה הָאבֶּען. אַז מֶען זָאל אִיהם נָאכְגֶעהֶען כְּסֵדֶר, אוּמֶעדוּם פִּים־טְרִיט, אָפּבְּלָאזֶען יֶעדֶעס אָרְט, וואו עֶר שְׁטֶעלְט אַ פוּס, צֶעהלֶען זַיינֶע טְרִיט, אַכְטוּנְג גֶעבֶּען אוֹיף יֶעדֶען בִּיסֶען, אוֹיף יֶעדֶען שְׁלִינְג, הֵיינְגֶען אִיבֶּער אִיהם וֶוען עֶר זִיצְט, זִיצֶען אִיבֶּער אִיהם וֶוען עֶר שְׁלָאפְט — מִיט אֵיינֶעם וָוארְט, מֶען זָאל הַאלְטֶען זַיין לֶעבֶּען אִינְגַאנְצֶען אִין פְרֶעמְדֶע הֶענְד און אִיהם נִיט אִיבֶּערְלָאזֶען גָאר נִישְׁט...

אִין אַזַא טְרוֹיעֶרִיגֶער לַאגֶע הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען רָחֵל'ע אִין יֶענֶער צַייט, וָואס עֶס קוּמְט פָאר דִי דָאזִיגֶע גֶעשִׁיכְטֶע. רָחֵל'ע הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אַפִילוּ פַאר וֶועמֶען זִיךְ צוּ קְלָאגֶען. אִיהרֶע פָאטֶער און מוּטֶער הָאבֶּען זִי גֶעהַאלְטֶען פַאר אֵיינֶע אַ גְלִיקְלִיכֶע און זֵייעֶרֶע בְּרִיעף צוּ אִיהר זֶענֶען תָּמִיד גֶעוֶוען פוּל מִיט נַחַת, מִיט תַּעֲנוּג און מִיט בְּרָכוֹת צוּ גָאט בָּרוּךְ הוּא, וָואס עֶר הָאט זֵיי אַזוֹי בֶּעגְלִיקְט; און אִיהרֶע בְּרִיעף צוּ זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶוען אָנְגֶעפוּלְט מִיט „בְּרָכָה־וְהַצְלָחָה", מִיט „נַחַת און פֶערְגְנִיגֶען", מִיט „בָּרוּךְ־הַשֵּׁם" און מִיט „הַלְוַאי אוֹיף וַוייטֶער נִיט עֶרְגֶער", און הָאבֶּען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְגֶעלָאזְט מִיט „גְלִיק און פְרֵיידֶען" און „פְרֵעהלִיכֶע הֶערְצֶער אָמֵן סֶלָה".

טִיעף אִין הַארְצֶען הָאט זִי גֶעטְרָאגֶען אַ פֶּעְרדְרָאס אוֹיף מֹשֶׁה מֶענְדְלֶען, לְמַאי עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטֶען וַוייטְלִיךְ פוּן אִיהר און עֶפֶּעס אַזוֹי ווִי הֶעכֶער, פוּן אִיהר, עֶפִּים נִיט אִיהר גְלַייכֶען, ווִי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז פוּן אַ יוּדִישֶׁען יוּנְגֶעמַאנְטְשִׁיק אַ תַּכְשִׁיט, עֶר קָאן זִיךְ נִיט אַרָאפְּלָאזֶען אַזוֹי נִידֶערִיג צוּם וַוייבּ, עֶס קוּמְט בַּיי אִיהם אוֹיס עֶפֶּעס נִישְׁט גְלַאט, זַעהר פְּרִיקְרֶע... אִינְוֵוייניג אִין הַארְצֶען אָבֶּער הָאט זִי מֹשֶׁה

מֶענְדְל גָאר נִישְׁט פַיינְד גֶעהַאט; פֶערְקֶעהְרְט, עֶר אִיז אִיהר גֶעוֶועזֶען גֶעטְרַיי זֶעהר גֶעטְרַיי, טַאקִי מִיט אַיין אֶמֶת, גַאנְץ בִּתְמִימוּת. אַיינְמָאל אִיז רָחֵל'ע, עֶפֶּעס חָרוּב גֶעוָוארֶען אוּנ אִיז גֶעלֶעגֶען אַ פָּאר טָאג צוּ בֶּעט; דֶעמָאלְט אִיז מֹשֶׁה מֶענְדִיל נִישְׁט אָפְּגֶעטְרָאטֶען פוּן אִיהר דִי גַאנְצֶע צַייט, גֶעזִיפְצְט, גֶעהַאט יְסוּרִים, אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען בְּאֶמֶת מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת.

— אַ צַער־בַּעֲלֵי־חַיִּים! הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ דֶער מוּטֶער אוּנ אוֹיף זַיינֶע אוֹיגֶען אִיז גֶעוֶוען טְרֶעהרֶען; מֶען דַארְף רוּפֶען דֶעם רוֹפֵא אָדֶער דֶעם פֶעלְטְשֶׁער; אִיךְ קֶען דָאס גָאר נִישְׁט צוּזֶעהן, ווִי זִי לִיגְט גֶעבִּיךְ אִין אַ הֶעלִישׁ פַייֶער — אַ צַער בַּעֲלֵי־חַיִּים!

אוֹיפְ'ן דְרִיטֶען טָאג אִיז רָחֵל'עְן גְרִינְגֶער גֶעוָוארֶען; מֹשֶׁה מֶענְדִיל אִיז דָאךְ נִיט אָפְּגֶעטְרֶעטֶען פוּן אִיהר, אוּנ אָט דָא זִיצֶענְדִיג בַּיי אִיהר צוּקָאפֶּענְס, הָאט מֹשֶׁה מֶענְדִיל גֶעהַאט אַ גוּט גֶעלֶעגֶענְהַייט אַבִּיסֶעל צוּ פֶערְבְּרֶענְגֶען אוּנ שְׁמוּעֶסֶען מִיט זַיין שֵׁיינֶער לִיעֶבֶּער רָחֵל'עְן; דֶער צוּ הָאבֶּען זַיי בֵּיידֶע הֵשֶׁק גֶעהַאט — מֶען מוּז דֶעם אֶמֶת זָאגֶען. מֹשֶׁה מֶענְדִיל הָאט זִיךְ צוּגֶעזֶעצְט צוּ אִיהר גַאנְץ נָאהֶענְט, אַזוֹי נָאהֶענְט, אַז אִיהר שֵׁיינֶער קָאפּ, וָואס אִיז גֶעוֶוען נָאר הַאלְבּ צוּגֶעדֶעקְט מִיט אַ וַוייס טִיכֶעלֶע, אִיז גֶעוֶוען כִּמְעַט בַּיי אִיהם אוֹיף דִי הֶענְד... רָחֵל'ע הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען אִיהרֶע בְּלוֹיעֶ אוֹיגֶען אוֹיף מֹשֶׁה מֶענְדֶלְ'עְן אוּנ הָאט גֶעוַוארְט. טָאמֶער וֶועט עֶר אִיהר עֶפֶּעס זָאגֶען. מֹשֶׁה מֶענְדִיל הָאט אַרָאפְּגֶעלָאזְט דִי אוֹיגֶען אַרָאפּ; נָאר אַז זִי הָאט אוֹיסְגֶעדְרֵעהט דֶעם קָאפּ צוּם פֶענְסְטֶער הָאט עֶר אוֹיף אִיהר גֶעקוּקְט, אוּנ אַז זִי הָאט אוֹיף אִיהם אַ קוּק גֶעטְהוּן הָאט עֶר אוֹיסְגֶעדְרֵעהט דֶעם קָאפּ צוּם פֶענְסְטֶער אוּנ אַזוֹי הָאבֶּען זַיי זִיךְ אִיבֶּערְגֶעוָוארְפֶען מִיט אוֹיגֶען אַ הִיבְּשׁ שְׁטִיקְל צַייט אָהן וֶוערְטֶער. אִינְ'ם גַאנְצֶען יָאהר נָאךְ דֶער חֲתוּנָה הָאט דָאס דָאזִיגֶע פָּאר פָאלְק גֶעהַאט אַ צוּנְד אַ גֶעלֶעגֶענְהַייט צוּ שְׁמוּעֶסֶען צְווִי־שֶׁען זִיךְ, נָאר זַיי הָאבֶּען זִיךְ נִישְׁט גֶעקָאנְט אַיינְשְׁטֶעלֶען אוּנ הָאבֶּען נִישְׁט גֶעוואוּסְט ווִי אַזוֹי אָנְצוּהוֹיבֶּען עֶפֶּעס אַ שְׁמוּעֶס. רָחֵל'ע, אַלְס וַוייבֶּעל, הָאט גֶעהַאט רֶעכְט צוּ וַוארְטֶען בִּיז עֶר וֶועט עֶפֶּעס זָאגֶען,

און ער, משה מענדיל, אַלס פּייגער יונגערמאַן, האָט געוואַרט ביז זי וועט עפּעס זאָגן — און דערווייל האָבן זיי ביידע געשוויגן, דורכ־וואַרפענדיג זיך מיט די אויגען.

— וואָס איז משה מענדיל?

— וואָס „וואָס איז?"

— וואָס קוקסט דו?

— ווער קוקט?

— דו קוקסט.

— איך קוק?

— ווער דען קוקט?...

רחל'ע דרעהט זיך אוים מיט דעם פּנים צו דער וואַנט און משה מענדיל נעמט דאָס בערדיל אין די צעהן אַריין און קוקט אויף רחל'ען לאַנג—לאַנג און זיפצט, ביז זי דרעהט אוים דעם קאָפּ צו איהם און האַפּט איהם, ווי ער קוקט אויף איהר און זיפצט.

— וואָס איז משה מענדיל?

— וואָס „וואָס איז?"

— וואָס זיפצסט דו אַזוי?

— ווער זיפצט?

— דו זיפצט.

— איך זיפץ?

— ווער דען זיפצט?

און דאָס פּאָר פּאָלק ווערד ווידער איינגעשוויגען. משה מענדיל דיקט זיך צו נאָך נעהנטער, הוסט זיך אוים און וויל עפּעס אָנהויבען צו רעדען.

— הערסט דו, רחל'ע, איך מיין עס אַקעגען דעם, וואָס דו זאָגסט...

פּלוצים עפענט זיך די טהיר און דוואַסי מלכּה לויפט אַריין מיט אַ ליאַרם:

— וואָס זשע? איך האָב נישט געוואוסט פריהער, אַז די איינ־דיקעס וועלען צעברעכען, וואו ס'איז דאָ ערגעץ אַ שאַל אָדער אַ

טֶעלֶער? אִינְדִיקֶעס הָאט זִיךְ אִיהם פֶערְגְלוּסְט אִין מִיטְּן דְרִינֶען!... וָואס מַאכְסְט דוּ עֶפֶּעס, רָחֵל'ע? דוּ ווַייסְט וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגֶען? מִיר דַאכְט, אַז בַּיי דִיר אִיז דִי „סִינְיֶע" (קַדַּחַת); אִיךְ זֶעה, אַז סְ'אִיז בַּיי דִיר אַ מִין „סִינְיֶע". אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט — שְׁטֵעה נִיט אִין דְרוֹיסֶען אָהן אַ שַׁאל! שְׁטֵעה נִיט אִין דְרוֹיסֶען אָהן אַ שַׁאל! אִיךְ הָאבּ ווִיעדֶער גֶעשִׁיקְט צוּ יְקוּתִיאֵל דֶעם רוֹפֵא; אַייזִיק נַפְתָּלִי אַלֵיין אִיז זִיךְ דוּרְכְ־גֶעגַאנְגֶען צוּ יְקוּתִיאֵל'ן.

— לְמַאי, שְׁווִיגֶער? עֶס וֶועט אִיבֶּערְגֵעהן; עֶס אִיז בַּיי מִיר אַזַא אִיבֶּערְגַאנְג.

— בַּיי דִיר אִיז אַלְצְדִינְג אַיין אִיבֶּערְגַאנְג; אַ שֵׁיעהן אִיבֶּערְגַאנְג! גֶעה שׁוֹין גֵעה, קִינְד, וָואס דוּ רֶעדְסְט! — מֶען דַארְף זִיךְ אַ בִּיסֶעל צוּזֶעצֶען...

אוּנ דְוָואסִי מַלְכָּה רוּקְט זִיךְ צוּ אַ בֵּיינְקֶעל צוּם בֶּעט אוּנ זֶעצְט זִיךְ אַנִידֶער.

— ווַייסְט דוּ וָואס, מַאמֶע? רוּפְט זִיךְ אָן פְּלוּצִים מֹשֶׁה מֶענְדִיל, ווַייסְט דוּ וָואס? דוּ גֵעה בֶּעסֶער אִין קְלֵייט אַרַיין אוּנ אִיךְ וֶועל שׁוֹין זִיצֶען אָט דָא.

אוּנ זַיינֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען זִיךְ בֶּעגֶעגֶענְט מִיט רָחֵל'עס אוֹיגֶען אוּנ עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלֵייעֶנְט אִין זֵיי: „אוֹי, הָאסְט דוּ, מֹשֶׁה מֶענְדִיל, צוּגֶעטְרָאפֶען"!...

— ווַיים אִיךְ וָואס דוּ רֶעדְסְט! עֶנְטְפֶערְט אִיהם דְוָואסִי מַלְכָּה אוּנ רִיקְט זִיךְ צוּ נָאךְ נֶעהֶנְטֶער צוּם בֶּעט — נַא דִיר גָאר אִין קְלֵייט! וָואס הָאבּ אִיךְ דָארְט אָנְגֶעווארֶען? דִי גְרוֹיסֶע פִּדְיוֹנוֹת דִי הַיינְטִיגֶע, מִישְׁטֵיינְס גֶעזָאגְט! אִיךְ פֶערְגִין זֵיי אַלֶע מַיינֶע שׂוֹנְאִים מִיטְ'ן גַאנְצֶען הַארְצֶען!... גֵעה דוּ בֶּעסֶער, מֹשֶׁה מֶענְדִיל, צוּ מִיר אִין סְפַּאלְנֶע אוּנ לֵייג זִיךְ צוּ אוֹיפְ'ן טַאטֶענְ'ס בֶּעטֶעל שְׁלָאפֶען: דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ גַאנְצֶע נַאכְט נִיט גֶעשְׁלָאפֶען!

אוּנ אָט אַזוֹי לֶעבְּט זִיךְ אָפּ דָאס גְלִיקְלִיכֶע גָאר דָאס גֶעפֶּענְ־טֶעטֶע פָּאר פָּאלְק, אוֹיף אַלֶעם גְרֵייטֶען, גָאר אָהן אַ פְרַייֶע מִינוּט, אוּנ־

טער דער בעשטענדיגער אפעקע פון גוטע פאטער און מוטער, פון געטרייע שוועער און שוויגער — און נישט דער מאן און נישט דאס ווייב מאכען דערפון איין עסק; נישט ער און נישט זי זעגען דאס מזכיר איינס פאר'ן אנדערען. נאר משה מענדלען איז נאך ווי עס איז: ער קוקט אריין אין א ספר, מישט זיך אריין אין דעם פאטערס געשעפטען, האט זיך זיינע יונגע לייט, מיט וועלכע ער טהוט א מאל א שמועס אין שוהל אדער אין מארק; מיט איינעם ווארט: משה מענדיל לעבט ווי עס איז.

רחל'ע אבער לעבט גאר ניט: זי עסט און טרינקט, פערזוכט צוואנציג מאל א טאג דער שוויגערס איינגעבאכטס, טהוט נישט קיין האנד אין קאלט וואסער, געהט זיך נישט צונויף מיט קיינעם, מחמת ר' אייזיק נפתלי'ס שנור קאן זיך נישט צונויפקומען "אבי-מיט-וועמען", און "אבי ווער" וועט זיך נישט צונויפקומען מיט אייזיק נפתלי'ס שנור, ווארום דער אבי ווער האלט זיך פיעל לייטישער און רייכער און שענער פון אייזיק נפתלי'ן, און אייזיק נפתלי האלט זיך לייטישער און רייכער פון אלע מאזעפעווקער בעלי-בתים — און אזוי ציהט רחל'ע איהרע יאהר און טעג, ווי אין געפענגניס: וויעדער געגעסען, וויעדער געשלאפען, וויעדער דאס קריגעל קאווע, וויעדער די ליעבע שוויגער מיט'ן איינגעמאכטס, און אזוי ווייטער א גאנץ יאהר כסדר...

XII.

רחל'ע זינגט ליעדלעך.

אט אין דער לאנגע האט זיך געפונען אונזער רחל'ע אין יענע צייט, ווען מיר האבען זי געזעהן ביי חיים בענציונס טאכטער אויף דער חתונה צום שלייער ווארמס, שטעהענדיג אין דרויסען ביי דער טהיר און בעטראכטענדיג דעם מאזעפעווקער מארק מיט די קלייטען, מיט די סעדרובעס, מיט דעם וואגען, מיט די אומגעלומפערטע אקסען און מיט'ן שייגעצעל מיט דעם גרויסען היטעל.

אָט אִין דֶער לַאנְגֶע הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אוּנְזֶער שֵׁיינֶע רָחֵל'ע אִין יֶענֶער צַייט, וֶוען זִי הָאט צוּם עֶרְשְׁטֶען מָאל דֶערְהֶערְט דָאס זֶעלְטֶענֶע שְׁפִּיעלֶען פוּנ'ם גֶעוִויסֶען סְטֶעמְפֶּעניוּ.

הֶערֶען שְׁפִּיעלֶען הָאט רָחֵל'ע לִיעבּ גֶעהַאט — אוֹי, הָאט זִי דָאס לִיעבּ גֶעהַאט! כְּלֵי־זֶמֶר אִיז פוּן תָּמִיד אָן גֶעוֶוען בַּיי אִיהר דָאס חַיוּת; הָאט זִי גֶעהֶערְט עֶרְגֶעץ זִינְגֶען, אָדֶער שְׁפִּיעלֶען אַ נַייֶעס, הָאט זִי דָאס תֵּיכֶף אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אוּנ אִיבֶּערְגֶעזוּנְגֶען אוֹיף אִיהר שֵׁיינֶער, גְלַאטֶער שְׁטִימֶע. דֶערְפוּן הָאבֶּען אִיהרֶע עֶלְטֶערְן גֶענוּג אָנְגֶעקְוֶועלְט אוּנ גֶעזָאגְט: אַ מַאנְסְבִּילְשֶׁער קָאפּ אוֹיף אִיהר; אַ מַעֲרָכָה, וָואס זִי אִיז גֶעבָּאהרֶען גֶעוָוארֶען אַ נְקֵבָה, וֶוען נִיט וָואלְט זִי גֶעסְמַאלֶעט אַ וֶועלְט...

עֶס וַוייזְט אוֹיס, אַז אִיהרֶע עֶלְטֶערְן הָאבֶּען דַוְקָא יָא פֶערְשְׁטַאנֶען, אַז עֶס לִיגְט אִין זֵייעֶר טָאכְטֶער עֶפֶּעס אַ כֹּחַ, עֶפֶּעס אַזַא מִין זַאךְ, וָואס מִיר אִין הַיינְטִיגֶע צַייטֶען רוּפֶען אָן טַאלַאנְט; נָאר זֵיי, רָחֵל'עס עֶלְטֶערְן, אִין יֶענֶער צַייט, הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעוִויזֶען, אַז דֶער כֹּחַ אִיהרֶער פוּן אִיבֶּערְגֶעהמֶען אַ זַאךְ אוּנ אִיבֶּערְזִינְגֶען דָאס — לִיגְט בַּיי אִיהר אִין קָאפּ, וַוייל זִי הָאט אַ מַאנְסְבִּילְשֶׁען קָאפּ. דֶער קָאפּ שְׁפִּיעלְט בַּיי אוּנְז, יוּדֶען, דִי גְרֶעסְטֶע רָאלֶע, מֶעהר אַלְס אַלֶע צְוֵויי־הוּנְדֶערְט־אַכְט־אוּנְפֶערְצִיג אֵבָרִים. אַ קָאפּ, אַ קֶעפֶּעלֶע! אָט דָאס אִיז בַּיי אוּנְז דֶער עִיקָר אַנְטִיק. נָאר וִוי אַזוֹי דִי מַעֲשֶׂה אִיז, בִּיז 15, 16 יָאהר הָאט רָחֵל'ע גֶעזוּנְגֶען, וִוי אַ פְרַייעֶ פֵייגֶעלֶע: וואו עֶרְגֶעץ אַ חַזָנ'יִש שְׁטִיקֶעל, אַ נַקְדִישְׁךָ אַ כְּבַקָרַת, אַזוֹי אוֹיךְ אַ חֲסִידִ'ישֶׁען נִגוּן, כְּלֵי־זֶמֶר'שְׁטִיק אַלֶערְלֵיי, הָאט רָחֵל'ע אוֹיסְגֶעזוּנְגֶען אוֹיף אִיהר צִיכְטִיג קוֹל, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ מְחַיֶה נְפָשׁוֹת צוּ הֶערֶען; נָאר קוּים אִיז זִי אַ כַּלָה גֶעוָוארֶען, אַזוֹי הָאט אִיהר דִי מַאמֶע גֶעזָאגְט:

— פֶע, גֶענוּג, טָאכְטֶער, דִיר צוּ טֶערֶעלֵייקֶען; וֶועסְט קוּמֶען צוּם שְׁוֶועהר אוּנ שְׁוִויגֶער אוֹיף קֶעסְט אוּנ וֶועסְט זִיךְ נָאר פְּרוּצִים אַנִידֶערְזֶעצֶען בְּרִימְלֶען — אַ שֵׁיינֶעם פְּנִים פַאר לַייטֶען!

רָחֵל'ע פֶערְשְׁטֵעהט זִיךְ, הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז ס'אִיז נִיט לַייטִ'ישׁ הָאט זִי גֶעפָאלְגְט אוּנ הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ זִינְגֶען... נָאר לַחֲלוֹמ'ן

אוֹיפְהֶערֶען צוּ זִינְגֶען הָאט זִי נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט, דֶען עֶס פְלֶעגְט זִיךְ בַּיי אִיהר אַלֵיין, אָהן אִיהר ווִילֶען אַרוֹיסְחַאפֶּען אַ גֶעזַאנְג, פוּן רְגִילוּת אַ פָּנִים, אוּנ ווָאס אִיז זִי שׁוּלְדִיג, אַז עֶס זִינְגְט זִיךְ פָארְט?... אַז מֶען זֶעהט, פוּן וַואנֶען דָאס וַואסֶער לוֹיפְט קָאן מֶען דָאס נָאךְ פֶערְשְׁטֶע־לֶען, אָבֶּער אַז מֶען זֶעהט נִיט, מֶען ווֵייסְט נִיט פוּן וַואנֶען עֶס נֶעהמְט זִיךְ ווָאס קֶען מֶען טְהוּן?... נִיט נָאר כַּלָה'וַויז, אַפִּילוּ שׁוֹין נָאךְ דֶער חֲתוּנָה, הָאט זִיךְ אִיהר עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעמַאכְט, אַז זִי הָאט זִיךְ גָאר פֶערְגֶעסֶען, ווָאס זִי אִיז, אוּנ הָאט זִיךְ צֶעזִינְגֶען, ווִי אַ מָאל, צֶעלָאזְט נָאר אוֹיפְ'ן אַלְטֶען שְׁטֵייגֶער, ווִי מֵיידֶעל'וַויז. רָחֵלֶ'ע הָאט גָאר פֶערְגֶע־סֶען, אַז דִי שְׁווִיגֶער אִיז דָא אִין שְׁטוּב אוּנ הֶערְט יֶעדֶעס ווָארְט. ווִי אַזוֹי זִי זִינְגְט:

אוֹי, אָט דָארְט אָט דָארְט,
אוֹי, אוֹיף יֶענֶעם אָרְט
שְׁטֵעהֶען טַייבֶּעלֶעךְ צְווֵיי—צְווֵיי;
זֵיי שְׁמוּעֶסֶען זִיךְ, זֵיי קוּשֶׁען זִיךְ...
נָאר ווָאס פַאר אַ טַעֲנָה הָאבֶּען זֵיי?
זֵיי קוּשֶׁען זִיךְ אוּנ שְׁמוּעֶסֶען זִיךְ... א. ז. וו.

אוֹי, אַ דוּנֶער אִיז מִיר! נַא דִיר נָאךְ! הָאט רָחֵלֶ'ע אוֹיסְגֶעשְׁרִיגֶען אוּנ הָאט זִיךְ אַ חַאפּ גֶעטְהוּן, דֶערְזֶעהֶען פְּלוּצִים דִי שְׁווִיגֶער.

— נִישׁ־קָשֶׁה, נִישׁ־קָשֶׁה, ווֵיים־אִיךְ! — הָאט זִי דִי שְׁווִיגֶער בֶּערוּהִיגְט אוּנ הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט תַּמֶ'עוַואטֶע, שְׁמַארֶענְדִיג מִיט דֶער נָאז אוּנ אַרַייְנְקוּקֶענְדִיג אִין אַ סְלָאי אַיינְגֶעמַאכְטְס — זֶעהְסְט דוּ, רָחֵלֶ'ע אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, אַז דִי אַגְרִיסֶען אוּנְזֶערֶע זָאלֶען נִיט אָנְהֵייבֶּען צוּקֶע־רֶען; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פַאר אַ יָאהרֶען גֶעהַאט אַזַא פְּסַק: הֶעבֶּער אַ הַאלְבֶּער פוּד אַיינְגֶעמַאכְטְס אִיז פֶערְפַאלֶען גֶעווָארֶען אָט אַזוֹי...

אוּנ ווֶער רֶעדְט פַאר משֶׁה מֶענְדְלֶ'ען ווָאלְט זִי נִיט גֶעזוּנְגֶען פַאר קֵיין גֶעלְד: עֶס קוּמְט אוֹיס עֶפֶּעס מְשׁוּגָּה־נַארִישׁ אוּנ זֶעהר פְּרִיקְרֶע — נֶעהמֶען עֶפֶּענֶען אַ מוֹיל פַאר'ן מַאן אִין דִי אוֹיגֶען אוּנ זִינְגֶען... עֶס קֶען זַיין אַז משֶׁה מֶענְדִיל ווָאלְט זִיךְ נִיט אָפְּגֶעזָאגְט אוּנ ווָאלְט אֶפְשַׁר

א גרויסער בעל'ן געווען דערויף; ער האט זי געהערט א פאר מאל א זונג מהון און ווייסט אז איהר קול איז צוקער זיס, נאר וואס פאר א פנים וואלט ער געהאט פאר זיך אליין, אז ער זאל זיך פלוצים אני־דערזעצען אין דער היים — הערען דאס ווייב זינגען ליעדלעך? א שענע עובדא פאר א לייטישען יונגענמאנטשיק! עס זאל זיך מאכען על פי מקרה, זי הערען, מהיכי־תיתי... און עס פלעגט זיך א מאל מאכען נאר זעהר זעלטען; דעמאלט פלעגט משה מענדיל בלייבען שטעהן, זיך גוט אנהערען און נאך דעם געבען א הוסט, צו בעווייזען אז ער קומט בלומר'שט ערשט אן, און זיך אריינקומען אין שטוב אריין בלא ידע...

אט אזוי האט זיך אפגעלעבט רחל'ע א קיילעכיג יאהר איינע אליין צווישען גוטע געטרייע לייט, איבערגעגעבענע ביז לעצט, און מען קען ניט זאגען, אז ס'איז איהר געווען גוט, און מען קען ניט זאגען אז ס'איז איהר געווען שלעכט; זי האט זיך געפיהלט צווישען אייגענע פרעמד, צווישען אייגענע עלענד, צווישען גוטע, טרייע — פערלאזט. זיצענדיג אזוי פארזארגט איבער איין ארבייט, איין אויס־געהעכטס, פלעגט זיך רחל'ע ווי איהר שטייגער איז אונטערזינגען און פלוצים פלעגט זי אננעמען א הארצקלעמעניש און עס האט זי געצוי־גען אהין, דארט וואו זי האט פערבראכט איהרע קינדער־יאהרען.

געפלויגען, געפלויגען
די גילדענע פעגעל
איבער אלע ים'ען;
לאזט־זשע געריסען,
גילדענע פעגעל,
מיין ליעבער, הארציגער מאמען!
געפלויגען, געפלויגען
די גילדענע פעגעל
איבער אלע טייכען;
לאזט־זשע געריסען,

גילדענע פעגעל,
מיין ליעבען, הארציגען מאטען...

דוואסי־מלכּה האט ליעב געהאט גאנץ אפט אונטער׳גנב׳ענען זיך אויף די שפּיטץ־פינגער און אונטערהערען זיך וועגען וואס זינגט די שנור.

— וואס איז דיר, רחל׳ע, דו בייענקסט אהיים?

— אך, ניין, שוויגער! גלאט אזוי... ענטפערט רחל׳ע שמייכלענדיג און ווישט אוים די טרעהרען.

XIII.

רחל׳ע האט שוין דאס גוטע בריוועל.

מיר האבען איבערגעלאזט רחל׳ען בשעת דעם „שלייער־וואַרמס״, שטעהן ביי דער טהיר און קוקען אויפ׳ן גרויסען מארק־פּלאטץ פון דער שטאדט מאזעפּעווקע, פערטיעפט אין ז. הרע מחשבות, פון וועלכע מיר האבען אויבען געשמועסט. די מחשבות איהרע זענען אבער גיך איבערגעריסען געווארען דורך אונזער וואהלען יונג — סטעמפּעניו׳ן.

דער דאזיגער פיינער בחור, וואס האט געווארפען איין אויג אויף רחל׳ען, האט גוט בעמערקט, ווי זי איז ארויסגעגאנגען פונ׳ם טיש, האט ער אביסעל צוגעווארט און איז אויך ארויסגעגאנגען, און האט זיך געשטעלט אין דרויסען ביי דער טהיר, און האט תיכף פערבינדען מיט רחל׳ען א שמועס וועגען זיין שטאדט מאזעפּעווקע און וועגען איהר שטאדט יעהופּעץ, וועלכע ער האט גוט געקאנט מיט אלע בריקלעך, מיט אלע איהרע אנטיקלעך, אויסגעטונקען ווי מע זאגט; און פון דער שטאדט סקווירע האט ער מיט איהר גערעדט; ער האט געהערט, אז זי איז אמאל געזעסען אין סקווירע. רחל׳ע האט איהם געענטפערט איין ווארט איבער צעהען.

— וואס איז די מעשה — האט זי סטעמפּעניו א פרעג געטהון — וואס איז די מעשה, וואס מען זעהט אייך קיינמאל ניט געהן

אויפֿן שפּאַציר", ניט שבת, ניט יום־טוב ? איהר זענט שוין דאָ כּמעט אַ יאָהר, העכער אַ יאָהר און מען זעהט אייך נאָך ניט אויף דער בערד־דיטשעווער גאַס ! און פֿערקלויבּען האָט איהר זיך אַזוי ווייט אין עק שטאָדט, און איך האָבּ גאָר ניט געוואוסט, אַז איהר זענט היע... ערשט נעכטען בּין איך געוואָהר געוואָרען, ווען איך האָבּ אייך דער־זעהן... איך האָבּ נאָך נעכטען געוואָלט מיט אייך אַבּיסעל רעדען, קען מען ניט... איהר ווייסט דען נישט אונזערע יודישע שטעדטלעך ? בּאַלד הויבּט מען אָן צו רעדען, מען נעמט אין די מיילער אַריין... געהט זיך דורך, פּאַלגט מיך, שבת בּיי טאָג אויף דער בּערדיטשעווער גאַס... דאָרט איז די גאַנצע שטאָדט... למעה"ש, הערט איהר ? למַעַן השם שבת בּיי טאָג אויף דער בּערדיטשעווער גאַס !

רחל'ע האָט איהם קיין צייט ניט געהאַט צו ענטפֿערען, דען איהר געטרייע שוויגער דוואָסי־מלכּה האָט בּעמערקט, אַז די שנור איז ניטאָ בּיים טיש איז זי געלאָפען זי זוכען, און אַז זי האָט זי געטראָ־פֿען שטעהן אין דרויסען בּיי דער טהיר מיט סטעמפּעניו'ן האָט זי זיך אין פּלוג אַבּיסעלע פֿערוואונדערט: „וואָס עפּיס אין מיטען דרינען אַט דאָ מיט איהם ?" נאָר סטעמפּעניו, וואָס איז בּכלל געווען אַ מזיק און אַ גרויסער בּריה אין אַזעלכע ענינים, האָט זיך תּיכּף געכוּמען צו דוואָסי־מלכּה'ן מיט די דאָזיגע ווערטער:

— מיר שמועסען דאָ מכּח דער חתונה, מכּח דעם רבּינ'ס חתונה אין סקווירע... אייער שנור איז נאָך דענסטמאָל געווען אַ קינד, ווען איך האָבּ געשפּיעלט אויף דעם רבּי'נ'ס חתונה; זי געדענקט ניט דעם רבּינ'ס חתונה...

— עס פֿערשטעהט זיך, ווי קומט צו איהר דאָס געדיינקען ? האָט איהם דוואָסי־מלכּה געענטפֿערט — איך געדיינק אָבער גוט, איך בּין דעמאָלט געווען מיט מיין מאַן און האָבּען גענעכטיגט אין פֿעלד, אַזאַ איינגעשאַפּט איז דעמאָלט געווען אין שטעדטעל.

— וואָס ווייסט איהר דאָס איינגעשאַפּט דעמאָלט ! איך וועל אייך דערצעהלען שענערס... האָט איהר סטעמפּעניו געענטפֿערט, און

הָאט פֶערְבּוּנְדֶען מִיט דְוָואסִי־מַלְכָּה׳ן אַ לַאנְגֶען שְׁמוּעֶס מִכֹּחַ פִּיעל פֶערְשִׁיעדֶענֶע עִנְיָנִים, אוּנ אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ מִיט אִיהר פֶערְרֶעדְט, אוּנ רָחֵלֶ׳ע הָאט זִיךְ דֶערְוַוייל אַרוֹיסְגֶעדְרֶעהט אוּנ אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּרִיק אִין שְׁטוּבּ אַרַיין צוּ דֶער כַּלָּה. מִיר הָאבֶּען נָאךְ אוֹיבֶּען גֶעזָאגְט, אַז סְטֶעמְפֶּענְיוּ הָאט גֶעקָאנְט רֵעדֶען; מִיר דַארְפֶען דֶערְצֶעהלֶען נָאךְ אַ מַעֲלָה פוּן אִיהם, הַיְינוּ: רֵעדֶען מִיט אַלְטֶע וַוייבֶּער, פְּלַאפְּלֶען, פֶערְרֵעדֶען זֵיי דִי צֵיהן, וֶוען מֶען בֶּעדַארְף, הָאט מֶען אִיהם אוֹיךְ נִיט בֶּעדַארְפְט פִּיקֶען דִי צוּנְג, עֶר הָאט גֶעקָאנְט דִי מְלָאכָה גוּט. „אַ גֶעלֶערֶענְטֶע מְכַשֵּׁפָה — זָאגְט דִי וֶועלְט — אִיז עֶרְגֶער, וִוי אַ גֶעבּאָרֶענֶע“, אִיז אִין זַיין אַרְבֵּייט גֶעוֶוען אַ חָרִיף; עֶר אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ גוּטֶען הֵדֶר, וִוי מִיר וֶועלֶען זֶעהן וַוייטֶער.

— אַ הָעֲזָה אַבִּיסֶעל! הָאט זִיךְ רָחֵלֶ׳ע גֶעטְרַאכְט אִין הַארְצֶען — זָאגֶען מִיר אַז אִיךְ זָאל לְמַעַן הַשֵּׁם זַיין שַׁבָּת בַּיי טָאג אוֹיף דֶער בֶּערְדִיטְשֶׁעוֶוער גַאס? לְמַעַן הַשֵּׁם? אַנְדֶערְשׁ וִויל עֶר נִיט! אַ הֶשָּׂגָה אַבִּיסֶעל! דָאס קָאן נָאר אַ כְּלֵי־זֶמֶר!...

מִיט אַזֶעלְכֶע בֵּעזֶע מַחֲשָׁבוֹת אִיז רָחֵלֶ׳ע גֶעקוּמֶען צוּרִיק פוּן דֶער חֲתוּנָה, אוּנ אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער לִיעבֶּער שַׁבָּת קֹדֶשׁ, אַז דֶער שְׁוֶועהר אוּנ דִי שְׁווִיגֶער אוּנ אוֹיךְ מֹשֶׁה־מֶענְדִיל הָאבֶּען זִיךְ גֶעלֵייגְט רוּהֶען אוּנ קְלוֹיבֶּען אַבִּיסֶעל עוֹנֶג־שַׁבָּת פוּנ׳ם זִיסֶען שְׁלָאף, פוּן וֶועלְכֶען יוּדֶען הַאלְטֶען גָאר אַ וֶועלְט פוּן כַּמָּה וְכַמָּה יָאהרֶען... דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ רָחֵלֶ׳ע וִוי אִיהר שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעזֶעצְט אֵיינֶע אַלֵיין בַּיים פֶענְסְטֶער אוּנ הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶער גַאס אַרוֹיס צוּבְּרֶעמֶענְדִיג זִיךְ אַ לִיעדֶעלֶע אוּנְטֶער דֶער נָאז. דָארְט אוֹיף דֶער גַאס הָאט זִי דֶערְזֶעהן, וִוי אַלֶע שַׁבָּת, אוֹיסְגֶעצְוָואגֶענֶע מֵיידְלֶעךְ, מִיט רוֹיטֶע אוּנ מִיט בְּלָאהֶע סְטֵיינְגְלֶעךְ אִין דִי צֶעפּ, מִיט רוֹיטֶע גֶעלֶע, גְרִינֶע מָארְגֶע קְלֵיידְלֶעךְ אוּנ מִיט הֶענְשְׁקֶעלֶעךְ אוּנ מִיט נַייֶע גְלַאנְצֶענְדִיגֶע שִׁיךְ אוֹיף סְקְרִיפְּקֶעס. דָאס גֵעהֶען זֵיי אַהִין, „אוֹיפ׳ן שְׁפַּאצִיר“ אוֹיף דֶער בֶּערְדִיטְשֶׁעוֶוער גַאס; דָארְט וֶועלֶען זֵיי וַוייזֶען, אֵיינֶע דִי אַנְדֶערֶע, זֵייעֶרֶע רוֹיטֶע, בְּלָאהֶע סְטֵיינְגְלֶעךְ, מִיט זֵייעֶרֶע רוֹיטֶע, גֶעלֶע, גְרִינֶע

קְלֵיידְלֶעךְ, דָארְט וֶועלֶען זֵיי חַאפֶּען אַ קוּק פוּן דֶערְוַויטֶענְס, פֶערְבַּיי־גֶעהֶענְדִיג ווִי דֶער מִנְהָג בַּיי אוּנְז, אוֹיף דִי בָּחוּרִים׳לֶעךְ, אוֹיף דִי שֵׁיינֶע בָּחוּרִים׳לֶעךְ מִיט דִי קָארְטֶענֶע קַאפָּאטְקֶעלֶעךְ, מִיט דִי לַאנְגֶע הֵייזְלֶעךְ אִין מִיט דִי גְלַאנְצֶענְדִיגֶע רַאזֶ׳קֶעס (קַאזֶערָאקְלֶעךְ פוּן דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע קַארְטוּזְלֶעךְ); דָארְט וֶועלֶען זֵיי מִיט גְרוֹיס צְנִיעוּת אַרָאפְּלָאזֶען דִי אוֹיגֶען אוּנ דִי בֶּעקְלֶעךְ וֶועלֶען בַּיי זֵיי וֶוערֶען רוֹיטְלִיךְ פַאר חֶרְפָּה, אוּנ דִי הֶערְצְלֶעךְ... מִיט אֵיינֶעם וָוארְט, דָארְט וֶועט זַיין חַי—גֶעלֶעבְּט!

רָחֵל׳ע וֵוייסְט דָאס גַאנְץ גוּט; פַאר וָואס זָאל זִי דָאס נִיט ווִיסֶען? זִי אִיז דָאךְ אוֹיךְ אַמָאל גֶעוֶוען אַ מֵיידֶעל מִיט רוֹיטֶע אוּנ בְּלָאהֶע סְטֵיינְגְלֶעךְ אִין דִי צֶעפּ, אוּנ הָאט אוֹיךְ גֶעשְׁפַּאצִירְט מִיט אַ סַךְ מֵיידְלֶעךְ שַׁבָּת בַּיי טָאג אוֹיף דֶער גַאס, אָבֶער אִיצְט?

רָחֵל׳ע קוּקְט זִיךְ אַרוּם, אַלֶע שְׁלָאפֶען אוּנ חְרָאפֶּען גֶעשְׁמַאק, אַלֶע! נָאר זִי אַלֵיין זִיצְט דָא, ווִי צְווִישֶׁען טוֹידְטֶע, ווִי צְווִישֶׁען אֶמֶת׳ע מֵתִים, זִי שְׁפַּארְט אָן אִיהר קָאפּ אוֹיף דִי הֶענְד אוּנ פֶערְטְרַאכְט זִיךְ אוּנ דֶערְמָאהנְט זִיךְ אַיין צַלְט לִיעדֶעלֶע, וָואס זִי הָאט גֶעזוּנְגֶען אַמָאל מֵיידֶעלְוַויְיז:

אֵיינֶע אַלֵיין
עֶלֶענְד ווִי אַ שְׁטֵיין,
אִיךְ הָאבּ צוּ קֵיינֶעם צוּ רֵעדֶען,
נָאר צוּ זִיךְ אַלֵיין,
עֶלֶענְד ווִי אַ שְׁטֵיין,
אִיךְ הָאבּ צוּ קֵיינֶעם צוּ רֵעדֶ

— גוּט שַׁבָּת!...

רָחֵל׳ע הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען דֶעם קָאפּ אוּנ הָאט דֶערְזָעהן... סְטֶעמְפֶּעניוּ׳ן!

— אַ גוּט שַׁבָּת! זָאג אִיךְ.

„וָואס אִיז דָאס?! ווִי קוּמְט עֶר אַהֶער?" הָאט רָחֵל׳ע גֶעווָאלְט פְרֶעגֶען אוּנ אָפְּטְרֶעטֶען פוּנ׳ם פֶענְסְטֶער.

— גוט שבת, גוט יאהר! האט זי איהם געענטפערט און אי געווארען רויט, ווי א צוויק.

— איהר האט מיך ניט געפאלגט און זענט נישט ארויסגע־גאנגען אויף דער בערדיטשעווער גאס? איך האב אויף אייך אומזיסט ארויסגעקוקט... איך האב... איך בין... נאט לייענט!...

און סטעמפעניו האט איבערגעגעבען רחל'ען א צונויפגעלייגטען בויגען פאפיר און איז גיך פערשווינדען געווארען פון איהרע אויגען.

רחל'ע האט לאנג, לאנג געהאלטען דעם בויגען פאפיר אין איהרע הענד, ניט געוואוסט, וואס צו טהון דערמיט און ניט פער־שטאנען וואס דאס בעדייט, „מיט וואס עסט מען דאס?"... אז די ערשטע איבערראשונג איז איבערגעגאנגען האט זי צענומען א גרויסען בויגען נאטען־פאפיר און האט דערזעהן גרויסע אותיות אויף פשוט יודיש געשריבען מיט א סך גרייזען.

„מיין ליבשטיר איינגיל פין הומיל ווען איח האב דיין לעבטיג
„שטאלד דערזוהין איז מער געווארין לעחטיג אן מיינעביידה
„עייגין אין א לעחטיג פייער מיט מיין הארץ פרעגין פין גריית
„ליבשעווט צי דיר מיין געשאמטע וואת דיינע הומיל עייגין
„האבין מעח מיד דיין שיין לעחטיג שטאלד צי זעח גוצויגען
„פון דער אורשטיר שא ביסד מיין לייבין פון מיין לייבין פין
„מיין הארץ מיין זיילי אין טי ניט שלאפען אין חאלים דיך
„זייהין אן דיר דאח די לעבטינע זין פינסטיר אין מיינע עייגין
„אב דעח ליב ווי מיין זים לייבען אין חשטארב מיד אלי
„עייוועריס דעח טאמיד זייהין פאר מייני עייגין אין דער טאמיד
„ליבין אין מיד דיר טאמיד לייבין דען דעח אויף אימער ליבענדיר
„וואס גייט אוית נאח דייני טרייט אין מיט דעח פין ווייטען
„קישין דייני שייני אייגיי סטעמפע."

XIV.

פון דֶער „בַּת־מַלְכָּה״ צוּרִיק צוּם „בֶּן־מֶלֶךְ״.

לָאמִיר אִיבֶּערְלָאזֶען „דִי בַּת־מַלְכָּה״ אוּנ זִיךְ אוּמְקֶערֶען צוּם „בֶּן־מֶלֶךְ״, מִיר וֶועלֶען פֶערְבְּרֵיינֶען רָחֵל׳ען אוּנ שְׁמוּעֶסֶען מִכֹּחַ סְטֶעמְפֶּענְיוּ׳ן.

אֱמֶת, דָאס דָאזִיגֶע בְּרִיוֶועל פוּן סְטֶעמְפֶּענְיוּ׳ן, וָואס אִיז אוֹיבֶּען גֶעקָאפִּירְט אוֹת־בְּאוֹת, אִיז נִישְׁט אַזוֹי קוּנְצִיג, נָאר וָואס קָאן מֶען הֶעלְפֶען? סְטֶעמְפֶּענְיוּ אִיז אַ וַדַּאי גֶעוֶוען אַ הֶעלְד, אַ שֵׁיינֶער יוּנְגַאטְשׁ, אַ יְמַח־שְׁמוֹנִיק אַ גוּטֶער, נָאר קֵיין שְׁרַייבֶּער אִיז עֶר נִיט גֶעוֶוען גֶעהַט מַאכְט עֶפִּים! זַיין פָאטֶער עָלָיו־הַשָּׁלוֹם, בֶּערִיל בַּאס, אַז עֶר הָאט דֶערְזֶעהְן ווִי סְטֶעמְפֶּענְיוּ הָאט חֵשֶׁק צוּ שְׁפִּיעלֶען אוּנ לֶערְנֶען ווִיל עֶר נִיט קֵיין וָוארְט, חָאטְשׁ בְּרָאט אִיהם, הָאטְשׁ בְּרֶען אִיהם, הָאט עֶר אִיהם זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ דֶער מְלָאכָה אוּנ הָאט אִיהם פְרִיהֶער אוֹיסְגֶעפְּרִיוְוט אוֹיף אַלֶע כֵּלִים, בִּיז עֶר אִיז גֶעבְּלִיעבֶּען שְׁטֵעהְן מִיט דֶעם פִידֶעל, אוּנ בֶּערִיל בַּאס, וָואס הָאט גֶעהַאט חוּץ סְטֶעמְפֶּענְיוּ׳ן נָאךְ קִינְדֶער מוּזִיקַאנְטֶען, הָאט גֶעזָאגְט בְּפֵירוּשׁ, אַז אִין אִיהם, אִין סְטֶעמְפֶּענְיוּ׳ן, גֶעפִינְט זִיךְ אַיין אָדֶער פוּנ׳ם זֵיידֶען, ר׳ שְׁמוּאֵל׳קֶע טְרָאמֵייט (וָואס הָאט זִיךְ פֶערְזֶעהְנְלִיךְ גֶעקָאנְט מִיט׳ן גְרוֹיסֶען פִידְלֶער פַּאגַאנִינִי), אַזוֹי אַז צוּ צְוֶועלְף יָאהר הָאט שׁוֹין סְטֶעמְפֶּענְיוּ גֶעקָאנְט „בֶּעזֶעצֶען״ אַ כַּלָּה אוּנ טַאקִי אָפְּשְׁפִּילֶען אַ גַאנְצֶע חֲתוּנָה. דֶערְפַאר הָאט אִיהם בֶּערִיל בַּאס בֶּעסֶער לִיעבּ גֶעהַאט פוּן אַלֶע קִינְדֶער, וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען בַּיי אִיהם אָפְּגֶערִיסֶען, אָפְּגֶעשְׁלִיסֶען, אָדֶער פָּשׁוּט נַאקֶעט אוּנ בָּארְפִים. אוּנ חָאטְשִׁי בֶּערִיל בַּאס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטְרֶענְגֶער קָאמַאנְדִיר אוּנ פְלֶעגְט שְׁלֶעפֶּען סְטֶעמְפֶּענְיוּ׳ן פַאר׳ן אוֹיהֶער, אָדֶער אַזוֹי הַרְגֶ׳ענֶען, שְׁלָאגֶען מֵמִית׳ען, בְּרֶעכֶען דִי בֵּיינֶער, דָאךְ אִיז סְטֶעמְפֶּענְיוּ גֶעוֶוען בַּיי אִיהם דֶער אַנְטִיק, אַ צִיהרוּנְג, אַ גַאנְצֶער מַאיָאנְטִיק אוֹיף דֶער עֶלְטֶער; בֶּערִיל הָאט אַלֶעמֶען אָנְגֶעוִויזֶען אוֹיף סְטֶעמְפֶּענְיוּ׳ן, אוּנ הָאט גֶעזָאגְט מִיט גַדְלוּת הַאלְבּ אוֹיף כְּלֵי־זֶמֶר־לָשׁוֹן: „זֶעהט אִיהר, מְזַמְּרִים.

אָט דֶער פִּיטְיוּקֶעל וֶועט מִיר גֶעבֶּען פַּאפָּע אוֹיף דֶער עֶלְטֶער, נִישְׁ־קָשֶׁה, אִיךְ מֶעג זִיךְ אוֹיף אִיהם פֶערְלָאזֶען".

דֶעם אַלְטֶען בֶּערִיל בַּאס אִיז אָבֶּער נִיט בֶּעשֶׁערְט גֶעוָוארֶען אוֹיף דֶער עֶלְטֶער צוּ זֶעהֶן בַּיי זִיךְ זַיין גֶעלִיעבְּסְטֶען זוּהן; סְטֶעמְפֶּענְיוּ הָאט זִיךְ צוּ פִינְפְצֶעהן יָאהר אַוֶועקְגֶעלָאזְט, מִיט אַ דְרַייֶערִיל אִין בַּיי־טֶעלֶע אוּן מִיט אַיין אַלְטֶען, צֶעבְּרָאכֶענֶעם פִידֶעל אוּנְטֶערְן פָּארֶעלֶעק,— וַואנְדֶערֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט. עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעוַואלְגֶערְט וואוּ אִיהר ווִילְט, אִין אַ סַךְ שְׁטֶעדְט אוּן שְׁטֶעדְטְלֶעךְ, צְווִישֶׁען פִיעל פֶערְשִׁיעְ־דֶענֶע קָאמְפַּאנִיעֶס כְּלֵי־זֶמֶר; מֶעהר ווִי אַ הַאלְבּ יָאהר הָאט זִיךְ סְטֶעמְ־פֶּעניוּ נִיט גֶעקָאנְט הַאלְטֶען אוֹיף אֵיין אָרְט; עֶס הָאט אִיהם אַלְס גֶעצוֹיגֶען וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער: פוּן מַאזֶעפֶּעוְוקֶע קַיין סְטֶעפֶּעוְוקֶע, קַיין קָארֶעץ, פוּן קָארֶעץ קַיין בַּאלְטֶע, פוּן בַּאלְטֶע קַיין אַלְט־קָאנְסְ־טַאנְטִין אוּן פוּן דָארְטֶען קַיין בֶּערְדִיטְשֶׁעוו אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער בִּיז אַדֶעס. אוּן פוּן אַדֶעס הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועקְגֶעלָאזְט צוּרִיק— ווִידֶער וַואנְדֶערֶען אִיבֶּער קְלֵיינֶע שְׁטֶעדְטְלֶעךְ, וואוּ מֶען קֶען זִיךְ לָאזֶען הֶערֶען, הָאבֶּען אַ נָאמֶען, זִיךְ קוֹנֶה שֵׁם זַיין; אוּן עֶס אִיז טַאקִי אַזוֹי גֶעוֶוען: אִין יֶעדֶען אָרְט, וואוּהִין סְטֶעמְפֶּעניוּ אִיז גֶעקוּמֶען, הָאט מֶען שׁוֹין גֶעהֶערְט פוּן אִיהם פְרִיהֶער, יוֹדְעִן הָאבֶּען גֶעהֶערְט, אַז עֶס פָאהרְט אַרוּם אוֹיף דֶער וֶועלְט אַ גֶעווִיסֶער סְטֶעמְפֶּעניוּ, וָואס מִיט זַיין שְׁפִּיעלֶען לָאזְט זִיךְ אוֹיס דִי וֶועלְט. דֶערִיבֶּער אִיז גְרִינְג צוּ פֶערְשְׁטֵעהן דֶעם רַעַשׁ, וָואס עֶס אִיז גֶעוָוארֶען אִין יֶעדֶער שְׁטָאדְט וואוּהִין סְטֶעמְפֶּעניוּ אִיז גֶעקוּמֶען מִיט זַיין קַאפֶּעלִיֶע; דֶען סְטֶעמְפֶּעניוּ, פֶערְשְׁטֵעהט אִיהר, הָאט צוּ אַכְצֶעהן יָאהר שׁוֹין גֶעהַאט אַיין אֵייגֶענֶע קָאמְפַּאנִיֶע אוּן אִיז אַרוּמְגֶעפָאהְרֶען אוּן הָאט גֶעשְׁפִּיעלְט נָאר גֶעווִיסֶע, רַייכֶע חֲתוּנוֹת, אוּן אַזוֹי מִיט דֶער צַייט הָאט סְטֶעמְפֶּעניוּ אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אַלֶע אַנְדֶערֶע קָאמְפַּאנִיֶעס, ווִי לְמָשָׁל דִי „קָאנַאטָאפֶּער כְּלֵי־זֶמֶר", וָואס הָאבֶּען אוֹיךְ גֶענוּג גֶעשֶׁמְ'ט. דִי „סְמִילֶער", דִי „ווִינִיצֶער", דִי „שַׁארַאגְרַא־דֶער" אוּן נָאךְ פִיעל בֶּערִיהמְטֶע קָאמְפַּאנִיֶעס, וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶע־לָאזְט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

עס פֿערשטעהט זיך, אַז קיין גוטע פֿריינד האָט זיך סטעמפּעניו ניט געקויפֿט, דערפֿאַר וואָס ער האָט אַרויסגעריסען דעם בעסטען ביסען פֿון די כּלי־זמר׳ס מויל, און מען פֿלעגט אָנווינשעווען גענוג צרות מיט שלעק אויף זיין קאָפּ. נאָר אין די אויגען האָט מען איהם געחנפֿ׳עט און אין האַרצען האָט מען אויך געהאַט גענוג אַבֿשיי פֿאַר איהם; יעדער כּלי־זמר האָט געוואוסט איינוויינינג, ביי זיך אין האַרצען, אַז קוים נעמט סטעמפּעניו דאָס פֿידעלע אין האַנד אַריין, אַזוי מעגען שוין אַלע כּלי־זמר זיך לייגען שלאָפֿען.

די חבֿרה כּלי־זמר, דאַרפֿט איהר וויסען, האָבען פֿון תּמיד אָן ליעב גוזמאות, ביי זיי געפֿינט איהר ספּורי מעשׂות, וואונדערליכע ערצעהלונגען, לעגענדעס אָהן אַ שיעור. אויף סטעמפּעניו׳ן האָבען זיי דערצעהלט אין יעדען אָרט שרעקליכע גוזמאות, און אויף זיין פֿידעלע האָט מען געזאָגט, אַז עס וואַקסט פֿון פּאַגאַניני׳ן אַליין. אַז מען האָט דערהערט, אַז סטעמפּעניו דאַרף אָנקומען מיט זיין „קאַפּעליע״, האָבען איהם די שטאָדט כּלי־זמר געוועהנליך גענוג אָנגעשאָלטען, און ווער שמועסט זייערע ווייבער האָבען פּשוט גערעגענט מיט קללות, מען זאָל גאָר בעהיט ווערען.

— אַ גאַנץ קיילעכיג יאָהר, מען דאַרט, מען קוואַרט, מען באָרגט, מען משכּנ׳ט, מען עסט פֿון זיך די הויט, וואָס איז? ראש חודש אלול וועט זיין אַ חתונה ביים נגיד; צום סוף קומט אַ רוח, אַ שלים־מזל פֿון אַלע שוואַרצע יאָהר, אַ סטעמפּעניו, און רייסט אַרויס דעם ביסען פֿון די צעהן, פֿערחאַפּט זאָל ער נאָר ווערען!...

נאָר קיין אמת׳ע שׂונאים האָט זיך סטעמפּעניו ניט געקויפֿט אין ערגעץ, ער איז געוועזען אַ גוט ברודערל ביז גאָר: אָפּגעשפּיעלט די חתונה האָט ער זיך צונויפֿגעקאָמפּאַניעט מיט דער חבֿרה שטאָדט כּלי־זמר און געלאָזט מאַכען אַ וואַרעמעס מיט דער ברייטער האַנד, גישט געקאַרגט קיין שנאַפּס, פֿיין אונטערגעלעבט, זיך שיעהן צע־צאָהלט, און פֿאַר׳ן אַוועקפֿאָהרען צוטהיילט דעם קליינוואַרג מתּנות

מיט איינעם װארט, ער האט זיך אויסגעשטעלט מעשה־מענש, גאר לייטיש.

— הערט איהר? האבען די כלי־זמר׳קעס נאכדעם געערדט צװיי־שען זיך — הערט איהר? א יודישע נשמה טאר מען ניט שאצען.

גאר מעהר װי ביי אלע האט סטעמפעניו געפינען חן אין די שװארצע אדער בלאהע אויגען פון די כלי־זמר׳ים טעכטער, די מייד־לעך, צו װעלכע ער האט זיך אומעדום געשדכנ׳ט. און װען ער האט געשװאהרען דעם כלי־זמר׳ים טאכטער, אז ער איז אין איהר איינגע־ליעבט ביז לעצט, האט איהר איהם געמענט גלויבען, בשעת מעשה איז ער באמת געװען אין איהר איינגעליעבט (צומיינסטען זענען ביי די כלי־זמר שענע טעכטער), נאר קוים איז סטעמפעניו אריבער־געפאהרען איבער דער ראגאטקע, אזוי איז זיין ליעבע פערשװאונדען געװארען מיט׳ן װינט און מיט׳ן רויך, און געקומען אין דער צװייטער שטאדט האט ער זיך װידער באלד איינגעליעבט אין א דארטיגען כלי־זמר׳ים טאכטער, װידער געשװאהרען, געהאפט די ערד, אז ער ליעבט זי, אז ער עקט זיך, געשײנקט מתנות, אפגעזעגענט זיך, אװעק־געפאהרען — און װידער די איינענע מעשה...

מען קאן ניט זאגען, אז אזעלכע ליעבעס האבען זיך אויסגע־לאזט תמיד אהן א װיסטען סוף, געװעהנליך, פאר איהר, פאר דער כלה... דאס איז אמת, אז פיעל פון זיינע געליעבטע האבען גיך פער־געסען אין סטעמפעניו׳ן מיט זיין געביין און האבען חתונה געהאט פאר אנדערע כלי־זמר; נאר עטליכע, זעהר איינגעשפארטע מיידלעך, האבען זיך אזוי איינגעגלויבט אין דעם דאזיגען ימח־שמו׳ניק, אז ער װעט קומען, ניט היינט — איז מארגען, ניט מארגען — איז איבער־מארגען, ביז זיי האבען אנגעהויבען צו טרוקענען און אויסגעהען, װי א ליכט. אין דער צייט, װען סטעמפעניו האט ערגעץ בסוד אין א פינסטער הייזעל זיך געקושט מיט א כלי־זמר׳ים טאכטער, אין דער איינענער מינוט איז געלעגען נישט איינע פון זיינע כלות מיט׳ן פנים

אַרָאפּ, בֶּעווייֶענְדִיג זֵייעֶר פִּינְסְטֶער מַזָל, וָואס זֵייעֶר „גֶעלִיעבְּטֶער
הָאט זֵיי פֶערְגֶעסֶען, פֶערְלָאזְט אוּנ טְהוּט זֵיי גָאר נִיט דֶערְמָאהנֶען“...

אָט אַזֶעלְכֶע אוּמְגְלִיקְלִיכֶע כַּלוֹת הָאט סְטֶעמְפֶּעניוּ גֶעלָאזְט
כִּמְעַט אִין יֶעדֶער שְׁטָאדְט, וואוּ עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפָאהרֶען מִיט זַיין קָאמְ־
פַּאנִיֶע. נָאר נִיט שְׁטֶענְדִיג גִילְט דִי הַצְלָחָה; עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל —
מֶעז טְרֶעפְט אָן אוֹיף אַ שְׁלַאק. הָאט מֶען דֶערְמָאלְט צוּ זִינְגֶען אוּנ צוּ
זָאגֶען. סְטֶעמְפֶּעניוּ'ן הָאט גֶעטְרָאפֶען אַיין אוּמְגְלִיק, וָואס עֶר הָאט זִיךְ
גָאר אוֹיף אַזֶעלְכֶס נִיט גֶערֶעכְט: עֶר הָאט גֶעמוּזְט חֲתוּנָה הָאבֶּען,
חָאטְשִׁי עֶס הָאט זִיךְ אִיהם שְׁטַארְק נִיט גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבֶּען!

XV.

סְטֶעמְפֶּעניוּ פֶערְשְׁלַייעֶרְט זִיךְ גָאר אוּמְגֶערֶעכְט.

וַיְהִי הַיּוֹם אִיז סְטֶעמְפֶּעניוּ גֶעקוּמֶען מִיט זַיין קַאפֶּעלְיֶע קַיין
מַאזֶעפֶּעווְקֶע אוּנ הָאט אָפְּגֶעשְׁפִּיעלְט דְרַיי חֲתוּנוֹת מִיט אַ מָאל בְּשׁוּתְּפוּת
מִיט דִי שְׁטָאדְט כְּלֵייזְמֶר, וָואס זֵיינֶען צוּגֶעשְׁטַאנֶען צוּ אִיהם מִיט
חֲזָקָה טַעֲנוֹת אוּנ הָאבֶּען אִיהם פֶערְשְׁוָואהרֶען, אַז בְּאִם לַאו וֶועט אִיהם
חֶבְרָה בְּרֶעכֶען דִי בֵּיינֶער, אוּנ וָואלְטֶען עֶס זֶעהר שֵׁיין מְקַיֵים גֶעוֶוען,
וֶוען סְטֶעמְפֶּעניוּ, וָואס הָאט גֶעהַאט בִּכְלַל אַ גוּט הָאֶרֶץ, זָאל נִיט גֶע־
וֶוען מְרוּצֶה וֶוערֶען אוֹיף שׁוּתְּפוּת.

אַזוֹי וִוי פוּן אֵיין חֲתוּנָה בִּיז דֶער אַנְדֶערֶער הָאט גֶעדוֹיעֶרְט אַ
פָּאר טָאג, אוּנ סְטֶעמְפֶּעניוּ הָאט דֶערְוַוייל נִיט גֶעהַאט וָואס צוּ טְהוּן,
הָאט עֶר זִיךְ דֶערְוַוייל בֶּעקֶענְט מִיט יְשַׁעְיָה'קֶע דֶעם פִידְלֶערְס טָאכְטֶער,
אַ פַיין מֵיידֶעל פוּן אַ יָאהר צְוֵויי אוּנ צְוַואנְצִיג, אַ שְׁוַוארְצֶ'ס אוּנ אַ
גְרָאבֶּ'ס אוּנ עֶר הָאט זִיךְ אִין אִיהר רֶעכְט אַיינְגֶעלִיעבְּט, וִוי דֶער
שְׁטֵיינֶער אִיז בַּיי אִיהם גֶעוֶוען: גֶעקוּשְׁט, גֶעהַאלְזְט, גֶעלִיוּבֶּעט, גֶע־
קוֹיפְט מַתָּנוֹת, קוּצֶעניוּ־מוּצֶעניוּ, גָאר מַעֲשֶׂה־חָתָן, אוּנ אַז עֶס אִיז גֶע־
קוּמֶען דִי צַייט פוּן אַוֶועקְפָאהרֶען, הָאט אִיהם דָאס שְׁוַוארְצֶע מֵיידֶעל
(פְרֵיידֶעל הָאט מֶען זִי גֶערוּפֶען) גֶעזָאגְט, אַז עֶר זָאל נִיט מַאכֶען קַיין

שיחות און שרייבען תנאים, ווי דער מנהג איז; סטעמפעניו וואס איז דערצו נאך נישט געוואהנט געווארען, האט זיך אביסעל געקוויינקעלט, געדרעהט מיט'ן צונג אהין—אהער, נאר עס האט איהם נישט גע-האלפען קיין רבונו של עולם. פריידעל איז געוועזן א מיידיל אקאזאק און האט איהם גענומען אין די הענד אריין גאר קיין מעשה ג"ט, אזוי אז ער האט זיך ניט געקענט אויסדרעהען פון איהר, און עס איז גע-ווען דאס „קנס מאל" אין א מזל'דיגער שעה חברה כלי־זמר האבען לכבוד דעם געריהמטען חתן געמאכט א היבשען קנאק און ביים פידלער אין שטוב איז געוועזן ששון ושמחה דריי טאג כסדר, ביז דער ליעבער חתן מיט אלע ליעבע געסט זענען זיך אוועקגעפאהרען אין דער אנ-דערער שטאדט, אין דער דריטער און אזוי ווייטער.

געוועהנליך האט סטעמפעניו באלד פערגעסען אין דער גאנצער חתונה מיט די „תנאים" מיט דעם שווארצען מיידעל מיט אלע מיט איין אנדער, און האט זיך געטהון זיינס, ד. ה. געפיהרט זיינע ליעבעס אין אלע שטעדט, ווי ער איז געוואהנט געוועזן, און אזוי איז ער זיך געפאהרען פון שטאדט צו שטאדט מיט זיין קאפעליע—חתונות שפיעלען און האט זיך געלעבט א גוטען טאג, נאר פלוצים... עס איז ניטא קיין אייביגע זאך אויף דער וועלט! אלץ איז ביז א צייט; אויף סטעמפעניו'ן איז אויך געקומען די צייט; א בעזער שלאק האט איהם געטראפען און א צרה. א משולחת האט זיך אויף זיינע יונגע יאהרען גענומען! הערט איין אומגליק:

געשפיעלט אזוי איינמאל א חתונה אין א קליין שטעדטעל, ערגעץ אין מאלאראססיע און געהאלטען סאמע אין מיטען א ליעבע מיט הערשקע דעם פלייטערס טאכטער (א גאנץ שען מיידעל), און סטעמפעניו האט איהר צוגעזאגט, אז ער וועט זי געווים נעמען, איז אריינגעקומען מעבצי פייקלער מיט'ן שלעפעריגען פנים און האט א וויגק געטהון אויף סטעמפעניו'ן און א מורקע געטהון אונטער דער נאז אויף כלי־זמר לשון:

— גיהט, סטעמפּעניו, דאָרט אין הויז וואַרט אויף אײך אַ שעכטעל.

— אַ מײדעל? וואָסער אַ מײדעל?

— אַ שוואַרץ מײדעל מיט גרינע אויגען.

און סטעמפּעניו האָט זיך געלאָזט אין הויז אַרײן און האָט דערזעהן דאָס שוואַרצע מײדעל ישעיה'קע דעם פֿידלערס טאָכטער, זײַ כּלה פֿרײדעל!!

— וואָס קוקסט דו מיך אָן, סטעמפּעניו? האָסט מיך נישט דערקענט? אַיאַ? זעה נאָר, ווי ער פֿינטעלט מיט די אויגען און קוקט זיך צו! דאָס בין איך, סטעמפּעניו, איך פֿרײדעל, דײַן כּלה פֿרײדעל, ישעיה'קע דעם פֿידלערס טאָכטער.

— הא? איך ווײס; וואָס דען? איך ווײס ניט? איך ווײס! איך ווײס! נאָר ווי קומסט דו אַהער? פֿון וואַנען?

— ווי קום איך אַהער? מיט די פֿיס, סטעמפּעניו, מיט די פֿיס; קוים דערפֿרעגט אַהער, צו הערשקע דעם פּלײטיסט. פֿון וואַנען, פֿרעגסט דו? פֿון דער הײם קום איך אָן.

— נו, וואָס הערט זיך? ווען ביזט דו פֿון דער הײם?

— וואָס זאָל איך הערען, סטעמפּעניו? ניטאָ קײן נײַעס; ווען בין איך פֿון דער הײם? פֿון דער הײם בין איך אָפּגים אַזוי גרויס, ווי אַ וואָך זעכס אָדער זיבען, מיר זענען אויסגעוועזען, וואו דו ווילסט; וואוהין מיר קומען צופֿאָהרען, זאָגט מען אונז: געוועזען און אַוועקגעפֿאָהרען ווײטער; קוים, קוים מיט צרות געטראָפֿען אויפֿ'ן אמת'ן וועג...
גו, וואָס מאַכסט דו עפּיס, סטעמפּעניו?

— הא? איך? גאָר ניט! וואָס זאָל איך מאַכען? קום, פֿרײדעל, וואָס שטעהן מיר דאָ? — האָט ער צו איהר געזאָגט, דערזעהען אַז חבֿרה כּלי־זמר הויבען זיך אָן קלײַבען אַרום זײ און בעטראַכטען דאָס שוואַרצע מײדעל מיט די גרויסע, שוואַרצע צעפּ און מיט די גרינע אויגען.

— פון מײַנעטװעגען, לאָמיר גײן,—האָט איהם פרײדעל געענטפערט.

און סטעמפעניו האָט געחאַפּט אויף זיך דעם אויבערראָק מיט׳ן שטעקעלע אין דער האַנד און האָט זיך געמאַכט אַ שפּאַציער מיט פרײדעל דער שװאַרצער איבער דער שטאָדט. סטעמפּעניו האָט זיך אַרום געקוקט צו קײנער הערט ניט זײער שמועס און האָט זיך געװענדעט צו איהר שוין מיט מעהר שטאַרקײט:

— זאָג מיר נור, איך בעט דיך, װאָס הײסט דאָס:

— װאָס הײסט „װאָס הײסט דאָס״?

— אָט דאָס װאָס די ביזט אַהער געקומען.

— ס׳א גראַם! קוק איהם אָן, קלאָמפּערשט װײסט ער ניט, מאַכט זיך געפּגר׳ט.

— הערסט דו, פרײדעל? — האָט איהר סטעמפּעניו שוין מיט האַרץ געזאָגט—הערסט דו, פרײדעל? איך האָב פײנט, אַז מען מאַכט מיט מיר אַזעלכע מחזקות! איך פרעג דיך, װאָס טהוסט דו דאָ, און דו טרײבסט מיט מיר קאַטאָװעסלעך?

פרײדעל האָט אַ גלאַנץ געטהון מיט׳ן פײערעל פון איהרע גרינגע אויגען אויף סטעמפּעניו׳ן און פערװאָרפען מיט די הענד איהרע לאַנגע שװאַרצע צעפּ אַרונטער האָט זי זיך געװענדעט צו סטעמפּעניו׳ן אויף ערנסט:

— װאָס איך טהו דאָ, װילסט דו װיסען? איך בין געקומען צו דיר, סטעמפּעניו? האָסט אונז בײ׳ם קנס-מאָל געזאָגט, אַז ניט מעהר װיא אין צװײ װאָכען אַרום שרײבסט דו אונז אַרײן אַ בריװעל מכוח דער חתונה אָפּשטעלען; מיר האָבען געװאַרט און געװאַרט העכער צװײ חדשים און האָבען דערזעהן, אַז פון דיר איז ניטאָ קײן שום ידיעה, האָבען מיר זיך מיישב געװען און האָבען זיך געלאָזט אויף דער װעלט צו זוכען דעם נעכטיגען טאָג, און אַזוי זענען מיר אויסגעװען, װאו די װעלט האָט אײן עק, ביז קוים — קוים מיט צרות גאָט האָט אונז געהאָלפען און מיר...

— זָאג מִיר נָאר, פְרֵיידֶעל, וָוער זֶענֶען דִי „מִיר"? עֶפּיס זָאגְסְט דוּ אַלְץ „מִיר" זֶענֶען גֶעפָאהרֶען, מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען...

— מִיר בֵּיידֶע, דָאס הֵייסְט: אִיךְ אוּנ מַיין מַאמֶע.

— דַיין מַאמֶע?! — הָאט סְטֶעמְפֶּענְיוּ אוֹיסְגֶעשְׁרִיגֶען אוּנ הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אַ דֶערְשְׁלָאגֶענֶער — דַיין מַאמֶע? וָואס הָאט זִי דָא צוּ טְהוּן?

— שַׁא, וָואס שְׁרַייעֶסְט דוּ אַזוֹי, סְטֶעמְפֶּעניוּ? וָואס דֶען אַלֵיין הָאסְט דוּ גֶעמֵיינְט? אַ מֵיידֶעל פָּאהרְט נִיט אַלֵיין; אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, חָלִילָה!

— יָא, אָבֶּער וָואס קֶער זִי זִיךְ אָן מִיט מִיר, דִי מַאמֶע דַיינֶע, הָאט זִי סְטֶעמְפֶּעניוּ גֶעפְרֶעגְט, אוּמְקֶעהרֶענְדִיג זִיךְ צוּרִיק מִיט אִיהר.

— אַ מְחוּתֶּנְתְ'טֶע, סְטֶעמְפֶּעניוּ, אַ מְחוּתֶּנְתְ'טֶע קֶעהר זִי זִיךְ מִיט דִיר אָן, אוּנ שְׁפֶּעטֶער וֶועט זִי זִיךְ דִיר אָנְקֶעהרֶען אַ שְׁוִויגֶער.

— דוּ מֵיינְסְט טַאקִי אַפָּנִים אֵיין אֱמֶת, פְרֵיידֶעל, חֲתוּנָה הָאבֶּען פַאר מִיר?

— נוּ, אוּנ דוּ סְטֶעמְפֶּעניוּ, מֵיינְסְט דָאס אוֹיף קַאטָאוֶועס?

— נַארִישְׁקַייטֶען!

— פַאר וָואס נַארִישְׁקַייטֶען?

— אָט אַזוֹי, אִיךְ הָאבּ עֶס אֲפִילוּ נִישְׁט אִין זִינְן אִין דֶער לִינְקֶער פִּיאַטֶע.

פְרֵיידֶעל אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵיהן אַ מִינוּט אוּנ הָאט אַ קוּק גֶעטְהוּן סְטֶעמְפֶּעניוּ'ן אִין דִי אוֹיגֶען אַרַיין; נָאכְדֶעם הָאט זִי זִיךְ אַרוּם גֶעקוּקְט אוֹיף אַלֶע זַייטֶען אוּנ הָאט זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייד גֶעוֶוענְדְט צוּ סְטֶעמְפֶּעניוּ מִיט דִי וֶוערְטֶער:

— הֶער נָאר אוֹיס, סְטֶעמְפֶּעניוּ! מֵיין נִיט, אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעטְרָאפֶען אוֹיף אַ נַיוּנְקֶעלֶע, וָואס וֵייסְט נִיט, וֶוער עֶס הָאט זִי גֶעשְׁרַייעֶרְט; אִיךְ קֶען דִיךְ גַאנְץ גוּט, סְטֶעמְפֶּעניוּ! אִיךְ וֵויים, אַז דוּ בִּיסְט אַ הִיבְּשֶׁער שַׁארְלַאטַאן, הָאסְט לִיעבּ כַּלּוֹת אַלֶע וָואךְ אַ נַייֶע; נָאר עֶס מַאכְט נִיט אוֹיס, אַלְץ בִּיז אַ צַייט, נִישְׁט קָשֶׁה.... בִּיזְט אַ גוּטֶער בְּטֶבַע, הָאסְט אַ

ווייך האַרץ. ביזט אַ פּאַרשוין איינער צווישען צעהן טויזענד, שפּיעלסט אויסגעצייכענט אויפ'ן פידעל, און קאָנסט געבען אַ ווייב ברויט, דערפאַר וויל איך דיך און דערפאַר וועל איך פאַר דיר חתונה האָבען און טאַקי גיך: און דאָס וואָס דו שפּאַרסט זיך, איז אומזיסט. אַרויסגעוואָרפען דיין טרחה, סטעמפּעניו. גלויב מיר, בייג זיך אָן צו מיר אַהער איך וועל דיר זאָגען אַ סוד...

און פריידעל די שוואַרצע האָט איינגערוימט סטעמפּעניו'ן אַ סוד אין אויער, און סטעמפּעניו איז פערציטערט געוואָרען מיט אַלע אבֿרים; ער איז געבליבען שטעהן, ווי אַ ליימענער גולם. אין מיטען וועג, נישט געקענט עפּענען קיין מויל אַ וואָרט אויסצורעדען, און דאָ איז אָנגעקומען מעכצי פייקלער מיט דעם רויטען קאָפּ און האָט איהם געזאָגט, אַז מען רופט איהם צום נגיד פונ'ם שטעדטעל בעשטעלען אַ חתונה; סטעמפּעניו האָט זיך מיט אַ ווינק אָפּגעזעגענט מיט פריידלען און האָט אויסגערעדט מיט אַ זיפץ:

— מיר וועלען זיך נאָך זעהען, פריידעל!

— ס'אַ שאלה אַביסעל, אויב מיר וועלען זיך זעהן! — האָט איהם פריידעל געענטפערט און האָט זיך גאַנץ צופריעדען אָפּגעשיידט פון איהר ליעבען חתן סטעמפּעניו.

די אַלע וואָס האָבען אין יענער צייט געזעהן סטעמפּעניו'ן אויף דער חתונה האָבען זיך שטאַרק פערוואונדערט אויף זיין בלאַס פּנים מיט זיין אָפּגעלאָזטקייט: גאָר ניט דער סטעמפּעניו וואָס פריהער, אַ שענערען לעגט מען אין דער ערד אַריין; עס איז אָפּגענומען געוואָרען זיין פרייליכקייט מיט זיין בֿרען, ווי מיט די הענד. יאָ סטעמפּעניו האָט געפיהלט, אַז דאָס איז איין עק צו זיין זים לעבין פון אַ פרייע פּעגעלע, אַז דאָס נעמט ער אויף זיך אַ יאָך אויפ'ן האַלז אויף תמיד, אויף אייביג. אַדיע, ליכטיגער זומער-אָבענד מיט אַ ווייטען שפּאַציר אונטער דער שטאָדט מיט'ן כלי-זמר'ס מעכטערעל! אַדיע, לאַנגע שמעקענדיגע צעפּ צעלאָזטע האָר גרויסע קאַרע אויגען! אַדיע, זילבערנע לבֿנה! ...

אֶמֶת, סְטֶעמְפֶּעניוּ הָאט זִיךְ נָאךְ אַ בִּיסֶעל גֶהַאמְפֶּערְט, גֶעוָואַרְפֶען, וִוי אַ פִישׁ אִין דֶער נֶעץ, מִיט דִי לֶעצְטֶע כּוֹחוֹת, גֶעפְּרִיוְוט אַלֶע מִיטְלֶען, נָאר עֶס הָאט אִיהם גֶעהָאלְפֶען, וִוי אַ טוֹידְטֶען בַּאנְקֶעס; פְרֵיידֶעל מִיט אִיהר מוּטֶער זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אֶקעגֶען אִיהם, וִוי אֶט יֶענֶע מֵתִים, וָואס קוּמֶען צוּ אוּנְז בַּייְנַאכְט אִין חָלוֹם אוּנ שְׁלֶעפֶּען אוּנְז צוּם בֵּית־דִין שֶׁל מַעְלָה אָפְּגֶעבֶּען דִין וְחֶשְׁבּוֹן... אוּנ אִיבֶּערְהוֹיפְּט הָאט עֶר גֶעצִיטֶערְט פַאר אִיהר, פַאר דֶער מְחוּתֶּנֶתְ׳טֶע, וָואס הָאט צוּנוֹיפְגֶעשְׁנִירֶעוָועט דָאס שְׁוַוארְצֶע פִּיסֶקְעלֶע, וִוי מִיט אַ בֶּענְדֶעלֶע, נָאר דָאס פָּנִים הָאט אִיהר אַזוֹי גֶעפַּייֶערְט, אַז זִי אִיז גֶעוֶוען גְרֵייט אַלֶע מִינוּט אַרוֹיסְפְּחַאפֶּען זִיךְ אוֹיף סְטֶעמְפֶּעניוּ׳ן וִוי אַ ווִילְדֶע קַאץ אוּנ אַרוֹיסְרַייסֶען אִיהם בֵּיידֶע אוֹיגֶען, וֶוען נִיט פְרֵיידִיל וָואס הָאט זִי דִי גַאנְצֶע צַייט אֵיינְגֶעהַאלְטֶען.

— טְשֶׁעפֶּע נִיט, מַאמֶע, וֶועסְט נָאךְ קַאלִיֶע מַאכֶען, דוּ קוּק נָאר אוּנ שְׁוַוייג, דוּ הִיט אִיהם נָאר דִי טְרִיט עֶר זָאל זִיךְ נִיט אוֹיסְרַייסֶען פוּן אוּנְזֶערֶע הֶענְד. עֶס וֶועט זַיין רֶעכְט, מַאמֶע, סְטֶעמְפֶּעניוּ אִיז מַיינֶער, עֶר אִיז מַיינֶער!....

XVI.

שִׁמְשׁוֹן הַגִּבּוֹר בַּיי דְלִילֶה׳ן אוֹיפְ׳ן שׁוּם.

פְרֵיידֶעל הָאט זִיךְ פֶערְעַקְשֶׁנְ׳ט אוּנ הָאט אוֹיסְגֶעפִיהְרְט אִיהְרְ׳ס: זִי הָאט הֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר סְטֶעמְפֶּעניוּ׳ן כְּדַת מֹשֶׁה וְיִשְׂרָאֵל אוּנ הָאט אִיהם גִיךְ אַרֵיינְגֶענוּמֶען אִין דִי לַאפְּקֶעס אַרֵיין נָאר אוֹיף אֵיין אַנְדֶער אוֹפֶן; אַבִּיסֶעל הָאט אִיהר צוּגֶעהָאלְפֶען דִי מַאמֶע אִיהרֶע, וָואס זִי הָאט קוֹים דֶערְלֶעבְּט דֶעם נַחַת צוּ וֶוערֶען אַ שְׁווִיגֶער, אוּנ סְטֶעמְפֶּעניוּ הָאט פֶערְזוּכְט דֶעם טַעַם פוּן גֵיהִנָּם אוּנ הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶענַארְט. דָאס פָאלְק אִיז אַרִיבֶּערְגֶעפָאהרֶען קַיין מַאזֶעפֶּעוְוקֶע, אוּנ הָאט זִיךְ דָא בֶּעזֶעצְט מִיט זַיין קָאמְפַּאנִיֶע, וִוי אַ שְׁטֶענְדִיגֶער, אוֹיף אֵיין אָרְט.

— שׁוֹין, אוּיס, אוּיס אַרוּמְשְׁלֶעפֶּען זִיךְ, גֶענוּג סְטֶעמְפֶּעניוּ, גֶע-

רֵייזְט אִיבֶּער דֶער וֶועלְט, גֶענוּג ! — אַזוֹי הָאט פְרֵיידֶעל גֶעזָאגְט צוּ אִיהר מַאן, וָואס אִיז אִין גַאנְצֶען גֶעוֶוען אִיהרֶער, אוּנ וָואס זִי הָאט גֶעוָואלְט הָאט זִי מִיט אִיהם אוֹיסְגֶעפִיהרְט אוּנ דַוְקָא מִיט גוּטֶען.

נָאךְ דֶער חֲתוּנָה הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען בַּיי סְטֶעמְפֶּענְיוּ׳ן אַ נַייֶע לֶעבֶּען, גָאר אַ שְׁפָּאגֶעל נַיי לֶעבֶּען ; גַייצִיג אִיז בַּיי זִיךְ סְטֶעמְפֶּענְיוּ גֶעוֶוען נָאר בְּחוּרְ׳וַוייז, קוֹים אָבֶּער הָאט עֶר נוּר חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּנ אִיז אַרַיין צוּ פְרֵיידְלֶ׳ען אִין דִי הֶענְד, אַזוֹי הָאט עֶר אָנְגֶעוואֹהרֶען אִין גַאנְ־צֶען דָאס שְׁטַארְקֵייט, אִין גַאנְצֶען זַיין מוּטְה, דֶעם גַאנְצֶען גְלַאנְץ, בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב הָאט סְטֶעמְפֶּענְיוּ נִיט גֶעהַאט קֵיין בְּרֶעקִיל דֵעָה.

— דוּ הָאבּ אִין זִינֶען דֵיינְס ; דֵיין עֵסֶק אִיז דִי קַאפֶּעלְיֶע מִיט דִי חֲתוּנוֹת, צוּ וָואס טוֹיג דִיר גֶעלְד, נַארֶעלֶע ? — אַזוֹי הָאט צוּ אִיהם פְרֵיידֶעל גֶעזָאגְט, צוּגֶענוּמֶען בַּיי אִיהם, וואוּ עֶר הָאט פֶערְדִינְט עֶרְגֶעץ אַ גְרָאשֶׁען.

אוֹיף גֶעלְד אִיז פְרֵיידֶעל גֶעוֶוען זֶעהר זְשֶׁעדְנֶע ; זִי אִיז אוֹיסְגֶע־וַואקְסֶען בַּיי זֶעהר אָרֶעמֶע עֶלְטֶערְן אוּנ הָאט כְּמְעַט קֵיינְמָאל נִיט גֶע־זֶעהֶען קֵיין גְרָאשֶׁען אִין דִי אוֹיגֶען, מֵיידֶעלְ׳וַוייז פְלֶעג אִיהר אָנְקוּמֶען אַ סְטֶענְגֶעלֶע אָדֶער אַ קֶעמֶעלֶע זֶעהר שְׁוֶוער, מִיט בִּיטֶערֶע טְרֶעהרֶען. בִּיז פוּפְצֶעהן יָאהר אִיז פְרֵיידֶעל גֶעגַאנְגֶען בָּארְפוּס, גֶעוֶוען אַ נִיאנְקֶע דֶער מוּטֶער בַּיי דִי קְלֶענֶערֶע קִינְדֶער, גֶעחַאפְּט קְלֶעפּ גֶענוּג אִי פוּן דֶער מוּטֶער אִי פוּן דֶעם פָּאטֶער, יְשַׁעְיָה׳קֶע דֶעם פִידְלֶער, וָואס הָאט לִיעבּ גֶעהַאט דֶעם טְרִינְק ; גֶעגֶעסֶען הָאט זִי קַדְחַת, מְלוּבָּשׁ אִיז זִי גֶעוֶוען, וִוי עֶס אִיז אָנְגֶעשְׁטַאנֶען צוּ דִי בָּארְפוּסֶע פִּיס, אוּנ גָאר פוּרִים פְלֶעגְט אִיהר אַרַיינְפַאלֶען עֶטְלִיכֶע קָאפִּיקֶעס פוּנ׳ם שְׁלַח־מָנוֹת, וָואס זִי פְלֶעגְט טְרָאגֶען אִין פְרֶעמְדֶע הַייזֶער ; דִי עֶטְלִיכֶע גְרָאשֶׁען פְלֶעגְט זִי בֶּעהַאלְטֶען וַוייט־וַוייט אִין בּוּזֶעם, בִּכְדֵי דִי מַאמֶע זָאל זֵיי בַּיי אִיהר נִיט אוֹיסְנַארֶען, אוּנ אַזוֹי פְלֶעגְט זִי שְׁלָאפֶען מִיטְ׳ן בִּיסֶעל מִינְץ בִּיז פֶּסַח, אוּנ אוֹיף יוֹם־טוֹב קוֹיפֶען זִיךְ פַאר דֶעם אַ סְטֵיינְגֶעלֶע אָדֶער אַ קֶעמֶעלֶע — אוּנ אַזוֹי אִיז פְרֵיידֶעל גֶעוַואכְסֶען בִּיז אַכְטְצֶעהן יָאהר, בִּיז זִי אִיז פְּלוּצִים אוֹיסְגֶעוַואכְסֶען אַ הוֹיכֶע אַ שֵׁיינֶע אַ גֶעזוּנְדֶע מוֹיד —

אַ כַּלָה-מוֹיד! אַז פְרֵיידֶעל אִיז אַ כַּלָה גֶעוָוארֶען פַאר סְטֶעמְפֶּעניוּ'ן, הָאט זִי אַלֵיין נִיט גֶעוואוּסְט וָואס פַאר אַ גְלִיק עֶס הָאט אִיהר גֶעטְרָאפֶען; נָאר דִי מַאמֶע, וָואס הָאט דָאס דַוְקָא יָא פֶערְשְׁטַאנֶען, הָאט מִיט אִיהר וֶועגֶען דֶעם גֶענוּג אַיינְגֶעטַעֲנֶה'ט, אַז זִי זָאל וִויסֶען אַז אִיהר חָתָן אִיז אַ גָאלְדְשְׁפִּינֶער, נָאר אַ גְרוֹיסֶער שַׁארְלַאטַאן, וָואס דָאס קֶערְבֶּעל אִיז בַּיי אִיהם אַ מַמְזֶר, לָכֵן זָאל זִי זִיךְ נִיט לָאזֶען שְׁפַּייֶען אִין דֶער קַאשֶׁע אוּנ זָאל הָאבֶּען בַּיי אִיהם אַ דֵעָה אִין אַלְץ, אַזוֹי וִוי זִי, דִי מַאמֶע, הָאט אַ דֵעָה בַּיי'ם טַאטֶען, יְשַׁעְיָה'קֶע דֶעם פִידְלֶער...

אַז פְרֵיידִיל הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר סְטֶעמְפֶּעניוּ'ן הָאט זִי נִיט פֶערְגֶעסֶען, וָואס דִי מַאמֶע הָאט אִיהר אָנְגֶעזָאגְט, אוּנ הָאט בִּיסְלֶעכְווייז, מִיט שֵׂכֶל, אָנְגֶעהוֹיבֶּען לֶערְנֶען מִיט'ן מַאן הִלְכוֹת „וַוייבּ", אַז אַ וַוייבּ דַארְף וִויסֶען אַלְץ וָואס בַּיי'ם מַאן טְהוּט זִיךְ, אַז אַ וַוייבּ אִיז נִיט קֵיין פְרֶעמְדֶע, אַז אַ יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער אִיז נִיט קֵיין „פָּאלְיוּבָּאווְנִיצֶע", נֵיין, עֶס אִיז זַיין בְּלוּט אוּנ פְלֵייש, זִי אִיז עֶר אוּנ עֶר אִיז זִי. הַכְּלָל, עֶר דַארְף וִויסֶען, עֶר דַארְף פִיהלֶען, אַז עֶר הָאט אַ וַוייבּ...

אַז פְרֵיידִיל אִיז גֶעוָוארֶען אַלֵיין אַ בַּעַל-הַבָּיִת'טֶע פַאר זִיךְ אוּנ הָאט דֶערְזֶעהן אַלֶע מָאל אַ נַיי קֶערְבֶּעל, וָואס סְטֶעמְפֶּעניוּ פֶערְדִיעֶנְט אַזוֹי אָפְט, הָאט זִי זִיךְ אַ וָוארְף גֶעטְהוּן אוֹיף דִי קֶערְבְּלֶעךְ, וִוי אַ הוּנְגֶערִיגֶער, אַז עֶר דֶערְזֶעהט עֶפֶּעס אַ מַאֲכָל, נָאר עֶס אִיז אִיהר אָבֶּער דָאס גֶעלְד נִיט אַיינְגֶעגַאנְגֶען. פְרֵיידִיל הָאט זִיךְ אַלְץ גֶעזָארְגְט, טָאמֶער וֶועט מָארְגֶען נִיט זַיין, טָאמֶער וֶועט דֶער מַאן שְׁפֶּעטֶער חָלִילָה נִיט פֶערְדִיעֶנֶען, הָאט זִי זִיךְ גֶעמַאכְט אַיין קְנִיפֶּעל אוּנ דָאס אַנְדֶערֶע אוּנ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ קְלַייבֶּען אַ גְרָאשֶׁען צוּ אַ גְרָאשֶׁען.

— וָואס „פְּרָאטֶעסְט" דוּ אַזוֹי? הָאט זִיךְ סְטֶעמְפֶּעניוּ גֶעפְרֶעגְט בֶּעמֶערְקְט אִיהרֶע תְּנוּעוֹת.

וֶועסְט אַלְץ וֶועלֶען וִויסֶען, וֶועסְט דוּ גִיךְ אַלְט וֶוערֶען, לָאז דִיךְ נִיט אַרֶען, סְטֶעמְפֶּעניוּ! הָאט אִיהם פְרֵיידִיל גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכֶעלֶע, אוּנ הָאט זִיךְ גֶעטְהוּן אִיהרִים, אָפְּגֶעשְׁפַּארְט, אָפְּגֶעריסֶען פוּנ'ם מַארְק, פוּנ'ם קְלֵייטֶעל אוּנ פוּן דֶער יַאטְקֶע, מִיט'ן וַוארְמֶעכ

אויסגעקומען ווי מיט קרעפּעל־פּליש, אָפּטמאָל ניט דערגעסן, ניט דערטרונקען און זיך אַלץ צונויפֿגעשלאָגן אַ קערבעל אום אַ קערבעל. ביסלעכווייז, אַז עס האָט זיך צונויפֿגעשלאָגן היבשע עטליכע גילדען האָט זי אָנגעהויבן צו מאַכן הלוואות אויף אַ משכּון און נעהמען פּראָצענט; דאָס ערשטע מאָל גלאַט אַזוי דורך אַ צופֿאַל, וואָס אַ שכנה האָט בײַ איהר געבעטען אַ גמילת־חסד און פֿריידיל האָט איהר אַ טובֿה געטהון — פֿאַר וואָס דען ניט? — און נאָכדעם, אַז פֿריידיל האָט דערזעהן, אַז דאָס געלד וואַקסט גאָר, אַז פֿון איין קערבעל ווערט מיט דער צייט צוויי, האָט זי אָנגעהויבן מיט איהר ביסעל קאַפּיטאַל צו מאַכן עסקים, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז זי איז געוואָרען פּשוט אַ „וואָכערניצע“ מיט אַלע הן־גריבעלעך פֿון דער דאָזיגער פּראָפֿעסיע, וואָס אַ גרויסער טהייל פֿון אונזערע נגידים, צווישען אונז רעדענדיג, פֿערגעסען זיך און האָבען דאָס גאָר ניט פֿײַנד...

מערקווירדיג, ווי קומט עס צו פֿריידלען אַזאַ חשק צו קלײַבען געלד? נישט בײַ איהר טאַטען, ישעיה׳קע פֿידלער, נישט בײַ קיינעם פֿון אַלע באַקאַנטע כּלי־זמר, האָט זי דאָס געקאָנט זעהן. וואו ווערט איהר דען געפֿינען אַ גלײַכען צו דער חבֿרה כּלי־זמר, מען זאָל זיך אַזוי נישט אומקוקען אויף קיין גראָשען, עס זאָל אַזוי זײַן אַ קערבעל הפֿקר. פּשוט ווי די בלאָטע? אַ יודישער כּלי־זמר — און ווער שמועסט אין יענע יאָהרען — קאָן מען גלײַכען צו אַ מין ציגײַנער, אַ באַזונדער פֿאָלק, מיט אַ באַזונדערען זשאַרגאָן, מיט גאָר באַזונדערע געאָנג; די דאָזיגע חבֿרה האָט שטענדיג געלעבט אַ גוטע שעה תּמיד, איז געווען פּורים, פֿריילעך, לעבעדיג, תּמיד געדרימפּעלט, געוואָרטעלט, געשטיפּט, געאַרבייט, זיך לוסטיג געמאַכט, איבערגעקעהרט וועלטען, געשמועסט מכּח פֿריילעכע זאַכען... געקומען אַהיים צום ווײַב, געטריבען קאַטאָוועס, געחלעפּטשעט טײַגלעך מיט פֿאַסאָלים, אָדער גאָר געגעסען מכּות, נאָר פֿריילעך, מיט אַ טענצעל, מיט אַ ליצנות, הונגעריג זיך געלייגט שלאָפֿען, אויף מאָרגען געבאָרגט, געליהען, די קישעלעך פֿערזעצט, נאָכדעם אויסגעקויפֿט און ווידער אַמאָל דאָס אייגענע. די

כְּלֵי־זֶמֶר׳שֶׁע טֶעכְטֶער זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶוען מֵיינְסְטֶענְס לוּפְטִיגֶע פְרֵעהלִיכֶע נְשָׁמוֹת; זֵייעֶר לֶעבֶּען אַזוֹי וִוי דִי הָאר זֵייעֶרֶע אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פֶּעְר־דְרֶעקְט מִיט קֵיין שְׁלֵייעֶר... מִיט אֵיינֶעם וָוארְט בַּיי דִי כְּלֵי־זֶמֶר אִיז גֶעוֶועזֶען אַ גַן־עֵדֶן מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת אוּן חֶסְרוֹנוֹת פוּן אַ גַן־עֵדֶן... הַיינְט אִין אַזַא גַן־עֵדֶן וֶועמֶען קָאן אַרוֹיף אוֹיף דֶער מַחֲשָׁבָה צוּ זָארְגֶען — וָואס וֶועט זַיין מָארְגֶען?

פְרֵיידִיל׳ס טַאטֶע, פֶערְשְׁטֶעהט זִיךְ, אִיז אוֹיךְ נִיט גֶעוֶוען קֵיין פֶערְוֵויינְטֶע נְשָׁמָה, יְשַׁעְיָה׳קֶע פִידְלֶער אִיז זִיךְ גֶעוֶוען אַ רֶעכְטֶער קַבְּצָן, נָאר אַ לֶעבֶּעדִיגֶער אַ פְרֵעהלִיכֶער קַבְּצָן, אוּן אַז עֶר הָאט פֶערְדִיעֶנְט דָאס קֶערְבֶּעל, הָאט עֶר דָאס גָאר גִיךְ פֶערְלֶעבְּט, טַאקִי וִוי מֶען זָאגְט אִין אֵיין אָטְהֶעם, אוּן זִי פְרֵיידִיל׳ס מַאמֶע, הָאט אוֹיךְ לִיעבּ גֶעהַאט צוּ לֶעבֶּען, דָאס הֵייסְט גוּט עֶסֶען, עֶס אִיז כִּמְעַט קֵיין הֶעמְד נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיפְ׳ן לַייבּ, נָאר גֶעגֶעסֶען הָאט מֶען כָּל זְמַן ס׳אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ שְׁטִיקֶעל קִישֶׁעלֶע צוּ פֶערְזֶעצֶען: „דָאס גַאנְצֶע דָאבְּרֶע־מַזָל גֶעהט אִין דֶער קִישְׁקֶע אַרַיין", וִוי זָאגְט מֶען: „בֶּעסֶער דֶעם בֶּעקֶער אֵיידֶער דֶעם רוֹפֵא", „וָואס זְשֶׁע דֶען אִיז דֶעם מֶענְשֶׁענְס לֶעבֶּען?" — אַזוֹי פְלֶעגְט זָאגֶען פְרֵיידִיל׳ס מַאמֶע. וָואס אִיז אֵייגֶענְטְלִיךְ גֶעוֶוען אַפִּילוּ צְווִישֶׁעֶן כְּלֵי־זֶמֶר׳קֶעס אַ אוֹיסְבְּרֶענְגֶערִין.

ווִייזְשֶׁע קוּמְט עֶס פָארְט צוּ פְרֵיידְלֶ׳ען אַזַא גוּסְט? פוּן וַואנֶען נֶעמְט זִיךְ צוּ אִיהר אַזַא קַארְקְשַׁאפְּט? עֶס קָאן זַיין, אַז דִי דָאזִיגֶע מַעֲלָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִיהר מַחֲמַת זְשֶׁעדְנָאסְט, מַחֲמַת זִי אִיז תָּמִיד גֶעוֶוען בַּיי דִי עֶלְטֶערְן הוּנְגֶערִיג אוֹיף אַ גְרָאשֶׁען, אָדֶער ס׳אִיז אֶפְשַׁר גֶעוֶוען בַּיי אִיהר גָאר אַ טֶבַע זַאךְ: עֶפֶּעס עַל פִּי טָעוּת אִיז אַ קַארְגֶע נְשָׁמָה מְגוּלְגָל גֶעוָוארֶען אִין דֶער כְּלֵי־זֶמֶר׳שֶׁער מִשְׁפָּחָה אוּן עֶס הָאט אוֹיסְגֶעוַואקְסֶען אַזַא פְרֵיידִיל.

וִוי דִי זַאךְ אִיז שׁוֹין, נָאר פְרֵיידִיל הָאט גֶעמַאכְט מְשׁוּנֶה־תְּנוּעוֹת, גֶעשְׁווִיצְט אוּן גֶעפִּינֶעט, וֶוען זִי הָאט נָאר גֶערֶעדְט אֶפִּילוּ מִכֹּחַ גֶעלְד...

אוֹיף אִיהר דָאלְיֶע הָאבֶּען אִיהר מְקַנֵא גֶעוֶוען אַלֶע כְּלֵי־זֶמֶר׳קֶעס.

„אָט אַ מַזָל!" — הָאבֶּען אוֹיף אִיהר אַלֶע אִין אֵיין קוֹל גֶעזָאגְט.

נאר אין איין זאך האט גאט פריידלען פערזעהן: ער האט איהר קיין קינדער ניט געגעבען! אונ ווער ווייסט, עס קאן זיין, אויך דערי־בער איז זי געווען אזוי אפגעגעבען מיט לייב אונ לעבען צום געלד, ווייל דאס בעסטע פערגניגען, פערגניגען פון קינדער, איז פאר איהר געווען פערבארגען; בכלל זעהט מען, אז די ווייבער, וואס גאט האט זיי נישט געבענשט מיט קינדער, זענען מיינסטענס בעזע ווייבער, עפעס פעהלט זיי דאס גוטסקייט, דאס ווייכקייט פון דעם דאזיגען מין; אזעלכע ווייבער קאנען ליעב האבען נאר זיך אליין.

פריידיל איז געווען פונקט אזא סחורה. נאר מען קאן ניט זא־גען, אז זי האט איהם, סטעמפעניו'ן, פיינט געהאט: פאר וואס קומט דאס איהם? א פארשוין, א בילד, א זעלטענהייט, א שפיעלער איינער צווישען טויזענד אונ (אט דאס איז דער עיקר!) א פערדינער, א געלד-שפינער!

— מיין סטעמפעניו, האט זיך פריידיל בעריהמט פאר איהרע בעקאנטע ווייבער, מיין סטעמפעניו אז ער טהוט א פיהר מיט'ן סמיק איבער'ן פידעל איז א קערבעל, צוויי פיהר איז צוויי קערבלעך, דריי פיהר איז דריי קערבלעך. פערשטעהט איהר מיך?

אין דעם ענין פון „קערבעל" איז סטעמפעניו געווען פונקט דער היפך; דאס קערבעל האט ביי איהם ניט געשפיעלט קיין ראלע; אט האט ער אפגעשפיעלט א חתונה אונ אנגעשטאפט פולע קעשענעס מיט געלד, אונ אט פו—פא, ניטא א שילענגער; האט ער געהאט, האט ער געגעבען, געטהיילט, אנטליגען, האט ער ניט געהאט — האט ער געליגען ביי יענעם. אין דעם אופן איז סטעמפעניו געווען איין ארטיסט; זיין עסק איז געווען נאר די „קאפעליע" — אויסשטעלען עפעס א נייע זאך, פונאנדערשפיעלען איין אפערשטיק, בעשטעלען א חתונה אונ אפשפיעלען זי, ווי גאט האט געבאטען, יודען זאלען לעקען די פינגער ניט גלאט ריפ־סקריפ.

סטעמפעניו האט ליעב געהאט מעהר פון אלעם אין דער וועלט צוויי זאכען: זיך אונ דאס פידעלע. מיט זיך האט ער געהאט צו טהון

כמעט שטענדיג, זיך געפוצט, געשטשאטעלט, געגרייזעלט די האר, מיט איינעם ווארט זיך „געבחור'ט", ווי פריידיל האט דאס מיט א שטאך גערופען, און דאמאלס האט ער פערגעסען אין דעם פידעלע; האט ער אבער גענומען דאס פידעלע האט ער פערגעסען אין זיך און אין דער גאנצער וועלט. אז עס איז אנגעפאלען אויף איהם א „מרה־שחורה", האט ער זיך גענומען דאס פידעלע, פערקייטעלט די מהיר און האט געקאנט אוועקשפיעלען דריי שעה כסדר אייגענע פאנטאזיעס; וואס עס איז איהם ארויף אויף דער מחשבה, דאס האט ער געשפיעלט. אט האט ער זיך צעגאסען מיט א קלאג, אזוי יאמערליך, אזוי טרויעריג, אלע מאל שטילער און שטילער און אט האט ער זיך פלוצים צובעזערט און איז אוועק אלץ שטארקער און שטארקער, ביז עס האט זיך ווידער אנגעהויבען ארויסכאפען ווי א זיפץ פונ'ם טיעפען הארצען, און דאס פייער איז איהם אביסעל אפגעטראטען, אפגעגאנגען דער כעס, און ווייכע מעלאדיעס, ליבע זיסע געזאנגען, וואס ווייטער אלץ טרויעריגער, האבען זיך וויעדער ווי געגאסען אהן איין עק, און נאכדעם ווידער אביסעל לעבעדיגער, פרעהליכער... אמת דאס איז געווען נישט אפט, ניט אלע מאל האט זיך איהם געשפיעלט; נאר קוים האט ער זיך צעשפיעלט איז געווען אונמעגליך איהם אפצורייסען. סטעמפעניו'ס פאנטאזיע האט זיך צעקאכט און געזעצט ווי פון א קוואל וואס ווייטער מיט מעהר פרישקייט.

א מענש מיט געפיהל, מיט א נשמה, האט זיך אין א זעלכע מינוטען זאט נישט געקאנט אנהערען די דאזיגע פרייע מוזיק, וואס לאזט זיך גאר ניט איבערגעבען אויף נאטען, און עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז ער הערט א בקשה צום רבונו של עולם פון א פערביטערט הארץ, עפעס א מין תפלה צו זיין ליעבען נאמען אויף רחמים, אויף לייטזעליגקייט, אזא מין תפלה וואס דארף און מוז אנגענומען ווערען אויבען, דארט פאר גאט'ס שטוהל.... מען דערצעהלט, אז דער רוזשינער האט געהאט א אייגענעם ארכעסטער, וואס פלעגט שפיעלען בשעת ער האט אפגעגעבען א שבח צו דעם וואס לעבט אייביג.

אַוַדְאַי אִיז דָאס אַ גֶעדַאנְק דַוְקָא פוּן אַ גְרוֹיסֶען מֶענְשֶׁען, אַ הֶשָׂגָה גָאר פוּן אַ הוֹיכֶער פָּאעֶטִישֶׁער נְשָׁמָה...

— קֵיילֶע דִי גְרָאבֶע, מַיינֶע צָרוֹת אוֹיף אִיהר קָאפּ, הָאט מִיר אָפְּגֶעבְּרַאכְט דָאס פְּרָאצֶענְט פַאר יֶענֶע וָואך, אוּנ פַאר הַיינְטִיגֶער וָואך, זָאגְט זִי, לָאז זַיין נָאך שַׁבָּת! —

מִיט אַזַא מִין גֶעשְׁפְּרֶעך, לְמָשָׁל, הָאט פְּרֵיידֶעל מְכַבֵּד גֶעוֶוע סְטֶעמְפֶּענְיוּ׳ן, וָוער עֶר פְּלֶעגְט אַרוֹיסְגֶעהן נָאכ׳ן שְׁפִּיעלֶען פוּן זַיין חֵדֶר׳ל אַבִּיסֶעל צוּגֶעפְּלַאמְט מִיט אַ גְלַאנְץ אִין זַיינֶע שְׁוַוארְצֶע אוֹיגֶען. דָאס אִיז גֶעוֶוען דָאס פַייעֶרעל פוּן זַיינֶע אוֹיגֶען, וָואס הָאט אַזוֹי גֶעצוֹיגֶען צוּ זִיך. דָאס פַייעֶרעל פְּלֶעגְט זִיך בֶּעוַויזֶען זֶעלְטֶען אוּנ בֶּעגֶעגֶען זִיך מִיט פְּרֵיידֶעלְס אֵייגֶעלֶעך, הָאט זִיך דָאס פַייעֶרעל גִיך בֶּעהַאלְטֶען, פֶערְשְׁווִינְדֶען גֶעוָוארֶען...

אַז סְטֶעמְפֶּענְיוּ הָאט אָפְּגֶעשְׁפִּיעלְט אַ חֲתוּנָה אוּנ אִיז גֶעקוּמֶען אַ הֵיים, פְּלֶעגְט אִיהם פְּרֵיידֶעל בֶּעגֶעגֶענֶען מִיט אַ שְׁמַייכֶעלֶע, זִיך לַאשְׁטְשֶׁען וִוי אַ קֶעצֶעלֶע:

— צוּ וָואס טוֹיג דִיר גֶעלְד, סְטֶעמְפֶּענְיוּ? — פְּלֶעגְט אִיהם פְּרֵיידֶעל זָאגֶען אוּנ אוֹיסְטְרֵייסְלֶען אִיהם אַלֶע קֶעשֶׁענֶעס — אוֹיף וָואס דַארְפְסְט דוּ גֶעלְד? וָואס פֶעהלְט דִיר? הָאסְט אַלְסְדִינְג, וָואס דוּ דַארְפְסְט, בִּיזְט נִיט הוּנְגֶערִיג, חָלִילָה, אוּנ נַאקֶעט גֵעהסְט דוּ אוֹיךְ נִיט, אוּנ אַז דוּ דַארְפְסְט אַזוֹי עֶטְלִיכֶע גְרָאשֶׁען, גֶעבּ אִיךְ דִיר דֶען נִיט? גֶעבּ עֶס בֶּעסֶער אָפּ מִיר, נְשָׁמָה מַיינֶע, בַּיי מִיר וֶועט דָאס זַיין גַאנְץ, גֶעבּ שׁוֹין גֶעבּ!

אוּנ סְטֶעמְפֶּענְיוּ שְׁטֵעהט, וִוי אַ בֶּעשְׁטְרָאפְט קִינְד, אוּנ פְּרֵיידֶעל טְהוּט מִיט אִיהם, וָואס זִי וִויל; עֶר אִיז אִינְגַאנְצֶען בַּיי דֶער דָאזִיגֶער שְׁוַוארְצֶער פְּרֵיידֶעל׳ן אִין דִי הֶענְד. אַךְ, וָואס אִיז דָאס מִיט דִיר גֶעשֵׁעהן, סְטֶעמְפֶּענְיוּ? אַזַא גָאר נִישְׁט, וִוי פְּרֵיידֶעל, זָאל דִיר טַאנְצֶען אוֹיפ׳ן קָאפּ, אוּנ דִי לָאזְט זִיך פִיהרֶען בַּיי דֶער נָאז, פוּנְקְט וִוי שִׁמְשׁוֹן הַגִּבּוֹר בַּיי זַיין גֶעלִיעבְּטֶער דְלִילָה אוֹיפ׳ן שׁוֹים?... פֶע, סְטֶעמְפֶּענְיוּ, אַ בִּזָּיוֹן כְּ׳לֶעבֶּען!

XVII.

סְטֶעמְפֶּענְיו רִיהרְט נָאךְ מִיט אַיין אֵבֶר.

אַ רַחֲמָנוּת אוֹיף סְטֶעמְפֶּעניוּ'ן !...

נָאר עֶס אִיז נִיט אַזוֹי דִי מַעֲשֶׂה, ווִי אִיהר מֵיינְט, לֵעגְט נִיט אַזוֹי דֶעם רַחֲמָנוּת אוֹיף אוּנְזֶער הֶעלְד. אַז סְטֶעמְפֶּעְנְיו הָאט נִיט גֶעהַאט קֵיין גְרוֹיסֶע דֵעָה בַּיי זִיךְ אִין דֶער הֵיים אוּנ אִיז גֶעוֶועזֶן עֶפֶּעס גָאר מַעֲשֶׂה יוּדִינֶע, הָאט עֶר אָבֶער דֶערְפַאר זִיךְ גֶעהַאט זַיין וֶועלְטֶעל, זַיין אֵייגֶענֶע וֶועלְט, וָואס הָאט זִיךְ שׁוֹין מִיט פְרֵיידְלֶ'עֶן נִיט אָנְגֶעקֶעהרְט לַחֲלוּטִין. דָארְט אִין זַיין וֶועלְטֶעל, אִיז זִיךְ סְטֶעמְפֶּעְנְיו גֶעוֶועזֶן אַ פְּרִיץ פַאר זִיךְ אוּנ אִיז גֶעוֶועזֶן, ווִי מִיר וֶועלֶען בַּאלְד זֶעהֶן, גַאנְץ צוּפְרִיעדֶען.

קוֹדֶם כָּל אִיז בַּיי אִיהם אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אַ הַאלְבֶּער טָאג אוֹיף „רֶעפֶּעטִיצִיֶע”, דָאס הֵייסְט: אוֹיף אִיבֶּערְשְׁפִּיעלֶען מִיט דֶער גַאנְצֶער חֶבְרָה כְּלֵי־זֶמֶר אַלֶע נַייֶע שְׁטִיק, דֶער בַּיי טְרַייבֶּען אַבִּיסֶעל קַאטָאוֶועס, אוֹיסְהֶערֶען דֶעם בַּדְחָנִ'ס וֶוערְטְלֶעךְ אוּנ לַאכֶען פוּן מֶעכְצֵי פַּייקְלֶער, וָואס דֶער בַּדְחָן הָאט אוֹיף אִיהם לִיעבּ גֶעהַאט צוּ וֶוערְטְלֶען זִיךְ, אוּנ נָאכְדֶעם גְלַאט דֶערְצֵעהלֶען מַעֲשִׂיוֹת פוּן דֶער אָדֶער יֶענֶער חֲתוּנָה; ווָארוּם יֶעדֶער חֲתוּנָה בַּיי יוּדֶען הָאט זִיךְ אִיהר מַעֲשֶׂה: דָא הָאט זִיךְ דֶער חָתָן אַיינְגֶעשְׁפַּארְט, הָאטְשׁ גֶעבּ אִיהם אַ קְרֶענְק, אוּנ ווִיל נִישְׁט גֶעהֶן צוּ דֶער חוּפָּה, בִּיז מֶען וֶועט אִיהם אָט דָא אוֹיפְ'ן אָרְט נִיט אָפְּצָאהלֶען דֶעם נְדָן אַחַת וְאַחַת „קְלָאפּ אוּנ צֶעהל”; דָארְט הָאט דִי כַּלָּה גֶע'חַלֶּשְׁ'ט פַאר גְרוֹיס גֶעוויין אוּנ מֶען הָאט זִי קוֹים אָפְּגֶעמִינְטֶערְט (אוּנ דֶערְבֵּיי זָאגְט אָפּ דֶער בַּדְחָן אַבִּיסֶעל לֵיצָנוּת), אִין אַ דְרִיטֶען אָרְט הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען נָאךְ אַ שֶׁענֶערֶע מַעֲשֶׂה: נָאךְ דֶער וֶועטְשֶׁערֶע, אַז סְ'אִיז גֶעקוּמֶען דִי צֵייט, וָואס מֶען דַארְף טַאנְצֶען.. אוּנ חֶבְרָה שִׁיכְּט אוֹיס אַ גֶעלֶעכְטֶער. ווִי פוּן אַ הַארְמַאטֶע.

— וָואס אִיז בַּיי אַייךְ פַאר אַזַא גֶעלֶעכְטֶער דָארְט? זֶעה נָאר ווִי מֶען רָאהָאטְשֶׁעט זִיךְ! שְׁרַייט פְרֵיידֶעל פוּן אִיהר חֶדֶר.

— לָאז דִיךְ נִיט אָרֶען! עֶנְטְפֶערְט אִיהר סְטֶעמְפֶּעְנְיו מִיט גַדְלוּת—

אין אונזערע ענינים זאלסט דו זיך ניט מישען, האב איך דיר שוין הונדערט מאל געזאגט!

און סטעמפעניו'ן ווייזט זיך אויס אין דער מינוט, אז ער איז דא א בעל־הבית א גאנצער סולטאן ביי זיך.

די איבעריגע צייט האט סטעמפעניו פערבראכט אויף אנטהון זיך, אויספוצען זיך, די מלבושים און די שטיוועל זיי זאלען גלאנצען ווי א שפיגעל, פערקעמען זיך גאנץ שיקאזנע, אונטערבייגען זיך די שענע שווארצע לאקען, אויסגלעטען די ווייסע מאנישקע פון דעם העמד און נאכדעם האט ער זיך גענומען דאס שטעקעלע אין דע־האנד, א שטעקעלע מיט א גאלקע אויסגעשניצט א פייג פון עלפענביין, און מיט א ברייטען שווארצען קאשקעט אויפ'ן קאפ מיט א גלענצענדיגען קאזעראק אנגערוקט ביז די אויגען, דעם קאפ פערריסען ארויף, אזוי אז די לאקענס ליגען צו ווארפען אויף די אקסלען, געהט זיך סטעמפעניו און שפאצירט איבער דער שטאדט. דארט האט ער זיך שוין זיינע בעקאנטע, מיט וועלכע ער בעגעגענט זיך, און געהענדיג פערביי די קלייטען, גריסט ער די יונגע ווייבלעך די קרעמערקעס; די ווייבלעך ווערען רויטליך, זיי דערמאהנען זיך, אז זיי זענען אמאל געווען מיידלעך און דאמאלס זענען זיי מיט סטעמפעניו'ן געווען בעקאנט... דאמאלס איז געווען א וועלט.... און היינט? ווער האט דאס היינט אין זינען?...

דאך געפינען זיך נאך אזעלכע יונגע ווייבלעך און איבערהויפט מיידלעך, וואס שטעהען אוועק מיט סטעמפעניו'ן אין דרויסען ביי דער טהיר א היבשע צייט; מען רעדט, מען שמועסט פון דעם און פון יענעם, מען לאכט...

אוודאי געהען אזעלכע זאכען ניט אפ גלאט; דאס דערזעהט א שכנה און טראגט עס אפ גיך דער אנדערער דער דריטער און אזוי הייבט זיך אן א רעדעניש, און צו יודישע מיילער אז מען חאפט זיך אריין נארט מען זיך ניט...

— וָואס אִיז שׁוֹין ווִידֶער, סְטֶעמְפֶּעניוּ, פַאר אַ רֵעדֶערֵיי אִין שְׁטָאדְט? שׁוֹין ווִידֶער אַ מַעֲשֶׂה?

— וָואס פַאר אַ מַעֲשֶׂה, פְרֵיידֶעל?

— דֵיינֶע מַעֲשִׂיוֹת... עֶר פְרֶעגְט נָאךְ! וואוּ צְווֵיי אִיז עֶר דֶער דְרִיטֶער! דִי גַאנְצֶע שְׁטָאדְט הָאט מִיט אוּנְז צוּ טְהוּן.

— אִיךְ ווֵיים נִיט וָואס דוּ ווִילְסְט הָאבֶּען פוּן מִיר, פְרֵיידֶעל.

וָואס אִיךְ ווִיל הָאבֶּען? אִיךְ ווִיל זָאלְסְט אַוֶועקְוַוארְפֶען דֵיינֶע אַמָאלִיגֶע גֶענְג... שׁוֹין צֵייט! וואוּ עֶרְגֶעץ אַ ווַייבֶּעל אָדֶער אַ מֵיידֶעל אִין שְׁטָאדְט, דַארְף עֶר מִיט אִיהר זַיין בֶּעקַאנְט, אוּנ אַוֶועקְשְׁטֶעלֶען זִיךְ מִיט אִיהר אוֹיף דְרֵיי זֵייגֶער שָׁעָה, עֶר קָאן זִיךְ גָאר נִיט אָנְרֶעדֶען אוּנ גֶענוּג!

— אַ? דוּ קֶעהרְסְט אַוַדַאי מֵיינֶען, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אֶסְתֵּר אַבְרָהָם־יַעֲנְקֶ׳עלְס.

— נוּ, אוּנ אַז מִיט אֶסְתֵּר אַבְרָהָם־יַעֲנְקֶ׳עלְס אִיז וָואס? וָואס אִיז זִי אַ שְׁמֵיילִיגֶע, צוּ וָואס?

— אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶשְׁמוּעֶסְט מִיט אִיהר מִכֹּחַ אַיין עֵסֶק.

— דֵיינֶע עֲסָקִים... אִיךְ קָאן דִיךְ, סְטֶעמְפֶּעניוּ!

— זָאלְסְט דוּ טַאקֶע ווִיסֶען! אַבְרָהָם־יַעֲנְקֶ׳עלְס הָאט חֵשֶׁק אַרוֹיסְצוּפִיהרֶען דִי חֲתוּנָה קַיין יֶעהוּפֶּעץ, אַזוֹי אִיז אִיהם אָנְגֶעקוּמֶען דָאס מְשׁוּגַעַת; נוּ, אִיךְ הָאבּ דֶערְזֶעהן אֶסְתֵּר'ן הָאבּ אִיךְ מִיט אִיהר גֶעמַאכְט אַ שְׁמוּעֶס וֶועגֶען דֶעם; אַיין עֲבֵירָה, לְמַאי זָאל אִיךְ אַרוֹיסְלָאזֶען אַזַא חֲתוּנָה דִי פוּן הֶענְד?

— וָואס אִיז אִיהם עֶפֶּעס אַרוֹיסְגֶעפַאלֶען יֶעהוּפֶּעץ, דֶעם מְשׁוּגָע'־גֶעם כֹּהֵן? — פְרֶעגְט פְרֵיידֶעל אוּנ אִין אִיהרֶע גְרִינֶע אֵייגֶעלֶעךְ בֶּעווַייזְט זִיךְ אָט אַזֶעלְכֶע פַייעֶרֶעל, וָואס בֶּעווַייזְט זִיךְ בַּיי אִיהר שְׁטֶענְדִיג, ווֶען זִי דֶערְשְׁמֶעקְט נָאר גֶעלְד...

— פְרֶעגְסְט קֻשְׁיוֹת אוֹיף אַ מְשׁוּגָע'נֶעם? — עֶנְטְפֶערְט אִיהר סְטֶעמְפֶּעניוּ, גֵעהט אַרוֹים טְרוּקֶען פוּן דֶער דָאזִיגֶער מַעֲשֶׂה.

אוּנ אַזוֹי ווֶערְט צוּרִיבֶּען דִי מַעֲשֶׂה, יֶענֶע מַעֲשֶׂה אוּנ אַלֶע

מַעֲשׂיוֹת. סְטֶעמְפֶּעגְיוּ אִיז אַ גְרוֹיסֶער בְּרְיָה, אוּנ וֶוייסְט מִיט וָואס מֶען קָאן פְרֵיידְלֶען נֶעהמֶען.

אִין דֶער פְּרֶעמְד, אַז סְטֶעמְפֶּעגְיוּ אִיז אַרוֹיסְגֶעפָאהרֶען מִיט זַיין קַאפֶּעלְיֶע אִין דֶער פְּרֶעמְד, הָאט אִיהם, גֶעוֶועהנְלִיךְ, נָאךְ מֶעהר גֶענָארְטֶען. דָארְט אִיז בַּיי אִיהם גֶעוֶוען, ווִי זָאגְט מֶען, אַ כָּשֶׁר'ער טָאפּ מִיט אַ כָּשֶׁר'ען לֶעפֶּעל, אוּנ אַז סְטֶעמְפֶּעגְיוּ אִיז גֶעקוּמֶען עֶרְגֶעץ אִין אַ שְׁטֶעדְטֶעל שְׁפִּיעלֶען אַ חֲתוּנָה, הָאט זִיךְ אִיהם שׁוֹין נִיט גֶעגְלִיסְט אָוֶועקְצוּפָאהרֶען; דָארְט זֶענֶען גֶעוֶוען מַעֲשִׂיוֹת מִיט מַעֲשִׂיוֹת פְרֵעהלִיכֶע אוּנ טְרוֹיעֶרִיגֶע גָאר אָהן אַ שִׁעוּר. הַכְּלָל, דָאס אִיז זִיךְ גֶעוֶוען בַּיי סְטֶעמְפֶּעגְיוּ'ן אַ בֶּעזוּנְדֶערֶע וֶועלְט, זַיין אֵייגֶען וֶועלְטֶעל, וואוּהִין עֶר הָאט פְרֵיידְלֶ'ען נִיט אַריינְגֶעלָאזְט בְּשׁוּם אוֹפֶן, חָאטְשׁ זִי הָאט דֶערוֹיף זֶעהר חֵשֶׁק גֶעהַאט. זִי הָאט אֲפִילוּ שׁוֹין גֶעפְּרִיוְוט אוּנְטֶערְקוֹיפֶען מֶעכְצִי פֵּייקְלֶער, נָאר עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען. דָא, אִין זַיין וֶועלְטֶעל, אִיז סְטֶעמְפֶּעגְיוּ גֶעוֶוען גָאר אַיין אַנְדֶער מֶענְשׁ, אַ גְרוֹיסֶער אוּנְטֶערְשִׁיעד פוּן יֶענֶעם סְטֶעמְפֶּעגְיוּ'ן, וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי פְרֵיידְלֶ'ען אִין שְׁטוּבּ...

XVIII.

סְטֶעמְפֶּעגְיוּ הוֹיבְּט אָן זִיךְ אַיינְצוּלִיעבֶּען.

אִינְ'ם דָאזִיגֶען וֶועלְטֶעל הָאט בַּיי אִיהם אִיצְט רָחֵלֶ'ע אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁפִּיעלֶען אַ גְרוֹיסֶע רָאלֶע, דִי גְרֶעסְטֶע רָאלֶע אִין זַיין לֶעבֶּען. מֶען מֶעג אִיהם גְלוֹיבֶּען אַז זַיין בְּרִיוֶועל צוּ אִיהר, וָואס מִיר הָאבֶּען אוֹיבֶּען גֶעזֶעהֶען, אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁרִיבֶּען גַאנְץ עֶרְנְסְט, מִיט אַיין אֱמֶת, דֶען עֶר הָאט זִיךְ אִין רָחֵלֶ'ען אַיינְגֶעלִיעבְּט פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער שָׁעָה, וָואס עֶר הָאט זִי דֶערְזֶעהֶען בַּיי חַיִּים בֶּענְצִיוֹנְ'ס אוֹיף דֶער חֲתוּנָה.

נִישְׁט בַּאלְד הָאט סְטֶעמְפֶּעגְיוּ אִיהר דָאס בְּרִיוֶועלֶע אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען, עֶס הָאט גֶעדוֹיעֶרְט עֶטְלִיכֶע טֶעג, בִּיז דָאס פַייעֶרְעל, וָואס רָחֵלֶ'ס בְּלוֹיֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען אָנְגֶעצוּנְדֶען אִין זַיין הַארְצֶען, הָאט זִיךְ רֶעכְט צֶעבְּרֶענְט, צֶעפְּלַאקֶערְט, אַזוֹי אַז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין מֶעהר נִיט גֶעקָאנְט

אַײנְגַאלְטְּעֶן, הָאט עֶר זִיךְ פֶערְשְׁלָאסֶען בַּײ זִיךְ אִין חֶדֶר׳ל, אוּנ דָארְט, װאו עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען דִי נָאטֶען אוּנ טַאקִי מִיט דֶער אֵײגֶענֶער פֶּען אוּנ אוֹיף דֶעם זֶעלְבֶּען פַּאפִּיר מִיט דִי פַּאסֶען אוֹיף װֶעלְכֶע עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען זַײנֶע נָאטֶען, הָאט עֶר אוֹיךְ דָאס גֶעװִיסֶע בְּרִיוֶועלֶע גֶעשְׁרִיבֶּען.

סְטֶעמְפֶּענְיוּ הָאט אַ בִּיסֶעל גֶעשְׁװִיצְט אוֹיפְ׳ן בְּרִיוֶועל, דָאס שְׁרַײבֶּען אִיז אִיהם אָנְגֶעקוּמֶען שְׁװֶערְלִיךְ. עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט שְׁרַײבֶּען אִין עֶרְגֶעץ נָאר פוּן זִיךְ אַלֵײן. אַוַדַאי אִיז קֵײן חִדוּשׁ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁטוּמְפִּיג אוֹיף דֶער פֶּען.

עֶטְלִיכֶע טָאג הָאט סְטֶעמְפֶּענְיוּ אַרוּמְגֶעטְרָאגֶען דָאס בְּרִיוֶועל בַּײ זִיךְ אוּנ הָאט נִישְׁט גֶעקָאנְט גֶעפִינֶען קֵײן מִיטֶעל אִיבֶּערְצוּגֶעבֶּען עֶס רָחֵל׳עֶן. מֶעכְטְּ׳ פֵּײקְלֶער אִיז אַפִּילוּ גֶעוֶוען אַ גוּטֶער שָׁלִיחַ אוֹיף אַזֶעלְכֶע בְּרִיוֶולֶעךְ, נָאר אִין דֶער פְרֶעמְד, אָבֶּער דָא, װאו עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אַ פְרֵײדֶעל, אִיז מֶעכְטְּ׳ אוֹיךְ אַ גֶעפֶעהְרְלִיכֶער בְּרִיף־טְרֶעגֶער. סְטֶעמְפֶּענְיוּ הָאט קוֹים דֶערְלֶעבְּט שַׁבָּת, הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעפּוּצְט וִוי אַ מוֹיד, אָנְגֶעטְהוּן אַ הוֹיכֶען קַאפֶּעלְיוּשׁ נָאךְ דֶער לֶעצְטֶער דַאמָאלִיגֶער מָאדֶע אוּנ אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף בֶּערְדִיטְשֶׁעוֶוער גַאס, וִוי אַלֶע שַׁבָּת, צוּמַאכֶען אַ שְׁפַּאצִיעְרְגַאנְג, גֶערֶעכֶענְט אַז מִסְתָּמָא וֶועט רָחֵל׳ע אוֹיךְ זַײן דָארְט, נָאר אוּמְזִיסְט: אַלֶע וַוײבְּלֶעךְ, אַלֶע מֵײדְלֶעךְ דְרֵעהֶען זִיךְ אַרוּם, הַאפֶּען אַ קוּק אוֹיף סְטֶעמְפֶּענְיוּ׳ן, טְהוּעֶן אַ שְׁמֵײכֶעל אוּנ וֶוערֶען רוֹיטְלֶעךְ — אַלֶע זֶענֶען דָא, נָאר אֵײן רָחֵל׳ע אִיז נִיטָא! דָאס אָנְגֶעשְׁרִיבֶּענֶע בְּרִיוֶועלֶע הָאט אִיהם נִישְׁט גֶעלָאזְט רוּהֶען, עֶס הָאט אִיהם גֶעצוֹיגֶען צוּ אִיהר וָואס וַײטֶער אַלְץ שְׁטַארְקֶער.

— מֶען דַארְף זִיךְ פְּרִיוֶוען דוּרְכְגֵעהְן אַ הִין אוֹיף יֶענֶער גַאס, װאו ר׳ אֵײזִיק נַפְתָּלִי װאוֹינְט, טָאמֶער וֶועל אִיךְ זִי בֶּעגֶעגֶענֶען... אַזוֹי הָאט זִיךְ סְטֶעמְפֶּענְיוּ גֶעטְרַאכְט אוּנ אִיז אַזוֹי פַּאוָואלִינְקֶע צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם פֶענְסְטֶער, װאו רָחֵל׳ע אִיז גֶעזֶעסֶען פֶערְטִיעפְט אִין אִיהרֶע גֶעדַאנְקֶען אוּנ הָאט זִיךְ גֶעזִינְגֶען דָאס בֶּעקַאנְטֶע לִיעדֶעל:

אֵיינֶע אַלֵיין
עֶלֶענְד וְוִי אַ שְׁטֵיין,
אִיךְ הָאבּ צוּ קֵיינֶעם צוּ רֶעדֶען,
נָאר צוּ זִיךְ אַלֵיין,
עֶלֶענְד וְוִי, אַ שְׁטֵיין,
אִיךְ הָאבּ צוּ קֵיינֶעם צוּ רֶעדֶען...

תְּחִילַת, אַז זִי הָאט דֶערְהֶערְט פְּלוּצִים דֶעם „גוּט־שַׁבָּת" אוּנ דֶערְזֶעהֶן פַאר זִיךְ שְׁטֵעהֶן סְטֶעמְפֶּענְיוּ'ן, הָאט זִיךְ אִיהר אוֹיסְגֶעדַאכְט, אַז דָאס אִיז אַ מִין חָלוֹם, (זִי הָאט סְטֶעמְפֶּענְיוּ'ן שׁוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעזֶעהֶען אִין חָלוֹם...) נָאר אַז זִי הָאט צוּגֶעמֶען דָאס שְׁטִיקֶעל נָאטֶען־פַּאפִּיר אוּנ הָאט אִיבֶּערְגֶעלֵייְנְט סְטֶעמְפֶּענְיוּ'ס בְּרִיוֶועלֶע, הָאט זִי זִיךְ אוֹיסְגֶעהוֹיבֶּען פוּנְ'ם אָרְט, אַ קוּק טְהוּן אִין פֶּענְסְטֶער, אוּנ גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ אַלֵיין:

— זַיין גְלִיק וָואס עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען: אִיךְ וָואלְט אִיהם אָפְּגֶעשְׁפִּיעלְט. נַא דִיר נָאר אַ סְטֶעמְפֶּענְיוּ!...

זִי הָאט גֶעכַאפְּט דָאס בְּרִיוֶועל אוּנ הָאט דָאס גֶעוָואלְט אַרוֹיס־שְׁמִיצֶען דוּרךְ דֶעם פֶּענְסְטֶער אִין דְרוֹיסֶען אַרוֹיס, נָאר זִי הָאט זִיךְ פֶערְכַאפְּט, הָאט דָאס נָאךְ אַ מָאל אִיבֶּערְגֶעלֵייֶענְט, צוּנוֹיפְגֶעקַאטְשֶׁעט, וְוִי מֶען קַאטְשֶׁעט צוּנוֹיף אַ מְגִילָה, אוּנ אַרַיינְגֶעלֵעגְט צוּ זִיךְ אִין קֶעשֶׁענֶע אַרַיין...

רָחֵלֶ'ס כַּעַס אִיז גֶעוָוארֶען אַלֶע מָאל גְרֶעסֶער אוּנ שְׁטַארְקֶער אוּנ אִיהר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט נָאר זֶעהֶן אִיהם אַלֵיין, אוּנ פְרֶעגֶען אִיהם אוּנְטֶער פִיעֶר אוֹיגֶען וָואס הֵייסְט דָאס? וְוִי אַזוֹי רוּפְט מֶען דָאס? מִיט וָואס פַאר אַ הָעֲזָה שְׁרַייבְּט עֶר אִיהר אַזַא קְוִויטֶעלֶע? וֶוער אִיז עֶר אוּנ וֶוער אִיז זִי?.. זִי הָאט גֶענוּמֶען צוּ קְלֶערֶען מִיטְלֶען, וְוִי אַזוֹי בֶּעגֶע־גֶענְט מֶען זִיךְ מִיט אִיהם עֶרְגֶעץ אִין אַזַא אָרְט, וואוּ קֵיינֶער זָאל נִיט קֶענֶען הֶערֶען, וָואס זֵיי וֶועלֶען צְווִישֶׁען זִיךְ רֶעדֶען, אוּנ אִיז גֶעפַאלֶען אוֹיף אֵיין הַמְצָאָה...

XIX.

אַ בייטש קאַרעלען ביי פֿריידעל סטעמפּעניו׳ס.

— הערט איהר, שוויגער? ווען עס זאָל נישט קאָסטען טהייער, וואָלט איך אַ בעלנ׳טע געווען אויף אַ בייטש קאַרעלען, גוטע שווערע קאַרעלען.

— נו, איך האָב דאָך דיר שוין וויפֿיעל מאָל געזאָגט, געה זיך דורך צו פֿריידעל סטעמפּעניו׳ס וועסט דו דיר אויסקלויבען וואָס דיין האַרץ גלוסט; אויב דו ווילסט קום מיט מיר באַלד, צו ליעב מיר וועט זי דיר אָפּגעבען ניט טהייער.

אונזער שוואַרצע פֿריידעל, וואָס האָט זיך פֿערנומען מיט פֿראַ־צענט און מיט משכּנות, מייסטענס קאַרעלען, האָט ביסלעכווייז, אַזוי אויף אַ געלעכטער, אָנגעהויבען אונטערצוהאַנדלען מיט דער דאָזיגער סחורה, וואָס זי האָט געהאַט ביי גאַנץ ביליג אָפּצוקויפֿען ביי איהרע בעלי־חובות און נאָכדעם דאָס אַראָפּברענגען אויך ביליגער, ווי אַלע קאַראַלניצעס (ווייבער וואָס האַנדלען מיט קאַרעלען), אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז זי האָט טאַקי אָנגעהויבען דערמיט צו האַנדלען אויף אַ אמת מיט אַלע בערדיטשעווער און מיט אַלע בראָדער; גאַנץ מאַזעפּעווקע האָט שוין געוואוסט, אַז אַ רעכטע בייטש קאַרעלען קריגט מען ביי פֿריידל׳ען, ביי פֿריידעל סטעמפּעניו׳ס.

אַ וואונדערליכע זאַך! ווי קומט צו פֿריידל׳ען אַזאַ פֿעהיגקייט צום מסחר, אַזאַ בעגעהמונג מיט די קונים, אַזוי קאָנען איינרעדען? אַז דוואָסי־מלכּה מיט דער שנור זענען אַריינגעקומען צו איהר אין שטוב אַריין האָט זיי פֿריידעל אָפּגעגעבען אַ ברייטען ברוך־הבא:

— סקאַצעל קומט! וואָס מאַכט איהר, דוואָסי־מלכּה? איהר ווייסט אַז איך האָב שוין אויף אייך איין אויג פֿון לאַנג אָן?

— וואָס זשע איז אַזעלכעס, פֿריידעל?

— וואָס איז, פֿרעגט איהר? שוין אַ יאָהר, אַז איהר האָט גע־בראַכט אַזאַ ציהרינג צו זיך אין שטוב אַריין און גאָר ניט! איהר זאָלט

דאס אמאל ארייגגעהן מיט אייער שנור זיך אויסקלויבן עפעס אזעלכעס, וואס איהר פאסט. פע, כ'לעבען, דוואסי־מלכה, עס איז אזש מיר א בזיון.

— איהר זענט אוודאי גערעכט, פריידעל סערדצע, נאר וואס בין איך שולדיג, זאגט שוין אליין, אז מיין שנור וויל ניט קיין קארעלען, וויפיעל איך בעט זי?

— נאט אייך גאר א נייעס! וואס הייסט זי וויל ניט! דאס איז ביי אייך וויל מען ניט; ביי מיר, נישט קשה, וויל מ'ען!

און פריידעל האט אין דער גיך געעפענט א גאנץ גרויסען קאסטען גרין געפארבט און האט אנגעהויבען ארויסציהען פון דארטען איין ביינטעל קארעלען נאכ'ן אנדערן און פארלעגען פאר די קונים מיט פיעל פערשיעדענע דבורים דערביי און מיט ווינשענישען, גאר ווי א רעכטע סוחרטע.

— זעהט איהר דוואסי־מלכה, אז איהר זאלט מיך פאלגען וואלט איך אייער שנור געהייסען נעמען אט די בייטש קארעלען, איך זאל אזוי ריין זיין פון שלעכטס מיט אייך אין איינעם, ווי מען דארף גאר האבען נאך אזא בייטש קארעלען „ארליאנער" פערעל; איהר טהוט זיי נאר אן, זייט מוחל אויפ'ן האלז, אט אזוי, א — אזא יאהר זאל איך האבען, ווי זיי פאסען אייך צו אייער ווייסען האלז! טראגט זיי געזונדערהייט און לאז גאט געבען, אז אייער שוויגער זאל אייך קאנען קויפען איבער א יאהר אין דער צייט חאטש אזעלכע גרויסע פערעל עפיס א פינף שנירלעך. אך ווי זיי קליידען אייך צום פנים! זאגט שוין איהר, דוואסי־מלכה, איהר זענט דאך יא א מבינ'טע אויף קארעלען, לאם איך האבען אזא יאהר, רבונו של עולם!

ביי די ווערטער האט פריידעל ארויסגעחאפט א שפיגעלע פונ'ם קאסטען און האט זיך געשטעלט א קעגען רחל'ען און די גרינגע אויגעלעך האבען געבלישטשעט ביי פריידל'ען פאר גרוים נחת, און א שווייס איז איהר ארויסגעטראטען פון פיעל רעדעניש מיט שבועות און מיט ווינשעניש.

— און אײַער סְטֶעמְפֶּעניו טְהוּט זִיךְ זַײגְם? הָאט אִיהר דְוָואסִי־מַלְכָּה גֶעזָאגְט, אָנְגֶעוִויזֶען מִיטְ'ן פִינְגֶער אוֹיף דֶעם חֵדֶר פוּן וַואנֶען עֶם הָאבֶּען זִיךְ גֶעלָאזְט הֶערֶען זֶעלְטֶענֶע זִיםֶע קוֹלוֹת.

— יָא, עֶר שְׁפִּיעלְט דָארְטֶען, הָאט פְרֵיידֶעל גֶעעֶנְטְפֶערְט און חָאט גֶענוּמֶען בֶּעוַויזֶען נָאךְ אַנְדֶערֶע מִינִים קַארֶעלֶען, אַזוֹינֶע און אַזוֹינֶע, און דֶערְוַויל הָאט זִיךְ צְוִוישֶׁען פְרֵיידֶל'עֶן מִיט דְוָואסִי־מַלְכָּה'ן פֶערְקְנִיפְּט אַ לַאנְגֶער שְׁמוּעֶס, וִוי עֶס גֶעהֶער צוּ זַײן צְוִוישֶׁען צְוַוײ קְרֶעמֶערְקֶעס, אַז מֶען צֶערֶעדְט זִיךְ וֶועגֶען גֶעשֶׁעפְט.

רָחֵל'ע אִיז גֶעזֶעסֶען אִין אַ זַײט און הָאט דֶעם שְׁמוּעֶס פוּן דֶער שְׁוִוינֶער מִיט פְרֵיידֶל'עֶן נִישְׁט גֶעהֶערְט; רָחֵל'ע הָאט גֶעהֶערְט אַײן אַנְדֶער שְׁמוּעֶס, אַײן אַנְדֶער קוֹל, גָאר אַנְדֶערֶע וֶוערְטֶער וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶעלָאזְט הֶערֶען פוּן סְטֶעמְפֶּעניו'ס פִידֶעלֶע, אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער, וָואס זֶענֶען אִיהר גֶעגַאנְגֶען גְלַײךְ אִין הַארְצֶען אַרַײן, און זִי אִיז עֶרְשְׁט דֶעמָאלְט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּנ'ם אָרְט, אַז דָאס פִידֶעלֶע הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ שְׁפִּיעלֶען און סְטֶעמְפֶּעניו הָאט זִיךְ בֶּעוִויזֶען אוֹיף דֶער טְהִיר. זַײעֶרֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען זִיךְ בֶּעגֶעגֶענְט און זֵיי זֶענֶען בֵּיידֶע רוֹיט גֶעוָוארֶען, וִוי פַײעֶר... סְטֶעמְפֶּעניו אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵעהן בַּיי דֶער טְהִיר נִיט אַהִין נִיט אַהֶער, און רָחֵל'ע הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף אִיהם, גֶעזָאגְט בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה דֶער שְׁוִוינֶער, אַז עֶס אִיז שׁוֹין צַײט צוּ גֵעהן אַהֵיים. דְוָואסִי־מַלְכָּה הָאט זִיךְ אַ חַאפּ גֶעטְהוּן מִיט אַ בְּרֶעךְ דִי הֶענְד:

— אוֹי, אַ דוּנֶער אִיז מִיר! זֶעהט נָאר, וִוי מִיר הָאבֶּען זִיךְ פֶערְרֶעדְט! נוּ, וָואס וֶועט אִיהר בַּיי מִיר נֶעמֶען, פְרֵיידֶעל, פַאר דִי קַארֶעלֶען? בַּיי מִיר טָאהרְט אִיהר נִיט נֶעמֶען טְהַײעֶר, פְרֵיידֶעל, מִיט מִיר דַארְפְט אִיהר הַאנְדְלֶען אוֹיף נֶאֱמָנוּת!

— אוֹיף רֵיינֶע נֶאֱמָנוּת, הֶערְט אִיהר, דְוָואסִי־מַלְכָּה, אִיךְ זָאל זִיךְ דֶערְוֶוערְגֶען מִיטְ'ן עֶרְשְׁטֶען בִּיסֶען, אוֹיב אִיךְ זָאג אַײךְ אַ לִיגֶען! סָאסִי הָאט מִיר גֶעטִיקֶעט פַאר דִי קַארֶעלֶען 18 קֶערְבְּלֶעךְ, אִיךְ זָאל אַזוֹי זַײן גֶעזוּנְד, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! מִיט מַײן מַאן; נָאר גָאר נִיט. אִיךְ בִּין זִיךְ מְיַשֵּׁב — סָאסִי אִיז סָאסִי, און אִיהר זֶענְט דְוָואסִי. אִיךְ גִיעב אַײךְ זֵיי אָפּ

פאר 15 קערבלעך און איך זאל עס ניט פערמאגען אויף מיין אייגענס, אויב איך פערדינען דערביי עפּיס, גאטעניו!

— 15 יאק 15, צוועלף וועל איך אייך געבען, פריידעל. 12 קערבלעך מזומן געלד.

— אוי, געזונד זאלט איהר מיר זיין, דוואסי־מלכה, דינגט זיך נישט! האט פריידעל אויסגעשריגען מיט גרויס היטץ און האט אנ־ גענומען דוואסי־מלכה'ן פאר ביידע הענד אויף דעם אופן ווי צוויי ווייי־ בער נעמען זיך פאר די הענד בשעת זיי געהען טאנצען א פרעהליכס.

אין דער מינוט האבען זיך דערווייל רחל'ע מיט סטעמפעניו'ן געקאנט בחפזון איבער־ווארפען מיט א פאר ווערטער.

— איך האב אייך געוואלט עפּיס זאגען, סטעמפעניו.

— איך האב אייך אויך געוואלט זאגען, רחל'ע.

— איהר האט מיר שוין געזאגט.

— ווען?

— אינ'ם בריוועל.

— נאך ווינציג.

— שוין צו פיעל.

— ניין קיין הונדערט חלק אפילו.

— איהר האט א טעות.

— איך שווער אייך ביי מיין לעבען, איך שטארב! וואו קען איך זיך מיט אייך זעהען?

— איך ווייס ניט, וואו מיר קענען זיך זעהען.

— סיידען פארנאכט?

— וואו?

— אויף דער מאנאסטערסקע גאס.

— ווען?

— שבת צו נאכט'ס. איהר וועט ארויסגעהן פון יענער זייט צום באנאסטערסקע גארטען.

— איך קען ניט, איך וויל ניט.

— אִיהר מוּזט, רָחֶלְ'ע, אִיךְ בֶּעט אַייךְ, גֵעהט אַרוֹיס אוֹיף אַיין מִינוּט! זַייט דָארְטֶען, אִיךְ וֶועל שׁוֹין וַוארְטֶען, שַׁבָּת־צוּ־נַאכְטְ'ס, לְמַעַן הַשֵּׁם, רָחֶלְ'ע...

— אִיךְ וֶועל נִיט זַיין.

— אִיהר וֶועט זַיין, רָחֶלְ'ע, אִיהר וֶועט זַיין!...

— נוּ, טָאכְטֶער, הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען דְוָואשִׂי־מַלְכָּה, קוּם לָאמִיר גֵעהן אַהֵיים; קוּים אוֹיסְגֶעדִינְגֶען פַאר 14 קָארְבֶּען. אָ, אִיךְ הָאבּ גָאר נִיט גֶעוואוּסְט, פְרֵיידֶעל, אַז אִיהר, זֶענְט אַזַא בְּרְיָה אַ סוֹחֵר'טֶע!

— עֶ, דְוָואשִׂי לֶעבֶּען, גֶעזוּנְד זָאלְט אִיהר מִיר זַיין, אִיהר קֶענְט זִיךְ גוּט דִינְגֶען, נִישְׁט קָשֶׁה, אַ גוּטֶען טָאג, גֵעהט גֶעזוּנְד! טְרָאגְט גֶעזוּנְד! פֶערְנִיצְט גֶעזוּנְד! צֶערַייסְט גֶעזוּנְד!

אוֹיף קוּלִיעֶס זָאל זִי גֵעהן, ווִי זִי הָאט דָאס מִיר אוֹיסְגֶעקָאכְט דִי וַואסֶער! הָאט פְרֵיידֶעל גֶעזָאגְט צוּ סְטֶעמְפֶּענְיוּ'ן צוּגֶעמַאכְט נָאךְ זֵיי דִי טְהִיר — אוּנ זִי, דִי שְׁנוּר, דִי וַוייסֶע טֶעלֶעצֶע, זִיצְט זִיךְ אוּנ שְׁוַוייגְט; עֶס פַּאסְט אִיהר אַזוֹי דִי קָארֶעלֶען, ווִי אַ חָזִיר פַּאטְשֶׁערְקֶעס...

XX.

נָאךְ אַמָאל קָארֶעלֶען.

אַז רָחֶלְ'ע אִיז גֶעקוּמֶען אַהֵיים מִיט דֶער בַּייטְשׁ קָארֶעלֶען, הָאט זִי דִי שְׁוִוגֶער צוּגֶעפִירְט צוּם שְׁוֶועהר מִיט אַזַא גְלִיקְלִיךְ שְׁמֵייכֶעל גְלֵייךְ ווִי זִי וָואלְט דָא גֶעווִינֶען מִי יוֹדֵעַ וָואס.

— וָואס זָאגְסְט דוּ, אַייזִיק נַפְתָּלִי, אוֹיף דִי קָארֶעלֶען? אַ מְצִיאָה, טַאקִי אַ כְּשֵׁרֶ'ע מְצִיאָה!

אַייזִיק נַפְתָּלִי אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען נָאהֶענְט צוּ רָחֶלְ'ען, הָאט זִיךְ שְׁטַארְק אַייְנְגֶעקוּקְט, ווִי אַ רֶעכְטֶער מֵבִין, הָאט אַ שְׁמָארֶע גֶעטְהוּן מִיט דֶער נָאז אוּנ אַ פְרֶעג גֶעטְהוּן:

— וָואס הָאסְט דוּ בֶּעצָאהלְט פַאר זֵיי, וויפִיעל?

— נו טרעף, ביסט דאך עפּיס א סוחר, נו, אדרבה טרעף? — האט איהם דוואסי־מלכּה געזאגט מיט א שמייכעלע.

— איך ווייס ניט, צי טהייער, צי וואלוועל?

— אז איך זאג דיר א מציאה, שוטה, א מציאה, ווי ביי א גנב! מאהל דיר, איך האב זיך גענוג אנגעהאריקעט, אויסגעקאכט די וואסער מיט דער דאזיגער מאחליארקע די כּלי־זמרקע, א סיפּע איהר אין פּנים; נו־נו, זי קאן זיך גוט דינגען, איין אמת׳ע סעדוכע; דער רוח ווייסט זי, וואו און ווען זי האט זיך עס אזוי אויסגעלערנט! א פּיסקעלע ביי איהר — מאקי נאר אויף שרייפעלעך, פּעך און שוועבעל אוים איהר מויל, און אז זי רעדט מיט א קונה, פּינעט זי, ווי א העכט, א מיתה משונה זאל אויף איהר קומען, אויף דער סטעמפּעניוכע!... נו, וואס שווייגסט דו, אייזיק נפתלי? זאג שוין, לאמיר הערען דיין מבינות וואס, א שטייגער, דארפען קאסטען אט די קארעלען?

— אט די קארעלען וואס דארפען קאסטען? — האט אייזיק־נפתלי געענטפערט, אנגענומען זיך ביי דער באָרד, — אט די קארע־לען דארפען קאסטען אזוי גרוים, אזוי גרוים, — שא נאר, לאם איך דיר זאגען אכוראט, איך זאל מיך ניט אפּנארען, — א מציאה, זאגסט דו, א מציאה? אויב זיי זענען א מציאה, האסט דו בעדארפט פאר זיי בעצאהלען נישט ווינציגער, ווי זעקסטהאלבען קערבליך, נאר ווערטה זענען זיי אלע זיעבען.

— לאקש!!! — האט דוואסי־מלכּה אויסגעשאסען, ווי פון א הארמאט, און אייזיק נפתלי האט אזש א ציטער געטהון און אפּגע־טריטען אין א זייט — לאקש איינער! בהמה בצורת פערד! אזא ביימיש קארעלען — זעקסטהאלבען קערבליך?! משוגע׳נע לעמעשקע! א שטומער וואלט דאך עס ניט אויסגערעדט אין א יאהר! האסט אויגען צי ניין? נא, קוק זיך צו, דו אפּגעריסענער נאר!

און דוואסי־מלכּה האט אנגענומען רהעל׳ען פאר א האנט, האט זי צוגעפיהרט צום שוועהר, איהר אויפגעהויבען דעם קאפּ און בעוויזען אייזיק נפתלי׳ן די מציאה, געשאטען מיט שטעכווערטליך און מיט

קללות. אייזיק נפתלי, נעביך, האט געשמארעט מיט דער נאז, געפינמעלט מיט די אויגען און מורא געהאט שוין אויסרעדען א ווארט, ביגאט האט זיך אויף איהם דערבארמט און ס'איז אנגעקומען משה־מענדיל מיט'ן שטעקעלע פונ'ם מארק. — האט שוין משה מענדיל גענומען שאטצען די קארעלען ביי רחל'ען אויפ'ן שיינעם, ווייסען האלז, און האט געטראפען, אז זיי דארפען קאסטען בלי גוזמא א דרייערעל... דא האט זיך דוואסי־מלכה אזוי צעפלאטט, אז זי האט זיך אזש צעוויינט, ווי א קליין קינד, פאר גרוים דאסאדע, וואס קיינער האט נישט פערשטאנען, וואס פאר א גרויסע מציאה זי האט געהאנדעלט, און אפשר פאר הארצווייטיג, וואס סטעמפעניו'כע האט זי אזוי גראב אפגענארט.

— דין א סוחר! — האט זי געזאגט צו ט״ה מענדליין; פונקט אזא מבין, ווי דער מאטע דיינער! וואס עפים א דרייערל, זוהנא? פאר וואס ניט ווייניגער?

— דערפאר, וואס זיי זענען מעהר ניט ווערטה, דערפאר וואס די קארעלען זענען זעהר פשוט'ע קארעלען; איך האב אויך געזעהן אמאל קארעלען, מאמע; לאז זיך דיר דאכטען, אז איך האב שוין געזעהען אמאל א רעכטע ביימש קארעלען...

דעם גאנצען טאג האבען זיך אלע דריי געקריגט און געיאדערט פאר די קארעלען.

— ער זאל מיר בעסער געבען מיט א פוסטויל אין הארצען,— האט דוואסי־מלכה גע'טענה'ט — וואלט ביי מיר פיעל מעהר ניחא געווען, איידער הערען פון איהם דאס ווארט „זעקסטהאלבען“! מילא, לאז זיין די מאחליארקע, די חליריע זאל זי בעקומען היינטיגען טאג, האט מיך אפגענארט (מיך האט נאך קיינער ניט אפגענארט!) מילא, חאפט זי דער שווארץ־פינסטער־ביטער יאהר מיט איהר סטעמפעניו'ן אין איינעם! אבער צו וואס טויג נאך זאלצען יענעם אויף די וואונדען און ארויספאהרען מיט א מקח „זעקסטהאלבען“? נא דיר גאר „זעקסטהאלבען“! זעקסטהאלבען טיץ מכות איהר אויפ'ן לייב און

זֶעקְסְטְהַאלְבֶּען קְדָחַת'ין אִיהר אִין דֶער לֶעבֶּער! אִיךְ וָועל מָאל דִיר בַּיי אִיהר מַיין גֶעלְד, מַיין בְּלוּט, אַרוֹיסְרַייסֶען, וִוי בַּיי אַ הוּנְט פוּן דִי צֵיהְן, מָאהל דִיר! אָבֶּער פֶערְגִינֶען זִיךְ זָאגֶען „זֶעקְסְטְהַאלְבֶּען"?!

דִי גַאנְצֶע סְצֶענֶע אִיז אוּנְזֶער רָחֵל'ען אַזוֹי נִמְאָס גֶעוָוארֶען, אַז זִי הָאט דִי קַארֶעלֶען פַארְן שְׁלָאף אוֹיסְגֶעטְהוּן אוּנ בֶּעהַאלְטֶען בַּיי זִיךְ טִיעף-טִיעף אִין קַאסְטֶען מִיט דֶער דֵעה, אַז זִי זָאל זַיי שׁוֹין מֶעהר נִיט אָנְטְהוּן וַוייל זִי וֶועט לֶעבֶּען; מֶעהר פוּן אַלֶעם הָאט אוּנְזֶער רָחֵל'ען פֶערְדְרָאסֶען, וָואס משֶׁה מֶענְדִיל הָאט זִיךְ פֶערְנוּמֶען אָפְּקְרִיגֶען מִיט דֶער מוּטֶער פַאר דִי קַארֶעלֶען אוּנ אִיז אֲפִילוּ נִישְׁט צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִיהר, וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וִוי עֶס פִיהְרְט זִיךְ, זָאגֶען „פַארְנוּטְץ גֶעזוּנְד". מֶען הָאט זִי דֶעם גַאנְצֶען טָאג אַרוּמְגֶעפִיהְרְט פַאר דִי הֶענְט, גֶעקוּקְט אוֹיף אִיהרֶע קַארֶעלֶען, פוּנְקְט וִוי מֶען בֶּעטְרַאכְט אַ קוּה; אִיטְלִיכֶער אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען אוּנ הָאט אִיהר אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען דֶעם קָאפּ, גֶעטַאפְּט דִי קַארֶעלֶען — אוּנ אָן אִיהר הָאט מֶען גָאר פֶערְגֶעסֶען... רָחֵל'ע וָואס אִיז בְּטֶבַע נִיט גֶעוֶועןָ קֵיין בֵּייזֶע, קֵיין כַּעַסְנִ'טֶע, הָאט דֶעם גַאנְצֶען טָאג גֶעפַייֶערְט אוֹיף אַלֶעמֶען אוּנ נָאךְ מֶעהר אוֹיף משֶׁה מֶענְדְל'ין. דֶער דָאזִיגֶער חֶבְרָה-מַאן הָאט זִיךְ גַאנְץ פַיין אָפְּגֶעגֶעסֶען מִיטָאג אוּנ אִיז זִיךְ אַוֶועק אִין בֵּית-מֶדְרָשׁ אַרַיין. אוּנ אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען יֶענֶעם אָבֶּענְד אִין בֵּית-הַמֶדְרָשׁ אַ שְׁטִיקֶעל שִׂמְחָה, אַ סִיוּם, לָכֵן אִיז שׁוֹין משֶׁה מֶענְדִיל אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּען דָארְט פוּן נָאךְ מַעֲרִיב בִּיזְ'ן וַוייסֶען טָאג אַרַיין, וִוי עֶר פְּלֶעגְט עֶס טְהוּן גַאנְץ אָפְטְלִיךְ.

רָחֵל'ע אִיז גָאר אִינְגַאנְצֶען גֶעוֶוען לאָ-עֲלֵיכֶם'דִיג, שְׁטַארְק צֶעקָאכְט; דָאס פָּנִים הָאט אִיהר גֶעפְלַאמְט, וִוי אַ הֶעלִישׁ פַייעֶר, דֶער קָאפּ הָאט אִיהר גֶעטְרִישְׁטְשֶׁעט אוּנ אִין דִי אוֹיעֶרֶען הָאט אִיהר גֶע־קְלוּנְגֶען אוּנ גֶעפַייפְט; זִי הָאט גָאר נִיט גֶעוואוּסְט, וָואס מִיט אִיהר טְהוּט זִיךְ... קֵיין וֶועטְשֶׁערֶע הָאט זִי נִיט גֶעקָאנְט עֶסֶען; גֶעוֵועהְנְלִיךְ, הָאט אִיהר דְוָואסִי מַלְכָּה גֶענוּג גֶעפִּיקְט אִין קָאפּ אַרַיין, פַאר וָואס זִי עֶסְט נִיט, פַאר וָואס זִי טְרִינְקְט נִיט — נָאר אוּמְזִיסְט: רָחֵל'ע אִיז

אוועק. מיט רויטע אויגען צו זיך, האט זיך גיך אויסגעטהון, אריינ־
געלעגט אין בעט אריין און פון איהרע אויגען האבען זיך מיט אמאל
א גאס געטהון טרעהרען,—ווארעמע, הייסע טרעהרען, און א סך א סך.

XXI.

א שווערע נאכט.

וואס האט רחל'ע געוויינט? זי האט אליין נישט געוואוסט;
וואס זי וויינט און האט אפילו נישט געפיהלט, אז זי וויינט; דאס
הארץ איז איהר שוין פון א צייט געווען שווער, זעהר שווער, נאר
פלוצים האט זיך עס צעוויינט, צעגאסען און אויסגעגאסען זיך דורך
טרערען. רחל'ע האט געפיהלט, ווי מיר האבען שוין אויבען געזאגט,
אז זי איז עלענד, אז עס געהט איהר עפּיס אפּ, אז עס פעהלט איהר
עפּיס, נאר וואס פעהלט איהר — דאס האט זי ניט געוואוסט און
ניט געקאנט וויסען. רחל'ע האט גאנץ גוט געוואוסט, אז איהרע
עלטערן האבען זי חתונה געמאכט און האבען זי געפּטר'ט. דאס ווארט
„געפּטר'ט" איז שוין גענוג אויף צו פיהלען, ווי וויית מען ווערט
אפּגעריסען: קינדער פון עלטערען און עלטערען פון קינדער; דאס
ווארט „געפּטר'ט" קומט אויס זעהר אפט צו הערען ביי אונז, יודען,
כמעט אין יעדע משפּחה; דאס ווארט „געפּטר'ט" איז א גרויסער
בזיון, א בעליידיגונג פאר אונזער גאנצער אומה, וואס פיינט זיך אויס
מיט איהר בארעמהערציגקייט... מעהר פון אלע איז איהר דערגאנגען
משה מענדיל מיט זיינע גענג, מיט זיין פיהרעכטס קעגען איהר;
רחל'ע האט פערשטאנען, וואס פאר א ראלע זי שפּיעלט מיט איהר
שענקייט און מיט איהר גוטסקייט, מיט איהר עהרליכקייט און מיט
איהר געטריישאפט ביי איהר מאן דעם תכשיט; רחל'ע האט ארויס־
געזעהן, וואס זי איז ביי איהם...

ועל כלם איז רחל'ע גלאט געווען צעשרויפט, צערידערט און
פערטומעלט די לעצטע צייט. א קליינינקייט, וואס זי האט איבערגע־

טְרָאגֶען פוּן סְטֶעמְפֶּעניוּ'ן? רָחֶל'ע די פְרוּמֶע רָחֶל'ע, וָואס הָאט נִיט דוּרכְגֶעלָאזְט אוֹיף אִיהר לֶעבֶּען קֵיין הָאר פוּן יוּדִישְׁקֵייט, נִישְׁט אִיבֶּערְ־גֶעטְרָאטֶען קֵיין מִינְדְסְטֶען דִין פוּן דִי אַלֶע דִינִים, וָואס זֶענֶען שַׁייך צוּ דֶער יוּדִינֶע; — רָחֶל'ע, אַ יוּדִישׁ וַוייבֶּעל פוּן אַ טַייטְשׁ חוּמֶשׁ, הָאט אִין זִין אַ פְרֶעמְדֶען בֶּעקוּמְט פוּן אִיהם בְּרִיוְולִיךְ, בֶּעגֶעגֶענְט זִיךְ מִיט אִיהם — אוּנ גָאר נִישְׁט! אַדְרַבָּה זִי פִיהלְט, ווִי עֶס צִיהט זִי צוּ אִיהם, נִישְׁט מִיט עֶפִּיס אַ שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבָה, חָלִילָה! נָאר גְלַאט אַזוֹי, זֶעהֶען אִיהם אוּנ הֶערֶען, ווִי עֶר שְׁפִּיעלְט אוֹיפְ'ן פִידֶעל.

— אַךְ, זַיין שְׁפִּיעלֶען: זַיין שְׁפִּיעלֶען! רָחֶל'ע וָואלְט אֵייבִּיג נִיט גֶעגֶעסֶען, נִיט גֶעשְׁלָאפֶען, נָאר הֶערֶען סְטֶעמְפֶּעניוּ'ן, הֶערֶען אִיהם אוּנ... זֶעהֶען אִיהם: זַיינֶע אוֹיגֶען, אַז זֵיי קוּקֶען, וַוארְמֶען זֵיי, גְלֶעטֶען זֵיי גִיעֶזְשֶׁען זֵיי... אַךְ זַיינֶע אוֹיגֶען!

רָחֶל'ע חַאפְּט זִיךְ אָן מִיט בֵּיידֶע הֶענְט פַאר'ן קָאפּ אוּנ הֶערְט זִיךְ צוּ, ווִי דִי שְׁלֵייפֶען קְלַאפֶּען, ווִי דָאס הַארְץ קְלַאפְּט, אוּנ דִי נְשָׁמָה צִיהט — צִיהט; זִי ווֵייסְט נִיט, וָואס מִיט אִיהר טְהוּט זִיךְ, זִי דֶעקְט זִיךְ אִיבֶּער מִיט דֶער קָאלְדְרֶע אִיבֶּער'ן קָאפּ אוּנ דֶערְזֶעהט אִיהר אַמָאלִיגֶע חַבֶרְטֶע, חַיָה־עֶטִיל, עָלֶיהָ הַשָׁלוֹם, רָחֶל'ע דֶערְמָאנְט זִיךְ יֶענֶער מַעֲשֶׂה פוּן חַיָה עֶטְל'ען מִיט בִּנְיָמִינְ'עֶן אוּנ עֶס גֵעהט אִיהר אִיבֶּער אַ פְרָאסְט אִיבֶּער'ן לַייבּ, זִי דֶעקְט אָפּ דִי קָאלְדְרֶע אוּנ דֶערְהֶערְט פְּלוּצִים זֵעהר אַ בֶּעקַאנְט גֶעזַאנְג, אַ בֶּעקַאנְט שְׁפִּיעלֶען פוּן אַ בֶּעקַאנְט פִידֶעלֶע, רָחֶל'ע הָאט גֶעמֵיינְט, אַז עֶס וַוייזְט זִיךְ אִיהר אוֹיס, נָאר וַוייטֶער וַוייטֶער הָאט זִי אַלְץ נֶעהֶנְטֶער גֶעהֶערְט דָאס שְׁפִּיעלֶען, וָואס מֶען שְׁפִּיעלְט, גֶעוֵועהְנְלִיךְ, בַּיים אָפְּפִּיהרֶען פוּן דֶער חֲתוּנָה דִי מְחוּתָּנִים אַהֵיים; רָחֶל'ע הָאט שׁוֹין דֶערְהֶערְט אוּנ דֶערְקָאנְט אַקוּרַאט, וָואס מֶען שְׁפִּיעלְט: רָחֶל'ע הָאט אוֹיךְ דֶערְקֶענְט סְטֶעמְפֶּעניוּס פַארְגֶעהֶען זִיךְ אוֹיפְ'ן פִידֶעל אוּנ עֶס אִיז שׁוֹין פַאר אִיהר נִיט גֶעוֶוען קֵיין סָפֵק, אַז דָאס פִיהְרְט אָפּ סְטֶעמְפֶּעניוּ דִי מְחוּתָּנִים אַהֵיים נָאךְ דֶער חוּפָּה וֶועטְשֶׁערֶע. נָאר ווָאוּ קוּמְט עֶר אַהֶער? אוֹיף דֶער גַאס אִיז הַיינְט נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין חוּפָּה אוּנ דָא זֶענֶען נִישְׁטָא קֵיין מְחוּתָּנִים! וָואס קָאן דָאס בֶּעדַייטֶען? דֶער פּוּיק מִיט דִי

מאַכען לאָזען זיך אָבער הערען אַלץ נעהענטער און געהענטער; די גאַנצע חברה שפּיעלען געשמאַק; נאָר מעהר פון אַלץ לאָזט זיך הערען סטעמפּעניו'ס פידעלע וואָס פערדעקט מיט'ן זיסען שפּיעלען, מיט דעם וויינען געזאַנג אַלע אַנדערע כלים.

רחל'ע קאָן ניט איינשלאָפען; זי שפּרינגט אַראָפּ פון'ם בעט, געהט צו צום פענסטער, עפענט איהם אויף און בייגט זיך איבער העלבער האַלב אין דרויסען אַרויס.

רחל'ע האָט שוין לאַנג אַזאַ נאַכט ניט געזעהען. די לבנה שפּאַצירט אין מיטען הימעל און אַרום איהר האָבען זיך אויסגעשאָטען אַלפים שטערען — בריליאַנטען, וואָס שעמערירען אין די אויגען; די לופט איז וואַרעם, גרינג און פריש; קיין שום ווינטעל, אַזוי אַז די הויכע טאָפּאָלים, וואָס זעהען זיך פון'ם גרויסען מאָנאַסטירסקע גאָרטען, שטעהען אויסגעצויגען ווי סאָלדאַטען אויף דער וואַך, קיין בלעטעל ריהרט זיך ניט; נאָר זעלטען זעלטען טהוט עס אַ טראָג פון'ם מאָנאַסטירסקע גאָרטען אַ שיינעם ריח פון שמעקענדיגע גראָזען, ווי בשמים, וואָס איז אין מאָזעפּעווקע שטאַרק אָנגעלייגט, מחמת ביי טאָג הערט זיך דאָרט איין אַנדער ריח...

צו דער דאָזיגער אויסגעצייכענטע נאַכט פּאַסט אַקוראַט אונזער רחל'ע די שיינע — די שיינע די ריינע, די ערליכע רחל'ע מיט איהר גרויסען ווייסען האַלז, אויף וועלכען עס ליגען צעשאָטען איהרע רייכע בלאָנדע האָר (אַף, רחל'ע האָט דען געקאָנט אין אַזאַ צייט געדענקען, אַז די לבנה און דער מחבר פון'ם ראָמאַן קענען זעהען איהרע אייגענע האָר?) איהרע אויגען זענען געווען ניט ווייניגער בלוי און לויטער ווי דער בלויער לויטערער הימעל, און איהר שיין ליכטיג פּנים איז ניט געווען מיאוס'ער פון דער שיינער ליכטיגער נאַכט. נאָר רחל'ע האָט ווייניג וואָס געטראַכט וועגען דעם: איהר קאָפּ איז געווען דאָרטען, וואו עס האָט זיך געהערט דאָס זעלטענע שפּיעלען און איהר האַרץ איז געווען דאָרט, וואו סטעמפּעניו'ס פידעלע.

דִי כְּלֵי־זֶמֶר שְׁפִּיעלֶען עֶפִּים אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג, גְלַייךְ וִוי זֵיי וָואלְטֶען אָט עֶרְשְׁט עֶמִיצֶען בֶּעהַאלְטֶען. אִין דֶער עֶרְד אַרַיינְגֶעלֵייגְט; בַּיי אוּנְז אַ שִׂמְחָה בֶּעוַוייזְט זִיךְ אַרוֹים דוּרְךְ אַ גֶעוַויין אוּנ מַחֲמַת גְרוֹים פְרֵייד מִיט פֶערְגְנִיגֶען פַארְגִיסֶען מִיר טְרֶעהרֶען... נָאךְ אוּמֶעטִיגֶער וַוייזְט אוֹיס דָאס שְׁפִּיעלֶען אוּם הַאלְבּ נַאכְט, וֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הַאלְט אִין אֵיין שְׁלָאפֶען, נָאר אֵיין בִּיסֶעל יוֹדֶען זֶענֶען זִיךְ מְשַׂמֵחַ מִיט אַ וֵויינֶענְדִיגְס, גֶעהֶענְדִיג צוּרִיק פוּן דֶער חוּפָּה־וֶועטְשֶׁערֶע מִיט אַרָאבּ־גֶעלָאזְטֶע קֶעפּ: וָואס אִיז? מֶען הָאט גֶע׳פַּטֶר׳ט אַ קִינְד, פַארְשְׁטֵעהט אִיהר מִיךְ, פֶערְזָארְגְט הֵייסְט דָאס. בָּרוּךְ הַשֵׁם; נוּ, מְהֵכְתֵּיתִי... אִין דֶער דָאזִיגֶעד. שְׁטִילֶער שֵׁיינֶער זוּמֶער־נַאכְט הֶערְט זִיךְ סְטֶעמְפֶּעניוּ׳ס פִּידֶעלֶע נָאךְ מֶעהר, וִוי אַלֶע מָאל; עֶס קְלֶעמְט דָאס הַארְץ, צִיהט דִי נְשָׁמָה, נֶעמְט אַרוֹים דָאס חַיוּת — אוּנ רָחֵל׳ע שְׁטֵעהט אַ הַאלְבּ נַאקֶעטֶע בַּיים פֶענְסְטֶער אוּנ הֶערְט זִיךְ צוּ; זִי ווִיל אַנְטְלוֹיפֶען פוּן דַאנֶען, צוּמַאכֶען דָאס פֶענְסְטֶער אוּנ אַנְטְלוֹיפֶען, נָאר עֶס הַאלְט זִי צוּ וִוי בַּיים אַייזֶענְס וִוי אַ מַאגְנֶעט צִיהט עֶס זִי; זִי קוּקְט זִיךְ אַיין אוּנ הֶערְט זִיךְ צוּ אַזוֹי עֶרֶענְסְט, גְלַייךְ וִוי זִי וָואלְט הֶערֶען נִיט זַיין פִּידֶעלֶע, גְלַייךְ וִוי זִי וָואלְט הֶערֶען, וִוי עֶר רֶעדְט צוּ אִיהר, וִוי עֶר טַעֲנֶה׳ט, וִוי עֶר בֶּעט וִוי עֶר וֵויינְט... אוּנ נִיט נָאר רָחֵל׳ע אַלֵיין הֶערְט זִיךְ אַיין אָן דִי דָאזִיגֶע שֵׁיינֶע מֶעלָאדִיעֶן פוּן סְטֶעמְפֶּעניוּ׳ס פִּידֶעלֶע אִין דֶער דָאזִיגֶער לִיכְטִיגֶער זוּמֶער־נַאכְט: דִי לְבָנָה מִיט דִי שְׁטֶערֶען, דִי וֵוייכֶע, פְרִישֶׁע לוּפְט, דִי גַאנְצֶע נַאטוּר מִיט אַלֶע אִיהרֶע בֶּעשֶׁעפֶענִישֶׁען הָאבֶען וִוי אוֹיפְגֶעוַואכְט פוּן זֵייעֶר דְרִימְלֶען, זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ רֶגַע׳לֶע בִּכְדֵי צוּ הֶערֶען, וָואס אִיז דָאס פַאר אַ מִין גֶעזַאנְג אִים הַאלְבֶּע נַאכְט? וָואס אִיז דָאס פַאר קוֹלוֹת אִים הַאלְבֶּע נַאכְט? דֶער נַאכְט־מְשׁוֹרֵר, דֶער פֶערְשְׁפֶּעטִיגְטֶער סָאלָאוֵועי אִינ׳ם מַאנַאסְטֶעְרְסְקִי גָארְטֶען, דֶערְהֶערְט אַזַא מִין מוּזִיק, הָאט זִיךְ גֶעפְּרוּבִּירְט פֶערְקַאטְשֶׁען אוֹיפ׳ן הֶעלְזֶעל, בֶּעוַוייזֶען זַיינֶע שְׁטִיקְלֶעךְ, וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז; נָאר עֶס אִיז אִיהם אַצִינְד. אִין סוֹף תַּמוּז, נִישְׁט גֶערָאטֶען אִיבֶּער שְׁטְשַׁאנָאלִיאַיֶען סְטֶעמְפֶּעניוּ׳ס פִּידֶעלֶע, מַחֲמַת בַּאלְד נָאךְ וֶועסְנֶע הָאט עֶר, נֶעבִּיךְ וִוי

אַלע מאָל, אָנגעוואָהרען די כּלי, און פון זיין זיס קול איז איהם גאָר געבליבען אַ קוויטש, ווי ביי אַ חזן נאָך ימים נוראים, להבדיל... דער האָהן, דער שרייער, דערהערט דאָס שפּיעלען פון די כּלי־זמר און גערעכענט אַז ס'איז שוין טאָג, איז אַראָפּ פון דער סידעלע, האָט אַ פּאַטש געטהון מיט די פליגעל, האָט געזאָגט דער פּסוק אויסגעלאָזט דעם געוועהנליכען קוקעריקו מיט אַ מונח אתנחתּא און איז זיך אַוועק צוריק אין זיין רוה אַריין אַ ברוגז'ער, וואָס מען האָט איהם מטריח געוועזען אומזיסט און אומנישט... אפילו די הינט, די כּלבים, פון ווייטענס, פון ווייטענס פון דער מאַנאַסטערסקע גאַס, דערהערט די יודישע כּלי־זמר אין מיטען נאַכט, האָבען אָנגעהויבען לכתחילה, ווי זייער מנהג איז, צו בּליען און צו וואָיען, און זענען אויך אַנשוויגען געוואָרען, געזוכט זיך איין אָרט וואו צו לעגען זיך אָפּרוהען. אויך די קוה, דוואָסי־מלכּה'ס בּאַרע בּהמה ביי דער שטוב, האָט אויפגעהערט צו מעלה־גרה'ן, האָט אויפגעשטעלט די אויהרען אַרויסגעלאָזט פונ'ם בויך אַ טיפען קרעכץ ווי אַ זינדיגער מענש; און דעם שכנ'ס צוויי ציגען האָבען זיך פון גרויס התפּעלות מיט אַמאָל אויפגעהויבען פון דער ערד, זיך געביטען מיט די ערטער, בּעוויזען דערווייל איינס דאָס אַנדערע אַז זיי האָבען הערנער; הכּלל אַלעם האָט אויפגעלעבט: בּעוויזען אַז עס הערט דאָס שפּיעלען אין דער דאָזיגער שטילער, ליכטיגער וואַרעמער כּישוף'דיגער זומער נאַכט.

אין דער זעלבער צייט איז אויך אונזער עהרליכע רחל'ע געשטאַנען ביים פּענסטער ווי צוגעקאָוועט מיט אייזענס. זי שטעהט ווי שטאַרק פּערוואונדערט, ריהרט זיך ניט מיט קיין אבר ווי צוגעשרויפּט און ווייסט גאָר ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט זי איז. נו אַ נאַכט! אַי אַ נאַכט! טאַטעניו!... זי שטעהט און הערט זיך איין מיט אַלע חושים זי שלינגט די פּרישע לופט מיט'ן פולען מויל, זי איז אין גאַנצען פּער'כּישוף'ט, זי קוקט אין בּלאָהען הימעל אַריין און דערמאָנט זיך אָן יענע זומער־נעכט, ווען זי פּלעגט מיידעלווייז זיצען אין דער היים אויף דער פּריזבע (זאַוואַלענקע), קוקען אַרויף, אויף די ווייסע פּאַסען,

געשפיעלט בשעת מעשה אין צייכענס (מילעשקעס) און געזונגען דאס בעקאנטע לידעל:

די לבנה שיינט אין מיטען דער נאכט
און פערעלע זיצט ביי דער טהיר,
זי זיפצט זי קרעכצט, זי איז שוין פארטראכט—
אוי, א וועהטיג איז איהר!
זי זיפצט, זי קרעכצט, זי איז דאך פארטראכט—
אוי, א וועהטיג איז איהר!...

דאס לידעל האט זי דענסמאל געזונגען, נאר זי האט דאס ניט פערשטאנען; אצונד פערשטעהט זי דאס יא, אפילו נישט אין גאנצען, דאך פערשטעהט זי דאס, זי פיהלט עס; זי פיהלט אז עס ציהט זי עפּיס אהין, אין דרויסען ארויס, אויף דער פרייער לופט; זי פיהלט אז ס'איז איהר דא ענג, היים און נמאס, נמאס!... רחל'ע דערמאנט זיך נאך א לידעלע פון יענע לידלעך, וואס זי פלעגט זינגען מיידעלוייז זומער לעבען אין דרויסען ביי דער טהיר:

ביים ברעג וואסער טהו איך שטעהן,
און קאן צו דיר ניט קומען,
אוי, פון ווייטענס רופסט דו מיך —
איך קאן אבער נישט שווימען! —
אוי, פון ווייטענס רופסט דו מיך —
איך קאן צו דיר ניט שווימען!...

„פון ווייטענס?" ער איז דאך שוין גאר נאהינט! אט איז ער, סטעמפעניו, מיט זיין פידעלע, מיט זיינע לאנגע האר, מיט זיינע שווארצע, ברענענדיגע פייערדיגע אויגען, וואס קוקען אויף איהר תמיד און ווארעמען זי מיט זייער גלאנץ, מיט זייער פייער און עס ווילט זיך איהר אין דער מינוט אייביג שטעהן נאהינט נעבען איהם, שטעהן און אייביג הערען זיין שפּיעלען, און אייביג זעהן זיינע שעהנע אויגען... נאר איין זאך קאן רחל'ע נישט פערשטעהן: ווי קומט ער אהער, סטעמפעניו, אים האלבע נאכט מיט זיין פידעלע?

ווי ארום קומט אהער סטעמפעניו מיט די מחותנים? — אט דאס האט זי בשום אופן נישט געקאנט פערשטעהן וויפיעל זי האט זיך נים געבראכען דעם מח. רחל'ע האט זיך דערמאנט אז ערגעץ אויף דער שולגאס איז היינט געווען א חופה, ווי זשע קומען אהער די מחותנים? ערשט דעמאלט האט זי פערשטאנען דעם סוד, אז זי האט דערזעהען שוין גאר נאהינט, טאקי כמעט געבען זייער שטוב, די כלי־זמר מיט די מחותנים, ערשט דענסמאל האט זי געטראפען דאס רע־טהעניש אז זי האט דערזעהען, ווי סטעמפעניו האט זיך פונקט נעבען זייער שטוב, גראדע אקעגען איהר פענסטער, אפגעשטעלט, און האט אנגעהויבען צו שפיעלען נאך מיט מעהר פרישקייט, מיט מעהר חשק. ערשט דענסמאל האט רחל'ע פערשטאנען וואס סטעמפעניו האט דא אויפגעטהון: ער האט געשלעפט מיט זיך די גאנצע חברה אלע מחותנים מיט'ן גאנצען עולם פון דער צעהנטער גאס אהער, פארביי זייער שטוב און צוליעב וועמען? — לכתחילה איז דאס איהר אפילו געווען זעהר אנגענעהם, און דאס הארץ האט זיך איהר אזוי געפריידט, אז עס איז שיעור נישט ארויסגעשפרונגען פון דער ברוסט, און נישט ווילענדיג האט זיך רחל'ע צעלאכט צו זיך אליין מיט אזא פרעהליך געלעכטער, אז זי האט זיך איבערגעשראקען פאר איהר קול, האט א קוק געטהון אויף זיך, ווי זי שטעהט דא האלב נאקעט, מיט'ן האלז אין דרויסען, מיט די אייגענע האר, — און איז געשווינד אפגעשפרונגען פונ'ם פענסטער, אין דער גיך צוגעמאכט, און האט זיך אריינגעווארפע אין בעט אריין.

— וועה איז מיר, וואונד איז מיר! — האט זיך רחל'ע געטראכט, — צו וואס מען קאן קומען, אז מען בעקלעהרט זיך נים פריהער, וואו מען איז אין דער וועלט! שטעלען זיך אין מיטען נאכט א נאקעטע אין פענסטער פאר אזא־נ־עולם מנסבילען; און זינגען האבען אזעלכע פוסטע נארישע זאכען, ארומגעהן מיט אזעלכע מיאוס'ע מחשבות וועגען א סטעמפעניו... און סטעמפעניו, — מען דארף זיין א בעלן פיהרען א גאנצע עדה יודען איבער צעהען גאסען — צו ליעב וואס? צו ליעב

וֶועמֶען ? מֶען דַארְף הָאבֶּען פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אַיין עַזוּת אַזֶעלְכֶעס צוּ טְהוּן ! פוּן וַואנֶען נֶעמְט זִיךְ עֶס בַּיי אִיהם אַזאַ...? אִיךְ מוּז עֶס אִיהם פְרֶעגֶען, מֶען דַארְף זֶעהן ס'זָאל הָאבֶּען אַ מָאל אַ סוֹף, עֶר וִויל מִיךְ אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכֶען! אַיין מָאל פַאר אַלֶע מָאל, מֶען דַארְף זִיךְ מִיט אִיהם אוֹיסְשְׁמִיעֶסֶען, ווִי זָאגְט מֶען: „בֶּעסֶער דֶער עֶרְשְׁטֶער רוֹגֶז״.... עֶר דֶערְצֵיילְט דִיר אַ מַעֲשֶׂה: „לִיבּ־שְׁמִיבּ״! גַאנְץ לַייטִישׁ, כְּ'לֶעבֶּען... שַׁבָּת־צוּ־נַאכְטְס, זָאגְט עֶר אוֹיף דֶער מָאנַאסְטֶעְרְסְקִי גַאס, דָארְט וֶועט עֶר מִיר שׁוֹין קְלָאהר מַאכֶען אִין גַאנְצֶען זַיין מַיין... אִיךְ וָואלְט שׁוֹין גֶערֶען, דֶער לִיבֶּער שַׁבָּת־צוּ־נַאכְטְס זָאל שׁוֹין קוּמֶען גִיכֶער, לָאם מִיר שׁוֹין הֶערֶען וָואס אוּנ וֶוען? אִיךְ וֶועל גֶעווִיס אַרוֹיסְגֵעהן, וָואס הָאבּ אִיךְ מוֹרָא ? פַאר וֶועמֶען ? מוֹרָא דַארְף מֶען הָאבֶּען נָאר פַאר גָאט!... עֶס אִיז דִיר נָאךְ אַיין אַנְ'טִיקֶעגִישׁ אַיין אָפְּגֶעטָאגֶענֶע זַאךְ אוּנ גֶענוּג!... נִיט אוּמְזִיסְט דֶערְצֵיילְט מֶען זִיךְ אָן אַזוֹי פִיל מַעֲשִׂיוֹת... נָאר וָואס הָאט עֶר צוּ מִיר ? צוּ מַיינֶע יוּנְגֶע יָאהרֶען ? אוּנ וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג. וְוען נִיט אִיךְ אַלֵיין ? מֶען טָאר נִיט וַוייזֶען יֶענֶעם קֵיין וֶועג... משֶׁה־מֶענְדִיל זָאל אַצוּנְד זַיין, וָואלְט אִיךְ אִיהם אַלְסְדִינְג דֶערְצֵיילְט, נָאר וואוּ אִיז עֶר ? עֶר הֶערְט מִיךְ זַעהר ? וָואס גֵעהט דָאס אִיהם אָן, וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע מִיךְ, ווִי אַיינֶער פַארְן טוֹיְרְט ?... אַךְ, מֶען דַארְף לֵייעֶנֶען קְרִיאַת־שְׁמַע נִישְׁט גוּט, אַז מֶען לֵייעֶנְט נִישְׁט קֵיין קְרִיאַת־שְׁמַע!...

„לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי ד',
קִוִּיתִי ד' לִישׁוּעָתְךָ,
ד' לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי...״

רָחֵלֶע בֶּעהַאלְט זִיךְ טִיעף טִיעף אִין דִי קִישֶׁענְס אַרַיין, דֶעקְט זִיךְ אִיבֶּער שְׁטַארְק מִיט דֶער קָאלְדְרֶע, זִי זָאל נִישְׁט הֶערֶען דָאס שְׁפִּיעלֶען פוּן דִי כְּלֵי־זֶמֶר, אוּנ לֵייעֶנְט קְרִיאַת שְׁמַע אוֹיף אַ קוֹל: „לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי ד'״... נָאר דוּרְכְ'ן פֶענְסְטֶער גַנְבֶ'עֶנֶען זִיךְ אַרַיין דִי זִיסֶע גֶעזַאנְגֶענֶען פוּן סְטֶעמְפֶּענְיוּס פִידֶעלֶע, וָואס וֶוערֶען אַלֶע מִינוּט שְׁטִילֶער, זֶעלְטֶענֶער אוּנ וַוייטֶער אוּנ רָחֵלֶע לֵייעֶנְט קְרִיאַת־שְׁמַע:

„לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי ד׳
קִוִּיתִי ד׳ לִישׁוּעָתְךָ
ד׳ לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי...“

און סְטֶעמְפֶּעניוּ׳ס פִּידֶעלֶע קוּים-קוּים וָואס עֶס הֶערְט זִיךְ שׁוֹין פוּן וַוייטֶען, און דִי לֶעצְטֶע קולות וֶוערֶען וִוי פֶערְשְׁטָארְבֶּען.... און רָחֵלֶעס אוֹיגֶען וֶוערֶען בִּיסְלֶעכְוַויִיס צוּ גֶעשְׁלָאסֶען, און אִיהְרֶע לִיפֶּעֶן שֶׁעפְּטְשֶׁען נָאךְ, קוּים־קוּים וָואס מֶע הֶערְט:

„לִישׁוּעָתְךָ..............
קִוִּיתִי..........לִישׁוּעָתְךָ
....קִוִּיתִי....“

און רָחֵלֶ׳ע וֶוערְט אַנְשְׁלָאפֶען.

* * *

רָחֵלֶ׳ע וֶוערְט אַנְשְׁלָאפֶען און עֶס חָלוֹמְ׳ט זִיךְ אִיהר, אַז סְטֶעמְפֶּעניוּ טְהוּט אִיהר אָן אַ בַּייטְשׁ קָארֶעלֶען.... אִין אֵיין זַייט שְׁטֵעהט דֶער שְׁוֶועהר אִין טַלִית וּתְפִילִין און פְרֵיידֶעל שְׁלָאגְט אִיהם, פַּאטְשְׁט אִיהם, אוֹיף וָואס דִי וֶועלְט שְׁטֵעהט.... מֹשֶׁה מֶענְדְל אִיז טוֹיט שִׁיכּוֹר פָּאדֶרט רַייטֶענְדִיג אוֹיף אַ קָאטְשֶׁערֶע, מַאכְט מְשׁוּגָעֶנֶע חַיּוֹת און סְטֶעמְפֶּעניוּ טְהוּט אִיהר אָן אַ בַּייטְשׁ-קָארֶעלֶען.... אִין דֶער אַנְדֶערֶער זַייט שְׁטֵעהט חַיָּה-עֶטֶעל, אָנְגֶעטְהוּן שַׁבָּת׳דִיג, אוֹיסְגֶעצִיהֶרְט, וִוי אַ בַּת־מַלְכָּה, שְׁמֵייכֶעלְט אַזוֹי פְרַיינְדְלִיךְ, אַזוֹי לִיעבְּלִיךְ און צִינְט אָן אַסַךְ לִיכְט.

— וָואס טְהוּסְט דוּ, חַיָּה עֶטֶעל? — פְרֶעגְט זִי רָחֵלֶ׳ע; לְמַאי צִינְדְסְט דוּ אָן אַזוֹי פִיעל לִיכְט?

— וָואס פַאר אַ שְׁאֵלָה? — עֶנְטְפֶערְט אִיהר חַיָּה עֶטִיל מִיט אַ גֶעלֶעכְטֶער; עֶס אִיז דָאךְ עֶרֶב שַׁבָּת: שׁוֹין צַייט לִיכְט בֶּענְטְשֶׁען!

רָחֵלֶ׳ע קוּקְט אוֹיף דִי לִיכְט, וִוי הֶעל זֵיי בְּרֶענֶען און זֵיי לַייכְטֶען און סְטֶעמְפֶּעניוּ טְהוּט אִיהר אָן אַ בַּייטְשׁ קָארֶעלֶען.... עֶר שְׁטֵעהט גֶעבֶּען אִיהר אַזוֹי נָאהֶענְט, אַז זִי הֶערְט, וִוי עֶר אָטְהֶעמְט; עֶר שְׁטֵעהט און קוּקְט אִיהר גְלַייךְ אִין דִי אוֹיגֶען אַרַיין און וַוארֶעמְט זִי מִיט זַיין

קוקען אויף איהר; רחל'ע קוועלט, לאַכט און זינגט און סטעפּאַניו טהוט איהר אַן אַ בייטש ־קאַרעלען....

פּלוצים ווערען די ליכט פערלאָשען; חיה־עטיל און אַלעס אַרום און אַרום ווערט פערשוואונדען; עס ווערט פינסטער חושך און שטאַרק ־קאַלט ווי אין אַ קעהלער, ווי אין אַ ־קבר... דער ווינד בלאָזט און פייפט און עס הערט זיך אַ געזאַנג, אַ טרויעריג געזאַנג; עס הערט זיך ווי אַ פידעל שפּיעלט, שוין ווידער אַ בעקאַנט פידעלע, סטעפּאַניו'ס פידעלע; סטעמפּעניו אַליין איז שוין ניטאָ, נאָר זיין פידעלע לאָזט זיך הערען, אָבער אַזוי טרויעריג. אַזוי אומעטיג, ווי דער נוסח פון „נעילה", און עס הערט זיך עפּיס, ווי עמיצער וויינט, חליפּעט; דאָס וויינט חיה־עטיל אויף איהרע יונגע יאָהרען וואָס זענען איבערגעלאָפען ווי אַ חלום, אויף איהר ליבהאַרציגען בנימינ'ען, וואָס ער האָט זי פאַרביטען אויף איין אַנדערע, פערגעסען חיה עטל'ען. פערגעסען....

„אוי, מאַמעניו!" — שרייט אויס רחל'ע און כאַפּט זיך אויף, קעהרט זיך איבער אויף דער אַנדערער זייט, ווערט אַנשלאָפען און זעהט ווידער אַלערליי חלומות. אַ גאַנצע נאַכט פּלאָנטעט זיך איהר און עס דאַכט זיך איהר, אַז זי פיהלט, ווי סטעמפּעניו שטעהט נעבען איהר און טהוט איהר אַן אַ בייטש ־קאַרעלען.... נאָכדעם קומט ווידער חיה עטיל מיט שוואַרצע ליכט, וויינט, טרויערט, לייענט אויף אַ קול תחינות, פון מעגה לשון: „אַלמעכטיגער פאָטער אין הימעל. דו שטאַרקער גאָט! הערר איבער אַלע הערען, דו מלך איבער אַלע מלכים, וואָס פון אייביג ביז אייביג ביזט דו נאָר גאָט! צו דיר זאָל קומען און פון דיר זאָל בעווילינט ווערען אונזער היים געבעט; דו זאָלסט פאַרנעמען די תפלות פון די ריינע נשמות, וואָס טהוען שטעהן פאַר דיין כסא הכבוד און ביטען רחמים פון פאַר דיר פאַר אונז, און פאַר די לעבעדיגע, וואָס אויף דער ערד, וואָס זענען פול מיט זינד, ווי אַ מילגראַם און די אבות אבותינו......"

חיה עטיל זאָגט די תחינות הויך; זי וויינט, זי יאָמערט, זי קלאָגט — און ווערט פערשוואונדען....

XXII.

עֶס צִינְדְט זִיךְ אָן אַ פַייֶער.

אִין דֶער שְׁטָאדְט מַאזֶעפֶּעוְוקֶע אִיז דָא אַ טָאנַאסְטִיר, וָואס אִיז גֶעבּוֹיעֶט, ווִי מֶען דֶערְצֵעהלְט, נָאךְ פוּן מַאזֶעפֶּען. אַ הוֹיכֶע אַ וַוייסֶע גֶעמוֹיעֶרְטֶע וַואנְט רִינְגֶעלְט אַרוּם דֶעם מָאנַאסְטִיר פוּן אַלֶע פִיער זַייטֶען אוּנ פֶּערְנֶעמְט דְרַיי חֲלָקִים פוּן דֶער שְׁטָאדְט. אִין אִיהר, אִין דֶער וַואנְט פוּן אֵיין זַייט גֶעפִינֶען זִיךְ דִי גֶעוֶועלְבֶּען (דִי גְרֶעסְטֶע קְלֵייטֶען) פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַייט טִיעפֶע קֶעלֶערְס וואוּ עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען בֶּעהַאלְטֶען ווִי מֶען זָאגְט, דָאס גַאנְצֶע גֶעוֶועהר (כְּלֵי־זַיִן) פוּן דִי הַיי־דֶעמַאקֶעס, אוּנ אַצוּנְד לֶעגְט מֶען דָארְט אָבּ עֶפֶּעל אוּנ אַנְדֶערֶע מִינִים סְחוֹרוֹת; דִי דְרִיטֶע וַואנְט אִיז בֶּעוַואקְסֶען מִיט דֶערְנֶער אוּנ בֶּעשִׁיצְט מִיט דִי הוֹיכֶע טָאפָּאלֶיעס אוּנ אַנְדֶערֶע בּוֹימֶער. וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ פוּן יֶענֶער זַייט וַואנְט אִינ׳ם גְרוֹיסֶען מָאנַאסְטֶערְסְקֶע גָארְטֶען; דִי פִיעַרְטֶע וַואנְט אִיז הוֹיל אוּנ גְלַאט, אִין פִיעל עֶרְטֶער אָבְּגֶעקְלִיפֶּעט אוּנ אָבְּ־גֶעפַאלֶען דִי לֶעהם מִיט דִי צִיגֶעל, אַזוֹי אַז עֶס בֶּעט זִיךְ פֶּערֶעכְטֶען שׁוֹין לַאנְגֶע יָאהרֶען, אַקֶעגֶען גֶעפִינֶען זִיךְ הַייזֶער מִיט הַייזֶעלֶעךְ, הוֹיפֶען מִיט הוֹיפְצְלֶעךְ, יוּדִישֶׁע אוּנ גוֹיִשֶׁע. אוּנ דִי שְׁמָאלֶע גַאס, וָואס אִיז צְווִישֶׁעןֿ דֶער הוֹילֶער מָאנַאסְטֶערְסְקֶע וַואנְט אוּנ צְווִישֶׁען דִי הַייזְלֶעךְ, וֶוערְט אָנְגֶערוּפֶען דִי מָאנַאסְטֶערְסְקֶע גַאס.

דָארְט, אוֹיף דֶער מָאנַאסְטֶערְסְקֶע גַאס, אִין ווִינְקֶעל, וואוּ עֶס הוֹיבֶּען זִיךְ אָן דִי בּוֹימֶער, אִיז פָארְגֶעקוּמֶען דָאס עֶרְשְׁטֶע זֶעהֶענִיש פוּן אוּנְזֶערֶע לִיעבֶּענְדֶע — רָחֵל׳ע אוּנ סְטֶעמְפֶּענְיוּ.

דִי לֶעזֶער, וָואס זֶענֶען גֶעוואוֹהנְט גֶעוָוארֶען צוּ דִי „הֶעכְסְט אִינְ־טֶערֶעסַאנְטֶע רָאמַאנֶען", הָאבֶּען גֶעבַאךְ גֶענוּג אָנְגֶעלִיטֶען זִיךְ בִּיז אַהֶער פוּנ׳ם דָאזִיגֶען רָאמַאן, וָואס ס׳אִיז נִישְׁטָא אִין אִיהם קֵיין שׁוּם רִיהֶערֶנְדֶע סְצֶענֶעס אוּנ טְרֶעפֶּענִישֶׁען, קֵיינֶער שִׁיסְט זִיךְ נִיט, קֵיינֶער סַמ׳ט זִיךְ נִיט; מֶע בֶּעגֶעגֶנְט זִיךְ נִיט מִיט קֵיין גְרַאפֶען אוּנ מִיט מַארְ־קִיזֶען; מֶע זֶעהט זִיךְ אַלְץ מִיט פְּרָאסְטֶע מֶענְשֶׁעלֶעךְ, מִיט כְּלֵי־זֶמֶר גָאר אוּנ מִיט גֶעוֶועהנְלִיכֶע יוּדִישֶׁע וַוייבְּלֶעךְ. דִי דָאזִיגֶע לֶעזֶער קוּקֶען

שוין אַוַדאַי אַרוים אויף דעם שַבָּת־צו־נאַכטס, זיי וואַרטען אויף אַ ציִקאַוועפּיקאַנטע־סצענע אויף דער מאַנאַסטירסקי גאַס... איך מוז אָבער פאָראויס זאָגען, אַז זייער אַרויסקוקען איז אומזיסט: קיין שום ציִקאַווע פּיקאַנטע סצענעס וועט דאָ נישט זיין, ווארום אונזער רחל׳ע איז געקומען אַהער נישט חָלִילָה ווי אַ בַּעַל־עֲבֵרָה׳ניצע, נישט ווי אַן אויסגעלאַסענע, וואָס לויפט זיך קישען אין דער פינסטער מיט איהר ליעבּענדען... חס וְשָלום! רחל׳ע האָט נאָר געוואָלט פרעגען בּיי איהם, ווי אַזוי האָט ער, סטעמפעניו כְּלֵי־זֶמֶר, געהאַט אַ הֶעָזָה, אַזאַ עַזוּת צו שרייבען איהר, ר׳ אייזיק נַפְתָּלִי׳ס שנור, משה מענדיל׳ס ווייב, אַ בּריוועל, און נאָך אַזאַ בּריוועל?!..

— איך מוז דאָס איהם פאָרהאַלטען! האָט זי געטראַכט — איך מוז דאָס איהם זאָגען איין מאָל פאַר אַלע מאָל; ווי זאָגט מען: „עס איז בּעסער דער ערשטער רוגז"...

דער דאָזיגער געדאַנק איז איהר ניט געקומען פלוצים; רחל׳ע האָט געהאַט צייט אַ גאַנצע וואָך און נאָך מעהר דעם גאַנצען טאָג שַבָּת אויף צו קלערען וועגען דעם, און אוי וועה, וואָס זי האָט איבּערגעלעבּט אין׳ם דאָזיגען איינעם טאָג! וואָס פאַר אַ שרעקליכע מִלְחָמָה האָט זי אויסגעהאַלטען מיט׳ן יֵצֶר־הָרָע... נײן, דאָס וואָרט „יֵצֶר־הָרָע" פּאַסט לַחֲלוּטִין נישט אַהער: ווי קומט דאָס צו איהר, צו אַזאַ יודיש ווייבּעל, צו אַזאַ ערליך ווייבּעל, וואָס האָט קיינמאָל נישט געלעזען קיין ראָמאַנען און דאָט נישט געוואוסט פון קיין ליעבּעס, חוץ די מַעֲשֶׂה מיט איהר חֲבֵרְטע חַיָה עטיל, עָלֶיהָ־הַשָׁלוֹם, וואָס מיר האָבּען וועגען איהר אויבּען געשמועסט, — ווי קומט דאָס צו איהר יֵצֶר־הָרָע, ליעבּע? — נאַרישקייטען! זי זאָל חאָטש זיין אַ מיידעל, איז עפּעס אַנדערש, פאָרט, ווי זאָגט מען, אַ פריי פייגעלע, נישט צוגעדעקט דעם קאָפּ, אַ מענשעל פאַר זיך, — אָבּער אַ ווייבּעל און אַ פרום ווייבּעל פון שיינעם גראַד, פון הויכע יִחוּס! — זי איז געווען אויף זיך אַליין לַהֲרוֹג וּלְאַבֵּד, פּלאַם פייער, און האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפונען. אָט האָט זי זיך צוגעלעגט בּיי זיך אויפ׳ן בּעט

אָט הָאט דָאס זִי אוֹיפְגֶעטְרָאגֶען, וְוִי אֵיינֶעם וָואס לִיגְט אוֹיף אַ הִיצִיג שְׂלַאפְקַייט, עֶס וֶוערְט אִיהם „מְלָאסְנֶע“ אוֹיפְ'ן הַארְצֶען אוּנ עֶס גִידֶעט אִיהם אַרוֹיס דִי נְשָׁמָה, — עֶר וָואלְט נָאר גֶעלָאפֶען אִין דֶער וֶועלְט אַרַיין... רָחֵל'ע חַאפְּט זִיךְ אוֹיף אוּנ נֶעמְט זִיךְ נָאר צוּם טַייטְשׁ חוּמֶ'שׁ. זִי עֶפֶענְט אוֹיף דִי סֵדְרָה וַיִּשְׁלַח אוּנ — מֶערְקְווִירְדִיג! אִיהרֶע אוֹיגֶען שְׁטֶעלֶען זִיךְ אָב אוֹיפְ'ן פָּסוּק: „וַתֵּצֵא דִינָה בַּת לֵאָה, אִיז דִינָה דִי טָאכְטֶער פוּן לֵאָה אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען זֶעהְן דִי טֶעכְטֶער פוּנ'ם לַאנְד, הָאט זִי שְׁכֶם דֶער זוּהן פוּן חֲמוֹר גֶענוּמֶען מִיט גְוַואלְד. וַתִּדְבַּק נַפְשׁוֹ בְּדִינָה, אוּנ שְׁכֶם הָאט זִיךְ בֶּעהֶעפְט אִין דִינָה, דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט: שְׁכֶם הָאט אִיהר אַיינְגֶערֶעדְט...“

אַזוֹי הָאט רָחֵל'ע אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין אִיהר טַייטְשׁ חוּמֶ'שׁ, וָואס דִי שְׁווִיגֶער הָאט אִיהר גֶעשֶׁענְקְט נָאךְ בְּשַׁעַת זִי אִיז גֶעוֶוען אַ כַּלָּה אוּנ בִּיסְלִיכְוַויז הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ פֶערְגֶעסֶען, אַז זִי זִיצְט אִיבֶּער'ן טַייטְשׁ־חוּמֶ'שׁ אוּנ אִיהרֶע גֶעדַאנְקֶען הָאבֶּען זִי פֶערְטְרָאגֶען אַהִין צוּ סְטֶעמְפֶּענְיוּ'ן, אוֹיף דֶער מָאנַאסְטֶירְסְקֶע גַאס אוּנְטֶער דִי בּוֹימֶער, וואו עֶר הָאט אִיהר צוּגֶעזָאגְט וַוארְטֶען — אוּנ עֶר וֶועט אַוַדַאי דָארְטֶען וַוארְטֶען... נָאר קוֹים אִיז סְטֶעמְפֶּענְיוּ גֶעקוּמֶען אִיהר אוֹיף דֶער מַחֲשָׁבָה, אַזוֹי הָאט עֶס זִי גֶעצוֹיגֶען צוּ אִיהם, וְוִי אַ מַאגְנִיט. אוּנ זִי הָאט נִישְׁט פֶערְשְׁטַאנֶען וָואס דָאס אִיז.

אִיךְ וָואלְט אִיהם נָאר גֶעוָואלְט פְרֶעגֶען, וָואס הָאט עֶר צוּ מִיר אוּנ וָואס וְוִיל עֶר פוּן מַיין לֶעבֶּען הָאבֶּען?...

אוּנ דָא דֶערְמָאהנְט זִיךְ רָחֵל'ע אִין אִיהר חֲבֶרְ'טֶע חַיָה עֶטִיל, עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וְוִי זִי הָאט גֶעבֶּעךְ גֶעלִיטֶען אִיבֶּער אִיהר בִּנְיָמִינְ'עֶן... נָאר חַיָה עֶטִיל אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען בִּנְיָמִינְ'ס אַיין אֵייגֶענֶע אוּנ אִיז גֶעוֶוען אַ מֵיידִיל; אָבֶּער זִי, רָחֵל'ע אִיז דָאךְ אַיין „אֵשֶׁת אִישׁ“ (אָי—אָי—וָואס פַאר אַ הַארְב וָוארְט דָאס אִיז פַאר אַ יוּדִישֶׁער טָאכְטֶער!) אוּנ עֶר, וֶוער אִיז עֶר? אַ כְּלֵי־זֶמֶר! וָואס קֶעהר עֶר זִיךְ מִיט אִיהר אָן? וָואס פַאר אַ שְׁפֶּעלְקֶע אִיז עֶר מִיט אִיהר, וָואס עֶר שְׁרַייבְּט צוּ אִיהר בְּרִיעפְלִיךְ? אַ פָּארְעפַאלְנָאסְט פוּן אַ כְּלֵי־זֶמֶרְ'יק, אַ הֶעזָה אַ בִּיסֶעל פוּן אַ יוּנְגַאטְשׁ!

— די וועלט זאל זיך קעהרען – האט זי ביי זיך אבגעפסק׳עט — די וועלט זאל זיך קעהרען. מוז איך דאס איהם זאגען; וואס האב איך מורא פאר איהם? איך וועל זיך זעהן מיט איהם, איך וועל דארטען זיין ניש-קשה, קיינער וועט מיך נישט זעהן; איך וועל זיך ארויסכאפען אויף א מינוט, ס׳איז נישט ווייט. אט באלד אט דא אקעגען...

און רחל׳ע קוקט דורך דעם אפענעם פענסטער אויף דער מאנאסטערסקע גאס ארויס און זעהט די ביימער, די הויכע טאפאליעס, ווי זיי שטעהען שטאלץ, און זי הערט די פייגעל, ווי שיין זיי זינגען פונ׳ם גארטען ארויס און איהרע מחשבות טראגען זיך אין גאנצען איבער אהין, וואו שפעטער מיט א שעה אדער נאך ווינציגער וועט זי זיך זעהן מיט איהם און וועט רעדען מיט איהם אויג אויף אויג, און זי פיהלט, ווי דאס הארץ הויבט איהר אן צו קלאפען און צו צאפלען און (דעם אמת, דעם אמת מוז מען זאגען) עס איז איהר גרויס די מינוטען — זי וואלט שוין געהרען עס זאל שוין זיין נאכט. דער שוועהר מיט׳ן מאן וועלען קומען פון שוהל און וועלען אבמאכען הבדלה, די שוויגער וועט זיך נעמען איבערטהון און ליארעמען מכח דעם סאמאוואר און מכח דעם בארשט צו דער מלוה-מלכה — און אט דעמאלט וועט זי האפען אויף זיך די שאל און ארויסגעהן פאמעלעך, אויף דער טהיר, אביסעל אויף דער גאס, אזוי מעשה-שפאציער, ווער וועט זיך דאס ארומקוקען אויף איהר? ביז זי וועט קומען אהין, וואו?... אך עס ציטערט אויף איהר דאס לייב, די בעקלעך פלאמען איהר און דאס הארץ — אוי דאס הארץ! עס פאלט איהר אקעגשט נישט ארוי׳ס, און וואס ווייטער ציהט דאס זי אלץ מעהר אהין, אזוי אז זי האט שוין מעהר קיין זאך נישט אין זינען; זי זעהט פאר זיך קיין זאך נישט, נאר די בוימער פונ׳ם מאנאסטערסקע גארטען, נאר סטעמפעניו׳ן מיט זיינע פלאם-פייערדיג אויגען, הערט קיין זאך נישט, אחוץ דאס שענע זינגען פון די פויגעל, וואס דארט אין גארטען, און דאס געטליכע שפיעלען — סטעמפעניוס. אין דער מינוט איז רחל׳ע אין גאנצען איבערגעגעבען צו איין געדאנק — אהין צו

סטעמפעניו'ן, מיט סטעמפעניו'ן. און קיין זאך אין דער וועלט איז ניט אומשטאנד זי איינצוהאלטען אין דער דאזיגער צייט...

XXIII.

דאס פייער ברענט און ווערד באלד פערלאשען.

און סטעמפעניו, קוים איז געווארען נאכט, אזוי האט ער די חבורה כלי־זמר ארויסגעשיקט אויף א "זמירות" *) האט קלאמפערשט גענומען דאס פידעלע אונטער'ן ארעם, בכדי פריידעל זאל מיינען, אז ער איז אויך אויף דער חתונה; נאר, ארויסגעגאנגען פון שטוב, האט ער דאס פידעלע איבערגעגעבען מעכצי'ן און אליין האט עס איהם אוועקגעטראגען אין דער מאנאסטירסקע גאס אריין און ארומגעגאנגען הין און צוריק אונטער דעם שאטען פון די בוימער, האט ער זיך אלע מינוט אבגעשטעלט, געקוקט אהין, פון וואנען עס האט געדארפט אנקומען רחל'ע די שענע, אז זי וועט זיין — דאס איז פאר איהם קיין ספק ניט געווען, דאס הארץ האט איהם געזאגט אז יא. ער האט עס גוט ארויסגעזעהן נאך איהרע אויגען, דעמאלט אז זיי האבען זיך געזעהן ביי פריידעל'ען בעת מעסטען די קארעלען.

און סטעמפעניו האט ניט געהאט קיין טעות: עס איז ניט אוועקגעגאנגען קיין פופצעהן מינוט האט ער דערזעהען פון יענער זייט גאס שוועבט איינע מיט א ווייס טיכעל אויפ'ן קאפ; זי געהט געשווינד און קוקט זיך ארום אין אלע זייטען. דאס ווייסע טיכעל איז איהר אנגערוקט ביז כמעט איבער די אויגען און עס ציטערען איהר די הענד, די צעהן אין מויל, דאס הארץ און דער ברוסט, און דאס גאנצע לייב, זי קוקט זיך גוט איין, זי בלייבט שטעהן, זי דערזעהט סטעמפעניו'ן און טהוט זיך א לאז צו איהם מיט די ווערטער:

---

*) דעם שבת־צונאכטס, וואס פאר דער חפה, קלייבען זיך צונויף מיידלעך צו דער כלה טאנצען — און דאס הייסט "זמירות"; אין אנדערע ערטער הייסט עס גלאט "שבת־צונאכט'ס".

— מִיט וָואס פַאר אַ עֵצָה, פְרֶעג אִיךְ אַייךְ...

— זָאג מִיר נִיט „אִיהר״, רָחֵל׳ע, זָאג מִיר „דוּ״... — הָאט אִיהר סְטֶעמְפֶּעניוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּנ הָאט זִי אָנְגֶענוּמֶען בַּיי בֵּיידֶע הֶענְד אוּנ הָאט אִיהר אַריינְגֶעקוּקְט גְלַייךְ אִין דִי אוֹיגֶען אַרַיין. רָחֵל׳ע הָאט דֶערְזֶעהן אִין זַיינֶע אוֹיגֶען פּוּנְקְט דֶעם זֶעלְבֶּען גְלַאנְץ פוּן דִי שְׁטֶערֶען, וָואס הָאבֶּען אַרָאפְּגֶעקוּקְט אִין דֶער דָאזִיגֶער שֵׁיינֶער זוּמֶער-נַאכְט פוּנ׳ם דוּנְקֶעל-בְּלָאהֶען הִימֶעל... אַלֶע מַאזֶעפֶּעווְקֶער יִידֶען הָאבֶּען אָפְּגֶעמַאכְט הַבְדָלָה אוּנ הָאבֶּען גֶעזוּנְגֶען וִוי דֶער שְׁטַיינֶער אִיז, דִי „אֵלִיָהוּ׳ס״, גֶעזִיפְצְט אוּנ גֶעטְרַאכְט, גֶעדַארְט דֶעם מוֹחַ אוֹיף דֶער וִוייסְטֶער פַּרְנָסָה, זִיךְ גֶעווִינְשֶׁעווֶעט דֶעם זְכוּת פוּן יֶענֶעם חָסִיד, וָואס הָאט גֶעטְרָאפֶען דָאס גְלִיק צוּ בֶּעגֶעגֶענֶען זִיךְ מִיט אֵלִיָהוּ הַנָבִיא אוּנ אָפְּגֶעבֶּען אִיהם שָׁלוֹם, אוּנ אָפְּנֶעהמֶען בַּיי אִיהם שָׁלוֹם; דִי מַאזֶעפֶּעווְקֶער וַוייבֶּער וַוארְפֶען אַרָאפּ דִי שְׁלַייעֶרְס פוּנ׳ם קָאפּ, טְהוּעֶן אוֹיס דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע קְלַיידֶער, דָאס צִיהרוּנְג, אוּנ נֶעהמֶען זִיךְ צוּ דִי וָואכִדִיגֶע אַרְבַּייט, מִיט אֵיינֶעם וָוארְט: מַאזֶעפֶּעווְקֶע אִיז פֶערְנוּמֶען אַרוֹיסְצוּבֶּעגְלַייטֶען דֶעם לִיעבֶּען שַׁבָּת קוֹדֶשׁ — אוּנ קֵיינֶעם קוּמְט גָאר נִיט אוֹיף דִי גֶעדַאנְקֶען, אַז אִין דֶער צַייט שְׁטֶעהט רָחֵל׳ע דְוָואסִי מַלְכָּה׳ס שְׁנוּר מִיט סְטֶעמְפֶּעניוּ דֶעם כְּלֵי-זֶמֶר אוֹיף דֶער מָאנַאסְטִירְסְקֶע גַאס אוּנ הָאבֶּען צְווִישֶׁען זִיךְ אַ שְׁמוּעֶס מִכֹּחַ עֶפֶּעס גָאר נִישְׁט קֵיין יוּדִישֶׁע זַאכֶען... נָאר דִי בְּלָאהֶע שְׁטֶערֶען וָואס קוּקֶען אַרָאפּ מִיט זֵייעֶר גְלַאנְץ, נָאר דִי הוֹיכֶע מָאנַאסְטִירְסְקֶע טָאפָּאלִיעֶס נָאר דִי נַאכְט-פוֹיגֶלֶען אִינ׳ם גְרוֹיסֶען מָאנַאסְטִירְסְקֶע גָארְטֶען, וָואס רוּפֶען זִיךְ אִיבֶּער אוֹיף זֵייעֶר לָשׁוֹן, נָאר זֵיי הֶערֶען אוּנ זֶעהן דָאס אַלֶעס צוּ; נָאר זֵיי וֵוייסֶען, אַז אִין דֶער דָאזִיגֶער שֵׁיינֶער צוֹיבֶּערְלִיכֶער נַאכְט אוּנְטֶער דִי מָאנַאסְטִירְסְקֶע בּוֹימֶער, אוֹיף דֶער גוֹי׳עִשֶׁער גַאס, אוּנ אָט דָא נֶעבֶּען סְטֶעמְפֶּעניוּ׳ן הָאט זִיךְ רָחֵל׳ע גֶעפוּנֶען אִין אַזַא מִין נַייעֶר לַאגֶע, אַז זִי הָאט זִיךְ גָאר פֶערְגֶעסֶען, וֶוער זִי אִיז אוּנ וָואס זִי אִיז. דָא אוֹיף דֶער שֵׁיינֶער פְּרֶעכְטִיגֶער נַאטוּר, הָאט זִיךְ רָחֵל׳ע גֶעפִיהלְט אַזוֹי, וִוי נָאךְ קֵיינְמָאל נִיט אִין אִיהר לֶעבֶּען; דֶער פַּחַד, וָואס אִיז אוֹיף אִיהר גֶעפַאלֶען בְּשַׁעַת זִי אִיז אַהֶער גֶעגַאנ־

גען, האט פלוצים אפגעטראטען פון איהר און עס האט זיך איהר אויס־געוויזען, אז עס זענען ביי איהר אויסגעוואכסען פליגעל און זי איז פרייה, ווי א פייגעלע און קאן פליהען, פליהען... סטעמפעניו האט זיך צוגערוקט צו איהר נעהנטער און האט א נידערגעלעגט זיינע הענד ביי איהר אויף די אכסלען; רחל'ע האט א ציטער געטהון, זי האט געוואלט אפטרעטען פון איהם, נאר זי האט דאס ניט געטהון. זי האט נור א קוק געטהון אויף סטעמפעניו'ן און פון איהרע ליכטיגע בלאהע אויגען האבען אראפגערינען צוויי טרעהרען.

— וואס וויינסט דו, רחל'ע? האט סטעמפעניו א פרעג געטהון, אפווישענדיג די טרעהרען מיט זיינע הענד.

— אך, סטעמפעניו, עס איז מיר אזוי גוט אט דא — גענען... אייך נעבען... דיר, סטעמפעניו! פאר וואס בין איך... פאר וואס בין איך ניט...

— מיינע ווילסט דו זאגען? ביזט מיינע, רחל'ע, ביזט מיינע!

— וואס הייסט איך בין דיינע, סטעמפעניו? ווי אזוי קאן דאס זיין?

— דו ביזט מיינע, פערשטעהסט דו מיך, הארץ מיינס, וויל איך בין דיינער אויף תמיד, אויף אייביג, ביז'ן פינסטערען גריב, ביז'ן קבר אריין בין איך דיינער, לעבען מיינס!

— בנימין האט אויך אזוי געזאגט, האט זיך געשוואהרען — און צום סוף...

— וואסער בנימין? האט זי סטעמפעניו פערוואונדערט א פרעג געטהון; געקוקט רחל'ען אין די אויגען אריין, ווי מען קוקט אויף א קליין קינד, ווען עס זאגט א ווילד נארישקייט. פון וואס פאר א בנימין רעדסט דו, נשמה מיינע?

— בנימין, חיה־עטעל'ס שטיעף-ברידער; מיין חבר'טע חיה־עטעל די יתומה האט געהאט א שטיעף־ברידער, וואס האט געהייסען בנימין, האבען אפגערעדט פון לאנג, אז זיי וועלען זיך נעמען; ער האט איהר צוגעזאגט געשוואהרען ביי זיינע הייליגע נאמנות — און צום סוף....

אַךְ, דָאט זי גֶעהַאט אַ מִיאוּס׳ן כּוּף חַיָה־עֶטֶעל נֶעבֶּעך, זי אִיז שׁוֹין לַאנְג גֶעשְׁטָארְבֶּען, עָלֶיהָ־הַשָּׁלוֹם, לָאז זִי מִיר מוֹחֵל זַיין... נָאר בִּנְיָמִין אִיז בַּיי אִיהר גֶעוֶוען דָאס חַיוּת, זי אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ זַיינֶע טְרִיט ; זִי הָאט דָאס מִיר אַלֵיין דֶערְצֵעהלְט... זִי שְׁטֵעהט מִיר פַאר דִי אוֹיגֶען, אוּנ עֶס וַוייזְט זִיךְ מִיר אוֹיס אַז אָט זִיצְט זִי בַּיים פֶענְסְטֶער, אִיךְ זִינְג אִיהר לִיעדְלֶעךְ אוּנ זִי וַויינְט אוּנ זָאגְט אַלְץ: „אַי, גְלוֹיבּ זַיי נִיט, מֶעגְ׳ טָאר זַיי נִיט גְלוֹיבֶּען, דִי מַאנְסְבִּילֶען !...״

רָחֶל׳ע דֶערְצֵעהלְט פוּן אִיהר חֲבֶרְ׳טֶע חַיָה־עֶטֶעל דִי יְתוֹמָה, אוּנ סְטֶעמְפֶּעניוּ קוּשְׁט רָחֶל׳עֶן דִי הֶענְד, גְלֶעט זִי, הַאלְזְט זִי, קוּקְט אִיהר אִין דִי אוֹיגֶען אַריין — אוּנ רָחֶל׳ע דֶערְצֵעהלְט אַלְץ פוּן חַיָה־עֶטֶעלֶען, ווִי אַזוֹי זִי אִיז שְׁטִילֶערְהֵייד אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, ווִי אַ לִיכְט, נָאךְ אִיהר לִיעבֶּען גֶעטְרַייעֶן בִּנְיָמִינ׳ן...

חַיָה־עֶטֶעל אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פוּן עֶטְלִיכֶע יָאהר טוֹידְט, נָאר רָחֶל׳ע הָאט זִי גוּט גֶעדֵיינְקְט, חַיָה־עֶטֶעל אִיז אִיהר אַפְּטְמָאל גֶעקוּמֶען צוּ חָלוֹם.... אַ צוּנְד הָאט זִיךְ אִיהר אוֹיסְגֶעדַאכְט, אַז חַיָה־עֶטֶעל שְׁטֶעהט פוּן יֶענֶער זַייט וַואנְט אָנְגֶעטְהוּן אִין תַּכְרִיכִים אוּנ קוּקְט אַרִיבֶּער אַהֶער אוּנ ווִינְקְט צוּ אִיהר. אָנְוַוייזֶענְדִיג אִיהר אוֹיף סְטֶעמְפֶּעניוּ׳ן אוּנ שָׁאקְלֶענְדִיג מִיט׳ן קָאפּ, ווִי אֵיינֶער רֶעדְט : וָואס טְהוּסְט דוּ דָא ?...

— צוּ וָואס טוֹיג עֶס דִיר, רָחֶל׳ע מַיין לֶעבֶּען, צוּ וָואס טוֹיג דִיר רֵעדֶען, דֶערְמָאהנֶען אַ זֶעלְכֶע זַאכֶען אוּנ נָאךְ אַ קֶעגֶען נַאכְט ? טְהוּ בֶּעסֶער אַ קוּק אוֹיף מִיר מִיט דַיינֶע שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע אוֹיגֶען, וָואס לַייכְטֶען אוּנ בְּלִישְׁטְשֶׁען, ווִי צְווֵיי שֵׁיינֶע בְּרִילְיַאנְ....

סְטֶעמְפֶּעניוּ הָאט נָאךְ נִיט אוֹיסְגֶערֶעדְט דָאס לֶעצְטֶע וָוארְט, הָאט זִיךְ רָחֶל׳ע אַרוֹיסְגֶערִיסֶען פוּן זַיינֶע הֶענְד מִיט אַזַא שְׁטַארְקַייט, אַז סְטֶעמְפֶּעניוּ הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעשְׁרָאקֶען פַאר אִיהר.

— גָאט אִיז מִיט דִיר, רָחֶל׳ע וָואס אִיז דִיר אַזוֹינְס גֶעשֶׁעהן ?

עֶר הָאט זִי גֶעוָואלְט חַאפֶּען ווִיעדֶער אַ מָאל, נָאר זִי הָאט זִיךְ נִיט גֶעלָאזְט, זִי הָאט גֶעצִיטֶערְט אוּנ גֶעשֶׁעפְּטְשֶׁעט : דוּ זֶעהסְט ? אָט אִיז זִי !... אָן שְׁטֶעהט זִי !... אָט קוּקְט זִי אַהֶער, אַהָער...

— װער שטעהט ? װאו שטעהט ? װאס רעדסט דו דאס, רחל'ע ? נשמה מײנע, קום צו מיר, גאַ דיר אַ האַנד...

— אַי ! לאָז מיך, לאָז מיך, סטעמפּעניו, לאָזט מיך ! איהר זעהט ? אָן שטעהט עפּעס אַ װײס ? אַך, ס'איז זי ס'איז חיה עטעל ! חיה־עטעל !... אוי, לאָזט מיך לאָזט מיך !.. מיט װאס פאַר אַ העזה?... פרעג איך אײך... אַ גוטע נאַכט ! אַ גוטע...

און רחל'ע, איז פערשװאונדען געװאָרען אינ'ם שאָטען פון די בױמער. סטעמפּעניו האָט נאָר געקאַנט זעהן װי צװײ עקען פון דער װײסער שאַל, װאס האָבען זיך צולאָזט פונ'ם װינט, האָבען אױסגע־װיזען װי צװײ װײסע פליגעל. אָט אַזוי װערט אַנטרונען אַ גוטער מלאך, אָט אַזוי װערט פערשװאונדען אַ גוטער חלום....

אָ, יודישע טאָכטער ! אָט דאָ האָסט דו זיך בעװיזען מיט דײן ערליכקײט, מיט אינגאַנצען דײן רײנקײט. אָ, יודישע פרוי ! אָט דאָ האָסט דו זיך בעװיזען מיט דײן גאַנצען געטרײשאַפט, מיט דײן גאַנ־צען איבערגעבענהײט !....

געקומען אַהײם האָט רחל'ע געװאָלט פאַר אַלע אױסזאָגען, אױסשרײען, װאו זי איז געװען און מיט װעמען זי האָט זיך געזעהן. נאָר זי האָט געטראָפען דאס גאַנצע הױזגעזונד זיצען אַרום טיש מיט נאָך עטליכע געסט בײ אַ גרױסען סאַמאָװאַר פּאַרטיעפט אין אַ װיכ־טיגען שמועס פון געשעפט, װי דער שטײגער איז שבת צו נאַכטס בײ יודען, צונױפקלױבען זיך ערגעץ, און נאָך דעם גאַנצען מעת־לעת װאס מען האָט גערוהט, שמועסען אַביסעל װעגען מסחר, װעגע־מאָרגענדיגען יריד, און גלאַט אַזוי װעגען װעלט־זאַכען.

איך װעל זיך ניט „טאַשען" *) האָט געזאָגט אַ גראָב יודעל אַ שניט־קרעמער—לאָז דאס געהן אין דער ערד אַרײן ! איך בין קלאָהר

*) „טאַשען" הײסט אױף קרעמער לשון — זיך שטעלען אױפ'ן יריד מיט אַ קראַם.

אין די יְרִידִים גאַנץ גענוג, נאָר גְרִיזְאָטֶע מִיט האַרְצְוֵוייטִיג קאָן מען פון אַזעלְכֶע יְרִידִים האָבען!

פאַר וואָס? רופט זיך אָן דְווָאסִי מַלְכָּה, האַלְטֶענְדִיג די הֶענְד צונויפְגֶעלֵייגְט אונְטֶער'ן האַרְצֶען — איך ווייס נִיט פאַר וואָס, ר' יוֹדֶעל, איהר זֶענְט אַזוֹי בְּרוֹגֶז אויפ'ן יְרִיד? פאַרְאַכְטָאגֶען האָב איך בַּיי אייך געזעהן, קֵיין עַיִן הָרָע אַ שֶׁפַע, אויף אַלֶע יוֹדען גֶעזָאגְט גֶעוואָרֶען! איהר האָט דאָכְט זיך אַ גאַנְצען טאָג גֶעלֵייזְט גֶעלְד?

— בַּיי דיר הֵייסְט אַלְדִינְג גֶעלֵייזְט גֶעלְד! האָט זיך אָפְּגֶע־רופען אַייזִיק נַפְתָּלִי, נִישְׁט קוּקֶענְדִיג אויפ'ן ווייב און ווארְפֶענְדִיג אויף בֵּיינְדְלֶעך פון די „שְׁטְשָׁאטֶעס".

— און איך וואָלְט זיך גֶעוואוּנְשֶׁען נִיט קֵיין עֶרְגֶערֶען יְרִיד, ווי פאַרְאַכְטָאגֶען זוּנְטאָג — האָט זיך אָנְגֶערופֶען משה מֶענְדִיל געקוּקְט אין די חֶשְׁבּוֹנוֹת אַריין — וואָס דאַרף מען דאָ לֵייקֶענֶען, פאַרְשְׁטֶעה איך נִיט?

— אָט דאָס איז טאַקִי די מַעֲשֶׂה — זאָגְט יוֹדֶעל — אַז איהר ווילְט נִיט גְלויבֶּען יֶענֶעם, בַּיי אייך, אַז מען דֶערְזֶעהט צֶעהן עֲרֵלִים געהן זיך צונויף און מען צוּטְרָאגְט מִיר שִׁיעוּר די קְרָאם, הֵייסְט דאָס שׁוֹין גֶעלֵייזְט גֶעלְד און פֶערְגִינְט שׁוֹין נִישְׁט.

— ווייסְט איהר וואָס, ר' יוֹדֶעל? — רופְט זיך אָן אַ יוּנְגֶערְמאַן אַ קאַסְאֶקְאַר אויף בֵּיידֶע אויגען — לָאמִיר אַוֶועקְוואַרְפֶען דעם יְרִיד, עס איז נאָך דאָ מָארְגֶען אַ גוּטֶער טאָג און מען וועט זיך נאָך מִיט איהם גוּט אָנְעֶסֶען, לָאמִיר בֶּעסֶער שְׁמוּעֶסֶען פון עֶפּיס אַנְדֶערְשׁ.

און דער עוֹלָם הויבְּט אָן צו שְׁמוּעֶסֶען ווֶעגֶען וועלְט זאַכֶען, ווֶעגען אֶתְרוֹגִים, ווֶעגֶען בֵּית הַמֶדְרָשׁ עִנְיָנִים, גֶעווֶעהְנְלִיךְ אויך ווֶעגֶען מִלְחָמָה. אַלֶע רֵעדֶען, אַלֶע רויכֶערֶען, דער סאַמָאוואַר זִידְט און פאַרעט און די שְׁטוּב איז פול מִיט רויך; אין אויוֶוען הֵייצְט זיך: עס קאָכְט זיך אַ בָּארְשְׁט מִיט געזֶעמֶע פְּרֵיידֶקְעס צו דער מְלַוֶה-מַלְכָּה.

וואו בִּיסְט דו גֶעווֶען, רָחֵל'ע? האָט זיך דְווָאסִי מַלְכָּה גֶע־ווענְדֶעט צו דער שְׁנוּר.

— אט דא... אויף דער מאנאסטערסקע גאס...

— ווי אזוי איז אין דרויסען? שען? גאט זאל העלפען עס זאל חאטש האלטען ביז נאך אלע ירידים.

— וואס איז דיר, טאכטער, דער קאפ טהוט דיר וועה, וואס דו ביזט אזוי בלייך? טאמער וואלסט דו זיך אביסעל צוגעלעגט ביי זיך אויפ'ן בעט?

ביי די ווערטער האבען זיך אלע אומגעדרעהט און א קוק געטהון אויף רחל'עס בלייך פנים און האבען אלע אין איין קול בעשלאסען, אז זי איז פערטשאדעט געווארען פונ'ם סאמאוואר. רחל'ע איז אוועקגעגאנגען צו זיך אין חדר אריין זיך צולעגען אויפ'ן בעט און דא האט דער עולם געמאכט א שמועס וועגען טשאד, וואס א טשאד, אזא קלייניגקייט, א גאלע גאר ניט דאכט זיך, וואס מ'שטיינס געזאגט, א רויך. קאן קילען א מענשען אויף טויט, און איינער האט דערצייהלט, אז ביי זיין זיידען, עליו השלום, איז אמאל שעור דאס גאנצע הויזגעזונד פון דער וועלט נישט געגאנגען פון א טשאד. דער אנדערער האט דערצעהלט נאך א שענערע מעשה. ווי אזוי ביי זיין פעטער האט זיך דאס גאנצע הויזגעזונד שעור געסמ'ט פון א מין פיש, וואס הייסט „מארינקע", אזוי אז מען האט זי קוים מציל געווען פונ'ם טויט. דער דריטער האט דערצעהלט אויך זעהר א שענע מעשה פון א ליט, פון א דאמאוויק, פון א עולם-התוהו'ניק, אזוי לאנג ביז מען איז ארויף אויף דעם טויט.

— וואס מען זאל ניט רעדען, אויפ'ן טויט מוז מען דאך ארויף קומען! האט זיך אנגערופען איינער.

— אליהו הנביא, מען דארף א קוק טהון, אליהו התשבי, וואס טהוט עפיס מיין פלוניתטע? אליהו הגלעדי — האט זיך משה מענדיל פלוצים שטיל א זאג געטהון, צוגעזינגען די אליהו'ס פון שבת צו־נאכט'ס; ער איז אויפגעשטאנען פון טיש און איז געגאנגען געוואהר ווערען צו רחל'ע.

XXIV.

רָחֵלֶ'ע קֶעהרְט זִיךְ אוּם אוֹיפְ'ן גְלַייכֶען וֶועג.

— גְוַואלְד, יוּדֶען, רַאטֶעוֶועט! הָאט דֶער עוֹלָם דֶערְהֶערְט אַ קוֹל פוּנְ'ם זַייטִיגֶען חֶדֶר אוּנ אַלֶע הָאבֶען זִיךְ גֶעלָאזְט לוֹיפֶען אַהִין אִין חֶדֶר אַרַיין, וואוּ רָחֵלֶ'ע אִיז גֶעלֶעגֶען אוֹיסְגֶעצוֹיגֶען אוֹיף׃ בֶּעט דֶעם קָאפּ פַארְוָוארְפֶען אַרוֹיף, אוּנ גֶעבֶּען אִיהר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען משֶׁה מֶענְדִיל הַאלְבּ טוֹיט.

— וָואס אִיז ? וֶוער אִיז ? גֶע'חַלֶשְׁ'ט ? וַואסֶער ! גִיכֶער !

— וַואסֶער ! וַואסֶער ! הָאבֶּען אַלֶע יוּדֶען גֶעשְׁרִיגֶען אוּנ קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶערִיהרְט פוּנְ'ם אָרְט.

— אוֹי, אַ מַכָּה דֶער מַאמֶען! הָאט דְוָואשִׁי מַלְכָּה אוֹיסְגֶעשְׁרִיגֶען אוּנ הָאט גֶעבְּרַאכְט אַ קְוָוארְט וַואסֶער, אָנְגֶענוּמֶען אִין מוֹיל אַרַיין אוּנ בֶּעשְׁפְּרִיצְט רָחֵלֶ'ען דָאס פָּנִים, וָואס אִיז גֶעוֶוען טוֹיט וִוי דִי וַואנְט.

— לָאז מֶען רוּפֶען דֶעם דָאקְטָאר ! הָאט משֶׁה מֶענְדִיל גֶעשְׁרִיגֶען מִיט זַיין קוֹל.

— דֶעם דָאקְטָאר! דֶעם דָאקְטָאר ! הָאבֶען וִוידֶער אַלֶע יוּדֶען גֶעשְׁרִיגֶען, גֶעקוּקְט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן אַנְדֶערֶען.

— מֶען בֶּעדַארְף אִיהר בִּינְדֶען דִי הֶענְד מִיט אַ פַאטְשֵׁילֶע אוּנ קְוֶועטְשֶׁען דִי נָאז !

— דִי נָאז ! דִי נָאז! הָאבֶּען אַלֶע יוּדֶען גֶעשְׁרִיגֶען, אוּנ גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף אֵיין אָרְט.

— אֶט אַזוֹי, דְוָואשִׁי מַלְכָּה, שְׁטַארְקֶער, שְׁטַארְקֶער ! הָאבֶּען דִי גֶעסְט אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען חֵשֶׁק דֶער בַּעַל־הַבַּיִתְ'טֶע, וָואס הָאט גֶעאַרְבֵּייט מִיט אַלֶע כֵּלִים : גֶערִיבֶּען, גֶעקְוֶועטְשְׁט, גֶעגָאסֶען וַואסֶער, גֶערִיסֶען דִי אוֹיגֶען — אַזוֹי לַאנְג בִּיז מֶען הָאט דִי פֶערְ'חַלֶשְׁ'טֶע רָחֵלֶ'ע אָבְּגֶעמִינְטֶערְט אוּנ אוֹיפְגֶעזֶעצְט; רָחֵלֶ'ע הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעקוּקְט אוֹיף אַלֶע זַייטֶען, וִוי אַ פֶערְ'שְׁלָאפֶענֶע אוּנ הָאט גֶעפְרֶעגְט : וואוּ בִּין אִיךְ ? עֶס אִיז מִיר הֵיים, הֵיים !...

— צעגעהט זיך אביסעל, עולם! צעגעהט זיך! האט דוואסי־מלכה געזאגט און האט משלח געווען דעם גאנצען עולם אין זאל אריין און איז אליין מיט משה מענדל'ען איבערגעבליבען נעבען רחל'ען, וואס האט ניט אראפגעלאזט קיין אויג פון משה מענדל'ען.

— וואס איז דיר, טאכטער געשעהן? האט די שוויגער געפרעגט.

— וואס איז דיר, רחל'ע? האט זי משה מענדיל געפרעגט, אנגעבויגען זיך שטארק איבער איהר קאפ.

— לאז די מאמע ארויסגעהן פון דאנען, האט איהם רחל'ע געענטפערט שטילערהייט.

— מאמע, געה, זיי מוחל, ארויס פון דאנען, האט איהר משה־מענדיל געזאגט; ער האט בעגלייט די מוטער פונ'ם חדר און צוגע־גאנגען צוריק צו רחל'עם בעט.

— זאג מיר, וואס איז דיר? האט זיך צו איהר משה־מענדיל געווענדעט דאס ערשטע מאל מיט גרוים ליעבשאפט.

— אוי, משה־מענדיל, שווער מיר, אז דו וועסט קיינעם ניט זאגען; שווער מיר, אז צווישען אונז וועט דאס בלייבען; זאג מיר צו, אז דו וועסט מיר מוחל זיין, וואס איך האב זיך אקעגען דיר... ווען ניט חיה עטעל, עליה־השלום, זאל מיך דערמאהנען, אך ווען ניט חיה־עטעל... אך, משה מענדיל, טהייערער מיינער!

— בעטראכט זיך רחל'ע, וואס דו זאגסט, דו רעדסט פון היטץ! וואסער חיה עטעל?

— מיינע א חברטע, חיה עטעל, עליה־השלום, חיה עטעל די יתומה, זי איז שוין לאנג אויף דער אמת'ער וועלט! זי איז מיר שוין עטליכע מאל געקומען צו חלום, נאר היינט, נאר איצט... אך, משה־מענדיל בייג זיך צו מיר צו נאהענט, נאהענט... אט אזוי... איך האב מורא... איך האב חרטה... אי, איך האב חרטה!

און רחל'ע האט זיך וואס ווייטער אלם נאהענטער צוגעריקט צו משה מענדל'ען ביז זי איז אין גאנצען געלעגען ביי איהם אויף די

הָענְד. אִין חֵדֶר אִיז גֶעוֶוען פִינְסְטֶער, נָאר אֵיין לִיכְטִיגֶער פְּאַס הָאט זִיךְ אַרַייְנְגֶעצוֹיגֶען דוּרְךְ דֶער טְהִיר פוּן זַאל אוּנ רָחֵלֶ׳ע מִיט מֹשֶה־מֶענְדְלֶען הָאבֶּען קוּים — קוּים גֶעקָאנְט זֶעהֶן אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע; זֵייעֶרֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען זִיךְ בֶּעגֶעגֶענְט אוּנ אַ פַייעֶרִ׳ל הָאט זִיךְ אִין זֵיי אָנְגֶעצוּנְדֶען, אָט דָאס פַייעֶרֶעל, וָואס אִיהר קָאנְט זֶעהֶן נָאר בַּיי דִי גְלִיקְלִיכֶע גֶעלִיעבְּטֶע צוּם עֶרְשְׁטֶען מָאל, וֶוען דָאס הַארְץ רֶעדְט, נִישְׁט דָאס מוֹיל, וָוען מִיט דִי אוֹיגֶען שְׁמוּעֶסְט מֶען זִיךְ דוּרְךְ, נִיט מִיטְ׳ן מוֹיל.

— זָאג מִיר, מֹשֶה־מֶענְדִיל גֶעטְרַייְהֶער, בִּין אִיךְ טַאקִי בַּיי דִיר אַזוֹי טְהַייעֶר?

— אַ שַׁאֲלָה אַבִּיסֶעל? — עֶנְטְפֶערְט אִיהר מֹשֶה־מֶענְדִיל, בִּיזְט בַּיי מִיר אַייְנְגֶעבַּאקֶען אִין הַארְצֶען, וִוי אַ... אִיךְ ווייס אַלֵיין נִיט וָואס...

אוֹיף אֵיין אַנְדֶער אוֹפֶן הָאט מֹשֶה־מֶענְדִיל נִיט גֶעקָאנְט אַרוֹיס־זָאגֶען זַיין לִיעבֶּע צוּ רָחֵלֶ׳ען; נָאר מֶען מֶעג אִיהם גְלוֹיבֶּען, אַז עֶר הָאט עֶס גֶעמֵיינְט מִיטְ׳ן גַאנְצֶען הַארְצֶען, אַזוֹי עֶרְנְסְט (אוּנ אֶפְשַׁר נָאךְ עֶרְנְסְטֶער), וִוי דֶער פַיינֶער בָּחוּר, וָואס הָאט פִיעל מֶעהר שְׁטָאף אוֹיף אַרוֹיסְצוּגֶעבֶּען זַיינֶע גֶעפִיהלֶען דוּרְךְ וֶוערְטֶער...

נָאר לָאמִיר זֵיי לָאזֶען, דָאס גְלִיקְלִיכֶע פָּאר־פָּאלְק, אָט דָא אִינְ׳ם הַאלְבּ פִינְסְטֶערֶען חֵדֶר, וואו אִין אַ יָ״הר אַרוּם נָאךְ דֶער חֲתוּנָה הָאבֶּען זֵיי דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעהַאט דִי גֶעלֶעגֶענְהַייט אוֹיסְצוּרֶעדֶען זִיךְ אַבִּיסֶעל דָאס הַארְץ אֵיינֶער פַאר דֶעם אַנְדֶערֶען זִיצֶען וִוי דִי טַייבֶּעלֶעךְ, דָאס וָואס אִיז אַ גַאנְץ קַיילֶעכִיג יָאהר גֶעוֶוען פֶערְבָּארְגֶען טִיעף אִין הַארְצֶען אִיז פְּלוּצִים אַרוֹיסְגֶעשְׁווִימֶען אַרוֹיף, וִוי בּוֹימֶעל אוֹיפְ׳ן וַואסֶער...

— אַבִּי רָחֵלֶ׳ען אִיז גֶעוָוארֶען אַבִּיסֶעל גְרִינְגֶער, זִיצְט זִיךְ מֹשֶה־מֶענְדִיל נֶעבֶּען אִיהר אוּנ זִינְגְט זִיךְ שְׁטִילֶערְהַייט, אוּנְטֶער דֶער נָאז, דִי „אֵלִיָהוּ׳ס״ וִוי פְרִיהֶער:

— אֵלִיָהוּ הַנָּבִיא... אֵלִיָהוּ הַתִּשְׁבִּי... אֵלִיָהוּ הַגִּלְעָדִי...

אוּנ רָחֵלֶ׳ע רוּקְט זִיךְ אָן צוּ אִיהם:

— איך האב צו דיר א בקשה, משה מענדיל, זאג, איך וועל ביי דיר פועל'ען צי ניין?

— דהיינו? וואסער א בקשה? זאג, רחל'ע, וועסט אלץ ביי מיר פועל'ען, אפילו דאס טעלערעל פונ'ם הימעל וועסט דו ביי מיר פועל'ען.

— גענוג שוין, משה מענדיל, צו זיטצען אויף קעסט; קיין בית המדרש'ניק ביזט דו ניט, עטליכע קערבלעך האבען מיר, דאנקען גאט; לאמיר ארויספאהרען אין מיין שטאדט אריין, קיין יעהופעץ דארטען צווישען מיינע פריינד, מיין משפחה, און מיט דיר — וועט מיר זיין גוט ווי די וועלט; מיר וועלען שוין זיין אליין. גענוג שוין עסען קעסט, כ'לעבען, ס'איז מיר שוין אזוי נמאס. אזוי טרייף, אז סע געהט מיר ניט איין גאר ניט... מיר זענען דא צווישען דייניגע עפים ווי פרעמדע, ווי ווילד פרעמדע...

משה מענדיל בלייבט זיצען און בעטראכט אביסעל רחל'ען פערוואונדערט, נאכדעם צושאקעלט ער זיך ווי פריהער און זינגט זיך ווייטער די אליהו'ס.

— אך, זעהר פיין, איש זעף, פון מייגעט וועגען? אליהו הנביא... אפילו נאך שבת'דיגע וואך!

—אלסדינג פיהר איך ביי דיר אויס, משה מענדיל, אלסדינג! זאגט צו איהם רחל'ע מיט גרוים ליעבשאפט!.. א יא? מיר וועלען זיך זיצען אליין איך וועל מיר זיין א בעל־הבית'טע און וועל דיך אפהי־טען, ווי דאס שווארצאפעל פונ'ם אויג... אך משה מענדיל, ביזט אזא צעטראגענער, אז מען הערט פון דיר קיינמאל קיין גוט ווארט! נאר הייגט ביזט דו עפים גאר אנדערש, גאר אנדערש...

— אליהו הנביא... זינגט משה מענדיל שטילערהייד — אליהו התשבי... אליהו הגלעדי...

און דארט אין זאל, צווישען די מאנסבילען, געהט איין אנדער שמועס: דער עולם פאלט אויף פערשיעדענע המצאות, פאר וואס האט דאס אייזיק נפתלי'ס שנור פלוצים געקאנט חלש'ען? איינער זאגט,

אַז דָאס איז פון אַ גוט אויג; דער אַנדערער דרינגט פערקעהרט, אַז ס'איז אַ מין ווינטעל געחאפּט, אונ דער דריטער, אַ בעטאַגטער יוד, וואס האט שוין אויסגעגעבענע קינדער, זאגט זיך זיין המצאה:

— פּאלגט זשע מיך, איך האב אַליין דריי שניר בין איך שוין קלאהר אין דעם ענין; איך זאג אייך ס'איז „פּאסטעוועקעס“ אַייזיק נפתלי גרייט זיך אויף אַ לעקעך אונ בראַנפען אָדער אַ ברית... דוואסי מלכה, מזל־טוב אַייך! אַייער שנור, נו, נו, מהיכי תיתא; וואס שעהמט איהר זיך דא אַזוי, דוואסי מלכה? גישקשה, ס'איז אַ יודישע זאַך...

— דוואסי מלכה שמעלצט זיך פון גרויס פערגעניגען; זי קוקט שוין לאַנג דערויף אַרוים.

— נו, נו, זאגט זי קלאַמפּערשט מיט אַ בעזער, געהט שוין געהט מיט אַייערע קאַטאַוועסלעך! מען דאַרף בעסער אַ קוק טהון וואס הערט זיך מיט'ן באַרשט? עפּיס געדויערט ער היינט בַיי איהר מעהר ווי אַלע שבת צו נאַכטס!..

XXV.

אין אַ יאהר אַרום.

„אַ שטילע וועטשערע“! זאגט דער לעזער אַ פּנים שטאַרק ניט צופריעדען, מחמת ער איז ערצויגען געוואָרען אויף יענע „העכסט־אינטערעסאַנטע“ ראָמאַנען, וואו מע היינגט זיך אונ מע טרינקט זיך, וואו מע סמ'ט זיך אונ מע שיסט זיך, אָדער וואו פון אַ מלמד ווערד אַ גראַף, פון אַ דיענסט־מיידיל — אַ בת־מלכה אונ פון אַ בעהעלפער אַ פּיפּערנאַטער... וואס זאל איך טהון, אַז בַיי אונז איז נישטא קיין גראַפען מיט קיין בת־מלכה'ס? בַיי אונז זענען פאַרהאַן פּראסטע יודען, פּראסטע ווייבלעך, יודישע טעכטער אונ יודישע כלי־זמר... נאר צו וואס טויג דאס פאַרענטפערען זיך? אַצינד מעג שוין דער לעזער זאָגען וואס ער וויל, קוים האב איך איהם שוין צו געפיהרט ביז אַהער, וועט ער שוין געהן מיט מיר ווייטער אונ וועט וועלען וויסען דעם סוף

וָואס הָאט זִיךְ אויסְגֶעלָאזְט מִיט רָחֵל'עֶן? וָואס הָאט זִיךְ אויסְגֶעלָאזְט מִיט סְטֶעמְפֶּענְיוּ'ן?

מִיר לָאזֶען אִיבֶּער אַ גַאנְץ יָאהר (וָואס אִיז אַ יָאהר אִין'ם מֶענְשֶׁענְס לֶעבֶּען?) אוּנ מִיר קוּמֶען צוּ אַייזִיק נַפְתָּלִי'ן שַׁבָּת צוּ נַאכְט'ס אוֹיף מְלַוֶה-מַלְכָּה אוּנ טְרֶעפֶען דָארְטֶען דִי אֵייגֶענֶע פַּארְשׁוֹינֶען וָואס פַאר אַ יָאהרֶען אוּנ הֶערֶען דִי זֶעלְבֶּע שְׁמוּעֶסֶען וָואס פַאר אַ יָאהרֶען, נִישְׁט גֶעמִינֶערְט אַ הָאר. מֶע רֶעדְט אַזוֹי לַאנְג וֶועגֶען יְרִיד, פַּרְנָסָה, פִּדְיוֹן, קִינְדֶער, — בִּיז מֶע קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף משֶׁה מֶענְדְלֶ'עֶן מִיט רָחֵל'עֶן וָואס זִיצֶען אִיצְט אִין יֶעהוּפֶּעץ.

— וַוייז נָאר אַהֶער, דְוָואשִׁי מַלְכָּה, דָאס בְּרִיוֶועל וָואס דִי קִינְדֶער שְׁרַייבֶּען פוּן יֶעהוּפֶּעץ? — רוּפְט זִיךְ אָן אַייזִיק נַפְתָּלִי צוּם וַויבּנַאט, לֵייעֶנְט, רֶב יוּדֶעל.

— לָאז עֶר לֵייעֶנֶען — זָאגְט יוּדֶעל — אָנְוַוייזֶענְדִיג אוֹיפְ'ן קַאסָאקֶען יוּנְגֶערְמַאן.

דֶער קַאסָאקֶער נֶעמְט דָאס בְּרִיוֶועל אוּנ לֵייעֶנְט עֶס, ווִי אַ וַואסֶער:

„שָׁלוֹם וְכָל טוֹב סֶלָה לַאֲהוּבִי אָבִי הֶחָכָם הַמְפוּרְסָם הַמוּפְלָג
„מוּפְלָא מוהר"ר אַייזִיק נַפְתָּלִי ב"ר משֶׁה יוֹסֵף ז"ל — וּלְאִמִי הַצְנוּעָה
„הַחֲסִידָה וְהַמְפוּרְסֶמֶת אֵשֶׁת חַיִל כְּאֶסְתֵּר וְכַאֲבִיגַיִל כּשׁ"ת מָרַת
„דְוָואשִׁי מַלְכָּה בַּת משֶׁה מֶענְדִיל ז"ל עִם כָּל ב"ב שָׁלוֹם"...

„כְּזוֹהַר הַשֶׁמֶשׁ בְּעַרְפִלֵי חוֹשֶׁךְ בִּתְכֵלֶת הָרָקִיעַ, שָׁם בָּעֶלְיוֹנִים
„בְּגָבְהֵי שְׁחָקִים מֵבִין מַחֲרַכֵּי אוֹר יְקָרוֹת וְקִפָּאוֹן לָטוֹהַר"...

— נֵיין! שְׁרַייעֶן אַלֶע — נֵיין, נִיט דָאס! דָאס אִיז גְלַאט אַזוֹי, וַויים אִיךְ, מְלִיצָה, יוּנְגֶעלְשֶׁע זַאכֶען, זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקַייטֶען; לֵייעֶנְט וַוייטֶער, אוֹיף יֶענֶער זַייט.

דֶער קַאסָאקֶער קֶעהרְט אִיבֶּער דָאס בְּרִיוֶועל אוּנ לֵייעֶנְט:

„אוּנ אוֹדוֹת, וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיךְ, אָבִי הַיָקָר, אִיךְ זָאל
„דִיר שְׁרַייבֶּען מִכֹּחַ פַּרְנָסָה וְהַמִסְחָרִים דְפֹה יֶעהוּפֶּעץ, בִּין אִיךְ
„דִיר מוֹדִיעַ"...

—אָ, אָט דָאס מֵיינְט דֶער פָּסוּק! זָאגְט דֶער עוֹלָם צוּפְרִיעדֶען—לֵייעֶנְט, לֵייעֶנְט וַוייטֶער!

„בִּין אִיךְ דִיר מוֹדִיעַ אַז בְּיוֹתֵר גֵעהט דָא אָן שְׁנִיט סְחוֹרָה,
„גַם צֶעלְנִיק, רַק צֶעלְנִיק גִישְׁט אַזוֹי, כְּמוֹ שְׁנִיט סְחוֹרָה; גַם
„בַּאקַאלִיֶע אִיז גַם כֵּן נִיט שְׁלֶעכְט, נִישְׁט עֶרְגֶער וִוי אֶצְלֵיכֶם
„בְּמַאזֶעפֶּעוְוקֶע, וָואל צֵייג אִיז דָא בְּיוֹקֶר, טַאקִי מִיט גָאלְד גְלַייךְ.
„צוּקֶער קֶמַח וּקְלַייֶען אִיז דָא גַם כֵּן אַ מִסְחָר, עֶס גֵעהט לְזַאגְרַא־
„נִיצֶע אוּנ יוּדֶען פֶערְדִיֶענֶען דֶערְבַּיי אַ שֵׁיין קֶערְבֶּעל — הַכְּלַל
„יֶעהוּפֶּעץ אִיז אַיין אֶרֶץ מְבוֹרֶכֶת, דִי שְׁטָאדְט גוּפָא אִיז מוֹרָא'דִיג
„גְרוֹיס, סְ'אִיז כְּדַאי זִי אָנְצוּקוּקֶען, עֶס אִיז בִּכְלַל אַיין אַנְדֶער וָועלְט
„בְּפֹּה יֶעהוּפֶּעץ, אִיהר קָאנְט בְּפֹה בֶּעגֶעגְנֶען אַזַא יוּדֶען, וָואס
„אִיהר וֶועט אִין לֶעבֶּען נִיט זָאגֶען, אַז סְ'אִיז אַ יוּד; גַם אִיז דָא
„אַ מִסְחָר פַּאפִּיר. פֹּה אִיז אַלְסְדִינְג אַ מִסְחָר. אוּנ יוּדֶען דְרֵעהֶען
„זִיךְ דָא אוֹיף דֶער בֶּערְזֶע, קוֹיפֶען אוּנ פַארְקוֹיפֶען אַלֶערְלַיי
„אַקְצִיֶעס אוּנ מֶעקְלֶערְס פַארְדִינֶען גֶעלְד לָרוֹב. גַם זוּגָתִי מָרַת
„רָחֵלֶ'ע לָאזְט אַייךְ אַלֶעמֶען גְרִיסֶען גָאר פְרַיינְדְלִיךְ, זִי שְׁרַייבְּט
„אַייךְ בְּעַצְמָהּ, יַעֲזוֹר הַשִּׁי"ת מִיר זָאלֶען הֶערֶען פוּן אַייךְ גַם כֵּן
„בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת — אָמֵן. גַם אוֹדִיעֲכֶם, אַז הַקְלֵייט, וָואס אִיךְ
„הָאבּ גֶעדוּנְגֶען אִיז אִין סַאמֶע פְּרָאנְט בְּאַלֶכְּסַנְדְרָאוְוּטְקִי אוּלִיצַא
„אוּנ הַפִּדְיוֹן אִיז בָּרוּךְ־הַשֵּׁם גָאר נִיט שְׁלֶעכְט. זוּגָתִי מָרַת רָחֵלֶ'ע
„שֶׁתִּחְיֶה הָאט זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֶערֶענְט דִי מְלָאכָה אוּנ קָאן שׁוֹין
„רֶעדֶען עִם הַקוֹנֶה, רַק עַל יְרִידִים אַיינְקוֹיפֶען פָאהר אִיךְ בְּעַצְמִי,
„אִיךְ הָאבּ קְרֶעדִיט אֵצֶל הַסוֹחֲרִים בְּמָאסְקְוֶוע וּבְלָאדְז; מִיט מָאסְ־
„קְוֶוע אִיז נִיט שְׁלֶעכְט צוּ הַאנְדְלֶען, מָאסְקְוֶוע פֶערְקוֹיפְט עַל
„סָאוֶועסְט אוּנ הָאט לִיעבּ אַ יוּדִישֶׁען קוֹנֶה; אֲפִילוּ אַז עֶס מַאכְט
„זִיךְ אַיין אָנְזֶעץ הַאלְט מָאסְקְוֶוע אוּנְטֶער אוּנ לָאזְט נִיט פַא־
„לֶען. דִירוֹת אִיז פֹּה בְּיוֹקֶר גָדוֹל, פַאר צְוֵויי אַלְקֶערְס מִיט אַ קִיךְ
„צָאהל אִיךְ דָא הוּנְדֶערְט פִינְף אוּנ זִיבְּצִיג רוּבְּל אַ מֶשֶׁךְ, חוּץ
„הָאלְץ אוּנ וַואסֶער, אוּנ דָא אִיז אַלְסְדִינְג מַייֶער מִיט גָאלְד

„גְלַייךְ. אוּנ צוּם מֵיינְסְטֶענְס פֶערְנֶעמֶען זִיךְ דָא יוּדֶען מִיט מֶעקְ־
„לֶערַיי אוּנ יוּדִישֶׁע מֶעקְלֶערְס זֶענֶען בְּכְּפה פֶערַאן לָרוֹב אוּנ אַ
„יוּד הָאט דֶערְפוּן אַ קֶערְבֶּעל בְּכָבוֹד. — הַכְּלָל יֶעהוּפֶּעץ אִיז אַ
„מְקוֹם פַּרְנָסָה, גָעבּ גָאט גֶעזוּנְד אוּנ שְׁטַארְקַייט אוּנ צוּ הֶערֶען
„דָאס גֶעמְלִיכֶע פוּן אַייךְ, ווִי עֶס ווִינְשְׁט אַייךְ,
„מִמֶנוּ בְּנְכֶם דוֹרֵשׁ שְׁלוֹמְכֶם וְהַצְלָחַתְכֶם כָּל הַיָמִים מֹשֶׁה
„מֶענְדִיל בלא״א מוה״ר אַייזִיק נַפְתָּלִי מְטַאזֶעפֶּעווְקֶע.
„גְרִיסֶען לְדוֹדִי הַיָקָר וּלְדוֹדָתִי הַיְקָרָה עכב״ב.
„גְרִיסֶען לְהַנָגִיד ר׳ יוּדֶעל עכב״ב.
„גְרִיסֶען לְהַנָגִיד ר׳ שִׂמְחָה הֶערְשׁ עכב״ב.
„גְרִיסֶען לְהַנָגִיד ר׳ דוּבֶּער עכב״ב.
„גְרִיסֶען לְהַנָגִיד מָרַת סְטִיסִי בֵּיילֶע עכב״ב.
„גַם בְּנִי יוֹסֵף נ״י גְרִיסְט אַייךְ אַלֶעמֶען גָאר פְרַיינְדְלִיךְ.
הַנַ״ל״.

„אוֹיךְ אִיךְ לָאז גְרִיסֶען מַיין הָאכְגֶעשֶׁעצְטֶען שְׁווֶעהר אוּנ
„מַיינֶע לִיעבֶּע שְׁווִיגֶער לֶעבְּט וואהל! אִיךְ מֶעלְד אַייךְ פוּן מַיין
„גֶעזוּנְד, גֶעבּ גָאט אוֹיף ווַייטֶער נִיט עֶרְגֶער. אוֹיךְ מַיין יוֹסֶעלֶע
„לָאזְט אַייךְ גְרִיסֶען אוּנ דַאנְקְט דֶער שְׁווִיגֶער לֶעבֶּען פַארְ׳י
„הֶעמְדֶעל פִיעל מָאל; עֶר זָאגְט אַייךְ צוּ דֶערְפַאר, אַז גָאט ווֶעט
„שֶׁענְקֶען דָאס לֶעבֶּען אוּנ עֶר ווֶעט אי״ה אִין אַ דְרַיי פִיעֶר יָאהר
„אַרוּם אָנְהוֹיבֶּען צוּגֶעהְן אִין חֶדֶר, ווֶעט עֶר אי״ה לֶערְנֶען מִיט
„חֵשֶׁק אוּנ ווֶעט זַיין אי״ה אַיין עֶהרְלִיכֶער יוּד, גֶעבּ גָאט מִיט
„לַאנְגֶע יָאהר אָמֵן. שְׁווִיגֶער לֶעבֶּען, אוֹיבּ אִיהר קָאנְט אַצִינְד
„אוֹיסְאַרְבֵּייטֶען פוּן יוֹסֶעלֶע׳ס ווֶעגֶען אַ יַארְמֶעלְקֶעלֶע מִיט אַ
„פָּאר שִׁיכֶעלֶעךְ פוּן בְּלִיטְשְׁקֶע, ווָאלְט אִיךְ אַייךְ זֵעהר גֶעדַאנְקְט;
„מַחֲמַת אִיךְ בִּין זֵעהר פֶערְנוּמֶען אִין גֶעשֶׁעפְט, אוּנ קֵיין אַם ווִיל
„אִיךְ נִיט צוּנֶעמֶען צוּ יוֹסֶעלֶע׳ן; עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי, אִיךְ הָאבּ
„נָאר גֶעדוּנְגֶען אַ מֵיידֶעל אוּנ צָאהל אִיהר פִיער קֶערְבְּלֶעךְ אוֹיף
„מַיין נַאנְג, ווִינְט זִי מִיר דָאס קִינְד אוּנ טְרַייבְּט דִי קוּה אִין

„טשערעדע — איהר וואלט געדארפט זעהן וואס פאר א קוה
„איך האב געקויפט! זי גיט גאנצע פיער קווארט מילך, זעהר
„טהייערע מילך, אונ איך האב ברוך־השם פון איהר קעז אונ
„פוטער. נאר משה מענדיל לעבען האט פלוצים פיינט בעקומען
„מיליכיגס, שטראפט איהם אויס, איך בעט אייך. ער היט זיך
„כלל נישט אפ! יוסעלע רייסט זיך איצט אויף א קוה, ער וויל
„געביך עסען, מיר זאל זיין פאר איהם! איך שליס מיין בריעף
„אונ לאז גריסען אלע אונזערע פריינד אונ ליעבע פריינד גאר
„הערצליך אונ בעט אפשרייבען ענטפער למען השם אונ פער־
„בלייב אייער גליקווינשענדע אונ איבערגעבענסטע שוויגער־
„טאכטער כלתכם רחל".

— נו? זאגט בערעל דער גראבער, הלואי אויף מיינע קינדער געזאגט געווארען נישט ערגער!

— איהר זינדיגט, דוואסי מלכה, איהר זינדיגט, זאגט יודעל, בילעבען, איהר זינדיגט!

— אודאי, א דאנק זיין ליעבען נאמען וואס ס'איז זיי קיין עין הרע גוט, נאר זי טהוט מיר באנק — איך קאן זי ניט פערגעסען, ר' יודעל, איך קאן זי ניט פערגעסען!

אונ דוואסי מלכה רעכענט אויס יודלען אלע מעלות פון איהר שנור מיט אלע איהרע פאסטעמקעס אונ בעווייזט איהם פאר וואס זי קאן זי נישט פערגעסען. דער גאנצער עולם רעדט, שמועסט מכח יע־הופעץ אונ מכח יעהופעצער מסחרים, נאכדעם נעמט מען צו קאפע־לעך, מען טרינקט לחיים, האלטענדיג דאס קעלישקעל אין דער האנד גאנץ לאנג, אונ מען ווינשעוועט איינער דעם אנדערען אלדעם גוט'ס, אונ אויך דעם כלל ישראל בשורות טובות מיט ישועות ונחמות, ביז דער בארשט קומט ארויף אויפ'ן טיש אונ צעשפרייט א מחיה'דיגען ריח איבער דער גאנצער שטוב אונ דער עולם ווערד פרעהליך, מען פער־רעדט זיך אונ מען פערגעסט זיך אין משה מענדלען, מיט רחל'ען מיט דער שטאדט יעהופעץ אונ מיט אלע מיט איין אנדער.

XXVI.

סְטֶעמְפֶּעניוּ פֶּערזוּכְט דֶעם אֶמֶת'ן טַעַם פוּן גֵיהִנֹם.

נָאר אֵיין מֶענְשׁ קֶען נִיט פֶּערְגֶעסֶען דִי שֵׁיינֶע רָחֵל'עֶן.

דֶער לֶעזֶער שְׁטוֹיסְט זִיךְ, אַז דָא שְׁמוּעֶסְט מֶען מִכֹּחַ סְטֶעמְפֶּעניו'ן.

יָא, מִכֹּחַ סְטֶעמְפֶּעניו'ן שְׁמוּעֶסְט מֶען. וֶוער אִיז אוּמְשְׁטַאנְד אִיבֶּערְצוּגֶעבֶּען זַיינֶע גְרוֹיסֶע יְסוּרִים? וֶוער קָאן פִּיהְלֶען זַיין הַארְץ אוּנ פֶּערְשְׁטֵעהְן זַיין גְרוֹיס פֶּערְדְרָאס?

— „סְטַייטְשׁ פֶּערְדְרָאס! סְטַייטְשׁ דָאסַאדֶע! טְרַאכְט זִיךְ סְטֶעמְפֶּעניו — אֶפִילוּ נִיט מַזְכִּיר גֶעוֶועְן, נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעקֶעהְרְט דִי צוּנג, קֵיין צְוֵויי צֶעבְּרָאכֶענֶע וֶוערְטֶער נִישְׁט אוֹיסְגֶעֶ'רִיבֶּען, חָאטְשׁ פוּן יוֹצֵא וֶועגֶען: נַא, וֵויים חָאטְשׁ, אַז אִיךְ פָאהר אַוֶועק — פֶע, בִּזְיוֹנוֹת!...”

סְטֶעמְפֶּעניו'ן הָאט זִיךְ נָאךְ אַזֶעלְכֶס קֵיינְמָאל נִיט גֶעטְרָאפֶען, חָאטְשׁ טְרֶעפֶען הָאט זִיךְ אִיהם גֶעטְרָאפֶען פֶערְשִׁ'ידֶענֶע טְרֶעפֶּענִישֶׁען. אוּנ אַמָאל נָאךְ זֶעהר מִיאוּסֶ'ע מִיט אַ בֵּעזֶען סוֹף, וִוי מִיר הָאבֶּען שׁוֹין אוֹיבֶּען דֶערְמָאנְט... נָאר אַזַא שְׁלַאק, אַזַא מַפָּלָה וִוי מִיט רָחֵלֶ'ען הָאט זִיךְ אִיהם אֶפִּילוּ נִיט גֶעחָלוֹמְ'ט. סְטֶעמְפֶּעניו, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַזַא חָשׁוּב בַּיים רֶבִּי'ן אִין הוֹיף, אַז אֶפִּילוּ דֶעם רֶבִּי'נְס טֶעכְטֶער הָאבֶּען מִיט אִיהם גֶעטְרִיבֶּען קַאטָאוֶועס; סְטֶעמְפֶּעניו, וָואס אֶפִּילוּ דִי גְרַאפִינְיֶע בְּרֶעזְשֶׁעזְשְׁקַא מִיט אַלֶע „פַּאנֶעס” זֶענֶען גֶעוֶוען נָאךְ אִיהם דִי כַּפָּרָה, אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט נָאךְ אִיהם דִי קַארֶעטֶע, גֶערֶעדְט מִיט אִיהם אוֹיף פְרַאנְצוֹיזִישׁ. — הַכְּלַל סְטֶעמְפֶּעניו זָאל הָאבֶּען אַזַא נָאז אוּנ נָאךְ אַזוֹי מִיאוּס פוּן אַ פָּשׁוּט יוּדִישׁ וַוייבֶּעל!

— זִי טְהוּט מִיר הַארְצִיג בַּאנְג! הָאט זִיךְ סְטֶעמְפֶּעניו מוֹדֶה גֶעוֶוען פַאר זַיין קָאמְפַּאנִיֶע כְּלֵי־זֶמֶר. זִי טְהוּט מִיךְ הַארְצִיג בַּאנְג אַט דָאס וַוייבֶּעל, אוּנ אִיךְ וָואלְט אִיהר נָאכְגֶעפָאהְרֶען בִּיז יֶעהוּפֶּעץ. וֶוען נִיט... וֶוען נִיט... סְטֶעמְפֶּעניו קוּקְט זִיךְ אַרוּם אוֹיף אַלֶע זַייטֶען אוּנ חֶבְרָה וֵוייסֶען שׁוֹין וֶועמֶען עֶר זוּכְט דָא מִיט דִי אוֹיגֶען.

דִי גַאנְצֶע חֶבְרָה כְּלֵי־זֶמֶר הָאבֶּען לִיעֶב גֶעהַאט סְטֶעמְפֶּעניו'ן,

זוי דָאס לֶעבֶּען, און זֶענֶען קַאפַּאל צו גֵעהן פון זַיינֶעט וֶוענֶען אִין פַּייעֶר און אִין וַואסֶער; און ווי לִיעבּ זַיי הָאבֶּען גֶעהַאט סְטֶעמְפֶּענְיו׳ן, אַזוי הָאבֶּען זַיי פַיינְט גֶעהַאט פְרֵיידְלֶען; זַיי הָאבֶּען זִי נִישְׁט גֶעקָאנְט אָנְקוּקֶען פַאר אִיהר קַארְגְשַׁאפְט, פַאר אִיהר זְשֶׁעדְנֶעקַייט צוּם גֶעלְד און פַאר אַלֶע אִיהרֶע מִיאוּסֶ׳ע תְּנוּעוֹת.

— כָּל־זְמַן עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען אַ בָּחוּר, הָאבֶּען חֶבְרָה גֶעשְׁמוּעֶסְט צְווִישֶׁען זִיךְ, אִיז אַ סְמַאלִיעֶר [1]) גֶעוֶועזֶען בַּיי אִיהם הֶפְקֵר און מֶען הָאט זִיךְ גֶעקָאנְט אַרוּם אִיהם פָּאזְשִׁיוֶוען, אַמָאל חַאפֶּען אוֹיף אֵייבִּיג אַ גְמִילַת חֶסֶד אַ סְטְרָאמֶעריל [2]) צִי אַ שְׁפֶּענֶעריל [3]) און אַמָאל אַזוי אַ מַתָּנָה. אַצוּנְד, זִינְט דִי מַרְשַׁעַת יִמַח־שְׁמָה הָאט אִיהם צוּגֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אִין דִי לַאפְּקֶעס אַרַיין, פֶּגֶר׳ט עֶר אַלֵיין נָאךְ אַ גְרָאשֶׁען, חָאטְשׁ הֵיינְג אִיהם אוֹיף, נִיטָא אַמָאלִיגֶע יָאהרֶען מִיט דִי אַמָאלִיגֶע וֶועטְשֶׁע־רֶעס בַּיי סְטֶעמְפֶּענְיו׳ן, מִיט דִי צְרוּמְפָּאהרֶעכְצֶען! הַיינְט לִיג אִין דֶער קְרֵענְק, דַאר און קְוַואר און וֶוער גֶעשְׁוָואלֶען ווִי אַ בַּארְג פַאר הוּנְגֶער, דָאס גַאנְצֶע יָאהר זִיץ אָהן אַ שְׁטִיקֶעל קְרֶעל [4]) און קוּק אַרוּם אוֹיפְ׳ן רֹאשׁ־חוֹדֶשׁ אֱלוּל! זָאלְסְט זָאגֶען, זִי זָאל עֶס פוּן יוֹצֵא וֶוערֶען מְכַבֵּד זַיין אַ נַאשׁ־בְּרַאט מִיט אַ גְלֶעזֶעל טֵעה, רוּפֶען אַמָאל פוּן דֶרֶךְ־אֶרֶץ וֶוענֶען עֶסֶען — עֶסֶען זָאל וֶוערֶעם אִיהר לַייבּ!

-- גְלוֹיבְּט מִיר, עֶס מַאכְט זִיךְ אִיצְט אָפְט צַייטֶען וֶוען עֶס דָאקָארֶעט זִיךְ בֶּעריֶען [5]) אַז סְ׳אִיז אַ שְׁרֶעק, נָאר זִי זָאל מִיר אַנִידֶערְלֶעגֶעז גָאלְד וָואלְט אִיךְ בַּיי אַזַא שְׁלַאק נִישְׁט פֶּערְזוּכְט קֵיין שְׁטִיקֶעל קְרֶעל".

— ווִי אַזוי לֶעבְּט עֶר מִיט אִיהר, מִיט אַזַא יַאשְׁטְשֶׁערֶקֶע. מִיט

[1]) סְמַאלִיעֶר — קִינְרְבֶּעל.

[2]) סְטְרָאמֶעריל — דְרַייעֶריל.

[3]) שְׁפֶּענֶעריל — פִינְפֶּעריל.

[4]) קְרֶעל — בְּרוֹיט.

[5]) דָאקָארֶעט זִיךְ בֶּעריֶען — עֶס ווִילְט זִיךְ עֶסֶען

אזא נבלה? איך וואלט שוין לאנג אזעלכעס געסמ'ט אדער געהאנגען צו אלדע שווארצע יאהר, ווי איהר זעהט מיך לעבען!

— אי, סטעמפעניו, סטעמפעניו, ליגסט דו נעבּיך אין דער ערד, ווי א בארג, און באקט בייגעל!...

אט אזוי שמועסען זיך אוים וועגען סטעמפעניו'ן זיין קאמפאניע כּלי־זמר וואס זעהען זייגע צרות, פּיהלען זייגע ווייטאגען. האטש ער רעדט מיט זיי ניט וועגען דעם.

אז פריידעל איז אין מארק, אדער זי איז פערנומען מיט איהרע משכנות און מיט איהרע קונים, איז נאך ווי עס איז: סטעמפעניו איז מכבד די חברה מיט פאפּיראסען, מען זיצט, מען לעצ'עוועט, מען דערציהלט מעשיות פון אמאל און מען רייבט די פאפּיראסען אויף וואס די וועלט שטעהט. נאר אט קומט אריין פריידעל ווערט אלעמען קאלעמיטנע אויפ'ן הארצען און חברה הויבּט זיך אן ארויסריקען איינציגווייז.

— זעהט נאר זעהט, ווי מען האט דא „אנגעקויעט", ווי אין א קרעטשמע! זאגט פריידעל, שמארענדיג מיט די נאז און קוקענדיג אויף דעם פּעקעל טאבּאק וואס טאגט שוין — נאר געריכט, נאר געקויערט און גענוג! עס טהוט מיר שוין וועה מיין קאפּ פון אייערע ציגארען, איהר וועט מיך קראנק מאכען! דו מיינסט, סטעמפעניו, ס'איז א מעלה, וואס דו רויכערסט אזוי פיעל? פאלג מיך, סטעמפעניו, הער אויף צו רויכערען, נשמה מיינע! גלויב מיר עס שאדט דיר צום געזונד.

— וואס טויג דיר, פריידעל, געזונד געשמונד? זאג בעסער אז דו זשאלעוועסט מיר א גילדען אויף פאפּיראסען און גענוג. צו וואס טויג די אנשטעלען?

— וואס זאגסט דו אויף זיין טאטען? נא דיר גאר אנשטעלען! איך מיין זיין טובה, און ער קומט דיר מיט זיינע אנשטעלען! נא דיר נאך, טאטער איז קארג צום שיינעם פריה מארגען, וואס איך האב היינט געהאט, זיך אנגעהאריקעט, אויסגעקאכט די וואסער, אפּגעגעסען דאס הארץ, ניישט געלייזט א גראשען, און דערצו נאך געזידעלט גע־

וואָרען, ווי א דיענסט, ערגער ווי א דיענסט, געשוואַרצט דאָס פּנים געמאַכט מיט בלאַטע גלייך — און סחורה ליגט און פוילט...

— איך וואָלט אַ בעלן זיין וויסען, פריידעל סערצע, וואָס פּראַטעסט דו אַזוי? וואָס קאַרגסט דו? די קינדער דיינע האָבען דיך בעפאַלען?

— קוק איהם נאָר אָן אַ ביסעל, איך בעט דיך, אַ נעבעכעל! ער ווייסט נישט. מען דאַרף איהם פּיקען די צונג דאַרף מען איהם, איך זאָג דיר! מסתמא טראָג איך דאָך דאָס אָפּ דער מאַמען, מיינער, — אַ יאָ, סטעמפּעניו? אָדער איך עס דאָס אַליין אויף, אַזאַ פרעסערין, אַ זויפערין, ווי דיין ווייב איז, מען זאָל גאָר בעהיט און בעוואָרענט ווערען, אַ יאָ, סטעמפּעניו? אַנו קוק מיר גלייך אין די אויגען אַריין, סטעמפּעניו, אַ יאָ?

— איך זאָג דען אַז דו עסט אויף? אַדרבה, איך זאָג פערקעהרט, איך זאָג...

— דו זאָגסט, דו זאָגסט, איך וויים וואָס דו זאָגסט; דו האָסט נאָך צו זאָגען, אַ יאָ, סטעמפּעניו? דו דאַרפסט נאָך האָבען טענות צו גאָט, וואָס האָט דיר צוגעשיקט אַזאַ אויסברענגערין, ווי איך, וואָס איך קאָן דיר מאַכען פון אַ גראָשען צוויי און דיך אין זינען האָבען טאָג ווי נאַכט, אַדרבא זאָג וואָס פעהלט דיר וואָס געהט דיר אָפּ? דו שווייגסט? איך וואָלט גאָר געוואָלט וויסען, וואו וואָלסט דו שוין אַ צונד אָנגעשפּאַרט מיט דיין פידעלע, ווען דו זאָלסט מיך ניט האָבען, סטעמפּעניו, פאַר אַ ווייב?

— או — וואַ!

— זאָלסט דו טאַקי וויסען אַז או — וואַ! עס ווייזט אויס אַז דו האָסט פערגעסען וואָס פאַר אַ פּנים דו האָסט געהאַט צו דער חתונה — אָהן אַ העמד אויפ'ן לייב, קיין גאַנצע פּאָר זאָקען, קיין קישעלע קיין ציכעלע, קיין לייב און לעבען, און פערדיענט האָסט דו שטיקער גאָלד — וואו איז דאָס אַהין געקומען?

— אָט פְּלִיה אִיךְ דִיר אָפְּגֶעבֶּען דִין וְחֶשְׁבּוֹן פוּן מַיינֶע פֶערְ־דִיעֶנְסְטֶען בָּחוּר׳וַוייז.

— אַ, אָט דָאס אִיז דָאךְ דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִיר, סְטֶעמְפֶּעֶנְיוּ! דוּ קָאנְסְט נִיט לַיידֶען, אַז מֶען זָאגְט דִיר דֶעם רֵיינֶעם אֱמֶת, אוּנ הָאסְט נָאךְ טַעֲנוֹת צוּ יֶענֶעם דֶערְפַאר וָואס יֶענֶער שְׁלָאגְט זִיךְ קָאפּ אִין וַואנְט פַאר דִיר, הָארֶעוֶועט, קְרִיכְט אִין דֶער עֶרְד, פֶּערְגִינְט זִיךְ נִיט קֵיין שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט אוֹיף צוּ עֶסֶען פֶערְאִימֶערְט זִיךְ דָאס לֶעבֶּען, אוּנ אַלְץ צוּלִיעבּ וֶועמֶען? צוּלִיעבּ אִיהם! אַלְץ פוּן זַיינֶעט וֶועגֶען, טָאמֶער וַוייסְט דוּ פַאר וָואסֶערֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים? עֶר וֶועט מִסְתָּמָא שְׁטֶעלֶען אַ גִילְדֶע־נֶע מַצֵּבָה נָאךְ מַיין קָאפּ — אַז אָךְ אוּנ וֵועה אִיז מִיר...

וָואס הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעטְהוּן, אוּנ וֶוער טְשֶׁעפֶּעט דִיךְ?

— וָואס זָאלְסְט דוּ מִיר טְהוּן? הָאסְט מִיר גֶענוּג גֶעטְהוּן! הָאסְט מִיר פֶערְוִויסְט מַיין וֶועלְט: הָאסְט גֶענוּמֶען אַ יוּנְג קִינְד, אַ מֵיידֶעל אַ יוּנְגְקֶעלֶע, אוּנ הָאסְט מִיט דַיין צִינְגֶעלֶע מִיךְ אִיבֶּערְגֶערֶעדְט, צוּגֶעזָאגְט גָאלְדֶענֶע בֶּערְג, אָבְּגֶעלִיגְנֶערְט פוּנ׳ם קָאפּ בִּיז דִי פִּיס. וָואס וָואלְט מִיר שְׁלֶעכְט גֶעוֶוען אִיךְ זָאל דִיךְ נִישְׁט גֶעוֶוען קֶענֶען? אִיךְ וָואלְט מִיר אָבְּגֶעזוּכְט מַיין גְלֵייכֶען אוּנ וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען סְטֶעמְפֶּעֶנְיוּ׳ס וַוייבּ — אַ גְלִיק הָאט מִיךְ גֶעטְרָאפֶען!

— נוּ אֶפְשַׁר הָאסְט דוּ חֲרָטָה אוֹיפְ׳ן שִׁדוּךְ, פְרֵיידֶעל? ס׳אִיז דָא אַ רָבּ אִין מַאזֶעפֶּעוְקֶע, אוּנ אַ טַייךְ, אוּנ מֶע קָאן שְׁרַייבֶּען גֶט...

— אַ—אַ—אַ? אָט דָאס אִיז דַיין מֵיין? קוּים אַ מָאל זִיךְ אוֹיס־גֶעקְוֶועטְשְׁט! דוּ מֵיינְסְט אִיךְ וַוייס נִיט אַז דוּ קוּקְסְט דֶערוֹיף אַרוֹיס? דוּ ווִילְסְט פוּן מִיר פָּטוּר וֶוערֶען! אִיךְ וַוייס, סְטֶעמְפֶּעֶנְיוּ, אִיךְ וַוייס, מִיךְ וֶועסְט דוּ נִיט נַארֶען! אִיךְ בִּין דִיר גְרוֹיס אִין דִי אוֹיגֶען, — נָאר פַאר וָואס קוּמְט דָאס מִיר, סְטֶעמְפֶּעֶנְיוּ? אִיךְ פְרֶעג דִיךְ אַדְרַבָּה, זָאג מִיר פַאר וָואס קוּמְט דָאס מִיר? לָאם אִיךְ אוֹיךְ ווִיסֶען!

— עֶט, עֶנְטְפֶערְט אִיהר סְטֶעמְפֶּעֶנְיוּ, מְהוּט אַ מַאךְ מִיט דֶער הַאנְד, גֵעהט אַוֶועק צוּ זִיךְ אִין חֶדֶר אַרַיין אוּנ נֶעמְט זִיךְ אַרָאבּ דָאס בִּידֶעלֶע פוּן דֶער וַואנְט.

דָאס פִּידֶעלֶע — דָאס אִיז אִין גַאנְצֶען זַיין טְרֵייסְט, זַיין אֵיינְ־צִיגֶער חָבֵר אוֹיף דֶער וֶועלְט. מִיטְ׳ן פִּידֶעלֶע קָאן עֶר פֶערְגֶעסֶען זַיינֶע יְסוּרִים, דֶערְמָאהנֶען זַיין יוּגֶענְד, זַיין פְרַייהֵייט, וָואס עֶר הָאט אָנְגֶע־ווֹאהרֶען אוֹיף אֵייבִּיג, אוֹיף אֵייבִּיג! פִּיעל פֶערְשִׁידֶענֶע פַארְשׁוֹינֶען רוּפְט אִיהם אַרוֹיס דָאס גֶעזַאנְג פוּן זַיין פִּידֶעלֶע; פִּיעל שֵׁיינֶע, לִיכְטִיגֶע, פְרֵעהלִיכֶע בִּילְדֶער פוּן אַמָאל שְׁטֶעלֶען זִיךְ אִיהם פָאר, וֶוען עֶר הוֹיבְּט אָן צוּ שְׁפִּיעלֶען; זֵיי בֶּעוַוייזֶען זִיךְ — אוּנ אַנְטְלוֹיפֶען!...

צְווִישֶׁען דִי אַלֶע אַמָאלִיגֶע בִּילְדֶער רִיהְרְט אִיהם אָן מֶעהר פוּן אַלֶע אֵיין בִּילְד וָואס עֶר קָאן גָאר נִישְׁט פֶערְגֶעסֶען, דָאס שֵׁיינֶע לִיעבֶּע בִּילְד פוּן רָחֵל׳ען מִיט אִיהר לִיכְטִיג פָּנִים, מִיט אִיהרֶע בְּלוֹיֶע אוֹיגֶען, מִיט דִי לַאנְגֶע בְּרֶעמֶען, מִיט אִיהר וַוייסֶען הַאלְז אוּנ מִיט אִיהר זִיס, גוּט שְׁמֵייכֶעלֶע. פַאר וֶועלְכֶעס עֶר אִיז גְרֵייט אַלֶעס, אַלֶעס אַוֶועקְצוּ־גֶעבֶּען!

סְטֶעמְפֶּענְיוּ שְׁפִּיעלְט אוּנ שְׁפִּיעלְט; עֶר שְׁפִּיעלְט לַאנְג, כְּדֵי דֶער שָׁאטֶען פוּן רָחֵל׳ען זָאל נִיט פֶערְשְׁווִינְדֶען וֶוערֶען, ווִי תָּמִיד. עֶר ווִיל חָאטְשׁ זֶעהן אִיהר שָׁאטֶען, דִי מַחֲשָׁבָה אֲפִילוּ וֶועגֶען רָחֵל׳ען אִיז בַּיי אִיהם טַייֶער, זֶעהר טַייֶער...

אִין יֶענֶער צַייט הָאט סְטֶעמְפֶּענְיוּ גֶעשְׁפִּיעלְט אַזוֹי, ווִי עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁפִּיעלְט; אִין יֶענֶער צַייט, קָאן מֶען זָאגֶען, הָאט עֶר גֶעגְרֵייכְט אִין זַיין שְׁפִּיעלֶען בִּיז דֶער הֶעכְסְטֶער מַדְרֵגָה. וֶוער עֶס הָאט אִיהם אִין יֶענֶער צַייט נִישְׁט גֶעהֶערְט שְׁפִּיעלֶען, דֶער הָאט גָאר קֵיין גוּטֶס נִישְׁט גֶעהֶערְט.

אַזוֹי קֶוועלֶען מִיר אָן, וֶוען דָאס פֵייגֶעלֶע זִינְגְט זִיךְ אִין שְׁטֵיי־גֶעלֶע: עֶס חָלוֹמְ׳ט זִיךְ דָאס פֵייגֶעלֶע גְרִינֶע בְּלֶעטְלֶעךְ, בְּלִיהֶענְדֶע קְווַייטֶען, פְרַייֶע לוּפְט, אַ פְרַייֶע וֶועלְט, אַיין אָפֶענֶע וֶועלְט, אַ גְרוֹיסֶע בְּרֵייטֶע וֶועלְט, אוּנ עֶס בֶּעקוּמְט חֵשֶׁק צוּ זִינְגֶען, אוֹיסְצוּגִיסֶען דָאס בִּי־טֶערֶע הַארְץ — אוּנ עֶס זִינְגְט, עֶס וַויינְט, עֶס צוּגִיסְט זִיךְ, אוּנ מִיר קֶוועלֶען אָן, קְלוֹיבֶּען דֶערְפוּן תַּעֲנוּג, הָאבֶּען אֶמֶת פֶערְגְנִיגֶען.

— זִי טְהוּט מִיר הַארְצִיג בַּאנְג! זָאגְט סְטֶעמְפֶּענְיוּ צוּם הוּנְ־

דערטען מאל פאר זיין קאמפאניע כלי־זמר — איך בענג נאך איהר באמת, ווי נאך איין איינענער; איך וואלט איהר נאכגעפאהרען ביז יעהופעץ ווען ניט . . .

און סטעמפעניו קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען און דערזעהט פריידלען, ווי זי שמועסט און טענה'ט איבער א קונה'טע פון קארעלען, פון זיידענע טיכלעך און פון בליטשקע . . .

אונזער פריידעל האט ביסלעכווייז איינגעפיהרט א גאנצע קראם ביי זיך אין שטוב און איז געווארען א רעכטע סוחר'טע גלייך מיט אלע מאזעפעווקער קרעמערקעס.

גאנץ אפטמאליך קומט צו איהר צו גאסט איהר מוטער, צפורה די גראבע, זי זאגט, אז ישעיה'קע בענקט זעהר נאך דער טאכטער און שיקט זי געוואהר ווערען, וואס פריידעל מאכט; נאר פריידעל ווייסט, אז ס'איז א ליגען, זי ווייסט גאנץ גוט, אז די מאמע איז זשעדנע אין דער היים א שטיקעל ברויט, קומט זי אהער אביסעל זיך אנפאסטען און מאכט זיך דא גאר א גאנצען הימפעט.

— ווייסט דו וואס, טאכטער, מאך אזעלכע פוטערבולקעס, ווי איך פלעג אמאל מאכען, געפלאכטענע און גוט אויסגעטריקענט, דאס מיט ציקאריע איז זעהר געזונד, און ווער עס קאן פערדייען מיט א סך פוטער איז גאר גוט. און אויף אנבייסען היים צופרעגלען די פלאסטערען פון די גענז מיט א ציבעלקע; דער טאטע, אויב דו געדיינקסט, האט דאס ליעב פון תמיד אן — געזונד, טאכטער, זאל מען זוכען אין שיסעל . . .

און צפורה בעלעקט זיך אזש און טראכט צו אלע טאג א נייעם אנבייסען מיט א נייעם ווארמעס מיט א מיטאג און מיט א וועטשערע,— און מען קאן נישט זאגען, אז פריידעל איז דערפון שטארק צופריעדען. די ערשטע וואך טראגט זי דאס ווי עס איז איבער, נאר אויף דער אנדערער וואך הויבט זי זיך אן צובלאזען אויף דער מאמען, די מאמע אויף איהר, ביז מען צואמפערט זיך און מען לאזט אויס דעם גאנצען

בעם צו סטעמפעניו'ן וואס וויל זיך אריינמישען און מאכען שלום צווישען ווייב מיט דער שוויגער.

— ס'איז נישט דיין עסק! זאגט צו איהם פריידעל — דו האב נאר קיין יסורים ניט; איך וועל מיין מאמען דיין ירושה ניט אוועקגעבען, זיי רוהיג סטעמפעניו!

— א שענער גניידעם! זאגט די שוויגער פון איהר זייט מיט א שמאך — איין אקס האט א לאנגע צונג און קאן קיין שופר ניט בלאזען! ביי לייטען א שוויגער האט כבוד גלייך ווי איין אייגענע מאמע. ער זעהט, דאכט זיך, גאנץ גוט, וואס פאר א כבוד איך האב פון מיין טעכטערעל, ווי זאגט מען: שנייץ די נאז און שמיער דעם פנים, און ער זאל עס איהר אפילו איבערקעהרען די צונג. אויך מיר א מאן, מישטיינס געזאגט; אבי געריטמעלט אויפ'ן פידעל; איך פערשטעה דאס גאר ניט, ווי אזוי ווערט דאס איהם ניט נמאס, מאטעניו! וואס מיין טאכטער נעהמט זיך אזוי איבער ווייס איך ניט: אז דאס מזל געהט — קעלבט זיך איין אקס אויך. מען האט שוין געזעהן אזעלכע בריות ווי דו! דיין שוועהר איז א מאל געוועזען אזא שעהנער פידלער ווי דו, נאר גאר ניט, ווי זאגט מען: א נייער בעזעם קעהרט ריין, צו אלכדינג דארף מען האבען מזל און אז גאט וויל שיסט א בעזעם. ברוגז, סטעמפעניו, דארפסט דו אויף מיר ניט זיין. וואס איך זאג דיר דעם ריינעם אמת, און האטש יעדער הונט איז אודאי א בעל הבית אויף זיין שוועל, נאר קיין פרעמדע בין איך דיר ניט, פארט א שוויגער, און אז מען שפיעלט זיך מיט דער קאץ נעהמט מען פאר ליעב איהר קראץ....

און צפורה שיט מיט ווערטלעך, ווי פון א זאק ווי איהר שטייגער איז, אז זי צערעדט זיך. נאר סטעמפעניו הערט נישט אויס ביז'ן סוף: ער נעמט זיך צום פידעל, ווי תמיד, ווי אלע מאל, ווען ס'איז איהם שוין גוט אנגעזאלעט אויפ'ן הארצען — און דענסטמאל פערגעסט ער דאס ווייב מיט דער שוויגער מיט אלע צרות. און עס שפעלט זיך איהם פאר אלע יענע רחל'ע מיט די בלאהע אויגען....

— זי טהוט מיר הארציג הארצעדיג באנג! טראכט זיך סטעמפעניו און קלעהרט אלץ תחבולות, ווי ארום קומט מען צו איהר, ווי אזוי און וואו קען מען זי זעהן נאך א מאל....

פוסטע מחשבות! ער ווייסט ניט, אז זיין ליעדעל האט ער שוין אט באלד־באלד אפגעזונגען, אז זיין וועלטעל האט ער שוין כמעט אפגעקומען: ער זעהט ניט, ווי זיינע שיינע שווארצע לאקאנס ווערען וואס ווייטער שיטערער, ווי זיינע פייערדיגע אויגען ווערען אן בים־לעכווייז דעם גלאנץ אזוי ווי אויף זיין ווייסען שטערען לעגען זיך שוין קנייטשען...

נארישער גבור! פערגעס זיך נישט, זעה ווי ביי דער זייט שטעהט דיין דלילה, דיין ווייב פריידעל. די דאזיגע דלילה האט דיך פערוויגט, פערשלעפט ביי זיך אויפ'ן שוים, שטילערהייט אפגעשוירע דייגע לאנגע האר און צוגענומען ביי דיר דעם כח, אינגאנצען דיין כח, ווי יענע דלילה ביי שמשון הגבור.... דיר איז געבליבען איצטער איין טרייסט אויף דער וועלט—די פידעל.

שפיעל סטעמפעניו שפיעל אויפ'ן פידעל! און מיר וועלען הארכען...

בעלעטריסטישע ווערק
פון אייראפעאישער ליטעראטור.

	ק׳	ר׳
וו. קאראלענקא : „דער בלינדער מוזיקאנט"	35	—
עמיל זאלא : „פאריזש".	70	—
ל. טאלסטאי : „װעמענס גלויבען איז בעסער?"	5	—
וו. גארשין : „די געפאלענע פרוי".	10	—
ס. גארקי : „חברים" און דער לעזער .	15	—
ע. בעלאמי : „אין הונדערט יאהר ארום".	50	—
וו. דאראשעוויץ : „מאכאלין און קאטארגע".	30	—
אינגערסאל : „א וועלט פון פרייד".	10	—
ב. לימאן : „דער צוקונפטיגער דור".	30	
אקטאוו מירבא : ושאן און מארלענע.	30	—
גיושי דע מאפאסאן : דער בלינדער.	5	—
וו. דאראשעוויץ : די בארא[n]געס.	5	—
גיושי דע מאפאסאן : שמעון.	5	—
א. פראנס : „דער נאסען הענדלער".	10	—

עס דרוקען זיך, און קריצליך ערשיינען

וויקטאר הוגא : „דער לאכענדער" איבערזעצט פון ארגינאל.

א. משעכאוו : „פאלאטע נומער זעקס".

געשיכטע
און קולטור געשיכטע.

	ק׳	ר׳
פ. שטריסלער : „קולטור געשיכטע". פאפולער בעארבייט דורך ד. ברעסלער	25	—
ה. ט. באקל : געשיכטע דער ציוויליזאציאן אין ענגלאנד.	20	—
קודריאווסקי : „אדם הראשון'ס דורות" אדער די פארהיסטארישע צייט פון מענשען.	25	—
פיליפ קראנץ : „די געשיכטע פון אמעריקא". מיט צייכנונגען און אילוסטראציעס.	25	—
קאראבטשעווסקי : ערצעהלונגען וועגען ווילדע.	10	—
פאוולאוויטש : „ווי האבען מענשען געלעבט"	10	—

נייע ביכער פון שלום-עליכם.

נאָר וואָס ערשינען 2 נייע בענדער
פון שלום-עליכם:

1) מאָטעל דעם חזנ'ס

כתבים פון א יונגעל א יתום.

דער דאָזיגער באַנד בעשטעהט פון איין גרויסע געשיכטע, ווי אַזוי מאָטעל פּייסי דעם חזנ'ס, א יונגעל א יתום, פאָהרט מיט אַ חאַליעסטרא יודען, וואַנדער אין קינדער קיין אַמעריקא, און וואָס זיי זעהען זיך אָן אויפ'ן וועג און אויף דער גרעניץ און אין די גרויסע אייראָפּעאישע שטעדט: בראָד, לעמבערג, קראָקע, וויען אנטווערפּען און לאָנדאָן.

דאָס בוך איז בעשטימט פאַר גרויסע און פאַר קליינע לעזער.

פּרייז 80 קאָפּ'.

2) יודישע קינדער

א באַנד פון זעלצעהן נייע יום-טוב-מעשיות פאַר גרויס און פאַר קליין — דיעזעס בוך, געשריבען פונ'ם קינדער-לעבען, נעמט אַרום אַלע יודישע ימים-טובים פון אַ גאַנץ יאָהר, אָנגעהויבען פון פּסח און געענדיגט מיט פּורים.

פּרייז 85 קאָפּ'.

Книгоизд. „ПРОГРЕСЪ“, Варшава,
Налевки 36.
Verlag „PROGRES“, Warschau,
Nalewki 36.

אין פערלאַג „פּראָגרעס“ ווארשא
איז יעצט ערשינען

„שריפטען“
פון
יונה ראָזענפעלד.

פּראַכטפאָל שעהן געדרוקט
מיט'ן בילד פון אויטאָר.

פּרייז 65 קאָפּ'

געבונדען אין פּראַכט-באַנד נאָך 85 קאָפּ'.

פיט בעשטעלונגען זיך צו ווענדען:

Книгоиздательство „Прогрессъ“,
Я. ЛИДСКІЙ, Варшава, Налевки 36.